STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11403

# POLITISHE EKONOMYE

A. Bogdanov

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# וויסענשאַפטליכע ביבליאָטעק

אין צעהן בענד.

אונטער דער רעדאקציע
פון
**דר. יצחק אייזיק הורוויטש.**

פאַרלאַג „די היים“
ניו יארק — 1919.

באנד 7:

# פאָליטישע עקאָנאָמיע

בוך ב.

א. באָגדאַנאָוו

# פּאָליטישע עקאָנאָמיע

אידיש: חיים האלמשטאק.

פארלאג די היים
ניו יארק.

Copyrighted, 1920
F A R L A G   H E I M,   I N C.
New York, N. Y.

# אינהאלט:

אכטער קאפיטעל:

## אינדוסטריעלער קאפיטאליזם


1. די שייכות'ן פון דער געזעלשאפט צו דער אויסערליכער נאטור — — — — — — — — — — — — 245

2. די אנטוויקלונג פון די געזעלשאפטליכע באציהונגען אין דער פראדוקציע אין דער עפאכע פון מא־נופאקטור קאפיטאליזם — — — — — — — — — 248

א. די סאציאלע באדינגונגען פון דער אנטשטעהונג פון מאנופאקטורען — — — — — — — — — 248

ב. די אפשטאמונג פון אינדוסטריעל־קאפיטאליסטי־שע אינטערנעמונגען און זייערע אינווייניגסטע באציהונגען — — — — — — — — — — — 256

ג. דער עצם פון א קאפיטאליסטישער אונטערנעמונג (ארבעטס קראפט ווי א סחורה) — — — — — — — 263

ד. די ווירקונג פון די וואקסענדיגע קאפיטאליסטישע אונטערנעמונגען אויף די אפגעשטאנענע פארמען פון פראדוקציע — — — — — — — — — — — 274

ה. האנדעלס קאפיטאל און אינדוסטריעלער קאפיטאל 280

3. די מיטלען פון געזעלשאפטליכער פארטיילונג פון פראדוקטען אין דער מאנופאקטור עפאכע — — — — 282

4. די פאנאנדערטיילונג פון דעם געזעלשאפטליכען פרא־דוקט צווישען די פארשיידענע קאפיטאליסטישע קלאסען 291

א. פראפיט — — — — — — — — — — — — — 291

ב. ערד־רענטע — — — — — — — — — — — — 305

ג. ארבעטס לוין — — — — — — — — — — — 321

5. די הויפטשטריכען פון דער געזעלשאפטליכער פסיכא־לאגיע אין דעם מאנופאקטור פעריאד — — — — — 334

6. די אנטוויקלונגס־כוחות און די ריכטונג זייערע אין דעם ערשטען פעריאד פון אינדוסטריעלען קאפיטאליזם 362

ניינטער קאַפּיטעל:

## אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל.

### עפּאָכע פון מאַשין־פּראָדוקציע.


1. די באַציהונגען פון דער געזעלשאַפט צו דער נאַטור — 377
   - א. פון וואַנען נעמען זיך מאַשינען? — — — — — 377
   - ב. וואָס איז אַ מאַשינע? — — — — — — — — 380
   - ג. די פאַרשפּרייטונג פון מאַשין־פּראָדוקציע — — 388
2. די געזעלשאַפטליכע באַציהונגען אין דעם פּעריאָד פון דעם מאַשין־קאַפּיטאַליזם — — — — — — — — — 396
   - א. די אַנטוויקלונג פון פּשוט'ער צוזאַמענאַרבעטונג און אַרבעט צעטיילונג אינווייניג אין יעדער אונטערנעמונג — — — — — — — — — — — — 396
   - ב. די אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפטליכער אַרבעטס־צעטיילונג — — — — — — — — — — 401
3. די אַנטוויקלונג פון פאַרטיילונגס מיטלען אין דעם מאַשין־פּעריאָד פון קאַפּיטאַליזם — — — — — — — 404
   - א. דער געלט־פּאַרקער — — — — — — — — — 404
   - ב. קרעדיט — — — — — — — — — — — — 405
   - ג. די אַקציאָנערע פאָרמען פון אונטערנעמונגען — 419
   - ד. די בערזע — — — — — — — — — — — 422
   - ה. ספּעקולאַציע — — — — — — — — — — 424
4. די פאַנאַנדערטיילונג פון דעם געזעלשאַפטליכען פּראָדוקט צווישען די פאַרשיידענע קאַפּיטאַליסטישע קלאַסען 429
   - א. פּראָפיט — — — — — — — — — — — — 429
   - ב. רענטע — — — — — — — — — — — — 435
   - ג. אַרבעטס לוין — — — — — — — — — — — 439
5. די וויכטיגסטע ענדערונגען פון דער געזעלשאַפטליכער פּסיכאָלאָגיע אין דעם פּעריאָד פון מאַשין־קאַפּיטאַליזם 467
6. די פּראָצעסען פון געזעלשאַפטליכען פאַרשריט און צוריקשריט אין דעם פּעריאָד פון מאַשין־קאַפּיטאַליזם — 506
   - א. קריזיסען — — — — — — — — — — — — 508
   - ב. פאַראייניגונגען פון אונטערנעמער — — — — 524
   - ג. די פאַראייניגונג פון פאַרשיידענע צווייגען פון דער אינדוסטריע — — — — — — — — — — 533

זייט

צענטער קאפיטעל:


די סאָציאַליסטישע געזעלשאפט — — — — — 535

1. די באציהונגען פון דער געזעלשאפט צו דער נאטור — 537
2. די געזעלשאפטליכע באציהונגען אין דער פראדוקציע 539
3. די פאנאנדערטיילונג פון די פראדוקטען — — — — — 542
4. די געזעלשאפטליכע פסיכאלאגיע — — — — — — — 544
5. די אנטוויקלונגס כחות — — — — — — — — — 548

## אכטער קאפיטעל

# אינדוסטריעלער קאפיטאליזם

## די מאנופאקטור עפאכע.

### 1). די שייכות׳ן פון דער געזעלשאפט צו דער אויסערליכער נאטור.

כמעט גאר אין אנהייב נאך פון דער אנטוויקלונג פון דער קלייז־בורזשואזער געזעלשאפט האט זיך שנעלער פון אלע אפטיילען פון דער אינדוסטריע אנטוויקעלט דער האנדעל (דאס אויפזוכען פון מערק, די טראנספארטירונג פון סחורות, די איינארדענונג פון לאגערען (סקלאדען) פאר סחורות, די ארגאניזירונג פון פארקויף און איינקויף א. אז. וו.). דערמיט דערקלערט זיך, ווי עס איז שוין געווען אנגעוויזען, די אנטשטעהונג פון „האנדעלס קאפיטאל“, ד. ה. וואס אין די הענט פון דעם האנדעלס קלאס איז טיילווייז אריבערגעגאנגען די ארגאניזאטארישע ראלע אין דער געזעלשאפטליכער פראדוקציע. אין דער עפאכע פון דעם האנדעלס־קאפיטאליזם איז אויך אנגעגאנגען דיזעלביגע זאך. און דער רעזולטאט איז געווען, וואס צום סוף זיינען אלע צווייגען פון דער פראדוקציע היפש אפגעשטאנען לפי־ערך מיט די מיטלען און די באדערפענישען פון דעם האנדעלס קאפיטאל.

מער פון אלץ, פארשטעהט זיך, איז אפגעשטאנען די ערד־ארבעט. נאר די באדינגונגען פון דער טעכניקע און פון דער גאנצער עקאנאמיקע פון דער דארף־ווירטשאפט, ווי זי האט זיך היסטאריש אויסגעבילדט, האבען דאן גופא ניט דערלאזען קיין שום שנעלען פ־אגרעס: די פעאדאלע באציהונגען, ווי מיר האבען געזעהן, צייכענען זיך אויס

## א. באַגדאַנאָוו

בכלל מיט א שטאַרקן קאָנסערוואַטיזם; און די באַציהונגען פון לייב־אייגנטום דערצו, מיט זייער שרעקליכער אונטערדריקונג פון די אַרבעטסלייט, האָבן געשטיקט איטלעכן שפּור פון אַנטוויקלונג. דעריבער וועט וועגן ערד־אַרבעט אויסקומען צו ריידן גאָר באַזונדער: באַדייטענדיגע טעכנישע רעפאָרמעס זיינען אין דער עפּאָכע, וואָס מיר שטודירן איצטער, געמאַכט געוואָרן ניט אויף דעם דאָזיגן פעלד.

די שטרעבונג צו געפינען מערק פאַר דער שטאָטישער אינדוסטריע האָט, ווי באַקאַנט, געפירט דערצו מען זאָל מאַכן א סך ווייטע רייזעס, וואָס האָבן געבראַכט צו דער אַנטדעקונג פון לענדער, פון וועלכע די אייראָפּייער האָבן פריהער ניט געוואוסט, און וואָס האָבן פאַרמאָגט אהן א שיעור נאַטור־אוצרות: מען האָט אַנטדעקט גאַנץ אַמעריקע, א היפּשען חלק אַפריקע, דרום־מזרח אַזיע, הונדערטער גרויסע און קליינע אינזלען. נאָכדעם ווי מען האָט די נייע אַנטדעקטע לענדער באַראַבעוועט, אָדער טאַקע אין דערזעלביגער צייט, איז אויך אָנגע־גאַנגען זייער קאָלאָניזירונג מיט דעם איבערפלוס באַפעלקערונג פון אייראָפּע און די פּראָדוקטיווע עקספּלואַטאַציע פון זייערע נאַטור רייכטימער דורך דער אַרבעט טיילווייז פון פרייע מענטשן, טיילווייז פון לייב־אייגענע און פון שקלאַפן...

די פּראָדוקציע פון די נייע אַנטדעקטע לענדער איז אריין אין דעם טעטיגקייטס קרייז פון דעם האַנדעלס קאַפּיטאַל. זייערע מערק האָבן אַרויסגעשטעלט אזא שטאַרקן און שנעל וואַקסענדיגען נאָכפרעג אויף די פּראָדוקטן פון דער באַאַרבעטענדיגער אינדוסטריע, אַז ער האָט ניט געקאָנט באַפרידיגט ווערן פון דער הויזליך־קאַפּיטאַליסטישער און בעל־מלאכה׳שער פּראָדוקציע, וואָס איז טעכניש צעבראָקעלט אויף קליינע אונטערנעמונגען, און קען זיך דעריבער ניט אויסברייטערן שנעל. צו דערזעלביגער צייט, האָבן די אומגעהויערע מיטלען, וואָס האָבן זיך צענויפגעקליבן אין דער ספערע פון האַנדעל, גופא געגע־בען א מעגליכקייט פאַר א געוואַלדיגער אויסברייטערונג פון דער האַנ־דעלס און טראַנספּאָרט אינדוסטריע, לפי־ערך נאָך די באַדערפעניששן פון די מערק.

# פּאָליטישע עקאָנאָמיע

פאַר דער האַנדעלס אינדוסטריע שפּילען די פּראָדוקטען פון אַנדערע אינדוסטריעלע צווייגען די ראָלע פון „מאַטעריאַל“, פּונקט אַזוי ווי פאַר דער וועבער־אינדוסטריע די פּראָדוקטען פון דעם שפּינער, פאַר דער שוסטער־אינדוסטריע די פּראָדוקטען פון דעם גאַרבער א. אַז. וו. ווען די שפּינער־פּראָדוקציע זאָל אין איר אַנטוויקלונג אָפּשטעהן פון דער וועבער־פּראָדוקציע, דאַן וועלען די וועבער ניט קריגען גענוג שפּין־פּאָדים, און זיי וועט אויסקומען צו פאַר׳פּטר׳ן אומזיסט אַ טייל פון זייער אַרבעטס ענערגיע, אָדער זעהן צו באַזאָרגען אַז די שפּינער־פּראָדוקציע זאָל זיך פאַרגרעסערען. פּונקט אַזאַ מין ברירה האָט גע־האַט פאַר זיך אויך דער האַנדעלס קאַפּיטאַל: אָדער אָפּשטעלען זיך אין דער אייגענער אַנטוויקלונג, אָדער זעהן אַנטוויקלען ווי געהעריג די באַאַרבעטענדיגע אינדוסטריע. און דער האַנדעלס קאַפּיטאַל האָט געהאַט גענוג כוחות אויף דורכצופירען דאָס צווייטע.

אין וואָס זשע פאַר אַ ריכטונג האָט דער האַנדעלס קאַפּיטאַל גע־דאַרפט ווירקען, כדי העכער צו מאַכען די פּראָדוקטיוויטעט פון דער באַאַרבעטענדיגער אינדוסטריע?

דער צושטאַנד פון דער אינדוסטריעלער טעכניקע איז געווען אַזאַ: די אַנטוויקלונג פון קליין־פּראָדוקציע האָט זיך שוין, קאָן מען זאָגען, פאַרענדיגט; כמעט איטלעכע מער פאַרוויקעלטע מלאכה, וואָס גיט אַרויס אַ גאַנצע רייע פּראָדוקטען, האָט זיך צעגלידערט אויף עטליכע קליינע מלאכות, וואָס איטלעכע פון זיי שאַפט פּראָדוקטען נאָר פון איין מין; עס זיינען באַשאַפען געוואָרען אינסטרומענטען די בעסטע, אין טעכנישען זינען, וועדליג אַזאַ פּראָדוקציע. ווייטער דערפון האָט די פּראָדוקציע כמעט ניט געקענט געהן, כל־זמן זי איז געבליבען באַ קליינע אונטערנעמונגען. מען האָט געמוזט אָרגאַניזירען גרויסע אונטערנעמונגען, וואו די אַרבעטס צעטיילונג האָט געדאַרפט אַננעמען אַ גרעסערען מאַסשטאַב לפי ערך, און פאַרוואַנדעלט ווערען פון אַ געזעלשאַפטליכער אין אַ טעכנישער; וואָרים באַ אַ געזעלשאַפטליכער צעטיילונג פון אַרבעט איז אַ ווייטערדיגער פּראָגרעס, באַ די געגעבענע באַדינגונגען, געווען פאַרבונדען מיט צו גרויסע שוועריגקייטען.

# א. באָגדאַנאָוו

## 2). די אנטוויקלונג פון די געזעלשאַפטליכע באַציהונגען אין דער פּראָדוקציע אין דער עפּאָכע פון מאַנופאַקטור קאַפּיטאַליזם.

### א). די סאָציאַלע באַדינגונגען פון דער אנטשטעהונג פון מאַנופאַקטורען.

נאָכדעם ווי מיר האָבען אנגעמערקט די טעכנישע הויפּט באַדינגונגען פון די ענדערונגען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער געזעלשאַפט, דאַרפען מיר איצטער אריבערגעהן צו די וויכטיגסטע עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון דער אנטשטעהונג פון נייע פאָרמעס אין פּראָדוקציע.

קודם כל, אזוי ווי די מאַנופאַקטור פּראָדוקציע אָרגאַניזירט זיך אין גרויסע אונטערנעמונגען, מוז זיך ממילא פריהער פאַראייניגען אין די הענט פון איינצעלנע אָרגאַניזאַטאָרען א היפּש ביסעל פּראָדוקציאָנס־מיטעל (אָדער געלט, וואָס בא אַן אויסטויש געזעלשאַפט קען מען זיך דערמיט אַלעמאָל פאַרשאַפען פּראָדוקציאָנס־מיטלען). די האַנדעלס קאַפּיטאַליסטען האָבען געהאַט די מיטלען דערצו. לאָמיר דערמאָנען אין אַלגעמיינע שטריכען, ווי אזוי עס איז באַשאַפען געוואָרען די עשירות פון די האַנדעלס קאַפּיטאַליסטען — דעם פּראָצעס פון דער אורשפּרינגליכער (גאָר ערשטער) אנזאַמלונג פון קאַפּיטאַלען.

אין דער עפּאָכע פון פעאָדאַליזם און פון לייב־אייגענטום פלעגען די פעאָדאַלען אנזאַמלען גרויסע עשירות פון דער עקספּלואַטאַציע פון געצוואונגענער אַרבעט. אין דער עפּאָכע פון האַנדעלס קאַפּיטאַל פלעגען די אייראָפּייער, פאַרכאַפּענדיג און קאָלאָניזירענדיג נייע לענדער, איינשטעלען דאָרטען באַציהונגען פון לייב־אייגענטום און שקלאַפעריי, און דאָס פלעגט דורך דעמזעלביגען סאָרט עקספּלואַטאַציע פירען צו דער אנזאַמלונג פון געוואַלדיגע רייכטימער. מלחמות און

רויבערייען פלעגען ניט זעלטען דינען פאר א מיטעל ווייטער צו פאראייניגען די פארמעגענס וואס זיינען אזוי באשאפען געווארען.

די בעל־מלאכה׳שע אינדוסטריע אין די שטעט איז געווען איינגעשטעלט אויף אזא׳ן אופן, אז זי האט א לאנגע צייט ניט דערלאזען קיין באדייטענדיגע אנזאמלונג. בכלל, בא דעם אויסטויש צווישען דעם פויעריש־פעאדאלען דארף און דער סוחר׳יש־בעל־מלאכה׳שער שטאט, האט דער אונטערשייד פון דעם גראד קולטור, און דערהויפט די באדייטענדיגע פעסטקייט פון די אינדוסטריעלע ארגאניזאציעס אין שטאט, געמוזט פירען דערצו, אז די שטאט האט סיסטעמאטיש באראבעוועט דעם דארף — זי פלעגט בא אים אפקויפען די פראדוקטען נידעריגער פון זייער ווערט. דער האנדעלס קלאס, ווי דער פארמיטלער ביים אויסטויש, פלעגט דערביי געווינען מער פון אלעמען, ווארים ער פלעגט עקספלואטירען אי די דערשלאגענקייט פונ׳ם פויער, אי די פארשווענדערישקייט פון דעם פריץ (דעם פעאדאל). אויף אזא׳ן אופן פלעגט די פויערשע הארעוואניע פארוואנדעלט ווערען אין שטאטישען קאפיטאל. נאך דעם פויערטום און די פעאדאלען האט דער האנדעלס־וואוכערשער קאפיטאל געמאכט צו זיך אונטערטעניג אויך די בעל־מלאכות: די היים־ארבעט פארמע פון קאפיטאליסטישער פראדוקציע לאזט איבער פאר איטלעכען קליינעם פראדוצענט נאר די נויטיגע מיטלען אויף אויפצוהאלטען זיין אונטערנעמונג, און די איבערמאס ארבעט געהט לטובת דעם האנדעלס קאפיטאל.

אזוי איז דער שטראם דורך פארשיידענע וועגען אלץ געגאנגען צו איין ציל — דער אנוואקסונג פון האנדעלס קאפיטאל.

די קלענסטע ראלע אין דעם פראצעס פון שאפען יענע עשירות, וואס האט געלייגט דעם פונדאמענט פאר דעם אינדוסטריעלען קאפיטאליזם, האט געקענט שפילען *די דירעקטע אפשפארונג* פון די קליינע פראדוצירער, וואס לויט דער בורזשואזער פאליטישער עקאנאמיע זאל דאס האבען געהאט די גרעסטע באדייטונג בא דער גאר ערשטער אנזאמלונג פון קאפיטאלען. די בורזשואזע עקאנאמיסטען טענה׳ן, אז אלע קאפיטאלען, אדער לפחות, א טייל פון זיי שטאמען פון דער פערזענליכער ארבעט פון די קאפיטאליסטען גופא

אדער זייערע זיידעס; זיי זיינען געווען שפּארעוודיגע מענטשען, פלעגען זיי פארניצען ניט אלץ וואס זיי האבען פארדינט, און דאס וואס זיי פלעגען אנקלייבען פלעגען זיי איבערגעבען זייערע יורשים; יענע האבען דערצו צוגעגעבען זייערע אייגענע שפּארונגען און אז. וו. די נארישקייט פון אזא פארשטעלונג ווערט גלייך קלאר, ווען מען זאל פארגלייכען די מורא'דיגע קאפּיטאלען פון די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען מיט די אפּגעשפּארטע גראשענס, וואס דער קליינער פּראדוצירער האט פּאקטיש געקענט האבען, אפילו בא די גינסטיגסטע באדינגונגען.

ווייטער, די גרויס פּראדוקציע פון מאנופאקטורען האט זיך גענויטיגט אין געניטע ארגאניזאטארען, וואס זיינען דורכ'ן לעבען גופא צוגעגרייט פאר אזא ראלע. דער קלאס האנדעלס קאפּיטאליסטען האט געקענט באפרידיגען אט די פאדערונג. ניט ריידענדיג שוין פון דעם, וואס דער האנדעלס קאפּיטאליסט איז געווען דער ארגאניזאטאר פון זיין אייגענער האנדעלס ווירטשאפט, וואס אין דורכשניט איז דאס געווען גיכער א גרויסע אונטערנעמונג, איידער א קליינע, — איז דער שפּעטערדיגער אינדוסטריעלער קאפּיטאליסט געווען צוגעגרייט צו זיין נייער טעטיגקייט נאך דורך אן אנדער אופן — ער האט פארכאפּט אין זיינע הענט א היפּשען חלק אין דער ארגאניזאציאנס ארבעט בא דער אנפירונג פון די קליינע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען; ווי עס איז שוין באוויזען געווארען, האט דעם האנדעלס קאפּיטאליסט געהערט די העכסטע אויפזיכט און קאנטראל איבער דער פּראדוקציע פון א סך קליינע אונטערנעמונגען, וואס זיין קאפּיטאל האט פאראייניגט לויט דער „היים ארבעט סיסטעמע פון קאפּיטאליסטישער פּראדוקציע“.

ווייטער, די ארבעט גופא אין די ריין־קאפּיטאליסטישע אונטערנעמונגען ווערט דורכגעפירט דורך *געדונגענע ארבעטער*. ניט קיין לייב־אייגענער און ניט קיין שקלאף קענען ניט זיין קיין געדונגענע ארבעטער, ווארים זיי האבען ניט קיין דעה איבער זייער ארבעטס קראפט, מחמת זי געהערט ניט צו זיי, נאר צו דעם באלעבאס זייערען; נאר א *פּערזענליך פרייער*

אַרבעטער איז אַ זעלבשטענדיגער באַלעבאָס איבער זיין אַרבעטס קראַפט און קען זי פֿאַרקויפֿען.

אַ פריי ער אַרבעטער וועט אָבער ניט געהן פֿאַרקויפֿען זיין אַרבעטס קראַפט, כל־זמן ער האָט עפּעס אַנדערע מיטלען צום לעבען. אויב ער פֿאַרמאָגט די נויטיגע פּראָדוקציאָנס מיטלען — אינסטרומענטען, מאַ־טעריאַלען, אַ וואַרשטאַט — וועט ער ניט געהן פֿאַרדינגען זיך אויף פרעמדע אַרבעט, און וועט בעסער פֿירען זיין אייגענע אונטערנעמונג. הייסט עס, אַז דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל דאַרף האָבען אַז אַרבע־טער, וואָס אַליין פֿאַרמאָגט ער ניט קיין פּראָדוקציאָנס מיטלען, אָדער ווי מען זאָגט געוויינטליך, ער איז „פריי“ פֿון זיי.

אַ מענטש, וואָס איז פריי פֿון פּערזענליכער אָפּהייננגיגקייט און פֿון פּראָדוקציאָנס מיטלען, הייסט אַ פּראָלעטאַריער.

די באַפרייאונג פֿון די פּויערים פֿון דער ערד און פֿון די באַציהונ־גען פֿון לייב־אייגענטום, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין אַ גרויסער מאָס צום סוף מיטעלאַלטער און אין אָנהייב פֿון דער נייער צייט (אין דער שפּעטסטער עפּאָכע פֿון האַנדעלס קאַפּיטאַליזם), איז געווען דער הויפּט קוואַל פֿון וואַנען עס האָט זיך גענומען דער פּראָלעטאַריאַט.

נאָך פריהער, איידער די באַפרייאונג איז פֿאָרגעקומען פֿאָרמאַל, אויפ'ן געזעצגעבערישען אופֿן, פֿלעגט שוין דאָס לעבען פּאַקטיש פֿאַר־ווירקליכען עס אין אַ גרויסער מאָס, אין דער פֿאָרמע פֿון מאַסענווייזען אַנטלויפֿען פֿון דער ערד. דאָס וואָס די פּעאָדאַלען האָבען אַזוי העפּ־טיג געעקספּלואַטירט די לייב־אייגענע האָט אָפּט, ווי עס איז שוין געווען אָנגעוויזען, געפֿירט דערצו, אַז פֿון דער פֿויערשער באַלעבאַטיש־קייט פֿלעגט ווערען לחלוטין אַ תל, און די לאַגע פֿון די פּויערים, וואָס זיינען געווען צוגעבונדען צו דער ערד, איז געוואָרען אומדערטרעגליך. אין דאָרף בלייבען דאָן נאָר די מער פּאַסיווע נאַטורען, וואָס קענען זיך איינלעבען מיט דעם אַלץ וואַקסענדיגען דרוק פֿון אויסען, און מיט די טראַדיציעס איינווייניג אין דער משפּחה, וואָס דריקען אויך ניט ווייניגער. מענטשען אָבער מער טעטיגע, פֿון דעם ענערגישען סאָרט — אַזעלכע, פֿאַרשטעהט זיך, איז פֿאַראַן ווייניגער — פֿאַרלאָזען דעם דאָרף. אַ היפּשער טייל זייערע ווערען בראָדיאַגעס אָהן אַ היים;

און די איבעריגע, וואָס ווילן לעבן פון ערליכער אַרבעט, לאָזן זיך אין שטאָט אַריין.

די פאָרמאַלע באַפרייאונג פון די פויערים האָט נאָר גרינגער געמאַכט און האָט פאַרשנעלערט די באַשאַפונג פון פּראָלעטאַריאַט. אין ענגלאַנד, וואו עס איז גאָר ניט געווען קיין אַלגעמיינער מלוכה אַקט פון באַפרייאונג, איז דאָס לייב־אייגענטום פאַרשוואונדן פון זיך אַליין, — טיילוויז דורך דעם ענערגישען ווידערשטאַנד פון די פויערים, און טיילוויז ווייל געדונגענע אַרבעט לוינט זיך בעסער איידער די אַרבעט פון לייב־אייגענע. דאָרטען האָט דעם אָפּהייננגיגען פויער פאַר־ביטען טיילוויז דער רענדאַר (אַרענדאַטאָר), טיילוויז דער געדונגענער אַרבעטער און האַלב־אַרבעטער — האַלב־באַלעבאָס. האָט דער אַרענ־דאַטאָר שלעכט געצאָלט, פלעגט אים דער ערד־אייגענטימער (לענד־לאָרד) פאַרטרייבען און איבערגעבען די אַרענדע אַן אַנדערען. אַזוי פלעגט די אַרענדע אַריבערגעהן אין די הענט פון די מער פאַרמעגליכע אַרענדאַטאָרס, וואָס האָבען געצאָלט מער און פּינקטליכער. דערביי פלעגען אַ סך פויערים אָפּגעריסען ווערען פון דער ערד.

אַ גרויסע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון לאַנדלאָזיגקייט צווישען די פויערים האָט געשפּילט די „אָפּצאַמונג" פון די לענדערייען פון דער דאָרפישער געמיינדע — אַ זאַך, וואָס איז פאָרגעקומען אין ענגלאַנד און אויך אין אַנדערע לענדער פון מערב־אייראָפּע. שטרעבענדיג צו פאַרגרעסערען זייערע הכנסות און שטיצענדיג זיך אויף פאָרמאַלע רעכטען, דאָס הייסט אין דער׳אמת׳ן — אויף רויע געוואַלט, פלעגען די ערד־אייגענטימער אָפּנעמען בּאַ די פויערשע געמיינדעס די ערד, וואָס די געמיינדע פלעגט פון לאַנג אַן באַאַרבעטען. מען קען זיך פאַרשטעלען, אויף וויפיל אַזאַ עקספּראָפּריאַציע פלעגט אַרונטערשלאָ־גען די פויערשע באַלעבאַטישקייט און פלעגט מיטהעלפען צו פאַר־וואַנדלען די פויערים אין פּראָלעטאַריער.

אויב דעם ערד־אייגענטימער פלעגט זיך בעסער לוינען צו פאַר־בייטען די פויערשע ערד־אַרבעט אויף פיצוכט, פלעגט ער פשוט פאַר־טרייבען אַלע פויערים פון זיינע ערד און פלעגט אַנשטאָט זיי באַזעצען בהמות, אָרום וועלכע מען האָט געדאַרפט האַלטען נאָר אַ קליינע צאָל

## פּאָליטישע עקאָנאָמיע

גערונגענע ארבעטער. אזוי איז עס דערהויפּט געווען אין ענגלאנד אין 16—17טען יארהונדערט, ווען איבער דעם שטארקען נאכפרעג מצד דער האלענדישער, און נאכדעם מצד דער ענגלישער וואל־אינדוסטריע, וואס האט געהאלטען אין איין וואקסען, האט זיך דער מקח פון וואל שטארק געהויבען. האדעווען שעפסען איז געווארען זעהר א גוט געשעפט, און די פּריצים האבען זיך ענערגיש גענומען צו מאכען פון די פויערשע פעלדער אן ארט פאר פּאשע — אנשטאט הונדערטער טויזענטער פויערים האט מען באזעצט מיליאנען שאף.

טאקע אין ענגלאנד — דעם לאנד, וואו דער אינדוסטריעלער קאפּיטאליזם האט זיך אנטוויקעלט אמשטארקסטען און אמשנעלסטען — איז אנגעגאנגען אמשטארקסטען די אנטוויקלונג פון ערדלאזיגקייט צווישען די פויערים. דארטען האט זיך דער פּראצעס געצויגען העכער 300 יאר (דערהויפּט אין 16—18טען יארהונד.), און עס איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז פויערים־באלעבאטים זיינען כמעט גאר פארשוואונדען — די גאנצע ערד איז היינט אין די הענט פון די לענדלארדס.

ווייטער, נאך א קוואל פון פּראלעטאריער האט זיך געעפענט, ווי עס איז שוין דערוויזען געווארען, פון דעם וואס די קעניגען און פירשטען האבען געקאנפיסקירט דאס גלח'עשע אייגענטום און דאס אייגענטום פון די האנטווערקער־קארפּאראציעס, פון וואס א מאסע ארעמעלייט, וואס יענע אינסטיטוציעס פלעגען פריהער אויסהאלטען, זיינען איצטער געבליבען ווי אויפ'ן וואסער. פונקט אזא באדייטונג האט אויך געהאט, וואס די פעאדאלען האבען פאנאנדערגעלאזען די גרויסע צאל פון זייער הויף־דינערשאפט. דאס איז געווען אן אומפארמיידליכער רעזולטאט פון דער ענדערונג אין דער פּסיכאלאגיע פון די פעאדאלען, וואס איז געקומען מיט דער אנטוויקלונג פון געלטווירטשאפט בכלל, און בפרט מיט דער אנטוויקלונג פון האנדעלסקאפּיטאל. פריהער איז די הויפּט קראפט פון דעם פעאדאל באשטאנען אין דער גרויסער צאל מענטשען, וואס זיינען אים געווען אונטערטעניג, האט ער נאטירליך געשטרעבט ארומצורינגלען זיך מיט וואס א גרעסערער סוויטע; בפרט נאך אז בא א נאטוראלער ווירטשאפט איז ניט געווען וואו אהין צו טאן די איבערמאס פּראדוקטען פון דער

# א. באָגדאַנאָוו

פעאָדאַלער באַלעבאַטישקייט, סיידען צו קאָרמענען דערמיט, א הויף־דינערשאַפט און אַנדערע פּאַראַזיטען (למשל, גראַף וואַרוויק, דער "קעניג מאַכער", וואָס האָט געלעבט אין ענגלאַנד צום סוף פון 15־טען יאָרהונדערט, פלעגט טאָג־איין טאָג־אויס קאָרמענען אויף זיין חשבון 30,000 מענטשען). ווען אָבער די הויפּט קראַפט פון דעם פעאָ־דאַל איז גאָר געוואָרען געלט, האָט ער פאַנאַנדערגעלאָזען די "מענ־טשען".

די פאַראָרעמטע קליינע בעל־מלאכות זיינען געווען א קוואַל פון פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז וויכטיג ניט אַזוי לויט דער צאָל, ווי לויט זייער קוואַליטעט: אין די געוועזענע בעל־מלאכות האָט דער אינ־דוסטריעלער קאַפּיטאַל געהאַט פאַר זיך אַן אויסגעלערנטע ארבעטס קראַפט, וואָס האָט לכתחילה שוין געטויגט פאַר סיסטעמאַטישער ארבעט, און וואָס האָט זיך לייכט צוגעפּאַסט פאַר די צוועקען פון קאַפּי־טאַל; די פּראָלעטאַריער אָבער, וואָס זיינען געלאָפען פון דאָרף, די פּראָלעטאַריער־בראָדיאַגעס, פּראָלעטאַריער־בעטלערס, פּראָלעטאַריער, וואָס זיינען אַרויסגעקומען פון דעם פּאַראַזיטען קלאַס הויף־דינער, — די אַלע האָט מען נאָך ערשט געדאַרפט אויסלערנען, צופּאַסען זיי מיט גרויסע אָנשטריינגונגען. די צאָל פאַראָרעמטע קליינע בעל־מלאכות איז לכתחילה געווען לפי־ערך קליין; נאָכדעם אָבער נעמט זי שטאַרק וואַקסען, ווען דעם האַנטווערקער קומט אויס צו קאָנקורירען מיט דער גרויס־קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, וואָס האַלט אין איין אַנטוויקלען זיך.

אויך אַזאַ באַדייטונג, ווי איינער פון די קוואַלען פון דעם אַרבעטער פּראָלעטאַריאַט אין די מאַנופאַקטורען, האָבען געהאַט די האַנטווערקער געזעלען און לער־יונגען, די געדונגענע ארבעטער פון די קליינע האַנט־ווערקער אונטערנעמונגען.

אַזוי איז אויף פאַרשיידענע אופנים פאָרגעקומען "די גאָר ערשטע אַנזאַמלונג פון געדונגענער ארבעטס קראַפט", וואָס איז נויטיג געווען פאַר דער אַנטשטעהונג און אַנטוויקלונג פון דעם אינדוסטריעלען קאַ־פּיטאַליזם.

דער סטיכישער כאראקטער פון דער געזעלשאפטליכער אנטוויק־לונג בא די איינטוויש באציהונגען ווייזט זיך ארויס, אגב, אין דעם פאקט, וואס „די אורשפרינגליכע אנזאמלונג פון גערונגענער ארבעטס קראפט" איז פארגעקומען אין א מאס, וואס איז געווען ניט ווערליג די באדערפענישען פון דעם אינדוסטריעלען קאפיטאל. נאר פלעגט זיי געוויינטליך ווייט אריבערשטייגען. אזוי, איז אין ענגלאנד אין 16—17 יארהונדערט געווען הונדערטער טויזענטער מענטשען, וואס די אינדוסטריע איז ניט געווען בכוח ארייננצונעמען. זיי זיינען געווען געצוואונגען צו פירען א לעבען פון בראדיאגעס, פאראזיטען, און זיינען געווען אן ערנסטע געפאר פאר דער געזעלשאפטליכער רוהיגקייט. מען פלעגט אננעמען אנקעגען זיי די שטרייננגסטע מיטלען: מען פלעגט זיי שטעמפלען, שמייסען, אפשניידען די אויערען, און אויב זיי זיינען געווען שטארק איינגע'עקשנ'ט, פלעגט מען זיי אפילו הייגנען. — דאס אלץ האט אבער קנאפ וואס געהאלפען. אין תוך, האבען אט די אלע מיטלען געהאט די באדייטונג, וואס זיי האבען געדיסציפלינירט דעם היימלאזען פראלעטאריאט פאר די באדערפענישען פון דעם וואקסענדיגען קאפיטאליזם. זיי האבען דערצויגען די הפקר'דיגע עלעמענטען פון דער געזעלשאפט אין דער ריכטונג, וואס האט געשטימט מיט די שטרעבונגען פון די נייע ארגאניזאטארישע קלאסען. איבעריגענס, ניט אלעמאל פלעגט מען זיך נעמען פאר אזעלכע ווירקונגס מיטלען. צום סוף 16טען יארהונדערט האט די ענגלישע רעגירונג ארויפגעלייגט א שטייער אויף די העכערע קלאסען לטובת די ארעמעלייט; און געטאן האט מען עס כדי, דורך אט דעם געזעצליכען פאראזיטיזם, צו פארזיכערען דאס ערד־אייגענטום און דעם קאפיטאל פון דעם אומגעזעצליכען פאראזיטיזם אין זיינע גרעבסטע פארמעס, — ווי רויבעריי, גנבה א. ד. גל., — און אויך כדי ניט צו דערלאזען, אז עס זאלען אויסשטארבען ארבעטער, וואס קענען אמאל צוניץ קומען פאר דעם קאפיטאל.

אין די עטליכע לענדער, וואו דאס לייב־אייגענטום האט זיך אויפגעהאלטען זעהר א לאנגע צייט, דארט האט דער אינדוסטריעלער קאפיטאל, פארקערט, געליטען די ערשטע צייט פון דעם, וואס עס האט אויס־

געפעלט פרייע ארבעטס קראפט. צופאסענדיג זיך צו די באדינגונגען, האט דארט דער אינדוסטריעלער קאפיטאל איינגעפירט מאנופאקטור מיט דער ארבעט פון לייב־אייגענע ; די חסרונות אָבער פון דער אומפרייער ארבעט האבען זיך בא דעם פאל ארויסגעוויזען אזוי שטארק, און די פראדוקטיוויטעט איז געווען אזוי שוואך, אז די קאפי־טאליסטען אליין זיינען געווען געצוואונגען צו ווענדען זיך מיט פעטי־ציעס צו דער רעגירונג, מען זאל באפרייען זייערע פויערים.

אזוי איז געווען אין רוסלאנד.

צוגעגרייטע ארגאניזאטארען, א געוויסע אנזאמלונג פון קאפי־טאלען און פון געדונגענער ארבעטס קראפט — דאָס איז דער סכום באדינגונגען, בא וועלכע עס איז מעגליך דער אינדוסטריעלער קאפי־טאליזם.

ב). די אפשטאמונג פון אינדוסטריעל־קאפיטאליסטישע אונטערנעמונגען און זייערע אינווייניגסטע באציהונגען.

די שטוביגע קאפיטאליסטישע פראדוקציע איז געווען א נאטיר־ליכער איבערגאנג פון זעלבשטענדיגער קליין־פראדוקציע צום אינ־דוסטריעלען קאפיטאליזם. דער בעל־מלאכה אדער דער פויער, וואס האט שוין אנגעווארען א היפשען חלק פון זיין זעלבשטענדיגקייט, וואס איז שוין פאקטיש אונטערגעווארפען אונטער דעם ארגאניזאטאר־שען קאנטראל פון דעם האנדעלס קאפיטאל, וואס דער לעצטער עקספלו־אטירט אים שוין, — פארלירט שוין גאנץ לייכט דאָס איבעריגע ביסעל זעלבשטענדיגקייט און ווערט פשוט אן ארבעטער אן אויס־פאלגער אין דער אינדוסטריעל־קאפיטאליסטישער אונטערנעמונג.

דער האנדעלס־קאפיטאליסט האלט בא זיך אין האנט דעם מזל פון א סך קליינע באלעבאטעשקייטען, וואס ער שטעלט זיי צו די רויע מאטעריאלען (אמאל אפילו אינסטרומענטען אויך) און קויפט אויף זייערע פראדוקטען. פון אים הייננגט עס אפ צו מאכען אינגאנצען אן עק מיט דער כלומר׳שטער זעלבשטענדיגקייט פון אט די ווירט־שאפטען, ווען נאר אים וועט זיך דאָס לוינען. ווען דער נאכפרעג

אויף די פּראָדוקטען ווערט גרעסער, וואַלט דער האַנדעלס קאַפּיטאַליסט גרייַלעך וועלען פאַרגרעסערען די פּראָדוקציע; קען ער דאָס אָבער ניט טאָן מחמת דעם קליינליכען כאַראַקטער פון די אונטערנעמונגען, וואָס געפינען זיך אונטער זיין האַנט, און דערהויפּט מחמת זייער אויסערליכער זעלבשטענדיגקייט, וואָס איבער דעם ווירקט דער קאַפּיטאַליסט אויפ'ן גאַנג פון דער פּראָדוקציע נאָר מן הצד, דורך דער ענדערונג פון די פּרייזען אויף מאַטעריאַלען און די פּראָדוקטען. דאַן הערט אויף דער קאַפּיטאַליסט צו באַפרידיגען זיך מיט דער פריהערדיגער סיסטעמע.

די אַלע פּראָדוצירער, וואָס געפינען זיך אונטער דעם קאַפּיטאַליסט'ס האַנט, ווערען פאַראייניגט אין איין וואַרשטעט וואָס איז שייך צו אים; דאָרטען אַרבעטען זיי מיט פּראָדוקציאָנס מיטלען וואָס זיינען זיין אייגענטום, און שפּילען די ראָלע פון אַרבעטער אויספאָלגער. אינגאַנצען אונטער זיין אָרגאַניזאַטאָרישער מאַכט. דאָס זיינען די הויפּט שטריכען פון אינדוסטריעל קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען. וואָס האָבען זיך לכתחילה באַוויזען אין דער פאָרמע פון מאַנופאַקטורען. ווען מען טראַכט זיך אַריין אין אָט די שטריכען, איז ניט שווער איינצוזעהן, אַז זיי האָבען זיך שוין אָנגעמערקט אין דער ווירטשאַפט פון דעם צעך־האַנטווערקער פון מיטעלאַלטער, וואו די געזעלען און לערניונגען זיינען געווען אין אַ זאַ שייכות צו דעם מייסטער, ווי די שפּעטערדיגע געדונגענע אַרבעטער צום קאַפּיטאַליסט; דער הויפּט אונטערשייד באַשטעהט נאָר אין דער גרויס פון דער אונטערנעמונג און אויך אין דעם, וואָס דער מייסטער דער האַנטווערקער האָט, אַחוץ דער אָרגאַניזאַטאָרישער אַרבעט, געמוזט טאָן אויך די אַרבעט גופא, און דער קאַפּיטאַליסט איז נאָר אַן אָרגאַניזאַטאָר.

דער איבערגאַנג צו דער נייער סיסטעמע לוינט זיך פאַר דעם קאַפּיטאַליסט ניט נאָר דערפאַר, וואָס דאָס מאַכט אים פאַר'ן פולשטענדיגען באַלעבאָס און דירעקטען אָרגאַניזאַטאָר פון דער פּראָדוקציע, — דאָס לוינט זיך אים בעסער אויך דערפאַר, וואָס דאָס פאַרקלענערט היפּשליך די הוצאות אויף דער פּראָדוקציע — די אויסגאַבען אויפ'ן וואַרשטעט, אויף באַלייכטונג, באַהייצונג, הוצאות אויף אינ־

סטרומענטען. איין גרייסער ווארשטעט אויף 20 אַרבעטער קאָסט אַ סך ווייניגער, איידער 20 קליינע מיט איין אַרבעטער אין איטלעכען; און אפילו ווען די טעכנישע צעטיילונג פון אַרבעט איז נאָך דאַרטען ניט איינגעפירט, דאַרף מען פונדעסטוועגען אַלץ טאַקע ניט האָבען קיין גאַנצען גאַנג אינסטרומענטען פאַר איטלעכען, ווי דאָס איז נויטיג ווען מען אַרבעט אין באַזונדערע ווארשטעטען. — די צייט פון דער אַרבעט קען מען גרינג איינטיילען אַזוי, אַז ווען איינער אַרבעט מיט איין אינסטרומענט, אַרבעט דער אַנדערער מיט אַן אַנדער אינסטרומענט, און דערנאָכדעם בייטען זיי זיך, אַזוי אַז די אינסטרומענטען ליגען קיינמאָל ניט ליידיג. אין מאַטעריאַלען איז אויך פאַראַן אַ געווינס: עס קאָסט ווייניגער צוצושטעלען זיי אין גרויסע מאַסען אין ווארשטעט אַריין, מען קען לייכטער אויסניצען די רעשטען און אָפפאַל, וואָס קלייבען זיך אָן אין אַ גרויסער צאָל, און אַז. וו.

אַ וויכטיגע שטערונג באַ דער אַנטשטעהונג פון מאַנופאַקטורען איז געווען אין די פּריווילעגיעס פון די בעל־מלאכה׳שע צעכען. ווי עס איז שוין געווען אָנגעוויזען, האָבען די צעכען געהאַט אין די שטעט אַ מאָנאָפּאָליע אויף דער פּראָדוקציע, און די תקנות פון די צעכען פלעגען שטרייננג באַגרעניצען די צאָל געדונגענע אַרבעטער — געזעלען און לער־יונגען — אין איטלעכער אונטערנעמונג, און פאַר דער העכסטער נאָרמע פלעגט מען באַשטימען זעהר אַ קליינע צאָל אַזעלכע. דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל איז אָבער געווען בכוח אַן עצה צו געבען זיך מיט אָט דער שטערונג, און טיילווייז האָט ער זי אינגאַנצען אויסגעמיטען.

ערשטענס, פלעגט מען די מאַנופאַקטורען איינאָרדענען אין אַזעלכע ערטער, וואו די צעכען האָבען קיינמאָל ניט געהאַט קיין פּריווילעגיעס, דאָס הייסט אין דערפער, און אויך אין ניי געגרינדעטע שטעט, וואו די צעכען אָרדענונג איז ניט איינגעפירט געוואָרען, אָדער אין די פאָרשטעט פון די אַלטע שטעט, וואו די תקנות פון די צעכען האָבען געוויינטליך ניט געהאַט קיין רשות.

ווייטער, די פּריווילעגיעס פון די צעכען האָבען ביסלעכווייז אָנגעהויבען פאַלען אויך אין די שטעט, וואו זיי זיינען יאָ געווען. די

שנאה פון דעם אינדוסטריעלען און האנדעלס קאפיטאל צו די צעכען האט זיך אפגעשפיגעלט אויף דער פאליטיק פון מלוכה. די קעניגען האבען געשטיצט די מאנופאקטורען, ווײלע זיי האבען אין זיי געפונען א רייכען קוואל פון מלוכה הכנסות. פלעגען זיי דעריבער אפט דערליבען איינצוארדענען מאנופאקטורען אפילו אין די צעכאווע שטעט. אפנעמענדיג, הייסט עס, בא די צעכען זייער מאנאפאליע אויף דער פראדוקציע.

ענדליך, מיט דער אנטוויקלונג פון מאנופאקטורען, באווייזט זיך צווישען די צעכאווע מייסטערס גופא א שטרעמונג צו פארוואנדלען דעם האנטווערקערשען ווארשטעט אין א מאנופאקטור. אין דער שווערער קאנקורענץ מיט׳ן אינדוסטריעלען קאפיטאל, האבען די באשטימונגען פון די צעך תקנות, וואס באגרעניצען די צאל געזעלען און פארלער־יונגען, געפענטעט די מייסטערס הענט און פיס. די מער פארמעגליכע בעל־מלאכות האבען געזעהען וואס ווייטער אלץ מער ארויסדרייען זיך פון אט די תקנות, אדער גאר אינגאנצען אפשאפען זיי. ווען אזעלכע אנשטרייניגונגען פלעגען זיך איינגעבען, און די צאל געדונגענע ארבעטער אין איינצעלנע ווארשטעטען פלעגט שטארק אויסוואקסען, איז דער איבערגאנג פון האנטווערק צו מאנופאקטור שוין געווען זעהר א לייכטער און א נאטירליכער.

אין תוך גענומען, קומט פאר אין דער אגראר ווירטשאפט, פונקט אזוי ווי אין דער באארבעטענדיגער ווירטשאפט, פונקט אזא פארענדערונג פון דער פראדוקציאנס פארמע, ווען דער קאפיטאליסט, אנשטאט צו עקספלואטירען דאס פויערטום ווי אן אויפקויפער צי א פראצענטניק, הייבט אליין אן צו פירען א לאנד־ווירטשאפט מיט געדונגענע ארבעטער אויף זיין אייגענער ערד, אדער אויף ערד וואס ער נעמט אין ארענדע. נאר מחמת באזונדערע אורזאכען, קומט געווינטליך פאר אט די פארענדערונג אין דער ערד־ארבעט שפעטער און לאנגזאמער, און די פארמע פון ארבעט צעטיילונג, וואס איז כאראקטעריסטיש פאר די מאנופאקטורען, אנטוויקעלט זיך דא זעהר אין א שוואכער מאס; דעריבער וועט ווענען קאפיטאליסטישער אגראר ווירטשאפט אויסקומען צו ריידען באזונדער.

# א. באָגדאַנאָוו

אויף דעם ערשטען שטאַפּעל פון מאַנופאַקטור זיינען נאָך אַלע ארבעטער ביים קאַפּיטאַליסט אייגענטליך דיזעלביגע בעל־מלאכות וואָס פריהער: איטלעכער מאַכט די גאַנצע ארבעט, ווי פריהער דער זעלבשטענדיגער קליינער פּראָדוצירער. מיט דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג אָבער, פירט די מאַנופאַקטור צו אַן אַנדערער, אַ העכערער און מער אויסגעבעסערטער פאָרמע אין דער טעכניקע פון האַנט־ארבעט — צו דער מאַנופאַקטור פאָרמע פון ארבעט צעטיילונג. אין פאַר־שיידענע פאַלען פלעגט עס פאָרקומען אויף צוויי באַזונדערע אופנים.

פון די אַלע ארבעטער ביים קאַפּיטאַליסט, וואָס מאַכען דיזעלביגע ארבעט, גיט זיך איינעם בעסער איין איין טייל פון דער ארבעט, דעם אַנדערען — אַן אַנדער טייל און אַז. וו. פריהער אָדער שפּעטער קומט דער אונטערנעמער צום געדאַנק, אַז עס לוינט זיך בעסער צו געבען איטלעכען ארבעטער יענעם טייל פון דער ארבעט, אויף וועלכען ער איז אַ גרעסערער בריה. לכתחילה קומט נאָך פונדעסטוועגען אויס איט־לעכען ארבעטער דורכצופירען אַ היפש ביסעל גאַנץ פאַרוויקעלטע אָפּעראַציעס; אָבער דערנאָכדעם, ווען די צאָל ארבעטער פאַרגרעסערט זיך, איז שוין פאַראַן אַ מעגליכקייט איינצוטיילען אויף איטלעכענס חלק אַלץ אַ פּשוט'ערע און קלענערע ארבעט. אַזוי דערגרייכט די ארבעט צעטיילונג צו אַזאַ מדרגה, ווי מען האָט עס געקענט זעהן, למשל, אין דער נאָדעל־מאַנופאַקטור, וואו איטלעכע נאָדעל פלעגט דורכגעהן דורך די הענט פון 72 ארבעטער.

די מאַנופאַקטור פאָרמע פון ארבעט צעטיילונג טרעט דאָ ארויס ווי אַ פאַרזעצונג פון דער געזעלשאַפטליכער צעטיילונג פון ארבעט, ווי די ווייטערדיגע צעגלידערונג פון יענע ארבעטען, וואָס זיינען פריהער געווען איינגעטיילט אין דער געזעלשאַפט צווישען באַזונדערע בעל־מלאכות.

אין אַנדערע פאַלען איז די מאַנופאַקטור פאָרמע פון ארבעט צע־טיילונג געגאַנגען אויף אַן אַנדער וועג. פאַראַן אַזעלכע פּראָדוק־ציעס, וואו עס מוזען זיך לכתחילה באַטייליגען עטלעכע פאַרשיידענע בעל־מלאכות. אַזוי איז, למשל, די פּראָדוקציע פון קאַרעטעס. כדי צו מאַכען איין קאַרעט מוזען זיך באַטייליגען: אַ טעסלער, אַ סטאָלער,

א שמיד, א שלאסער, א רימער, א שפאלירער, א גלעזער און אז. וו. דעם קארעטניק קומט אוים צו באשטעלען בא אט די אלע בעל־מלאכות פארשיידענע טיילען פון דער ארבעט, און אליין דארף ער נאר צוזאמענשטעלען אט די טיילען און מאכען די לעצטע באפוצונג פון דער גאנצער קארעטע. כדי צו פירען אזא געשעפט האט מען געדארפט האבען גאנץ היפשע מיטלען. דעריבער איז קיין וואונדער ניט, וואס אזעלכע מייסטערס־אויפקויפער נעמען אריין מיט דער צייט אין זייער האנט די איבעריגע מייסטערס, און שפילען א ראלע פון האנדעלס קאפיטאליסטען; נאכדעם, ווען זיי פארוואנדלען זיך שוין אין אינדוסטריעלע קאפיטאליסטען, קלייבען זיי זיי שוין צענויף אין זייער מאנופאקטור ווי געדונגענע ארבעטער.

דא, הייסט עס, טראגט אריבער דער קאפיטאליסט צו זיך אין מאנופאקטור אריין א פארטיגע געזעלשאפטליכע צעטיילונג פון ארבעט, פאראייניגענדיג די צעשיידטע עלעמענטען אין איין ווארשטעט; דערביי ווערט דער טעטיגקייט־קרייז פון איטלעכען ארבעטער פארשמעלערט: דער שלאסער, דער שמיד, דער סטאלער — מוזען זיך באגרעניצען נאר מיט די טיילען פון זייער מלאכה, וואס האבען א שייכות צו קארעטעס, און אפזאגען זיך פון אלע אנדערע ארבעטען אין זייער מלאכה, מיט וועלכע זיי פלעגען זיך פריהער באשעפטיגען.

אזוי קומט פאר די צעטיילונג ביים אויספירען די ארבעט גופא. וואס איז שייך דער ארבעט־צעטיילונג צווישען דעם ארגאניזאטאר און די וואס פירען אוים די ארבעט — איידער עס איז נאך פאראן א צעטיילונג אויף ארבעט „מיט'ן קאפ“ און „פיזישע“ ארבעט — האט עס אין דער מאנופאקטור אויך אירע באזונדערע אייגענשאפטען און אן אייגענע געשיכטע פון אנטוויקלונג.

דער אונטערנעמער ד י נ ג ט די ארבעטער, ד. ה. ער קויפט זייער ארבעטס קראפט אויף א געוויסער צייט און אויף באשטימטע באדינגונגען. ער גיט זיי פראדוקציאנס מיטלען, און זיי ארבעטען, אויספאלגענדיג זיינע באפעלען און אנווייזונגען. אויף אזא'ן אופן איז דא די אונטערגעווארפענקייט פון די ארבעטער, וואס פירען אוים

## א. באַנדאַנאַוו

די אַרבעט, באַשריינקט איז די גרעניצען פון דעם אַפּמאַך, דעם קאָנ־טראַקט, וואָס איז געשלאָסען געוואָרען ביים אַנדינגען.

דער אונטערנעמער אָרגאַניזירט די אַרבעטס צעטיילונג און די צוזאַמענאַרבעטונג אויף אַזאַ'ן אופן און אין אַזאַ מאָס, אויף וויפיל דאָס לוינט זיך אים בעסער. דערביי באַנוגענט ער זיך דורכאויס מיט דער ראָלע פון אַן אָרגאַניזאַטאָר, און אַרבעט ניט אַליין אין וואַר־שטאַט, ווי דער בעל־מלאכה. און דאָס איז נאָך ניט אַלץ. — מיט דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג פון די קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען, ווערט אויך די אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעט ביסלעכווייז אַריבערגעטראָגען אויף ספּעציעלע געדונגענע אַרבעטער. פון אָנהייב ווערט דער קאַפּי־טאַליסט געצוואונגען דאָס צו טאָן דורך דעם וואוקס גופא פון זיין אונטערנעמונג, וואָס דערגרייכט צו אַזאַ גרויס, אַז פאַר איין מענטשען ווערט עס צו שווער, און נאָכדעם אפילו אוממעגליך, אַליין אויסצו־פירען אַלע פליכטען פון אַן אָרגאַניזאַטאָר. דער קאַפּיטאַליסט הייבט אָן אַנצושטעלען אויפזעהער אויף דער אַרבעט, קאָנטאָריסטען, דירעק־טאָרען א. אז. וו. מיט דער צייט בלייבט פאַר'ן קאַפּיטאַליסט נאָר דער העכסטער קאָנטראָל איבער דער טעטיגקייט פון די געדונגענע אָרגאַניזאַטאָרען; און אפילו בּאַ דעם בלייבט עס נאָך אויך ניט, ווי עס וועט דערוויזען ווערען ווייטער.

הייסט עס, אַז וואָס ווייטער, אַלץ מער ווערט אויך די אָרגאַ־ניזאַטאָרישע אַרבעט אין דער מאַנופאַקטור טעכניש צעגלידערט, גלייך ווי די אויספירונגס אַרבעט.

די טעכנישע אַרבעטס צעטיילונג, אינאיינעם מיט דער פּשוט'ער צוזאַמענאַרבעטונג צווישען די אַרבעטער, קריגט אין דער אַנטוויקעל־טער מאַנופאַקטור אַ באַזונדער פאָרמע, וואָס מען קען אָנרופען „אַ מאַנופאַקטור גרופּע".

אין דער מאַנופאַקטור פּראָדוקציע פון מעסערס באַטייליגען זיך פאַרשיידענאַרטיגע אַרבעטער: גיסער, שמידען, שלייפער, שאַרפער און אַנד. פאַר דעם קאַפּיטאַליסט איז, פאַרשטעהט זיך, גאָר ניט קיין גלייכגילטיגע זאַך, וויפיל אַרבעטער פון איטלעכען מין אַנצושטעלען. אויב ער וועט דינגען צופיל אַרבעטער פון איין מין, וועלען זיי אַ היפּ־

שען טייל פון זייער צייט מוזען שטעהן ליידיג, אניט וועלען די איבעריגע ניט באווייזען צו באארבעטען דעם מאטעריאל, וואס זיי גרייטען צו.

פון דערפארונג קומט דער קאפיטאליסט צו א באשטימטער נארמאלער פארהעלטעניש צווישען די ארבעטער פון פארשיידענע מינים. עס ווייזט זיך ארויס, למשל, אז אויף 2 גיסער דארף מען 1 שמיד. 3 שלייפער, 1 שארפער, ווייטער, קען זיין אפשר, 1 אויפזעהער און ד. גל. אויב דער אונטערנעמער האט בדעה צו פארגרעסערען זיין אונטערנעמונג, האט פאר אים קיין זינען ניט צו דינגען 2-3 באזונדערע ארבעטער — ער וואלט ניט געהאט וואו אהינצוטאן זיי. ער מוז גלייך אנשטעלען א גאנצע גרופע, ד. ה. אין אונזער פאל — 2 גיסער, 1 שמיד, 3 שלייפער א. אז. וו.

צווישען די באזונדערע מאנופאקטור גרופעס פון איין אונטערנעמונג עקזיסטירט נאר א פראסטע צוזאמענארבעטונג.

### ג). דער עצם פון א קאפיטאליסטישער אונטערנעמונג (ארבעטס קראפט ווי א סחורה).

די גרונט אייגענשאפט פון דער קאפיטאליסטישער ווירטשאפט באשטעהט אין דעם, וואס זי ווערט געפירט מיט געדונגענער ארבעט, וואס דער ארבעטער פארקויפט זיין ארבעטס קראפט, וואס ארבעטס קראפט איז דא א סחורה.

דאס קומט פאר, ווי עס איז שוין געווען אנגעוויזען, מחמת צוויי באדינגונגען: די ערשטע איז, וואס דער ארבעטער איז פריי — ער איז ניט קיין קנעכט, ניט קיין לייב־אייגענער, און ער קען פארקויפען זיין ארבעטס קראפט וועמען ער וויל און פאר וויפיל ער וויל; די צווייטע איז, וואס ער איז „פריי" אויך פון פראדוקציאנס מיטלען, האט ער ניט פון וואנען צו לעבען, און איז געצוואונגען צו פארקויפען זיין ארבעטס קראפט.

דער קונה פון ארבעטס קראפט איז דער קאפיטאליסט, ד. ה. אזא איינער וואס פארמאגט קאפיטאל. און קאפיטאל הייסט איטלעכס

פֿאַרמעגנס, וואָס מען קען דורך אים קריגן פּראָפֿיטן פֿון פֿרעמדער אַרבעט: געצייג, פּראָדוקציאָנס מאַטעריאַלן, געלט. (אַט די באַשטימונג איז גלייך שייך אי צום האַנדעלס קאַפּיטאַל, אי צו וואוכערשען קאַפּיטאַל, אי צו אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל; דער חילוק איז נאָר אין דער פֿאָרמע פֿון די אונטערנעמונגען; — דער סוחר איז אויך אַ קאַפּיטאַליסט נאָר אויף אַזוי פֿיל, אויף וויפֿיל זיין פֿאַרמעגן ווערט אַ מיטעל צו עקספּלואַטירן די אַרבעט פֿון קליינע פּראָדוצענטן, ווי מען קען דאָס זעהן דערהויפּט אין דער הויזליכער סיסטעמע פֿון קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע).

די אַרבעטס קראַפֿט, וואָס איז פֿאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ סחורה, פֿאַרקויפֿט זיך לויט אַ באַשטימטען מקח; דער מקח פֿון אַ סחורה ווערט באַשטימט לויט איר ווערט. הייסט עס, אַז בכלל דאַרף דער קאַפּיטאַליסט קויפֿען די אַרבעטס קראַפֿט לויט איר ווערט נאָך. וואָס זשע אַזוינס איז דער ווערט אירער? לויט דער אַלגעמיינער דערקלערונג, וואָס איז פֿריהער געגעבען געוואָרען, איז דאָס דער סכום געזעלשאַפֿטליכע אַרבעטס-ענערגיע, וואָס איז נויטיג כדי צו שאַפֿען די אַרבעטס קראַפֿט. וואָס זשע פֿאַר אַ סכום געזעלשאַפֿטליכע אַרבעטס-ענערגיע ווערט אויסגעניצט כדי „צו שאַפֿען די אַרבעטס קראַפֿט“?

אַרבעטס קראַפֿט הייסט די מעגליכקייט פֿון אַרבעט. דער מענטש זאָל זיין בכח צו אַרבעטען. און אַ מענטש איז בכח צו אַרבעטען נאָר דאַן, ווען זיינע טאָג-טעגליכע באַדערפֿעניששען ווערען באַפֿרידיגט. אויב אַ מענטש האָט ניט קיין מעגליכקייט צו עסען, טרינקען, אָנטאָן זיך און ד. גל., קען ער ניט אַרבעטען, ד. ה. ער האָט ניט קיין אַרבעטס קראַפֿט. אויב די באַדערפֿענישען ווערען ניט גענוג באַפֿרידיגט, פֿאַרקלענערט זיך די אַרבעטס קראַפֿט.

הייסט עס, אַרבעטס קראַפֿט ווערט באַשאַפֿען, ווען מען באַפֿרידיגט די טאָג-טעגליכע, נויטיגע באַדערפֿענישען פֿון דעם אַרבעטער. דער ווערט אירער איז גלייך צו דעם ווערט פֿון דער באַפֿרידיגונג פֿון אַט די באַדערפֿענישען, ד. ה., פֿאַרשטעהט זיך, דער ווערט פֿון די נויטיגע לעבענס מיטלען, מיט וועלכע מען באַפֿרידיגט זיי.

# פאָליטישע עקאָנאָמיע

דער ארבעטער עסט אויף אין א טאג אזויפיל און אזויפיל ברויט, אזויפיל פלייש, צעטראגט אזויפיל און אזויפיל קליידער און אז. וו. דער סכום ארבעטס־ענערגיע, וואס די געזעלשאפט ברייננגט אוים כדי דאס אלץ אים צו געבען, אט דאס איז דער געזעלשאפטליכער ווערט פון זיין ארבעטס קראפט. פאר אן א י י נ ס פון ארבעטס־ענער־גיע נעמט מען אן, ווי שוין אנגעוויזען, א שעה „פראסטע" ארבעט פון דורכשניטליכער אינטענסיוויטעט. אויב דער ווערט פון די לע־בענס מיטלען, וואס זיינען נויטיג פאר אן ארבעטער אין א מעת־לעת, איז גלייך צו 5 אזעלכע „שעה", דאן איז דער ווערט פון דער ארבעטס קראפט 5 „שעה". אט דעם ווערט דארף, בכלל און אין דורכשניט, אנטשפרעכען דער מקח פון דער ארבעטס קראפט, ד. ה. דער ארבעטער דארף קריגען פאר זיין ארבעטס לוין אזא סומע געלט, וואס צו באשא־פען זיי דארף קאסטען אויך 5 „שעה" פראסטע ארבעט פון דורכשניט־ליכער אינטענסיוויטעט. לאמיר זאגען, אז אט די סומע איז 50 קאָ־פיקעס; דאן דארף דער מקח פון ארבעטס קראפט וויגען זיך אין זיינע ענדערונגען ארום אט דער נארמע — א האלב קערבעל.

אונטער די „טאג־טעגליכע באדערפענישען", וואס באשטימען דעם ווערט פון ארבעטס קראפט, דארף מען פארשטעהן ניט נאר די „נא־טירליכע" גרונט באדערפענישען, נאר אויך אזעלכע קינסטליכע בא־דערפענישען, וואס זיינען געווארען בא דעם ארבעטער א געוואוינ־הייט, און וואס ער קען זיך ניט באגעהן אהן זייער באפרידיגונג. אויב די ארבעטער זיינען צוגעוואוינט צו רייכערען, לייענען צייטונגען, געהן אין טעאטער, טא איז דער ווערט פון דעם טאבאק, דער ווערט פון דעם וואס עס קאסט צו באנוצען זיך מיט צייטונגען און טעאטער אויך אריינגערעכענט אין דעם אלגעמיינעם ווערט פון דער ארבעטס קראפט. — ווארים ווען אט די באדערפענישען ווערען ניט באפרידיגט, דער־גרייכט ניט די ארבעטס קראפט צו איר נארמאלער גרויס.

די באדערפעניש פארצוזעצען דעם מין איז שייך צו די פונדא־מענטאלע הויפט באדערפענישען פון דעם ארבעטער. דעריבער געהט אריין אין דעם ווערט פון דער ארבעטס קראפט אויך וואס עס קאסט אויסצוהאלטען דעם ארבעטערס הויז־געזינד.

# א. באָנדאָנאָוו

דער פּאַקטישער מאַרק־פּרייז פון דער אַרבעטס קראַפט אַנט־שפּרעכט געוויינטליך ניט אינגאַנצען איר ווערט, און איז אַמאָל העכער פון דעם לעצטען, אַמאָל נידעריגער. נאָר אויך דאַ, פּונקט אַזוי ווי בּאַ יעדער אַנדער סחורה, שטרעבּט שטענדיג די קאָנקורענץ אויסצוגלייכען דעם מקח מיט דעם געזעלשאַפטליכען ווערט. אויב דער פּרייז פאַלט נידעריגער פון דער נאָרמע, וועלען די אַרבּעטער, ניט קענענדיג אינגאַנצען באַפרידיגען זייערע באַדערפעניששען, אַרבּעטען ערגער און ווייניגער פון דער נאָרמע, אָדער זיי וועלען גאָר ניט וועלען אַרבּעטען. — אַזוי צי אַזוי, דער אָנבּאָט פון אַרבעטס קראַפט וועט זיך פאַרקלענערען אין פאַרגלייך מיט'ן נאָכפרעג, און דער פּרייז וועט זיך הייבּען. בכלל, לוינט זיך דעם קאַפּיטאַליסט, בּאַ געוויינטליכע באַדינגונגען, אַ סך בעסער צו צאָלען פאַר דער אַרבעטס קראַפט אַ פּרייז, וואָס איז ניט נידעריגער פון איר ווערט, כדי די אַרבּעט זאָל זיין גוט און דאָס געשעפט זאָל געהן רוהיג. צאָלען מער פון דעם לוינט זיך אים ניט, נאָר געוויינטליך האָט ער די פולע מעגליכקייט ניט צו צאָלען מער, ווארים אויפ'ן מאַרק איז ער געוויינטליך אין מער גינסטיגע באַדינגונגען איידער דער פאַרקויפער פון אַרבעטס קראַפט. דער לעצטער געהט פאַרקויפען זיין אַרבעטס קראַפט, ווען ער האָט ניט פון וואַנען צו לעבען; דער אונטערנעמער אָבער איז מערסטענטייל גאָר ניט אין אַזאַ נויט צו דינגען דווקא אָט דעם מענטשען — אָנשטאָט איין אַרבּעטער וועט זיך לייכט געפינען אַן אַנדערער, און בּאַ אַ וויפיל ניט איז אַנטוויקעלטער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג איז אַרבעטס קראַפט פאַראַן אויפ'ן מאַרק כמעט אַלעמאָל מער, איידער די אונטערנעמער דאַרפען האָבען דירעקט. (פאַרלויפענדיג דעם וועג אַפּריהער, מוז מען דאַ באַמערקען, אַז פון דער ווירקונג פון די קאַפּיטאַליסטישע בּאַציהונגען נופא ווערט געשאַפען אַ שטענדיגער איבערפלוס פון אַרבעטס קראַפט צום דינגען, „די רעזערוו אַרמיי פון דער אינדוסטריע", ווי מען רופט עס. איבעריגענס, האָט שוין „די אורשפּרינגליכע אָנזאַמלונג" פון געדונגענער אַרבעטס קראַפט באַוויזען צו באַשאַפען אין אייראָפּע אַ היפּשען עודף שוין גאָר אין אָנהייב פון דעם מאַנופאַקטור פּעריאָד.)

אויב דער לוין גיט אפילו יא דעם ארבעטער מיטלען צום לעבען, איז דעם קאפיטאליסטס זארג אייגענטליך גאר ניט וועגען דעם, נאר ווי אזוי צו קריגען פראפיט פון דעם געדונגענעם ארבעטערס ארבעט. כדי צו פארשטעהן פון וואנען עס נעמט זיך אט דער פראפיט, מוז מען קלאר מאכען: ווי גרויס איז דער געברויך-ווערט פון דער סחורה, וואס דער ארבעטער האט געשאפען, פון וואס פאר א טיילען ווערט ער צוזאמענגעשטעלט; און אזוי ווי דער געברויך-ווערט פון סחורה ווערט באשטימט דורך איר ארבעטס-ווערט, טא מוז מען אנהייבען טאקע פון אט דעם ארבעטס-ווערט.

דער געזעלשאפטליכער ווערט פון א פראדוקט באשטעהט פון דעם סכום געזעלשאפטליכער ארבעטס-ענערגיע, וואס מען מוז אויס-ברייגגען כדי דעם פראדוקט צו באשאפען. פארשטעהט זיך, אז אין דעם ווערט פון א פארענדיגטען פראדוקט געהט אריין א גאנצע רייע אויסגאבעס פון ארבעטס ענערגיע, אנהייבענדיג מיט'ן ארויסקריגען דירעקט פון דער אויסערליכער נאטור די גאר ערשטע רויע מאטערי-אלען, און ענדיגענדיג מיט דער טראנספארטירונג פון דעם פארטיגען פראדוקט פון דעם פראדוקציאנס ארט צו דעם ארט פון געברויך. די בעסטע זאך איז צו באטראכטען דאס אויף א קאנקרעטען פאל, דערביי וועלען מיר דעם איינס פון ארבעטס ענערגיע באצייכענען בקיצור מיט'ן ווארט „שעה", מיינענדיג דערמיט א שעה פראסטע ארבעט פון דורכשניטליכער אינטענסיוויטעט.

אז ארבעטער מאכט א ביקס. פארשטעהט זיך, אז אין דעם ווערט פון ביקס געהט קודם-כל אריין דער ווערט פון די מאטעריאלען, וואס מען האט אויף איס פארניצט: אייזען, קופער, האלץ, לאק און אנד.; לאמיר זאגען, אז דאס אלץ אינאיינעם מאכט אויס 100 שעה. ווייטער, א ביקס מאכט מען מיט געצייג — א ווערשטאק מיט פארשיי-דענע צודאטען, האמערס, זעגען, זעגעלעך און אז. וו. זייער ווערט אבער געהט ניט אריין אינגאנצען אין דעם חשבון פון דעם ווערט פון ביקס; איטלעכס שטיקעל געצייג איז גענוג ניט פאר איין ביקס, נאר פאר עטלעכע, הייסט עס, אז אין דעם ווערט פון איטלעכען ביקס דארף מען אריינרעכענען נאר א באשטימטען טייל פון דעם ווערט

פון אינסטרומענט, — אויב דער אינסטרומענט סטאַיעט אויף 100 ביקסען — איז 1/100, אויב אויף 10 — איז 1/10, — דאָס הייסט, אַזאַ טייל אויף וויפיל די אינסטרומענטען נ י צ ע ן ז י ך אָ פּ ביים אויסאַרבעטען איין ביקס. אויב דער ווערשטאַק איז ווערט 50.000 שעה, און ער סטאַיעט אויף 5.000 ביקסען, הייסט עס, אַז פון זיין ווערט רעכענט זיך אַריין 10 שעה אין דעם ווערט פון איטלעכען ביקס; אויב דער וואַרשטעט איז ווערט 1.000.000 שעה, און ער סטאַיעט אויף 200.000 ביקסען, רעכענט זיך אַריין פון זיין ווערט 5 שעה אויף איטליכען ביקס, און אַז. וו. לאָמיר זאָגען, אַז דער גאַנצער ווערט אויף וויפיל די אינסטרומענטען זיינען אָפּגעניצט געוואָרען איז 400 שעה. אינאיינעם מיט די פריהערדיגע האָבען מיר שוין 500 שעה.

ווייטער, דער מייסטער אַליין האָרעוועט אויפ'ן ביקס, און אַט די „לעבעדיגע" אַרבעט (אַזוי רופט מען דאָס, כדי אָפּצושיידען פון דער „טויטער" אַרבעט, וואָס איז שוין פאַרקערפּערט אין די געצייג און מאַטעריאַלען,) געהט אַריין, פאַרשטעהט זיך, אין דעם געזעלשאַפטליכען ווערט פון דעם פּראָדוקט. ווי עס איז באַוואוסט, ווערט די פּראָדוקציע פון אַ ביקס דורכגעפירט ניט פון איין מייסטער, נאָר פון אַ סך אַרבעטער מיט אַן אַרבעטס צעטיילונג צווישען זיי; נאָר דאָס בייט ניט די לאַגע: מען דאַרף נאָר צענויפ'חשבונ'ען דעם סך־הכל לעבעדיגע אַרבעט. לאָמיר זאָגען, אַז דער סך־הכל איז 250 איינסען אַרבעטס ענערגיע, 250 „שעה". דער סך־הכל פון דעם גאַנצען ווערט פון ביקס איז 750 שעה.

דער געוויינטליכער פּרייז פון אַזאַ ביקס באַטרעפט, לויט דעם געזעץ פון אויסטויש, אַזאַ סומע געלט, וואָס האָט אַליין דעם „ווערט" פון 750 שעה. לאָמיר זאָגען — 75 רובל. גאַנץ אָפט פאַרקויפט אים דער קאַפּיטאַליסט טייערער אָדער ווערלוועלער, נאָר דער מאַרק פּרייז שטרעבט אַלץ טאַקע צו דער מאָס פון זיין ווערט, און אין ד ו ר כ־ ש נ י ט איז ער נאָהענט דערצו. כדי צו פאַראייניפאַכען די חשבונות, וועלען מיר ווייטער אָננעמען אומעטום, אַז די אַרבעט פון די אַרבעטער איז אַ פּראָסטע, פון דורכשניטלעכער אינטענסיוויטעט, און אַז אַזאַ

שעה ארבעט האט דעם באטרעף פון 10 קאפיקעס — **א ציפער בדרך** משל.

דער קאפיטאליסט קויפט די ארבעטס קראפט פאר 50 קאפ. א טאג, לויט איר ווערט נאך, וואס טרעפט אן 5 „שעה". אויב דער ארבעטער זאל אויסברייינגען סך־הכל 5 שעה ארבעטס ענערגיע א טאג, טא וואס פאר א רעזולטאטען וואלטען זיך באקומען פאר'ן קאפיטאליסט?

זיינע אויסגאבען אויפ'ן ביקס זיינען: פאר מאטעריאלען און געצייג 50 רובל (דער באטרעף פון 500 שעה). פאר ארבעטס קראפט, וואס ער דארף קויפען אויף 50 טעג (רעכענענדיג 250 שעה לעבעדיגע ארבעט, צו 5 שעה א טאג) — 25 רובל. סך־הכל 75 רובל. אבער דער ביקס פארקויפט זיך אויך פאר 75 רובל, ווארים זיין ווערט איז 750 שעה; דער קאפיטאליסט, הייסט עס, פארדינט דא גארנישט און פארלירט גארנישט; אזוי קען מען קיין געשעפט ניט פירען.

די אורזאך דערפון איז, וואס דער ארבעטער ברייינגט אויס פאר'ן טאג פונקט אזוי פיל ארבעטס ענערגיע, וויפיל עס קאסט דאס באשאפען פון דער ארבעטס קראפט — 5 שעה; אויף אזא'ן אופן, קריגט ער פון דעם קאפיטאליסט 50 קאפ., און טראגט אריין אין דעם געברויד־ווערט פון דעם פראדוקט 50 קאפ. די לעבעדיגע ארבעט פון דעם ארבעטער גיט בא אזעלכע באדינגונגען קיין שום פראפיט ניט. און פון דער טויטער ארבעט איז דאך גאר ניטא וואס צו האפען אויף עפעס אזוינס: די 500 שעה, וואס מען האט אויסגעגעבען אויף מאטעריאלען און געצייג, בלייבען אלץ טאקע 500 שעה; די פריהערדיגע ארבעטס ענערגיע אויף צו פראדוצירען זיי געהט נאר אריין אין דעם ווערט פון דעם פראדוקט, אליין בלייבט זי אבער אומפאראנדערט, און אין דעם געברויד־ווערט פון דעם פראדוקט טראגט זי אריין נאר יענע 50 רובל, וואס דער קאפיטאליסט האט אויסגעגעבען אויף צו קויפען די פראדוקציאנס מיטלען.

אבער דער קאפיטאליסט האט די ארבעטס קראפט ג ע ק ו י פ ט. האט ער א רעכט צו טאן דערמיט וואס ער וויל. ער דארף פון איר ארויסקריגען אזוי פיל נוצען וויפיל עס איז נאר מעגליך. ארבעטס

# א. באָגדאַנאָוו

קראַפט קען סטאַיען פאַר'ן טאָג ניט נאָר אויף 5 שעה, נאָר אויך אויף 10, אויף 12, אמאָל אַפילו אויף 15 שעה. צווינגט דער קאַפּיטאַליסט דעם אַרבעטער אויסצוברייינגען פאַר'ן טאָג ניט 5, נאָר, לאָמיר זאָגען, 10 שעה אַרבעט. דער אַרבעטער גיט זיך אונטער, וואָרים ער האָט פאַרקויפט זיין אַרבעטס קראַפט, און על־פּי געזעץ איז דער וואָס האָט זי געקויפט דער באַלעבאָס איבער איר. דאַן פאַדערט זיך שוין אויף צו מאַכען א ביקס ניט 50, נאָר 25 אַרבעטס טעג (250 געטיילט אויף 10).

דעם קאַפּיטאַליסטס הוצאות זיינען: 50 רובל—פּראָדוקציאָנס מיטלען; 50 קאָפּ. גע'כפל'ט אויף 25, ד. ה. 12½ רובל — אַרבעטס קראַפט. — סך־הכל 62½ רובל. דער ווערט פונ'ם ביקס איז 750 שעה, זיין געברויך־ווערט — 75 רובל; דער פּועל יוצא איז 12½ רובל פּראָפיט.

דער פּראָפיט קומט אָט פון וואַנען: פּראָדוצירען א טאָג אַרבעטס קראַפט קאָסט 5 שעה, איר ווערט איז 5 שעה, און אַרבעטען אַרבעט דער געדונגענער אַרבעטער 10 שעה א טאָג; ער קריגט פאַר'ן טאָג 50 קאָפּיקעס, און אין דעם געברויך־ווערט פון פּראָדוקט טראָגט ער אריין א גאַנצען רובל. די 12½ רובל, מיט וועלכע דער קאַפּיטאַליסט האָט געקויפט די אַרבעטס קראַפט אויף 25 טעג, שטעלען מיט זיך פאָר 125 שעה, און דער סכום לעבעדיגע אַרבעט, וואָס איז אריינגעטאָן געוואָרען אין די 25 טעג, איז — 250 שעה. דער אַרבעטער האָט דאָ אָפּגעאַרבעט, ניט נאָר וויפיל עס קאָסט אויסצוהאַלטען אים, נאָר ער האָט נאָך באַשאַפען א נייעם ווערט פון 125 שעה, צו 5 שעה א טאָג. אָט דער נייער ווערט הייסט "מער־ווערט"; פון דאַנען נעמט זיך עס דעם קאַפּיטאַליסטס פּראָפיט.

די ערשטע 5 שעה אין טאָג, וואָס דער אַרבעטער גיט אויס זיין ענערגיע, שטעלען מיט זיך פאָר, ווי מען רופט עס, די נ ו י ט וו ע נ־ ד י ג ע אַרבעטס צייט — די צייט, ווען דער אַרבעטער אַרבעט אָפּ פאַר דעם ווערט פון זיין אַרבעטס קראַפט. די איבעריגע שעה'ן שטעלען מיט זיך פאָר — צייט פון א י ב ע ר ־ א ר ב ע ט.

הייסט עס, אַז כאָטש אַרבעטס קראַפט איז א סחורה, איז זי

אבער גאר א באַזונדער סאָרט סחורה: דאס פארברויכען זי שאפט א גרעסערען ווערט, איידער זי האט אליין. דער גאנצער צוועק און דער גאנצער זינען פון פראדוקציע פאר'ן קאפּיטאליסט באַשטעהט אין דעם, וואס האבענדיג זיין אייגענס א געוויסען ווערט, פארקער־פערט אין פראדוקציאנס מיטלען, לייגט ער דערצו אריין די ארבעטס קראפט פון געדונגענע ארבעטער, און אויף אזא'ן אופן שאפט ער פאר זיין אייגענעם נוצען א מער־ווערט, וואס קריגט ביים פארקויפען די פארמע פון געלט־פראפיט. פאר דעם קאפּיטאליסט איז דער קאפּיטאל זיינער — א „געברויד־ווערט, וואס וואקסט פון זיך אליין“.

אין דעם ביישפּיל, וואס מיר האבען גענומען, באַטרעפט דער קאפּיטאל, וואס דער קאפּיטאליסט האט אריינגעלייגט אין זיין אונ־טערנעמונג — מאכען א ביקס — 62½ רובל אין געלט, וואס דאס איז גלייך צו 625 שעה „טויטע ארבעט“. פון דעם זיינען די 500 שעה, וואס זיינען פארקערפּערט אין די מאטעריאלען און געצייג, אריין אין דעם אלגעמיינעם ווערט פון דעם פּראדוקט אהן קיין שום ענדע־רונג; זיי זיינען נאר „אויפגעהיט“ געוואָרען אין דעם פּראדוקציאנס פּראצעס, אין דעם באַשאפען אבער פון מער־ווערט באַטייליגען זיי זיך גאר ניט. דאס איז, וואס מע רופט, „דער שטענדיגער טייל פון דעם קאפּיטאל“, אדער, אין קורצען, „ש ט ע נ ד י ג ע ר  ק א פּ י־ ט א ל.“ די איבעריגע 125 שעה, וואס שטעלען מיט זיך פאר דעם ווערט פון דער ארבעטס קראפט, וואס דער קאפּיטאליסט האט גע־קויפט, האבען שוין גאר אנדערע מעלות: ניט נאר ווערען זיי „אויפ־געהיט“ אין דעם פּראצעס פון ארבעט, דעם פּראצעס פון פארברויכען די ארבעטס קראפט, נאר אין דעם אלגעמיינעם ווערט פון דעם פּראָ־דוקט ווערען זיי פארביטען אויף גאנצע 250 שעה „לעבעדיגע אר־בעט“; הייסט עס, זיי קריגען א קוואנטיטאטיווע פאר'ענדערונג (אין צאל), פארגרעסערענדיג זיך אויף 125 שעה מער־ווערט. דאס איז דער „פארענדערליכער טייל פון קאפּיטאל“ אדער פ א ר ע נ ד ע ר־ ל י כ ע ר  ק א פּ י ט א ל.

הייסט עס, נאר דער פארענדערליכער קאפּיטאל, פאר וועלכען מען קויפט די ארבעטס קראפט, שאפט אין דער ווירקליכקייט מער־

ווערט; דער שטענדיגער קאַפּיטאַל — דער ווערט פון די פּראָדוקציאָנס מיטלען — האָט ניט אַזאַ מעגליכקייט.

די פאַרהעלטעניש פון דעם מער־ווערט צום פאַרענדערליכען קאַ־פּיטאַל אָדער, וואָס איז דיזעלביגע זאַך — די באַציהונג פון דער צייט פון איבער־אַרבעט צו דער צייט פון נויטווענדיגער אַרבעט — רופט זיך די נאָרמע פון מער־ווערט. אין אונזער פאַל קומט אויס אויף אַ הוצאה פון פאַרענדערליכען קאַפּיטאַל פון 50 קאָפּ. אַ טאָג — 5 שעה איבער־אַרבעט, וואָס באַטרעפט אויך 50 קאָפּ, וועט די נאָרמע פון מער־ווערט זיין 100%. עס איז קלאָר, אַז די נאָרמע פון מער־ווערט קען דינען פאַר אַ מאָס פון דעם נוצען, וואָס דער קאַפּיטאַליסט נעמט ארויס פון דער געקויפטער אַרבעטס קראַפט, פאַר אַ מאָס פון דער עקספּלואַטאַציע. דעריבער וואָלט אויך געווען ריכטיג אַנצורופען זי „די נאָרמע פון עקספּלואַטאַציע".

אין איטלעכער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט שטרעבען די נאָר־מעס פון מער־ווערט אין פאַרשיידענע צווייגען פון פּראָדוקציע און אין פאַרשיידענע אונטערנעמונגען צו זיין דורכשניטליכער גרויס. די אור־זאַך דערפון ליגט אין דער אויסגלייכענדיגער ווירקונג פון קאָנקורענץ. אויב אין אַ גרופּע אונטערנעמונגען איז די נאָרמע פון מער־ווערט העכער איידער אין די אַנדערע, הייבט זיך אַז אַ שטאַרקער אָפּפלוס פון אַרבעטער הענט פון אָט דעם געביט צו אַנדערע אונטערנעמונגען, וואו די עקספּלואַטאַציע איז קלענער. דאָן אָבער ענדערט זיך די באַ־ציהונג פון נאָכפרעג און אָנבאָט פון אַרבעטס קראַפט אין דער ערשטער גרופּע אונטערנעמונגען גינסטיגער פאַר די אַרבעטער, און די אונ־טערנעמער פון אָט דער גרופּע ווערען געצוואונגען צו העכערען דעם לוין אָדער צו פאַרקלענערען די אַרבעטס צייט, מיט איין וואָרט — קלענער מאַכען די נאָרמע פון מער־ווערט. פאַרקערט, אין די איבע־ריגע אונטערנעמונגען ווערט, אַ דאַנק דעם שטאַרקען צופלוס פון אַר־בעטס הענט געענדערט די פאַרהעלטעניש פון די קרעפטען לטובת די באַלעבאַטים, און די נאָרמע פון מער־ווערט ווערט אַ ביסעל געהעכערט. דער רעזולטאַט איז — אַז די אונטערשיידען אין דער גרויס פון דער נאָרמע גלייכען זיך אויס.

# פּאָליטישע עקאָנאָמיע

הייסט עס, דער עצם פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע באַשטעהט אין דעם, וואָס די אַרבעטס קראַפט ווערט אַ סחורה, וואָס דער קאַפּיטאַליסט קויפט זי פאַר זיין פאַרענדערליכען קאַפּיטאַל און פאַרבּרויכט זי אין דער פּראָדוקציע; דערביי רעפּראָדוצירט די אַרבעטס קראַפט איר ווערט און באַשאַפט נאָך מער־ווערט, וואָס איז דער קוואַל פון „פּראָפיט" פאַר'ן קלאַס קאַפּיטאַליסטען.

צווישען עקאָנאָמיסטען איז געווען אַ מיינונג, אַז דער פּראָפיט פון דעם קלאַס קאַפּיטאַליסטען ווערט געשאַפען ניט אין דער פּראָדוקציע, נאָר אין דעם אויסטויש, — ער זאָל כלומר'שט שטאַמען פון דעם, וואָס דער קאַפּיטאַליסט פאַרקויפט די סחורה טייערער פון איר ווערט. למשל, אַ סחורה, וואָס האָט דעם ווערט פון 100 שעה און וואָס דער פּרייז אירער באַטרעפט לפי־ערך 10 רובּל, בייט ער אויס אויף אַ סחורה, וואָס האָט דעם ווערט פון 110 שעה און קאָסט 11 רובּל; אָט האָט ער אַ פּראָפיט פון 1 רובּל. אין דער'אמת'ן קענען אָבער אויף אַזאַ'ן אופן נתעשר ווערען נאָר איינצעלנע מענטשען; די פּראָפיטען פון דעם ק ל אַ ס קאַפּיטאַליסטען קען מען אַזוי ניט דערקלערען. אויב איין קאַפּיטאַליסט האָט פאַר אַ סחורה, וואָס קאָסט 10 רובּל, געקראָגען אַ סחורה פאַר 11 רובּל, האָט דאָך דער אַנדערער, פאַרקערט, אַנשטאָט 11 רובּל געקראָגען נאָר 10, ד.ה. 1 רובּל אָנווער. — ביידע אינאיינעם קריגען זיי ניט קיין פּראָפיט ניט קיין אָנווער, — פאַר דעם אויסטויש האָבען זיי בחברותא געהאַט סחורה פאַר דער סומע פון 21 רובּל, און נאָכ'ן אויסטויש איז געבליבען פּונקט אַזוי פיל, נאָר דער וואָס האָט געהאַט פריהער מער האָט איצטער ווינציגער, און פאַרקערט. ווען מען זאָל זיך אפילו פאָרשטעלען, אַז יעדער פאַרקויפער נאַרט אָפּ דעם קונה דורכאויס מיט נוצען פאַר זיך, וועט דאָך אָבער דעם פאַרקויפער גופא אויך אויסקומען צו זיין אַ קונה מיט דער צייט, הייסט עס וועט מען אים אויך אָפּנאַרען מיט דער צייט.

בכלל, אויב אַחוץ דעם אויסטויש וואָלט ניט געווען קיין אַנדער קוואַל פון פּראָפיט, וואָלט דער קלאַס קאַפּיטאַליסטען ניט געקענט עקזיסטירען.

# א. באגדאנאוו

## ד). די ווירקונג פון די וואקסענדיגע קאפיטאליסטישע אונטערנעמונגען אויף די אפגעשטאנענע פארמעס פון פראדוקציע.

די מאנופאקטורען זיינען אויפגעקומען און האבען זיך אנטוויקעלט צווישען א פארוויקעלטער קאמבינאציע פון פארשיידענארטיגע עקאנאמישע פארמעס. אין דער שטאטישער באארבעטענדיגער אינדוסטריע האט געהערשט די היים־ארבעט פארמע פון קאפיטאליסטישער פראדוקציע, נאר עס זיינען נאך אויך פארבליבען היפשע רעשטען פון דער קליין־בורזשואזער האנטווערקער ארדענונג מיט די קארפאראטיווע ארגאניזאציעס, וואס זיינען פאר איר אייגענטימליך. אין דארף האבען, בנוגע דער צאל, געהערשט נאך די רעשטען פון דער נאטוראל פראדוקציע — קליינע אגראר ווירטשאפטען מיט פארשיידענע געהילפס באשעפטיגונגען; דער האנדעלס קאפיטאל האט געשטרעבט צו פארשפרייטען אויף זיי זיין ארגאניזאטאריש־עקספלואטאטארישע טעטיגקייט; אין א היפשער מאס פלעגט זיך עס אים איינגעבען, אבער ניט אינגאנצען, ווארים עס זיינען אים געשטאנען אין וועג ניט קיין קליינע שטערונגען מצד די פארשיידענע איבערבלייבעכצען פון די פעאדאלע באציהונגען. דער פראצעס פון פאנאנדערפאלונג און פארשווינדונג פון די אפגעשטאנענע פארמעס, וואס האט זיך אנגעהויבען אונטער דער ווירקונג פונ'ם האנדעלס קאפיטאל, איז אונטער דעם איינפלוס פון אינדוסטריעלען קאפיטאל אוועקגעגאנגען א סך שנעלער, דורכברעכענדיג פאר זיך, אחוץ די פריהערדיגע, נאך נייע וועגען.

די מאנופאקטור, אריינטרעטענדיג אין א קאנקורענץ מיט דער קליינער האנטווערקער פראדוקציע, ווייזט זיך ארויס א סך שטארקער פון דער לעצטער און שטויסט זי ארויס. די הויכע פראדוקטיוויטעט פון דער טעכניש צעטיילטער ארבעט אין די מאנופאקטורען האט געפירט צו אזא שטארקער פארקלענערונג פון דעם ווערט און, הייסט עס, אויך פון דעם פרייז פון פראדוקטען, אז דאס האנטווערק איז ניט געווען בכוח אויסצוהאלטען עס. דעריבער איז האנטווערק שנעל אונ־

טערגעגאנגען אין די צווייגען פון באארבעטענדיגער אינדוסטריע, וואס די מאנופאקטור פלעגט פארכאפּען; און די צאל פון אזוינע צווייגען האט געהאלטען אין איין וואקסען.

כדי באטש וויפיל ניט איז איינהאלטען זיך אין דעם ניט גלייכען קאמף, האבען די צעכען מייסטערס געמוזט, אויף וואסער ניט איז אופן, פארגרעסערען די פראדוקטיוויטעט פון דער ארבעט, אדער, לפחות, פארשטארקען די עקספלואטאציע פון ארבעט. א דאנק אט דעם, טרעטען ארויס אין דער עפּאכע פון מאנופאקטורען מיט א באזונדער קראפט די אלע סימנים פון צעפאלונג אין די אלטע האנטווערקער ארגאניזאציעס, וואס האבען זיך אין א קלענערער מאס שוין אנגעזעהען אין דער פריהערדיגער עפּאכע: עס אנטוויקעלט זיך צווישען די מייסטערס א גייסט פון באגרעניצונגען, א שטרעבונג צו שטערען די געזעלען מיט כל המיטלען צו ווערען זעלבשטענדיגע בעל־מלאכות; עס פאלט פאנאנדער דער פריהערדיגער דירעקטער צוזאמענבונד צווישען די מייסטערס און געזעלען; עס הייבט זיך אן א פארביסענער קלאסענקאמף צווישען די ארגאניזאציעס פון די ערשטע און די צווייטע; ענדליך, עס פארקלענערט זיך די פעסטקייט, דער אינערליכער צוזאמענבונד פון די צעכען גופא, וואס עס דריקט זיך אויס אין דער שטרעבונג פון איינצעלנע מייסטערס אויסצודרייען זיך פון די תקנות פון די צעכען, וואס דריקען זיי פערזענליך, און צו עקספלואטירען זייערע חברים — די אנדערע מייסטערס — אויפ'ן שטייגער פון'ם האנדעלס קאפּיטעל. די לעבענס פעהיגקייט פון די צעכען פאלט זעהר שנעל.

לויט דעם אלגעמיינעם כלל פון אלע אפּגעלעבטע פארמעס, האבען די צעכען־ארגאניזאציעס דערביי ניט נאר אנגעווארען זייער געזעלשאפטליכע ניצליכקייט, נאר זיי ווערען אפילו שעדליך, ווי אן אפּהאלט אין דער ווייטערדיגער אנטוויקלונג. האבענדיג בא זיך אין האנט א מאנאפּאליע אויף דער פּראדוקציע און טיילווייז אויך אויפ'ן מארק אין דער מערהייט שטעט, האבען די צעכען שטארק געשטערט דער אנטוויקלונג פון מאנופאקטור. דערווייל האט די מאסע „איבערבאפעלקערונג“ געזוכט וועמען צו פארקויפען איר ארבעטס קראפט, און

# א. באָגדאַנאָוו

די עקזיסטירענדיגע אונטערנעמונגען האָבען זי אינגאַנצען ניט געקענט איינשלינגען. די אינטערעסען פון דעם גרעסטען טייל פון דער געזעלשאַפט האָבען געפאָדערט די ווייטערדיגע אַנטוויקלונג פון מאַנופאַקטורען; און צוליב דעם איז נויטיג געווען פרייהייט פון קאַפיטאַל, די שטערונגען און פריווילעגיעס פון די צעכען זאָלען אָפּגעשאַפט ווערען.

פאַרטיידיגענדיג זייערע שמאָלע אינטערעסען, האָבען זיך די צעכען באַצויגען מיט דער גרעסטער שנאה צום טעכנישען פּראָגרעס, וואָס האָט געזאָלט ברענגען אַ טויט אויף די קליינע פּראָדוצירער. באַנוצענדיג זיך מיט זייער געזעלשאַפטליכער באַדייטונג, מיט זייער איינפלוס אויף מלוכה, פלעגען די צעכען מיט אַלע כוחות ניט דערלאָזען איינפירען אין דער געזעלשאַפטליכער טעכניק קיין נייע דערפינדונגען. דערביי פלעגען זיי אָפט דערגרייכען, אַז אַט די דערפינדונגען פלעגען פאַרלאָרען געהן אינאיינעם מיט זייערע דערפינדער. אין אַזעלכע פאַקטען פלעגט זיך מיט אַ באַזונדער דייטליכקייט אַרויסווייזען די רעאַקציאָנערע ראָלע פון די אַלטע אָרגאַניזאַציעס.

אויף אַזאַ'ן אופן האָט זיך ביסלעכווייז פאַרשפּרייט און איינגעוואָרצעלט אין די מוחות פון די וואַקסענדיגע אינדוסטריעלע קלאַסען, דער בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט, דער געדאַנק, אַז מען מוז פּטור ווערען פון דער צעכען אָרדענונג. די טעטיגקייט פון דעם שטאַט האָט זיך אַלץ מער געווענדט אַנקעגען די אָפּגעלעבטע אָרגאַניזאַציעס.

פאַרלירענדיג זייער געזעלשאַפטליכע באַדייטונג, האָבען די צעכען אָנגעהויבען פאַנאַנדערצופאַלען אויך פאָרמאַל. קודם כל האָבען זיי אָנגעוואָרען זייער פריהערדיגע זעלבשטענדיגקייט. די קעניגליכע מאַכט האָט צוגענומען פאַר זיך דאָס רעכט צו געבען דעם טיטעל מייסטער, און האָט זיך גאַנץ שטאַרק באַנוצט מיט'ן דאָזיגען רעכט כדי צו פאַרגרעסערען די הכנסות פון מלוכה. דאָס אַרויסגעבען פּאַטענטען אויפ'ן טיטעל מייסטער האָט געעפענט אַ פרייע פעלד פאַר ווילקיר: די פּאַטענטען, וואָס איין קעניג האָט אַרויסגעגעבען, פלעגט דער צווייטער דערקלערען פאַר ניט גילטיג, איבער דעם פּראָסטען טעם, וואָס ער האָט אויך געדאַרפט האָבען געלט. ניט זעלטען פלעגט מען אָנשטאָט אַזאַ

פאטענט פארקויפען. ווי עס איז שוין געוועזן אנגעוויזען, פריווילעגיעס אויף אויסצודרייען זיך פון די צעכען באגרעניצונגען; אפטער פון אלץ פלעגט זיך פראקטיקירען ביידע זאכען אינאיינעם.

אזא באציהונג פונ'ם שטאט צו די צעכען האט פארשנעלערט זייער מפלה אין ענגלאנד, וואו זיי זיינען פארשוואונדען פריהער איידער אין אנדערע לענדער. אין דייטשלאנד האבען זיי זיך איינגעהאלטען ביז'ן אנהייב 19-טען יארהונדערט. אין פראנקרייך איז די צעכען ארדענונג אפגעשאפט געווארען מיט איין מאל, אויף א רעוואלוציאנערען אופן, אין 1789 יאר. נאר אויך דארטען האבען זיי זיך צו יענער צייט קיום געהאלטען. דערשטיקט דורך דער קאנקורענץ פון די מאנופאקטורען און דער הויזליכער פארמע פון קאפיטאליסטישער פראדוקציע.

אין דער צייט פון לייב-אייגענטום און אין אנהייב פון דעם קאפיטאליסטישען פעריאד זיינען נאך צווישען דער פויערשער באפעלקערונג געווען שטארק פארשפרייט אומעטום זייטיגע מלאכות. א באזונדער וויכטיגע ראלע האט דערביי געשפילט די פראדוקציע פון קליידער — שפינען, וועבען, נייען; און נאכדעם די פראדוקציע פון כלים, וואס מען מוז האבען אין באלעבאטישקייט.

די פראדוקטען פון אט די זייטיגע מלאכות פלעגען די פראדוצירער טיילווייז פארברויכען אין דער אייגענער באלעבאטישקייט, און טיילווייז פארקויפען. מיט דער אנטוויקלונג פון געלט-באציהונגען, ווען די פויערשע פליכט-דינסטען, אפצאלען און צינזען זיינען פון נאטוראלע פארוואנדעלט געווארען אין א געלט פארמע, און דערהויפט ווען עס טרעט ארויס אויפ'ן סצענע דער האנדעלס קאפיטאל, הייבט אן די פראדוקציע פאר'ן פארקויף צו הערשען אין די זייטיגע מלאכות איבער דער פראדוקציע פאר'ן געברויך. דערביי ווערט די ארגאניזאציע פון די געהילפס-באשעפטיגונגען אפהיינגיג פון מארק, און זי קריגט די פארמע פון הויזליכער קאפיטאליסטישער אינדוסטריע.

דער איבערגאנג צו מאנופאקטור איז אין אט דעם געביט פארגעקומען גאנץ לאנגזאם. די מאנופאקטור גופא אין דארף טראגט נאך מערסטענטיילס, א לאנגע צייט די שפורען פון דעם „געהילפס" כאראק-

טער פון יענע באשעפטיגונגען, פון וועלכע זי איז ארויסגעקומען: די ארבעטער אירע זיינען ניט דורכאויס אירע — זומער צייט קערען זיי זיך אום צו זייער פעלד ארבעט, און די מאנופאקטור בלייבט שטעהן טיילווייז אדער אינגאנצען ליידיג. ניט זעלטען פירט די אלגעמיינע עקאנאמישע אפגעשטאנענקייט אין דארף דערצו, אז די מאנופאקטור זאל זיך פאנאנדערפאלען: דער אונטערנעמער געפינט אויס, אז עס לוינט זיך אים בעסער, די פויערים זאלען טאן די ארבעט בא זיך אין דער היים, פארנעמענדיג זיך דערמיט ווי מיט א געהילפס פרנסה. די מעשה איז, וואס בא דעם נידעריגען צושטאנד פון דעם פויערס באדערפענישען, און בא דער קליינער באדייטונג, וואס דער פארדינסט מן הצד האט פאר אים, ווי פאר אן ערד־ארבעטער, קען מען די פראדוקטען פון דער היימישער פראדוקציע פארקויפען זעהר ביליג, ניט קוקענדיג אויף דער אפגעשטאנענער טעכניקע.

פונדעסטוועגען, איז אט אזא פאנאנדערפאלען פון דער מאנופאקטור, דאס וואס זי ווערט צעברעקעלט, וואס דער אינדוסטריעלער קאפיטאל ווערט צוריק פארוואנדעלט אין האנדעלס קאפיטאל, ניט מער ווי אן איבערגעהענדיגע זאך, וואס פארשווינדט מיט'ן ווייטערדיגען פראגרעס פון דער טעכניקע. די אנטוויקלונג פון גרויסע אונטערנעמונגען מיט א הויכער פראדוקטיוויטעט פון ארבעט דריקט אראפ די פרייזען אזוי שטארק, אז זיי באפרידיגען שוין מער ניט פאר דער ארבעט פון דעם פויער און זיין געזינד. נאכדעם ווערט באשריינקט אויך די פראדוקציע פאר'ן אייגענעם געברויך. די מאנופאקטור באשאפט א שטארקען נאכפרעג אויף רויע מאטעריאלען, און דער פויער זעהט איין, אז עס לוינט זיך אים בעסער צו פארקויפען זיי, איידער צו באארבעטען. דערצו קומט פאר גאנץ אפט, אז די פיינערע פראדוקטען פון די גרויס־קאפיטאליסטישע אונטערנעמונגען, וואס זיינען נאך דערצו אזוי ביליג, מאכען אז דער פויער זאל האבען צו זיי מער חושק, איידער צו די פראדוקטען פון זיין אייגענער ארבעט.

אזוי קומט פאר, מיט'ן פראגרעס פון דער טעכניקע אין דער גרויס־פראדוקציע, די אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפטליכער ארבעטס צע־טיילונג: ערד־ארבעט טיילט זיך אפ פון דער באארבעטענדיגער אינ־

דוסטריע, דער פּויער אדער ער געהט אוועק אין דער מאַנופאַקטור, אדער ער באַשריינקט זיך מיט ערד־אַרבעט.

דערביי פּאַרלירט די קליינע לאַנדווירטשאַפט אַ טייל פון איר פּעסטקייט, אַנווערענדיג די שטיצע וואָס זי פלעגט פריהער האָבען אין די זייטיגע פּרנסות, און די קראַפט פון ווידערשטאַנד אַנקעגען די נייע וואַקסענדיגע עקאָנאָמישע פאָרמעס ווערט אָפּגעשוואַכט.

אָט דאָס איז די גרונט טענדענץ אין דער אַנטוויקלונג פון דעם אינדוסטריעלען קאַפּיטאַל. אין דער מאַנופאַקטור עפּאָכע, דעם ערש־טען שטאַפּעל פון אינדוסטריעלען קאַפּיטאַליזם, ווייזט זי זיך נאָך אַרוים לפי־ערך שוואַך; טיילווייז ווערט זי אינגאַנצען פאַרמאַסקירט דורך דעם, וואָס אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מאַנופאַקטור קומען־אויף אייניגע נייע און עס אַנטוויקלען זיך אייניגע פון די פריהערדיגע גע־הילפס פּרנסות: צושטעלען מאַטעריאַלען פאַר די מאַנופאַקטורען ווערט אַ גוט געשעפט, און די פּויערים, טיילווייז זעלבשטענדיג, טייל־ווייז מיט דער הילף פון אונטערנעמער קאַפּיטאַליסטען, נעמען אויף זיך צו פּראָדוצירען אָט די מאַטעריאַלען, אויב נאָר די טעכניק פון דער זאַך דערלאָזט עס.

אין ערד־אַרבעט אַנטוויקעלט זיך דער קאַפּיטאַליזם, בכלל, ניט אַזוי שנעל און ניט מיט אַזאַ דערפאָלג, ווי אין דער באַאַרבעטענדיגער אינדוסטריע.

די טעכניק פון לאַנד ווירטשאַפט דערלאָזט ניט אַזאַ ברייטע אַרבעטס צעטיילונג, ווי מען קען דאָס זעהן אין די מאַנופאַקטורען. איז, למשל, מעגליך צו צעטיילען אויף באַשטאַנד־טיילען אַזאַ מין אַר־בעט, ווי אַקערען? דערצו ווערען נאָך די פאַרשיידענע מלאכות אין ערד־אַרבעט געטאָן אין פאַרשיידענע צייטען, און דאָס מאַכט נאָך קלענער די באַדייטונג פון דער טעכנישער אַרבעט־צעטיילונג אויף אָט דעם געביט.

דעריבער, איז אַפילו אין דער מאַנופאַקטור עפּאָכע פאַראַן אַ קנאַפּער אונטערשייד אין דער פּראָדוקטיוויטעט פון אַרבעט צווישען דער גרויסער פּראָדוקציע און דער קליינער, אַזוי אַז די לעצטע קען גאַנץ גוט אויסהאַלטען די קאָנקורענץ.

איבעריגענס. די גרויסע אגראר אונטערנעמונגען פארמאגען שוין גאר פון אנהייב געוויסע טעכנישע מעלות, דערהויפט אין דעם ענין פון צושטעלען די פראדוקציאנס מיטלען פון מארק און די פראדוקטען צום מארק. נאטירליך, די טעכניקע אנטוויקעלט זיך אויך שנעלער אין די גרויסע אונטערנעמונגען. און דאך האלט זיך נאך די קליינע ווירטשאפט אויף גאנץ לאנג אין דער קאנקורענץ מיט דער גרויסער. דאס וואס עס פעלט אים אין טעכניקע, זעהט דער קליינער ערד־ארבעטער אנצוזאגען דורך מער אנגעשטריינגטע ארבעט. אין דעם באשטעהט דער הויפט חסרון פון אזא ווירטשאפט. נאר אויסברייגענדיג א געוואלדיגע מאסע ארבעטס־ענערגיע, גיט זיך איין דעם קליינעם ערד־ארבעטער איינצוהאלטען זיך אין דער קאנקורענץ, אזוי אז אין אלגעמיין ווערט זיין ארבעט שלעכט באלוינט.

דער גרעניץ פון לעבען פאר דער קליינער פויער׳שער באלעבאטישקייט ליגט ווייטער פון דער מאנופאקטור עפאכע, נאר איר „לעבענס־פעהיגקייט“ הייבט שוין דאן אן כסדר צו פאלען.

ה). האנדעלס קאפיטאל און אינדוסטריעלער קאפיטאל.

אז פון דעם האנדעלס קאפיטאל הייבט זיך אן ביסלעכווייז אויסטיילען אינדוסטריעלער קאפיטאל, ווערט פארשמעלערט דער געזעלשאפטליכער קרייז, וואו דער האנדעלס קאפיטאל שפילט א ראלע. ער ווערט אן זיין דירעקטע ארגאניזאטארשע באדייטונג אין דער פראדוקציע, ווארים אט די פונקציע זיינע געהט איבער צום אינדוסטריעלען קאפיטאל.

אויך פאר דעם אינדוסטריעלען קאפיטאל שפילט דער האנדעלס קאפיטאל די ראלע פון א פארמיטלער ביים אויפקויפען די פראדוקציאנס מיטלען און ביים פארקויפען די סחורות, נאר פון דעם קומט ניט ארויס, בדרך כלל גערעדט, אז די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען זאלען ווערען אונטערגעווארפען צו די האנדעלס אונטערנעמונגען, ווי מען זעהט עס בא די קליינע אונטערנעמונגען אין דער הויזליך־קאפיטאליסטישער סיסטעמע. די פארהעלטעניש פון די כוחות איז דא אן

אנדערע: ווען דער האנדעלס קאפּיטאליסט פּרואווט ארויסגעהן פון דער אונטערגעוואָרפענער ראָלע פון א פּאַרמיטלער און מאַרנעמען א געפריווילעגירטע לאגע, ד.ה. אראפּדריקען אהן א שיעור דעם פּרייז פון סחורה און עקספּלואַטירען דעם אינדוסטריעלען קאפּיטאליסט, וועט דער לעצטער בעסער גאר אויסקומען אהן זיינע טובות, און וועט אליין פארבינדען דירעקטע באציהונגען מיט'ן מארק.

פונדעסטוועגען, קומט פאר אזא פארשמעלערונג אין די פונקציעס פון האנדעלס קאפּיטאל נאר אויף אזוי פיל, אויף וויפיל עס אנטוויקעלט זיך די מאנופאקטור; און די לעצטע פארנעמט נאך א לאנגע צייט — אין ענגלאנד ביז אנהייב 18־טען יארהונדערט, אין דייטשלאנד נאך שפּעטער — א גאנץ באשיידענעם ארט בנוגע איר פארשפּרייטקייט אין פארגלייך מיט דער היים־ארבעט פארמע פון קאפּיטאליסטישער פּראדוקציע.

דאס איז נאך ניט גאר, אין א סך פאלען מאכט גראד די אנטוויקלונג פון דער מאנופאקטור א וועג פאר דער הויזליך־קאפּיטאליסטישער סיסטעמע: די קאנקורענץ פון די מאנופאקטורען שוואכט אפּ דעם זעלבשטענדיגען קליינעם פּראדוצירער, און ווארפט אים אריין גלייך אין די הענט צום האנדעלס קאפּיטאליסט און פּראצענטניק.

ווייטער, דער מאנופאקטור אונטערנעמער איז אפט אליין אן אויפקויפער בא די קליינע פּראדוצירער, וואס שטעלען אים צו פּראדוקציאנס מאטעריאלען. אמאל מאכט מען אין דער מאנופאקטור גופא ניט די גאנצע ארבעט פון דער פּראדוקציע, און געוויסע טיילען גיט מען איבער צו די קליינע פּראדוצירער, וואס ארבעטען אין דער היים — האבען מיר ווידער טאקע די הויזליכע סיסטעמע פון קאפּיטאליסטישער פּראדוקציע.

בכלל, אין די טריט פון די העכערע פארמעס פון קאפּיטאליזם און אונטער זייער איינפלוס אנטוויקלען זיך געוויינטליך נידעריגערע פארמעס, וואס דארפען מיט דער צייט, אין זייער ווייטערדיגער אנטוויקלונג, אויך אריבערגעהן אין העכערע.

וואס איז שייך, וואס די פארמעס פון קאפּיטאל ספּעציאליזירען זיך ביסלעכווייז — דער אינדוסטריעלער קאפּיטאל טיילט זיך אפּ פון

דעם האַנדעלס קאַפּיטאַל, עס טיילט זיך אויך אויס דער קרעדיט קאַ־פּיטאַל — איז דאָס ניט מער ווי אַן איינצעל פאַל אין דער אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטס צעטיילונג צווישען די אונטערנעמונגען אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

### 3). די מיטלען פון געזעלשאַפטליכער פאַרטיילונג פון פּראָדוקטען אין דער מאַנופאַקטור עפּאָכע.

דאָס פונדאַמענטאַלע און כמעט אַלגעמיינע מיטעל פון פאַרטיי־לונג פון פּראָדוקטען אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט איז דער א ו י ס ט ו י ש, די ניט געאָרגאַניזירטע פאַרטיילונג דורכ'ן מאַרק. אין דעם פּראָצעס פון אויסטויש קריגט איטלעכער געזעלשאַפטליכער קלאַס און יעדער באַזונדער מיטגליד פון קלאַס זיין חלק פון דעם גע־זעלשאַפטליכען פּראָדוקט. די דירעקטע פאַרטיילונג בלייבט געוויינט־ליך איבער נאָר אינוויינינג אין דער פאַמיליע באַלעבאַטישקייט.

אינאיינעם מיט דער באַדייטענדיגער אַנטוויקלונג פון אויסטויש געהט דער פּראָגרעס פון דעם געלט פאַרקער. אין דער קאַפּיטאַליס־טישער פּראָדוקציע איז געלט אַ נויטווענדיגער באַוועגער; אָהן געלט איז אַט די פּראָדוקציע ניט מעגליך. פאַר געלט קויפט זיך דער קאַ־פּיטאַליסט פּראָדוקציאָנס מיטלען און אַרבעטס קראַפט. פון דער גע־גענזייטיגער ווירקונג פון אַט די פּראָדוקציאָנס עלעמענטען באַקומט זיך אַ פּראָדוקט, דאַרף מען אים ווידער טאַקע פאַרקויפען פאַר געלט. פאַר די אויסגעלייזטע געלט אָדער פאַר אַ טייל פון אַט דעם געלט קויפט מען ווייטער אַרבעטס קראַפט, אינסטרומענטען, מאַטעריאַלען, די סחורה פאַרקויפט מען ווידער א. אז. וו. נאָכדעם געהט די סחורה איבער פון האַנט צו האַנט ביז זי דערגרייכט צום געברויכער אַלץ טאַקע מיט דער הילף פון געלט.

אויף אַזאַ'ן אופן זעהען מיר, אַז פאַר דעם נאָרמאַלען גאַנג פון דעם קאַפּיטאַליסטישען לעבען איז העכסט וויכטיג, אַז דער געלט פאַר־קער זאָל פאַרקומען רעגעלמעסיג און אָהן שטערונגען, אַז דער אַנבאָט

פון געלט זאָל אַלעמאָל שטימען מיט'ן נאָכפרעג. ווי אַזוי ווערט עס דערגרייכט ?

ווי עס איז שוין געווען אַנגעוויזען, איז געלט אַזאַ מין פאַרמיע פון ווערט, וואָס מען קען דאָס א פ ש פ אַ ר ע ן אויף אַן אומבאַשטימטער צייט און אַ נ ק ל י י ב ע ן אין אַן אומבאַגרעניצטער צאָל. ווי עס איז געווען אַנגעוויזען, רופט געלט אַרויס די שטרעבונג אי אָפצושפּאָרען אי אָנצוזאַמלען עס אָהן אַ שיעור. דער רעזולטאַט איז, אַז די אַלגעמיינע סומע געלט אין אַ לאַנד מיט אַן אויסטויש ווירטשאַפט איז כמעט אַלעמאָל העכער פאַר דעם סכום, וואָס איז דירעקט נויטיג צוליב דעם פאַרקער. דער גאַנצער עודף געפינט זיך אויסער דעם פאַרקער קרייז — אין די קעשענעס, קאַסטענס און קעלערס פון די באַלעבאַטים — און שפּילט די ראָלע פון אַ ג ע ל ט א ו צ ר.

טאַקע דערפאַר, וואָס עס איז פאַראַן אַזאַ'ן אוצר, קען דער אָנבאַט אויפ'ן געלט מאַרק, באַ געוויינטליכע באַדינגונגען, לייכט און שנעל צופּאַסען זיך צום נאָכפרעג.

דער נאָכפרעג אויף געלט ווערט באַשטימט דורך דעם סכום באַדינגונגען פון אויסטויש און קרעדיט. ווי די גרויס איז דער נאָכפרעג פאַר אַ געוויסען פעריאָד צייט, קען מען דערוויסען, ווי עס איז שוין דערוויזען געוואָרען, אויף אַזאַ'ן אופן: צו דעם סך־הכל פון דעם ווערט פון די סחורות, וואָס ווערען פאַרקויפט פאַר מזומן, לייגט מען צו די סומע פון אַלע טערמין־צאָלונגען, וואָס פאַלען אויס אין דעם געגעבענעם פעריאָד, אַחוץ יענע וואָס דעקען איינס דאָס אַנדערע, און דעם רעזולטאַט טיילט מען אויף דער דורכשניטליכער צאָל מאָל פון דער געלט צירקולאַציע. הייסט עס, אַז די ענדערונגען פון דעם נאָכפרעג אויף געלט זיינען אָפּהייגיג: אָדער פון אַן ענדערונג אין דער צאָל און די פרייזען פון די סחורות, אָדער פון ענדערונגען אין דער מאָס און דער טעכניקע פון קרעדיט, אָדער פון ענדערונגען אין דער שנעלקייט פון דער געלט צירקולאַציע.

לאָמיר זאָגען, אַז פאַר אַ משך פון 1 וואָך צייט האָט דער סכום סחורות, וואָס מען פאַרקויפט אויפ'ן מאַרק פאַר מזומן, אָנגעטראָפען 1 מיליאָן רובל; די סומע טערמין־צאָלונגען מינוס יענע, וואָס דעקען

איינע די אנדערע, טרעפט אז ½ מיליאן; דאס געלט קערעוועט זיך אין דורכשניט 1 מאל. דאן וועט דער ציפער פון דעם געלט נאכפרעג זיין 1.500.000 רובל. אויף דער צווייטער וואך איז דער סך־הכל פון די סחורות, — א דאנק דעם וואס די צאל סחורות האט זיך פאר־גרעסערט אדער די פרייזען האבען זיך געהויבען, — אויסגעוואקסען ביז 1½ מיליאן רובל, בעת די איבעריגע באדינגונגען זיינען געבליבען אומגעענדערט. דעם איבעריגען ½ מיליאן רובל מוזען די קונים פון דער סחורה ארויסנעמען פון זייערע קאסטענס און באצאלען די פאר־קויפער, — אנדערש קען מען די סחורה ניט קויפען. דער אנבאט פון געלט, ד.ה. די סומע געלט אין פארקער, ווערט אויף אזא'ן אופן גרעסער אויף א ½ מיליאן, און דער געלט אוצר ווערט פונקט אויף אזא סומע פארקלענערט. פארקערט, ווען דער סך־הכל, וואס די סחורות באטרעפען, וואלט זיך ניט פארגרעסערט, נאר קלענער געווארען, דאן וואלט א טייל פון דעם געלט, אנשטאט צו געהן אויף באצאלען פאר די סחורות, געבליבען אין די קעשענעס פון די אייגענטימער, און וואלט פארגרעסערט דעם געלט אוצר.

אזוי איז אויך, ווען די סומע טערמין־צאלונגען שטייגט אדער פאלט. דערביי שפילט א גרויסע ראלע די טעכניקע פון קרעדיט: אויב עס איז ניטא קיין קרעדיט אנטשטאלטען, וואו מען גלייכט אויס און מען טראגט אריבער די חובות פון פארשיידענע אונטערנעמונגען, דאן פאר־דערט זיך פאר דעם קרעדיט מארק מער געלט; עס קומט אויס צו באצאלען מיט געלט טיילווייז אויך פאר אזעלכע חובות, וואס ווען מען זאל פון זיי געוווען וויסען גלייכצייטיג און מען וואלט זיי פארגליכען צווישען זיך, וואלטען זיי גאר איינע די אנדערע געדעקט; דער סך־הכל פון אזעלכע חובות פארגרעסערט די צאל געלט אין פארקער, אנ־שטאט צו לאזען עס אין דעם אוצר.

לאמיר זיך איצטער משער זיין, אז דער סך־הכל פון דעם ווערט פון די סחורות בלייבט אומגעענדערט — 1 מיליאן, די סומע טערמין־צאלונגען בלייבט אויך אומגעענדערט — ½ מיליאן, נאר די דורכ־שניטליכע צאל מאל, וואס דאס געלט קערעוועט זיך, האט געשטיגען פון 1 אויף 2: סחורות און געלט צירקולירען שנעלער. דאן קערט

זיך איין דער מאַרק אויסצונוצען דיזעלביגע סומע געלט צוויי מאָל אַנשטאַט איין מאָל; דער קאַפּיטאַליסט, למשל, באַווייזט צו קויפען פאַר זיינע 1.000 רובל פּראָדוקציאָנס מיטלען, נאָכדעם אויסצולייזען עס פון דעם פאַרקויף פון זיינע סחורות, און ווידעראַמאָל קויפען פּראָדוקציאָנס מיטלען, ד.ה. אַז ער באַגעהט זיך מיט 1.000 רובל אַנשטאַט 2.000. דער גאַנצער געלט מאַרק פאַדערט שוין, הייסט עס, נאָר 750.000 ריבל אַנשטאַט פריהערדיגע 1.500.000; די איבעריגע 750.000 רובל בלייבען אין די קעשענעס פון זייערע באַלעבאַטים און פאַרגרעסערען מיט זיך דעם אוצר. ווען די שנעלקייט פון דער ציר־קולאַציע פון סחורות און געלט פאַרקלענערט זיך, קומט פאַר אַ פאַרקערטע דערשיינונג, און אַ טייל פון דעם אוצר געהט אַריבער אין דעם פאַרקער קרייז.

אויף אַזאַ'ן אופן שטעלט זיך איין, באַ אַ נאָרמאַלען, געוויינטליכען גאַנג פון די געשעפטען, אַ רעגעלמעסיגקייט צווישען דעם נאָכפרעג און אָנבאָט פון געלט. דער אוצר שפּילט די ראָלע פון אַ רעזערוו, פון וואַנען געלט שטראָמט צו, ווען עס איז נויטיג, צום פאַרקער געביט, און וואוהין עס שטראָמט אַוועק, פאַרקערט, ווען עס איז איבעריג.

מיט דער אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט איז די סומע געלט, וואָס צירקולירט אויפ'ן מאַרק, געוואַקסען אַ סך שנעלער, איידער דער אוצר; נאָר דער אוצר האָט זיך אויך געמוזט פאַרגרעסערען, אַניט וואָלט ער מיט דער צייט שוין געוואָרען ניט גענוג גרויס, כדי צו רעגולירען דעם געוואַלדיגען געלט מאַרק אין זיינע ענדערונגען. די פּראָדוקציע פון געלט האָט נויטווענדיג געמוזט וואַקסען. און טאַקע אין דער'אמת'ן, שוין גאָר די ערשטע שריט פון דעם קאַפּיטאַליזם אין אייראָפּע האָבען זיך אויסגעצייכענט מיט אַן אויסערגעוויינטליכען אַריינפיר פון איידעלע מעטאַלען פון די ניי אַנטדעקטע לענדער, דערהויפּט פון אַמעריקע. די באַדייטונג פון אַט דעם געלט צופלוס איז, איבעריגענס, אַפגעשוואַכט געוואָרען אין אַ געוויסער מאָס דורך דעם, וואָס דער ווערט פון געלט און, הייסט עס, אויך זיין קויפקראַפט איז געפאַלען אין פאַרגלייך מיט'ן מיטעלאַלטער. פאַרגעקומען

## א. באַנדאַנאָוו

איז עס איבער דעם, וואָס צו קריגען די געלט מעטאַלען איז געוואָרען א סך לייכטער איידער פריהער, דעריבער איז דער סכום געזעלשאַפט־ליכע אַרבעטס־ענערגיע, וואָס איז פאַרקערפּערט אין אַ געוויסער סומע געלט, געוואָרען באַדייטענדיג קלענער.

מיט דעם וואָס אין פאַרקער האָט מען אַריינגעשליידערט א מאַסע איידעלע מעטאַלען האָט זיך נאָך די זאַך ניט געענדיגט. דער נאָכפרעג אויף געלט איז געוואַקסען מיט אַן אומגעהייערער שנעלקייט, און מיט דער צייט האָט ער אַרויסגערופען די באַנוצונג, אַחוץ פון מעטאַל געלט, אויך פון פּ אַ פּ י ר געלט.

די געשיכטע, ווי אַזוי דאָס פּאַפּיר געלט איז אַנטשטאַנען, איז אין די הויפּט שטריכען אַזאַ. זינט די מלוכה האָט גענומען אויף זיך דעם קאָנטראָל פון געלט פאַרקער, איז שוין מער ניט נויטיג געווען איטלעכעס מאָל איבערצואָוועגען דאָס געלט ביים שליסען אַן אויסטויש געשעפט. מלוכה גרייט צו פון די געלט מעטאַלען שטיקער פון אַ באַ־שטימטער וואָג, אַ געוויסער פאָרמע און אַ געוויסען ווערט — מטבעות. די מטבעות נעמט מען אַן ניט צואָוועגענדיג זיי, וואָרים מלוכה איז ערב פאַר דער וואָג און איז שטענדיג גרייט צוצונעמען זיי לויט דעם ווערט, וואָס איז אויף זיי אָנגעשריבען.

די מטבעות רייבען זיך אָפּ אין פאַרקער, פאַרלירען די וואָג זיי־ערע, איבערגעהענדיג פון האַנט צו האַנט, און דאָך האַלטען זיי אַן אַלץ דיזעלביגע קויף־קראַפט, וואָס שטעהט אויף זיי אָנגעשריבען, וואָרים מלוכה זאָגט זיך ניט אָפּ איבערצובייטען אַן אָפּגעריבענע מטבע אויף אַ פול־וואַגיגער. ווען איינער איז זיכער, אַז מלוכה וועט אים אַלעמאָל פאַרבייטען אויף אַ פול־וואַגיגער די אָפּגעריבענע מטבע, וואָס מען שלאָגט אים פאַר, וועט ער זי צונעמען, ווען זי זאָל שוין אפילו כמעט גאָר קיין וואָג ניט האָבען. פון דאַנען איז שוין נאָר איין שריט צו פּאַפּיר געלט.

מלוכה לאָזט אַרויס פּאַפּיר צייכענס, פאַר וועלכע זי גאַראַנטירט, און וואָס אַלע נעמען זיי אַן ווי מטבעות, מחמת מען האָט צוטרוי צו מלוכה. אַ פּאַפּיר צייכען — דאָס איז, אַזוי צו זאָגען, אַ מטבע, וואָס

## פּאָליטישע עקאָנאָמיע

האָט זיך אָפּגעריבען אויף אַזוי פיל, אַז מער ווי דער נאָמען איז איר ניט געבליבען.

לכתחילה לאָזט מלוכה אַרויס נאָר ט ו י ש געלט פּאַפּירענע. ד.ה. אַזעלכע וואָס זי איז זיך מתחייב איבערצובייטען בּאַ דער ערש־טער פאָדערונג אויף איידעלע מעטאַלען, לויט דעם ווערט, וואָס עס שטעהט אויף זיי אָנגעשריבען. טויש געלט האָט אַלעמאָל פּונקט אַזאַ אָפּגאַנג ווי מעטאַל געלט. ניט האָבענדיג אַליין כמעט קיין שום ווערט, האָבען זיי אַ געבּרויך־ווערט ביים אויסטויש, פאַרשטעלענדיג מיט זיך אַ מין צייגעניש אויף צו קריגען אַ באַשטימטען סכום געזעלשאַפטליכע אַרבעטס־ענערגיע, וואָס איז פאַרקערפּערט אין געלט מעטאַלען.

נאָר ווען מלוכה לאָזט אַרויס פּאַפּירענע טויש געלט, האָט זי דערביי אין זינען ניט אַזוי די באַדערפעניסען פון צירקולאַציע, ווי אירע אייגענע באַדערפעניסען. פּאַפּיר געלט איז פאַר מלוכה אַ גאַנץ באַקוועמע פאָרמע פון אַן אָהן־פּראָצענטיגער הלואה: מע דרוקט אָפּ געלט און נאָכדעם צאָלט מען דערמיט פאַר אַלץ וואָס מען קויפט פאַר מלוכה, פאַר מלוכה דינסט א. אַז. וו. און אַזוי ווי מיט'ן גאַנג פון דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג וואַקסען די מלוכה באַדערפעניסען, איז גאָר קיין וואונדער ניט, אַז ביסלעכווייז לאָזט מען אַרויס אַזוי פיל פּאַפּירלעך, אַז די צאָל זייערע שטייגט ווייט אַריבער דעם נאָכפרעג אויפ'ן געלט מאַרק. דאַן הייבט מען אָן פאַרצושטעלען די איבעריגע פּאַפּירלעך מאַסענווייז צום אויסבייט אויף גאָלד; ווי אַן „אוצר“, איז גילדערנע געלט אַ סך אַ זיכערערע עשירות איידער פּאַפּירענע, וואָס קאָנען פאַרלירען זייער ווערט, ווען מלוכה זאָל באַנקראָטירען. די מלוכה קאַסעס בייטען לכתחילה אויס די פּאַפּירלעך; נאָר נאָכדעם, ווען פאַר דער רעגירונג ווערט אויף אַזאַ'ן אופן קלאָר, אַז איר אָהן־פּראָצענטיגע הלואה גיט זיך ניט איין, שטעלט זי אָפּ דעם פרייען אויסבייט — די טויש־פּאַפּירלאַך ווערען פאַרוואַנדעלט אין א ו מ־ט ו י ש ב א ר ע.

מיט'ן כוח פון געזעץ צווינגט די מלוכה די בירגער אָנצונעמען די אומטוישבאַרע פּאַפּירענע געלט, און אַליין נעמט זי זיי אויך צו ביים איינצאָלען צינזען, אָפּצאָלען א. ד. גל.

# א. באַנדראַנאָוו

אינאיינעם מיט די אומטוישבארע פּאפּירלאַך האלט זיך דאָס גאָלד ניט אײַן אין פאַרקער: עס ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַן אוצר, אָדער עס געהט אוועק אין אויסלאַנד צו באַצאָלען פאַר אַרײַנגעפירטע סחורות. אין דעם קרייז פון׳ם היימישען פאַרקער בלייבט איבער נאָר פּאפּיר געלט, נאָר געוויינטליך איז פון דעם מין פאַראַן צו פיל — מער, איידער מען דאַרף. אַרויסגעהן פון פאַרקער איז פאַר די פּאפּירלאַך גאַנץ שווער: אין אויסלאַנד נעמט מען זיי ניט צו, און אַן אוצר איז דאָס אַ גאַנץ צווייפעלהאַפטער, ניט קיין זיכערער. טאָ וואָס זשע קומט אַרויס?

לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז דער פאַקטישער נאָכפרעג אויף׳ן געלט מאַרק אין ערגעץ אַ מלוכה באַטרעפט 800 מיליאָן רובל, און קרעדיטקעס געהט אַרום אויף די הענט אויף 1.200 מיליאָן. דאַן איז קלאָר, אַז די 1.200 מיליאָן פּאפּירלאַך פאַרבייטען מיט זיך 800 מי־ליאָן אין גאָלד, זיי שטעלען מיט זיך פאַר אין פאַרקער פונקט אַזאַ געברויך־ווערט, ווי 800 מיליאָן רובל אין גאָלד. הייסט עס, אַז דער ווערט פון איין פּאפּירענעם רובל טרעפט אָן—800 מיל. געטיילט אויף 1200 מיל.—⅔ פון אַ גילדערנעם רובל, אָדער 66⅔% קאָפּ. אין גאָלד. דאָס דריקט מען אויס אַזוי: „דער קורס פון פּאפּיר געלט איז 66⅔% קאָפּי־קעס אין גאָלד פאַר אַ רובל.“

דער קורס פון פּאפּיר־געלט קען פאַלען אָהן אַ שיעור. אין פראַנק־רייך, אין דער צייט פון דער ערשטער רעפּובליק, האָט מען אַרויסגע־לאָזען אַזאַ איבערמאָס פון אַסיגנאַציעס, אַז זייער ווערט איז געפאַלען ביז 2½% פון דעם נאָמינאַלען ווערט, ד.ה. 40 פראַנק אין אַסיגנאַציעס איז געווען ווערט וויפיל 1 פראַנק אין גאָלד.*)

ענדערונגען אין דעם ווערט פון אומטוישבאַרע פּאפּיר געלט קענען פאַרקומען איבער פאַרשיידענע אורזאַכען, ריין עקאָנאָמישע און, ווי מען רופט עס, פּאָליטישע. למשל, ווען די פּאָליטישע לאַגע פון דער

*) אין דער איצטיגער רוסישער רעוואָלוציע איז דער קורס פון אַ רובל געפאַלען ביז אַ קליינעם ברוכטייל פון אַ קאָפּיקע אין גאָלד. דאָס־זעלבע איז געווען מיט פּאפּיר געלט אין דער צייט פון דעם אַמעריקאַנער קריג פאַר אומאָפּהענגיגקייט (1776—1783). רעדאַקטאָר.

מלוכה איז ניט זיכער — אין דער צייט פון א מלחמה, א רעוואלוציע א. ד. גל. — פאלט גלייך דער קורס: מען ווערט אז דעם צוטרוי צו דער מלוכה, און דער נאכפרעג אויף אירע פאפירלעך פאלט שטארק.

אז דער קורס פאלט, רופט עס נאטירליך ארויס א העכערונג פון אלע פרייזען אינווייניג אין לאנד; פארקערט, ווען דער קורס הייבט זיך, פאלען די פרייזען. נאר די ענדערונגען פון די פרייזען פאלגען ניט גלייך נאך די ענדערונגען אין קורס. גיכער פון אלץ פאסען זיך צו צום קורס די פרייזען פון יענע סחורות, וואס מע פראדוצירט הויפטזאכליך פאר'ן עקספארט, און פון די וואס מען פירט אריין פון אויסלאנד: דאס איז דערפאר, וואס דער קורס פון די פאפירלאך ווערט קודם־כל באשטימט אויפ'ן אויסלענדישען מארק; אויף דעם היימישען געלט מארק קען ער אויף גענוי גלייך ניט באשטימט ווערען, ווארים דארטען צירקולירט כמעט גאר ניט קיין מעטאל געלט, וואס לויט זיי נאך שטעלט זיך איין דער קורס פון די פאפיר געלט. לאנגזאמער ענדערען זיך די פרייזען פון יענע סחורות, וואס ווערען נאר טיילווייז אריינגעפירט אדער ארויסגעפירט, אבער דערהויפט ווערען זיי פארברויכט און מען פראדוצירט זיי אינווייניג אין לאנד. שפעטער פון אלץ פאסען זיך צו צו דער הויך פון קורס די פרייזען פון אזעלכע סחורות, וואס אי מען פראדוצירט זיי אי מען פארברויכט זיי אין דער היים. צו אט דעם סארט סחורות געהערט אויך די ארבעטס קראפט. דעריבער, איז א פאלען פון דעם קורס, בכלל גערעדט, פאר'ן ארבעטער קלאס קיין טובה ניט: די פרייזען פון די נויטיגע לעבענס מיטלען שטייגען שנעלער, איידער דער ארבעטס לוין; די קאפיטאליסטען איילען זיך קיינמאל ניט צו העכערען דעם לוין לפי־ערך מיט דער העכערונג פון די פרייזען אויף לעבענס מיטעל.

אין דער מאסע אויסטויש געשעפטען, וואס קומען פאר, ווערט דאס קויפען און פארקויפען אויף בארג אלץ מער א געוויינטליכע דערשיינונג. אויך די וואוכעריי צעוואקסט זיך זעהר שטארק אין דער עפאכע וואס מיר שטודירען דא.

שוין גאר פון די פריהעסטע צייטען אז פון דער אויסטויש ווירטשאפט נעמט מלוכה אויף זיך דעם קאנטראל איבער די קרעדיט אפ־

# א. באַגדאַנאָוו

מאַכען. אז מען דאַרף, העלפט זי דעם קרעדיטאָר ארויסצוקריגען זיין חוב, נאָר מיט'ן באַדינג, עס זאָל זיין א שריפטליכער באַווייז וועגען דעם חוב, וואָס מע רופט קרעדיט דאָקומענטען.

די איינפאַכסטע פאָרמע פון א קרעדיט דאָקומענט איז, ווען דער חוב איז פאַרשריבען אין די געשעפטס ביכער. קאָמערסאַנטען פירען לויט אן איינגעשטעלטער אָרדענונג אַזעלכע ביכער, וואו זיי פאַרשרייבען וועמען און וויפיל זיי זיינען שולדיג, און וויפיל ווער איז זיי שולדיג. ווען עס קומט דער צאָלונגס טערמין, פאַרגלייכען זיי די געשעפטס ביכער, און צאָלען אויס מיט געלט נאָר די דיפערענץ אין דעם געגענזייטיגען חוב.

די וויכטיגסטע פאָרמע פון א קרעדיט דאָקומענט איז א וועקסעל — א שטר חוב, וואָס ווערט צענויפגעשטעלט לויט געוויסע געזעצליכע כללים, וואָס מען מוז אָפּהיטען. אין אינטערנאַציאָנאַלען האַנדעל איז דאָס דער איינציגער קרעדיט דאָקומענט. טיילווייז פאַרנעמט ער דעם פּלאַץ פון געלט, און אָט ווי אזוי:

לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אז דער רוסישער סוחר איוואַנאָוו האָט אָוועקגעשיקט א פאַרטיע ווייץ צום ענגלישען סוחר דזשאָן בול; דער ענגלישער פאַבריקאַנט דעיווים האָט פאַרקויפט פונקט אויף אַזא סומע מאַשינעס צום רוס באַגדאַנאָוו. דאַן קויפט באַגדאַנאָוו אָפּ בא איוואַנאָוו'ן דעם וועקסעל אויף'ן ענגלענדער דזשאָן בול און שיקט אים אָפּ צום ענגלענדער דעיווים, און יענער מאָנט שוין אויף בא דזשאָן בול'ן דאָס געלט אויף'ן וועקסעל. דאַ איז גאָר ניט אויסגעקומען אריבערצושיקען קיין געלט, און איטלעכער האָט זיך געקראָגען זיינס; דערביי האָט מען איינגעשפּאָרט הוצאות און די ריזיקע פון אריבערשיקען געלט צוויי מאָל.

מיט דער אַנטוויקלונג פון קרעדיט, האָבען זיך באַוויזען אַזעלכע אינסטיטוציעס, וואָס באַשעפטיגען זיך דורכאויס מיט קרעדיט געשעפטען: פון איין זייט, קריגען זיי קרעדיט פון אַזעלכע וואָס פאַרמאָגען פרייע קאַפּיטאַלען; פון דער אַנדער זייט — גיבען זיי קרעדיט צו קאַפּיטאַליסטען, וואָס נויטיגען זיך אין דעם; ד.ה. זיי לאָזען ארויס

אין פּאַרקער זייער אייגען געלט, און געלט, וואָס זיי האָבען געבאָרגט בּאַ פרעמדע. אַזאַ אינסטיטוציע רופט מען אַ ב אַ נ ק.

גענויער אויספאָרשען די פאָרמעס פון קרעדיט און זיין באַדייטונג אין דער אַלגעמיינער סיסטעמע פון דער פאָלקס ווירטשאַפט וועט אונז אויסקומען דאָן, ווען עס וועט זיין די רייד ניט וועגען דעם ערשט געבאָרענעם אינדוסטריעלען קאַפּיטאַל (דער מאַנופאַקטור), נאָר וועגען דעם אַנטוויקעלטען. אַלענפאַלס, שוין אין דער עפּאָכע, בּאַ וועלכער מיר האַלטען איצט, האָט דער קרעדיט אַ שטאַרקען איינפלוס אויף'ן אויסטויש, און דורך דעם אויך אויף דער פּראָדוקציע. אין אַלגעמיין איז די ווירקונג אַזאַ, וואָס דער קרעדיט העלפט דער אַנטוויקלונג פון דער גרויס־פּראָדוקציע, ווארים ער קאָנצענטרירט צייטווייליג אין איינצעלנע הענט די מיטלען פון אַ סך מענשען.

## 4). די פאַנאַנדערטיילונג פון דעם געזעלשאַפטליכען פּראָדוקט צווישען די פאַרשיידענע קאַפּיטאַליסטישע קלאַסען.

### אַ). פּ ר אָ פ י ט.

זינט עס איז אויפגעקומען אַ געזעלשאַפטליכער קלאַס פון סוחרים, האָט זיך איינגעשטעלט אַ באַזונדער אויסדרוק — „פּראָפיט“ (ריוח) — צו באַצייכענען זיין חלק אין דעם געזעלשאַפטליכען פּראָדוקט, אין דער צייט וואָס דעם חלק פון דעם האַנטווערקער, למשל, פלעגט מען באַצייכענען מיט'ן וואָרט „פאַרדינסט“. דער אונטערשייד פון אַט די טערמינען באַווייזט דייטלאַך, אַז לויט די אַנשויאונגען, וואָס הערשען אין דער געזעלשאַפט, איז דעם בעל־מלאכה'ס הכנסה אַ דירעקטער רעזולטאַט פון זיין אַרבעט, דעם הענדלערס הכנסה אָבער איז שוין ניט אַזוי אָפּהיינגיג פון זיין אַרבעט. עס איז אָנגענומען צו דיינקען, אַז דער סוחר פּ ר אָ ד ו צ י ר ט ג אָ ר נ י ש ט, ווארים דער פּראָדוקט געהט אַרויס פון זיינע הענט פּונקט אין אַזאַ פאָרמע ווי ער האָט אים איינגעקראָגען; פאַרקערט, דעם בעל־מלאכה'ס אַרבעט מאַכט

## א. באַגדאַנאָוו

באשיימפּערליכע ענדערונגען אין דעם מאַטעריאַל, באַשאַפט א נייעם פּראָדוקט.

אַז די מיינונג שטיצט זיך נאָר אויף דער אויסערליכער זייט פון דער זאַך און קומט פון אַ פאַלשען פאַרשטעהן. מען קען ניט זאָגען, אַז אַ פּראָדוקט איז פאַרענדיגט, אויב ער קען ניט פאַרברויכט ווערען דאָרט, וואו מען האָט אים געפּראָדוצירט; טראַנספּאָרטירען אים פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען אָדער פון אייןווירטשאַפט אין אַן אַנדע־רער איז אַ נויטווענדיגע שלום אָפּעראַציע פון „פּראָדוקציע". אין אַט דעם זינען איז קיין נפקא־מינא ניטאָ צווישען דער אַרבעט פון דעם סוחר און פון דעם בעל־מלאכה; און אויף וויפיל דער פּראָפּיט ווערט באַשטימט פון דעם סוחר'ס געזעלשאַפטליך ניצליכער אַרבעטס־ענער־גיע, אויף אַזוי פיל איז דאָס אמת'ער פאַרדינסט.

די מעשה איז אָבער, וואָס דעם סוחר'ס הכנסה, בדרך כלל גע־רעדט, באַגרעניצט זיך לגמרי ניט מיט האַנדעלס פאַרדינסט אַליין. דער סוחר טרעט אַרויס פון אָנהייב אָן אין דער ראָלע פון אַ ה אַ נ־ד ע ל ס ק אַ פּ י ט אַ ל י ס ט. ער מאַכט אונטערטעניג צו זיך די קליינע אונטערנעמונגען; און דער פּראָפּיט, וואָס ער ציהט פון זיי אַרויס, איז אָפּהייגניג ניט פון דעם סכום געזעלשאַפטליך ניצליכער אַרבעט, וואָס ער טוט אָפּ, נאָר פון דער גרויס פון זיין קאַפּיטאַל און זיין מאַכט איבער די פּראָדוצענטען. אַזוי קומט אויס, אַז אין זיין גרעס־טען טייל איז דער פּראָפּיט שוין גאָר גיט קיין פאַרדינסט; און וואָס ווייטער אַלץ מער ווערט דער ריינער האַנדעלס פאַרדינסט דערטרונקען אין דעם האַנדעלס „פּראָפּיט". און איז אַ גאַרנישט לפי־ערך מיט'ן לעצטען.

דאָסזעלביגע איז שייך אויך צום אינדוסטריעלען קאַפּיטאַליסט; דער פּראָפּיט, וואָס ער קריגט, קען זיך לחלוטין ניט פאַרגלייכען מיט'ן סכום אַרבעטס־ענערגיע, וואָס עס קאָסט אים זיין אָרגאַניזאַטאָרישע טעטיגקייט. פאַרקערט, וואָס מער עס צעוואַקסט זיך די אונטערנעמונג, גיט דער קאַפּיטאַליסט, געוויינטליך, איבער אַלץ אַ גרעסערען טייל פון זיין אַרבעט צו געדונגענע אַרבעטער און פאַרקירצט אַלץ מער זיין

איינענע אָרגאַניזאַטאָרישע טעטיגקייט; און דער פּראָפיט צו דערזעל־ביגער צייט ווערט אַלץ גרעסער.

אין אַט דעם זינען שטימט דאָס געוויינטליכע אָנקוקן־אויף־אַזעלכע שטעלע פון קאַפּיטאַליסטישען פּראָפיט און פאַרדינסט גאַנץ גוט מיט דער ווירקליכקייט.

פון וואַנען עס קומט דער אינדוסטריעלער פּראָפיט איז שוין דער־וויזען געוואָרען פריהער: ער קומט פון מער־ווערט, דאָס הייסט פון דער איבער־אַרבעט פון די געדונגענע אַרבעטער. דער פּראָפיט פון דעם האַנדעלס קאַפּיטאַל בא דער הויזליך־קאַפּיטאַליסטישער סיסטע־מע קומט אויך ווי אַ רעזולטאַט פון איבער־אַרבעט פון די קליינע פּראָ־דוצירער, וואָס זיינען זעלבשטענדיג נאָר פאָרמאַל; דער חילוק צווי־שען די צוויי פאַלען איז ניט קיין וויכטיגער, און ער פאַרשווינדט אַלץ מער מיט'ן איבערגאַנג פון האַנדעלס קאַפּיטאַליזם אין אינדוסטרי־עלען.

אויספאָרשענדיג די פראַגע וועגען דעם קאַפּיטאַליסטס פּראָפיט, דאַרף מען קודם־כל האָבען אין זינען, אַז די נאָרמע פון מער־ווערט איז ווייט ניט קיין גענוגענדיגע מאָס פון פּראָפיט; אַט די נאָרמע מאַכט נאָר קלאָר איין זייט פון דער זאַך — אויף וויפיל פאַר דעם אַרבעטער לוינט זיך ניט צו זיין אַן אויספאָלגער אין אַ פרעמדער אונטערנעמונג. זי באַווייזט אָבער ניט די אַנדערע זייט פון דער זאַך — אויף וויפיל דעם קאַפּיטאַליסט לוינט זיך צו פירען זיין אונטערנעמונג.

פריהער האָבען מיר זיך פאַנאַנדערגעקליבען אין איין פאַל פון אַ קאַפּיטאַליסטישער אונטערנעמונג — די פּראָדוצירונג פון אַ ביקס. די נאָרמע פון מער־ווערט איז דאָרט געווען 100%, וואָרים די 12½ רובל, וואָס דער קאַפּיטאַליסט האָט דאָרט אויסגעגעבען אויף צו קויפען אַר־בעטס קראַפט, האָבען אים אַריינגעבראַכט 125 שעה איבער־אַרבעט, וואָס באַטרעפען 12½ רובל. דער קאַפּיטאַליסט האָט דאָך אָבער אַריינגעלייגט ניט נאָר פאַרענדערליכען קאַפּיטאַל, נאָך נאָך 50 רובל שטענדיגען קאַפּיטאַל — די אויסגאַבען אויף מאַ־טעריאַל און געצייג. לויט זיין חשבון נאָך, האָט ער געקראָגען 12½ רובל פּראָפיט אויף גאַנצע 62½ רובל קאַפּיטאַל, וואָס ער האָט אויס־

גענעבען, אדער 20% אויפ'ן קאַפּיטאַל. דער פּראָצענט פּראָפּיט אויפ'ן גאַנצען קאַפּיטאַל רופט זיך די נאָרמע פון פּראָפּיט.

פאַרשטעהט זיך, אז די פּראָפּיט נאָרמע איז קלענער פון דער מער־ווערט נאָרמע, ווארים די נאָרמע פון מער־ווערט רעכענט זיך פון דעם פאַרענדערליכען קאַפּיטאַל אליין, און די נאָרמע פון פּראָפּיט — פון דעם גאַנצען קאַפּיטאַל — דעם שטענדיגען און דעם פאַרענדערליכען. אין אונזער ביישפּיל איז דער גאַנצער קאַפּיטאַל 5 מאָל גרע־סער פון דעם פאַרענדערליכען, און די פּראָפּיט־נאָרמע איז 5 מאָל קלע־נער פון דער מער־ווערט נאָרמע.

אַז אַנדער אונטערנעמער, לאָמיר זאָגען, האָט אויסגעגעבען אויפ'ן געשעפט לפי־ערך נאָך אַ גרעסערע סומע שטענדיגען קאַפּיטאַל, למשל, גאַנצע 112½ רובל אויף דיזעלבינע 12½ רובל פאַרענדערלי־כען קאַפּיטאַל. דאַן וועט בּאַ דערזעלביגער נאָרמע פון מער־ווערט, די נאָרמע פון פּראָפּיט זיין 12,5/125 ד. ה. 10%. הייסט עס, אַז די צוויי־טע אונטערנעמונג איז ניט אַזאַ גוט געשעפט ווי די ערשטע; און קומען קומט עס דערפון, וואָס אין דער צווייטער אונטערנעמונג איז אריינ־געלייגט געוואָרען באַדייטענדיג מער שטענדיגען קאַפּיטאַל.

בכלל, בּאַ דערזעלביגער נאָרמע פון מער־ווערט, וועט די פּראָ־פּיט־נאָרמע זיין אַלץ נידעריגער, וואָס קלענער עס איז דער פאַרענ־דערליכער קאַפּיטאַל אין פאַרגלייך מיט'ן שטענדיגען.

מיט אַנדערע ווערטער דריקט מען עס אויס אַזוי: די פּראָפּיט־נאָרמע, בּאַ אַ געוויסער נאָרמע פון מער־ווערט, וועט זיין אַלץ נידע־ריגער, וואָס העכער עס איז דער אָרגאַנישער צוזאַמענשטעל פון דעם קאַפּיטאַל. „אָרגאַנישער צוזאַמענשטעל" פון קאַפּיטאַל הייסט די פאַר־העלטעניש, לויט'ן ווערט נאָך, צווישען זיין שטענדיגען טייל און דעם פאַרענדערליכען; מען האַלט דעם אָרגאַנישען צוזאַמענשטעל „העכער", ווען דער שטענדיגער טייל איז לפי־ערך גרעסער, — דאָס איז דערפאַר, ווייל'ע דער אַנטוויקלונגס פּראָצעס, ווי עס וועט ווייטער דערוויזען ווע־רען, פירט דערצו אַז די פאַרהעלטענישמעסיגע גרויס פון דעם שטענ־דיגען קאַפּיטאַל זאָל ווערען אַלץ גרעסער.

# פּאָליטישע עקאָנאָמיע

דער גאנצער חשבון, וואס מיר האבען דא געבראכט, שטעלט פאר די זאך אין זעהר א פאראיינפאכטער פארמע: עס האנדעלט זיך דא וועגען א פראפיט־נארמע נאר בא א י י ן  א ו מ ז א ץ פון קאפיטאל. דער קאפיטאליסט האט איין מאל געקויפט מאטעריאלען און געצייג, געדונגען ארבעטער, פארקויפט די סחורה, און דער אויסגעגעבענער קאפיטאל האט זיך אומגעקערט מיט פראפיט. אין דער אמת'ן קומט דאס אלץ פאר גאר ניט אזוי פשוט. דער קאפיטאליסט באנוגענט זיך ניט מיט איין אומזאץ פון זיין קאפיטאל, נאר ער פירט זיין געשעפט א מער אדער ווייניגער לאנגע צייט. אויף וויפיל די אונטערנעמונג לוינט זיך, מעסט ער מיט'ן פראצענט פראפיט פ א ר  א י א ר. ביסלעכווייז, לויט דער באדערפעניש נאך, קויפט ער ארבעטס־קראפט, אינסטרומענטען, מאטעריאלען; לויט דער מעגליכקייט נאך — פארקויפט ער די סחורה.

זיין קאפיטאל קערעוועט זיך עטליכע מאל; און דערביי איז אוממעגליך אפצוטיילען פינקטליך איין אומזאץ פון דעם אנדערען. אין דערזעלביגער צייט פארקויפט דער אונטערנעמער די פארטיגע סחורה, אי ער פראדוצירט נייע סחורה מיט דער הילף פון דער געקויפטער ארבעטס קראפט, אי ער קויפט איין אלץ וואס איז נויטיג פאר דער ווייטערדיגער פראדוקציע. דער געלט־קאפיטאל ווערט אויסגעגעבען טיילענווייז, און טיילענווייז קערט ער זיך אום, און דערביי גארניט גלייכמעסיג.

די הוצאה אויף ארבעטס קראפט קערט זיך אום דעם קאפיטאליסט איינגאנצען בא איטליכען פארקויף פון דער סחורה, וואס איז געשאפען געווארען דורכ'ן פארברויך פון אט דער ארבעטס קראפט. אויך קערט זיך אום איינגאנצען בא איטלעכען פארקויף דער ווערט פון די מאטעריאלען, וואס זיינען אוועקגעגאנגען אויף צו פראדוצירען די סחורה. אויב דער קאפיטאליסט פארקויפט, למשל, 1000 ארשין ציץ, דארף ער דערביי ארויסנעמען וויפיל אים האט געקאסט די ארבעטס־קראפט און די מאטעריאלען, וואס זיינען פארנוצט געווארען ביים פראדוצירען אט די 1,000 ארשין (ער דארף, פארשטעהט זיך, קריגען

# א. באָגדאַנאָוו

אחוץ דעם אויך פּראָפיט, נאָר דאָס קען מען דערווייל לאָזען אַן א זייט).

ניט אזוי איז אבער מיט׳ן קאַפּיטאַל, וואָס ער האָט אויסגעגע־בען אויף געצייג: אויף אינסטרומענטען, וועבשטולען, דעם וואַרש־טאַט. אַט דער טייל קאַפּיטאַל קערט זיך ניט אום מיט איין מאָל בא איטלעכען פאַרקויף פון סחורה. פאַרקויפענדיג 1,000 אַרשין ציץ, קריגט נאָך דער קאַפּיטאַליסט ניט אריין מיט די אַנדערע געלטען אויך די סומע, וואָס ער האָט אויסגעגעבען אויפ׳ן וואַרשטאַט, — למשל, 100,000 רובל. און דאָס איז גאַנץ נאַטירליך: דער וואַרשטאַט איז דאָך ניט פאַרשוואונדען, ער שטעהט זיך אויף זיין אָרט און וועט נאָך מסתמא דינען פאַר דער פּראָדוקציע א סך יאָרען. ער וועט סטאַיען, לאָמיר זאָגען, אויף צו פּראָדוצירען א מיליאָן אַרשין ציץ: דאַן געהט אריין אין דעם ווערט פון איטלעכען אַרשין ציץ איין מיליאָנט־חלק פון דעם ווערט פון וואַרשטאַט, און ביים פאַרקויף פון 1,000 אַרשין דאַרף זיך נאָר אומקערען 1/1,000 פון דעם קאַפּיטאַל, וואָס מען האָט אויסגעגעבען אויפ׳ן וואַרשטאַט.

דאָסזעלביגע איז אויך מיט אינסטרומענטען: ביים פאַרקויפען די ציץ קערט זיך אום דעם קאַפּיטאַליסט איטלעכס מאָל נאָר א געוויסער טייל פון דעם וואָס ער האָט אויסגעגעבען אויף וועבשטולען, שפּינד־לאָך, מיט וועלכע די סחורה איז געמאַכט געוואָרען. אויב א וועבשטול סטאַיעט אויף 100,000 אַרשין, דאַן קערט זיך אום דעם קאַפּיטאַליסט, ווען ער פאַרקויפט 1,000 אַרשין, 1/100 פון דעם ווערט פון וועב־שטול אין דער פאָרמע פון געלט, א. אז. וו. איין געצייג דינט מער איי־דער אַן אַנדערע: דער וואַרשטאַט, למשל, 50 יאָר, א וועבשטול — 5 יאָר. דער חלק קאַפּיטאַל, וואָס איז אויסגעגעבען אויף דעם וואַרש־טאַט, קערט זיך אום אין קליינע טיילען, און וועט זיך אויסצאָלען אינ־גאַנצען ערשט אין 50 יאָר ארום; מיט אַנדערע ווערטער, די צייט פון זיין אומזאַץ איז 50 יאָר. דער קאַפּיטאַל, וואָס איז אויסגעגעבען אויף צו קויפען א וועבשטול, קערעוועט זיך אין 5 יאָר. דער קאַפּיטאַל, וואָס איז אויסגעגעבען אויף אַרבעטס קראַפט און מאַטעריאַלען, קערט זיך נאָך שנעלער, למשל, אין 1 חודש.

פאַר דעם קאַפּיטאַליסט האָט אַ גרויסע באַדייטונג דער אַנגעוויי־זענער אונטערשייד צווישען די צוויי חלקים פון זיין קאַפּיטאַל: איין חלק — די הוצאות אויף מאַטעריאַל און אַרבעטס קראַפט — קערט זיך אום צום אונטערנעמער מיט אַמאָל, באַ איטלעכען פאַרקויף פון סחורה; דאָס רופט מען דער *צירקולירענדיגער קאַפּיטאַל*; דער אַנדער חלק — די הוצאות אויף געצייג — קערט זיך אום צום קאַפּיטאַליסט טיילענווייז; דאָס איז — דער *פיקסער קאַפּיטאַל*. דער פיקסער קאַפּיטאַל ווערט אויסגעגעבען, ווען מען הייבט אָן די אונטערנעמונג, אין אַ לפי־ערך גרויסער סומע מיט אַמאָל; פאַרקערט, צירקולירענדיגען קאַפּיטאַל אויף צו קערעווען זיך אין געשעפט דאַרף מען נאָר אַזויפיל, אַז עס זאָל סטאַיען צווישען איין פאַר־קויף פון סחורה ביז'ן אַנדערען. פאַר דעם אונטערנעמערס חשבונות איז אַזאַ אונטערשייד זעהר וויכטיג.

צווישען דעם פיקסען קאַפּיטאַל און דעם צירקולירענדיגען קאַפּי־טאַל זיינען פאַראַן נאָך חילוקים. דער פיקסער קאַפּיטאַל, כל־זמן מע ניצט אים, ביז וואַנען ער הערט ניט אויף צו טויגען, בייט ער ניט זיין געשטאַלט: דער וואַרשטאַט בלייבט אַ וואַרשטאַט, אַ האַק בלייבט אַ האַק. דער צירקולירענדיגער קאַפּיטאַל בייט יאָ זיין געשטאַלט אין דער פּראָדוקציע: פון געשפּינסט ווערט געוועב, די קוילען ווערען פאַר־ברענט — אַי די אַי יענע הערען אויף צו עקזיסטירען אין דער פרי־ערדיגער געשטאַלט; אויך די אַרבעטס קראַפט, — איז זי נאָר פאַר־ברויכט געוואָרען, איז דאָס שוין מער ניט קיין קאַפּיטאַל, זי געהערט שוין מער ניט צום קאַפּיטאַליסט, און ער איז געצוואונגען צו קויפען זי איבעראַניים צוליב דער ווייטערדיגער פּראָדוקציע.

מען דאַרף זעהן ניט צענויפמישען צירקולירענדיגען קאַפּיטאַל מיט פאַרענדערליכען קאַפּיטאַל, און פיקסען קאַפּיטאַל מיט שטענדיגען. איין צעטיילונג פון קאַפּיטאַל אויף חלקים ווערט געמאַכט פון דעם שטאַנדפּונקט פון דעם אונטערנעמער, די אַנדערע — פון דעם שטאַנד־פּונקט פון'ם אַרבעטער. דער פאַרענדערליכער קאַפּיטאַל — דער ווערט פון אַרבעטס קראַפט — איז נאָר אַ טייל פון דעם צירקולירענ־דיגען קאַפּיטאַל, וואָרים אין דעם חשבון פון צירקולירענדיגען קאַפּי־

## א. באגדאנאוו

טאל געהט נאך אריין דער ווערט פון די מאטעריאלען. דער שטענדיגער קאפיטאל איז גרעסער פונ׳ם פיקסען קאפיטאל, ווארים ער נעמט אין זיך אריין דעם ווערט פון די מאטעריאלען.

| | | |
|---|---|---|
| אין דער פראדוקציע: | שטענדיגער קאפיטאל. | פארענדערליכער קאפיטאל. |
| | געצייג. / פראדוקצ. מאטעריאלען. | ארבעטס קראפט. |
| אין פארקער: | פיקסער קאפיטאל. | צירקולירענדיגער קאפיטאל. |

ווען מען ווייס די צייט פון דעם אומזאץ פאר די באזונדערע טיילען פון קאפיטאל, קען מען אויסרעכענען די דורכשניט־צייט פון דעם אומזאץ פאר׳ן גאנצען קאפיטאל, ד. ה. אויסגעפינען אין וויפיל צייט וועט די ג א נ צ ע ס ו מ ע אריינגעלייגטען קאפיטאל טיילענווייז, בא איטלעכען פארקויף, איבערזיין אין דער געשטאלט פון געלט ביים קאפיטאליסט אין האנט.

עס איז ניט שווער צו פארשטעהן, וואס פאר א ראלע די דורכשניטליכע צייט פון אומזאץ שפילט אין די אויסרעכענונגען פון דעם קאפיטאליסט; אויב בא איטלעכען אומזאץ באקומט זיך א פראפיט פון 2%, הייסט עס, אז בא דריי אומזאצען וועט דער פראצענט פון פראפיט זיין 6%, און בא פינף — גאנצע 10%.

פאר דער פראגע וועגען דעם יערליכען פראצענט פון פראפיט האט א באזונדער באדייטונג די צייט פון דעם אומזאץ פון דעם פארענדערליכען קאפיטאל. לאמיר זאגען, אז אט די צייט איז 1 חודש, אזוי אז דער פארענדערליכער קאפיטאל קערט זיך אום צום אונטערנעמער 12 מאל דורכ׳ן יאר. אויב די נארמע פון מער־ווערט איז 100%, ד. ה. 1 רובל פון פארענדערליכען קאפיטאל טראגט אריין איטלעכס מאל 1 רובל מער־ווערט, וועט פאר׳ן גאנצען יאר איין און דערזעלביגער רובל פון פארענדערליכען קאפיטאל אין 12 מאל אריינטראגען 12 רובל, ד. ה. 1,200% מער־ווערט. הייסט עס, אין דעם פאל אין

די יערליכע נאָרמע פון מער־ווערט ניט 100%, נאָר 1,200%. וואָס שנעלער דער פאָרענגדערליכער קאַפּיטאַל קערע־ וועט זיך, אַלץ העכער איז די יערליכע נאָרמע פון מער־ווערט.

פאַר דעם אַרבעטער קלאַס איז וויכטיג נאָר די פּשוט'ע נאָרמע פון מער־ווערט, ד. ה. די נאָרמע פון איטלעכען באַזונדערען אומזאַץ, וואָ־ רים זי באַווייזט די פאַרהעלטעניש פון דער איבער־אַרבעט צו דער נויטווענדיגער אַרבעט, זי באַווייזט אויף וויפיל דעם אַרבעטער לוינט זיך ניט צו פאַרקויפען זיין אַרבעטס קראַפט (די נאָרמע פון עקס־ פּלואַטאַציע). פאַרקערט, פאַר דעם קאַפּיטאַליסט איז וויכטיג די יערליכע נאָרמע פון מערווערט, וואָרים זיין צוועק איז — צו באַקומען וואָס אַ גרעסערען יערליכען פּראָצענט אויף זיין קאַפּיטאַל, און די יערליכע נאָרמע פון מער־ווערט באַווייזט, אויף וויפיל דאָס קוי־ פען פון אַרבעטס קראַפט איז אַ גוט געשעפט.

ווי עס איז שוין באַוויזען געוואָרען, שטרעבט די נאָרמע פון מער־ ווערט פאַר איטלעכען אומזאַץ צו זיין גלייך אין אַלע צווייגען פון דער געזעלשאַפטליכער פּראָדוקציע. אָבער די דורכשניטליכע צייט פון אומ־ זאַץ פון דעם קאַפּיטאַל אין פאַרשיידענע פּראָדוקציעס איז גאָר פאַר־ שיידען, דעריבער איז אויך די יערליכע נאָרמע פון מער־ווערט ניט אומעטום גלייך. צום ביישפּיל, אויב אין דער שפּינער פּראָדוקציע איז דער דורכשניטליכער פּעריאָד פון דעם אומזאַץ פון פאָרענגדערליכען קאַפּיטאַל 1 חודש, און אין דער גאַרבער פּראָדוקציע — 2 חדשים, וועט עס בײַ אַ נאָרמע פון מער־ווערט פון 100% אויסמאַכען פאַר דער שפּי־ נער פּראָדוקציע אַ יערליכע נאָרמע פון 1,200%, און פאַר דער גאַרבער פּראָדוקציע פון 600%.

פריהער איז שוין דערוויזען געוואָרען, אַז אפילו בײַ אַ גלייכער נאָרמע פון מער־ווערט וועט די פּראָפיט־נאָרמע ניט זיין גלייך, אויב עס איז פאַראַן אַן אונטערשייד אין דעם צוזאַמענשטעל פון דעם קאַ־ פּיטאַל, אין דער פאַרהעלטעניש צווישען דעם שטענדיגען חלק זיי־ נעם און דעם פאָרענגדערליכען. איצט דאַרף מען דערצו מוסיף זיין, אַז די יערליכע נאָרמע פון מער־ווערט וועט אויך ניט זיין גלייך, אויב עס איז פאַראַן אַן אונטערשייד אין דער צייט פון אומזאַץ פון דעם

# א. באַגדאַנאָוו

פאַרענדערליכען קאַפּיטאַל. אין פלוג וואָלט מען דאָך דערפון געקענט דרינגען אזוי: די יערליכע פּראָפּיט־נאָרמע אין פאַרשיידענע אונטער־נעמונגען דאַרף זיין פאַרשיידען.

אין באַזונדערע פאַלען קען מען דאָס אילוסטרירען אויף אַזאַ'ן אופן. עס זיינען פאַראַן צוויי אונטערנעמונגען — א צוקער געשעפט און א באַוועל געשעפט.

| NN פון די אונטערנעמונגען | שטענדיגער קאַפּיטאַל | פאַרענדערליכער קאַפּיטאַל | נאָרמע פון מער־ווערט | יערליכע צאָל אומזאַצען פון דעם פאַרענדערליכען קאַפּיטאַל | יערליכע נאָרמע פון מער־ווערט | יערליכע סומע מער־ווערט | יערליכע פּראָפּיט־נאָרמע |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | רובל | רובל | % | | % | רובל | % |
| 1 | 900 | 100 | 100 | 3 | 300 | 300 | 30 |
| 2 | 950 | 50 | 100 | 2 | 200 | 100 | 10 |

איז מעגליך אַזאַ לאַגע אין דער ווירקליכקייט? ניין, וואָרים דאָס איז אנקעגען די געזעצען פון קאָנקורענץ, וואָס הערשען אין דער קאַ־פּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. ווען אין דער ווירקליכקייט ווייזט זיך ארויס, אז די אונטערנעמונגען פון איין פּראָדוקציאָנס צווייג זיינען א בעסער געשעפט איידער די אונטערנעמונגען פון אן אנדער צווייג, דאַן קומט פאָר אן אריבערגאַנג פון די קאַפּיטאַלען פון דער צווייטער צווייג אין דער ערשטער אריין: אין דער ערשטער קומט פאָר א פאַרגרעסע־רונג פון דער פּראָדוקציע, און דער אָנבאָט פון אירע פּראָדוקטען איבער־מאַרק וואַקסט אויס; אין דער צווייטער קומט פאָר א פאַרקלענערונג פון דער פּראָדוקציע, און איר אָנבאָט פאַלט; דאַן פאַלען די פּרייזען אין דער ערשטער פּראָדוקציאָנס צווייג און זיי הייבען זיך אין דער צווייטער, ממילא בייט זיך שוין די לאַגע אין די אַלע אונטערנעמונגען אויך בנוגע דעם, אויף וויפיל איטלעכע פון זיי איז א גוט געשעפט.

עס בייט זיך זייער פּראָפיט־נאָרמע. הייסט עס, אז אונטער דער וויר־קונג פון קאָנקורענץ רוקען זיך איבער די פּרייזען אין אזא ריכטונג, אז די איינטערעגליכקייט זאָל פאַלען אין די אונטערנעמונגען, וואָס זיי־נען א בעסער געשעפט. דער יערליכער פּראָצענט פּראָפיטען שטרעבט, הייסט עס, אויסצוגלייכען זיך. אזוי ווירקט אויף אים די קאָנקורענץ פון קאַפּיטאַלען. בכלל, פאַרליידט ניט דער מאַרק קיין אומגלייכהייט; אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט שפּילט ער די ראָלע פון אן אלגעמיינעם, סטיכישען אויסגלייכער.

הייסט עס, לויט די געזעצען פון קאָנקורענץ, שטרעבט דער יער־ליכער פּראָצענט פון פּראָפיט אויף קאַפּיטאַל אין א געוויסער געזעל־שאַפט צו זיין גלייך, און ער וויגט זיך ארום איין דורכשניטליכער גרויס.

עס איז ניט שווער צו דערקונדיגען זיך, אז אונטער דער ווירקונג פון אזא געזעץ פאַרקויפען זיך איינע סחורות שטענדיג אביסעל טייע־רער פון זייער ווערט, און אנדערע — אביסעל ביליגער פון זייער ווערט. דאָס וועט זיין באַקוועם צו באַטראַכטען אויפ'ן פריהערדיגען ביישפּיל. מאַכענדיג פון איינפאַכקייט וועגען די השערה, אז אין דער גאַנצער גע־זעלשאַפט זיינען פאַראַן נאָר צוויי קאַפּיטאַליסטען (וויפיל מען זאָל ניט נעמען צוליב דעם ביישפּיל, וועט זיך די לאַגע סיי ווי ניט בייטען).

| NN פון די אונטערנעמונגען | שטענדיגער קאַפּיטאַל | פאַרענדערליכער קאַפּיטאַל | יערליכע נאָרמע פון מער־ווערט | יערליכע סומע מער־ווערט | דער ווערט פון דעם יערליכען פּראָדוקט | דער מאַרק פּרייז פון דעם יערליכען פּראָדוקט | יערליכער פּראָפיט | אונטערשייד צווישען ווערט און פּרייז: מער (+) אָדער ווייניגער (—) |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | רובל | רובל | % | רובל | רובל | רובל | % | רובל |
| 1 | 900 | 100 | 300 | 300 | 1.300 | 1.200 | 20 | —100 |
| 2 | 950 | 50 | 200 | 100 | 1.100 | 1.200 | 20 | +100 |

# א. באַנדאַנאַוו

הייסט עס, איטלעכע סחורה באַזונדער פאַרקויפט זיך אין דורכ־שניט ניט לויט איר ארבעטס ווערט, נאָר אַדער העכער אַדער נידעריגער פון אָט דעם ווערט. דאָס וואָס עס ווערט געוואונען אין דעם פרייז פון איין סחורה, געהט פאַרלאָרען אין דעם פרייז פון אנדערע סחורות. נאָר אין אַלגעמיין און אין דורכשניט, ניט פאַר איטלעכער סחורה באַזונדער, נאָר פאַר דעם גאַנצען געזעלשאַפטליכען פּראָדוקט, שטימען די מאַרק פרייזען דורכאויס מיט'ן ווערט.

דאָס וואָס באַזונדערע סחורות פאַרקויפען זיך ניט גאָר לויט זייער ווערט נאָך, איז אַן אייגענשאַפט פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע. באַ אַן אויסטויש ווירטשאַפט, ניט קיין קאַפּיטאַליסטישער, נאָר אַן איינפאַכער סחורה־ווירטשאַפט, (וואָס איז, אגב, אין אַ ר ײ י־נ ע ר געשטאַלט קיינמאָל ניט געווען) פלעגט דער פּראָדוצענט גופא זיין דער פאַרקויפער; אַזוי צי אַזוי האָט ער זיך שטענדיג געמוזט רעכענען ביים אויסטויש מיט'ן ווערט פון די פּראָדוקטען, אַניט מוז די איינצעלנע ווירטשאַפט, ווי עס איז שוין באַוויזען געוואָרען, אָנהייבען פאַלען און פאַרקלענערען די פּראָדוקציע, און די ענדערונגען, וואָס קומען פאַר מחמת דעם אין דעם נאָכפרעג און אָנבאָט, שטרעבען צוריק אומצוקערען די פרייזען זיי זאָלען שטימען מיט דעם ווערט. דער דורכשניטליכער מאַרק־פרייז פון סחורה האָט דאַן געקענט דערנעהענטערען זיך צו איר ווערט.

ניט אַזוי איז דאָס אָבער אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט: די סחורה פאַרקויפט דאָ ניט דער מענטש, וואָס האָט זי געשאַפען, נאָר אַן אַנדערער — אַ קאַפּיטאַליסט. פאַר דעם קאַפּיטאַליסט איז ניטאָ אַזאַ נויטווענדיגקייט צו בייטען גלייכע סכומ'ען פון געזעלשאַפטליכער אַרבעטס־ענערגיע. פאַר אים איז וויכטיג דער פּ ר אָ פ י ט. דער פּראָצענט פּראָפיט דאַרף זיין גלייך, ווען אפילו דער מאַרק פרייז שטימט ניט מיט'ן ווערט.

אַלץ וואָס דאָ איז געזאָגט געוואָרען מכח דעם יערליכען פּראָצענט פּראָפיט איז שייך ניט נאָר צו ריין אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, נאָר אויך צו האַנדעלס און קרעדיט אונטערנעמונגען. ווי אומבאַדייטענדיג עס זאָל ניט זיין דער פאַרענדערליכער קאַפּיטאַל פון

אזעלכע אונטערנעמונגען, ווי קליין עס זאָל ניט זיין די ווירקליכע סומע מער־ווערט, וואָס זיי גיבען ארויס, מוזען זיי פונדעסטוועגען געבען דעם געוויינטליכען יערליכען פראָצענט פראָפיט; אניט וועט מען זיי פארלאָזען, ווי א שלעכט געשעפט, און די קאַפּיטאַלען וועלען אריבערגעהן אין אנדערע צווייגען פון געזעלשאַפטליכער פראָדוקציע.

איבעריגענס, אין פאַרשיידענע פראָדוקציאָנס צווייגען קענען זיך יא איינהאלטען געוויסע אונטערשיידען אין דער הויכקייט פון דעם יערליכען פראָצענט פראָפיט. אָט די אונטערשיידען זיינען אפּהיינגיג קודם־כל דערפון, וואָס די אָרגאַניזאַטאָרישע טעטיגקייט פון דעם קאַפּיטאַליסט איז אין איין אָרט אונטערנעמונגען שווערער און מער פארוויקעלט, אין די אנדערע — וויינינגער. אַז דער קאַפּיטאַליסט לייגט אריבער זיין אָרגאַניזאַטאָרישע טעטיגקייט אויף געדונגענע ארבעטער, מוז ער זיך באַנוגענען מיט א ביסעל א קלענערען פראָצענט פראָפיט. איבער אָט אזא אורזאך איז אויך דער קרעדיט־פראָצענט אויף קאַפּיטאַל געוויינטליך נידעריגער פון דעם אינדוסטריעלען פראָפיט. אויב איך וואָלט אין אַן אינדוסטריעלער אונטערנעמונג געקראָגען פאר מיינע 100 רובל 7 רובל א יאָר פּראָפיט, וועל איך, פארלייענדיג מיין הונדערטער צו אַן אינדוסטריעלען קאַפּיטאַליסט, באַנוגענען זיך אפילו מיט 5 רובל, און דערפאר וועל איך פטור ווערען פון א סך זאָרגען, וואָס זיינען פארבונדען מיט אַן אינדוסטריעלער אונטערנעמונג.

אַן אנדער באַדינגונג, וואָס רופט ארויס אונטערשיידען אין דער הויך פון פראָפיט, איז די ריזיקע וואָס איז פאַרבונדען מיט דער געשעפטס פירונג. כדי דעם קאַפּיטאַליסט זאָל לוינען צו לאָזען זיך אויף אַן אויסערגעוויינטליך גרויסער ריזיקע, מוז דער פראָפיט זיין א העכערער ווי געוויינטליך. איבערהויפּט קען מען עס לייכט זעהן אויפ׳ן ביישפּיל פון קרעדיט אונטערנעמונגען. באַ די געוויינטליכע 7% פון אינדוסטריעלען פראָפיט, וועט דער קרעדיט קאַפּיטאַליסט מסכים זיין צו נעמען, לאָמיר זאָגען, 5 פון 100 נאָר דאַן, ווען דער אנטלייער קען געבען א גענוגענדיגע פארזיכערונג; אויב אזא משכון

וועט זיך ניט געפינען, איז שוין 5% פאר דעם קרעדיטאָר א קנאַפּע באַפרידיגונג, ווארים ער ריזיקירט אינגאנצען ניט צו באַקומען זיין געלט צוריק. דעריבער קען דער קרעדיטאָר נעמען אין אזא פאַל, 6, 8, 10% און אפילו מער.

די געוויינטליכע נאָרמע פון יערליכען פּראָפיט פאר א געוויסער געזעלשאַפט ווערט באַשטימט פון דער גאנצער סומע קאַפּיטאַלען אירע און דער גאנצער סומע מער־ווערט, וואָס ווערט געשאַפען פאַר'ן יאָר. אויב דער סך־הכל קאַפּיטאַלען איז 1.000 מיליאָן, און דער מער־ווערט איז 100 מיליאָן, איז די דורכשניטליכע פּראָפיט־נאָרמע 10%. איבעריגענס, דאַ דאַרף מען מאכען אַזאַ מין אויסבעסערונג: א טייל מער־ווערט נעמט צו מלוכה אין דער פאָרמע פון אָפּצאָלען און צינזען, און נאָך א טייל, ווי עס וועט ווייטער דערוויזען ווערען, — דער ערד־אייגענטימער אין דער פאָרמע פון רענטע. לאָמיר זאָגען, אז אָט די צוויי חלקים טרעפען אַן 30 מיליאָן. דאַן איז דער גאנצער פּראָפיט פון די קאַפּיטאַליסטען — 70 מיליאָן, די דורכשניטליכע יערליכע נאָרמע — 7%.

אומקערענדיג זיך צוריק צו דעם פּעריאָד פון קאַפּיטאַליזם, באַ וועלכען מיר האלטען דאַ גראָד איצטער, — דער מאנופאקטור־עפּאָכע, — מוז מען באַמערקען, אז דאַן איז די פּראָפיט־נאָרמע געוועזען זעהר א הויכע. האָט זיך געמאָסטען אין אלגעמיין מיט צענדליגער פּראָצענטען (באַ באַזונדערס גינסטיגע באַדינגונגען פלעגט זי דערגרייכען ביז 300—400 פּראָצענט). דערקלערען דאָס קען מען אַזוי: כל־זמן די ארבעט בלייבט א האנט־ארבעט, מאכען אויס די הוצאות אויף אַרבעטס קראַפט, ד. ה. דער פאַרענדערליכער קאַפּיטאַל, זעהר א גרויסען חלק פון דעם גאנצען קאַפּיטאַל; און אַזוי ווי פּראָפיט קומט פון דעם פארענדערליכען קאַפּיטאַל, איז וואָס גרעסער דער לעצטער איז, אלץ העכער איז דער פּראָצענט פּראָפיט. דעריבער, איז הגם די נאָרמע פון מער־ווערט איז אין די מאנופאקטור אונטערנעמונגען אפילו ניט זעהר קיין הויכע, פונדעסטוועגען איז דער פּראָצענט פון פּראָפיט א באַדייטענדיגער.

דאָך, די אלגעמיינע מאסע פּראָפיטען דערגרייכט פאָרט ניט צו

אזא געוואלדיגער מאס, ווי אין דער עפאכע פון אנטוויקעלטען מאשינ־קאפיטאליזם: די קאפיטאלען גופא זיינען נאך לפי־ערך קליין, און א גרויסער פראצענט פון א קליינעם קאפיטאל מאכט נאך ניט אויס קיין זעהר גרויסע סומע.

## ב). ע ר ד ־ ר ע נ ט ע.

אין דער פעאדאלער עפאכע פון דער מענטשהייטס לעבען, ווען ע ר ד ־ א ר ב ע ט איז געווען די הערשענדיגע הויפט פארמע פון פראדוקציע, איז ע ר ד ־ א י י ג ע נ ט ו ם געווען איינג פארבונ־דען מיט דער ארגאניזאטארישער ראלע אין דעם געזעלשאפטליכען קאמף מיט דער נאטור. די הכנסה פון דעם ערד־אייגענטימער דעם פעאדאל (צינזען פון די פויערים און זייער ארבעט אויפ'ן פריץ) איז געווען א נויטווענדיגער רעזולטאט פון אט דער ארגאניזאטארישער טע־טיגקייט, און צו דערזעלביגער צייט אויך א נויטווענדיגע באדינגונג, אז דער ערד־אייגענטימער זאל קענען אויספירען זיין געזעלשאפטליך ניצליכע ראלע.

די אנטוויקלונג פון דער אויסטויש ווירטשאפט ענדערט דעם כא־ראקטער און די באדייטונג פון דעם ערד־אייגענטימערס הכנסה. לויט דער פארמע, באשטעהט די ענדערונג אין דעם, וואס די הכנסה הייבט אן אריינצוקומען ניט אין דער נאטירליכער געשטאלט, ד. ה. דירעקט אין פראדוקטען, נאר זי ווערט פריהער פארוואנדעלט אין געלט. לויט איר אינווייניגסטען מהות, באשטעהט די ענדערונג אין דעם, וואס אט די הכנסה ווערט וואס ווייטער אלץ ווייניגער פארבונדען מיט דער אר־גאניזאטארישער פראדוקציאנס טעטיגקייט פון דעם ערד־אייגענטי־מער; ווארים דער פעאדאל, וואס ווערט אריינגעצויגען אין דער סיס־טעמע פון אויסטויש באציהונגען, ווארפט פון זיך אראפ, וואס ווייטער אלץ מער, אט די דאזיגע טעטיגקייט.

דאס מיינט ניט, אז דעם ערד־אייגענטימערס הכנסה האט אנגע־הויבען קלענער צו ווערען. פארקערט, ווי עס איז שוין דערוויזען גע־ווארען, איז גראד אונטער'ן איינפלוס פון דעם אלץ וואקסענדיגען

# א. באָגדאַנאָוו

אויסטויש, ווערט די פעאָדאַלע עקספּלואַטאַציע באַדייטענדיג שטאַרקער, און רופט ארויס אפריהער די צובינדונג פון די פּויערען צו דער ערד, און נאָכדעם דאָס איבערלאָזען זיי טיילווייז אָדער גאָר אינגאַנצען אָהן ערד.

ווען די ארבעט אויפ'ן פריץ און צינז דעם פריץ פאַרשווינדען. און אנשטאָט דעם אָפּהייגגיגען פּויער קומט אמאָל דער קליינער ערד-אַרבעטער באַלעבאָס, אמאָל דער ארענדאַטאָר, דאָן בלייבט שוין פון דער פעאָדאַל-אָרגאַניזאַטאָרישער ראָלע כמעט גאָרנישט. איבעריגענס, ניט אַלעמאָל גיט דער פריץ אוועק זיינע ערד אין ארענדע; ניט זעלטען פירט ער אויף איר זיין אייגענע באַלעבאַטישקייט מיט דער הילף פון געדונגענע ארבעטער; נאָר דער טיפּ ווירטשאַפט איז דאָן אויך דורכאויס א קאַפּיטאַליסטישער, ניט ענליך אויף דער פעאָדאַלער אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע. די הכנסה פון דעם ערד-אייגענטימער ווערט געגליכען צו דעם „פּראָפיט" פון דעם קאַפּיטאַליסט: די ערד ווערט פאַרוואַנדעלט אין קאַפּיטאַל, און פון דער אלגעמיינער סומע מער-ווערט, וואָס ווערט געשאַפען אין דער געגעבענער געזעלשאַפט, דאַרף דער ערד-אייגענטימער קריגען זיין חלק, פּונקט ווי יעדער אנדער קאַפּיטאַליסט. נאָר די גרויס פון דעם חלק ווערט באַשטימט דורך א ביסעל אנדערע באַדינגונגען, ניט אַזוי ווי בא אנדערע קאַפּיטאַליסטען.

די אנטוויקלונג פון די קאַפּיטאַליסטישע פאָרמעם פון ערד-אייגענטום איז פאָרגעקומען מיט א געוויסער הדרגה. די רעשטען פון די פעאָדאַלע באַציהונגען זיינען נאָר אין ענגלאַנד פאַרשוואונדען אין מיטען 18-טען יאָרהונדערט; אין די איבעריגע אייראָפּעאישע לענדער זיינען זיי פאַרבליבען לייגגער: ביז'ן סוף 18-טען יאָרהונדערט אין פראַנקרייך, און ביז גאָר דער לעצטער צייט — אין דייטשלאַנד, עסטרייך און אנד. אין רוסלאַנד איז נאָך עד היום אומעטום פאַראַן א גאַנצע מאַסע דערפון, און אויף קאַווקאַז עקזיסטירען כמעט אמת'ע לייב-אייגענטום באַציהונגען.

די איבערבלייבכצען פון פעאָדאַליזם זיינען גאַנץ פאַרשיידענאַרטיג אין פאַרשיידענע לענדער און צייטען. אמאָל דריקען זיי זיך אוים אין נאַטור-ווירטשאַפטליכער ארענדע; אהער איז שייך, ערש-

טענס, ארענדע פאר אפארבעטעז, וואס שטאמט פוז דער פריהערדיגער פאנשטשינע (ארבעט אויפ'ן פריץ); צווייטענס, ארענדע־פון־העלפט, וואס איז ענליך צו די פעאדאלע צינז באציהונגעז (דער ארענדאטאר־פון־העלפט גיט אפ דעם ערד־אייגענטימער א באשטימטעז טייל פון זיין פראדוקט, אפטער פון אלץ א העלפט, ניט זעלטעז אויך מער). אמאל, צוליב באזונדערע היסטארישע באדינגונגעז, ווי אין רוסלאנד, למשל, בלייבעז איבער א לאנגע צייט, צווישעז די אלץ וואקסענדיגע קאפיטאליסטישע באציהונגעז, די רעשטעז פון דער דארפס געמיינדע פון לייב־אייגענע (געוויינטליך האלט די מלוכה אויף די געמיינדע צוליב דיזעלביגע אורזאכעז, צוליב וואס פריהער פלעגט זי אויפהאלטעז דער פעאדאל: כדי אויפצומאנעז פארשיידענע שטייערעז איז באקוועמער צו האבעז צו טאן מיט דער געמיינדע, וואס אירע מיטגלידער זיינען צענויפגעבונדעז מיט א בשותפות'ער ערבות, איידער מיט באזונדערע באלעבאטישקייטעז).

די רעשטעז פון די פריהערדיגע באציהונגעז ווערעז אפגעשאפט דורך דער עקאנאמישער אנטוויקלונג אויף פארשיידענע אופנים. ווי עס איז שוין פריהער געוועז אנגעוויזעז, איז מיט דער אנטוויקלונג פון געלט ווירטשאפט, הייבט דער פריץ אן, צוליב זיין אייגענער טובה וועגעז, צו פארבייטעז די פויערשע פארפליכטונגעז פון נאטוראלע אויף געלט אפצאלונגעז; צוליב זיין אייגענער טובה פארבייט ער נאכדעם אין א סך פאלעז די אפהייגגיגע ירושה ארענדאטארעז — אויף פרייע, און אז. וו. דארט, וואו די רעשטעז פון דער פארגאנגענהייט פארהאלטעז זיך צו לאנג, אזוי אז זיי שטערעז היפש דער אנטוויקלונג, ווערעז זיי געוויינטליך אפגעשאפט מיט דער הילף פון געזעצגעבערישע אקטעז. מיר דארפעז דא ניט באטראכטעז גענויער די געשיכטע פון אזעלכע ענדערונגעז. אלענפאלס, זיי זיינעז פארגעקומעז אומעטום, וואו עס איז פארגעקומעז די אנטוויקלונג פון דער אויסטויש געזעלשאפט.

דער עצם פון רענטע און די געזעצעז פון אירע ענדערונגעז טרעטעז ארויס אמקלארסטעז, ווען מען שטודירט זיי בא די אנטוויקעלטע פארמעס פון ערד באציהונגעז אין דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט. ווייניגער פארענדיגטע באציהונגעז איז לייכטער אויסצופארשעז, ווען

# א. באָגדאַנאָוו

מען קען זיך שוין שטיצן אויף א שטיקל באקאנטשאפט מיט מער פארענדיגטע.

אז אונטערנעמער, וואס פארמאגט קאפיטאל, וויל ארגאניזירן אן אונטערנעמונג — אן אינדוסטריעלע, א האנדעלס אונטערנעמונג, צי אן אגראַרע — דאס איז קיין נפקא מינא ניט. קיין שום אונטערנעמונג קען מען ניט בויען אין דער לופטן; הייסט עס, דער אונטערנעמער דארף פארנעמען א פאסיגן שטיקל ערד. אבער אין א קולטורעלן, קאפיטאליסטישן לאנד איז ניטא קיין ערד אהן א באלעבאס, — די ערד מוז מען קויפן אדער דינגען, ווארים אומזיסט וועט מען עס ניט געבן.

הייסט עס, קויפט דער אונטערנעמער, אדער ער דינגט אפ א שטיקל ערד, לחלוטין ניט קיין באארבעטע, וואס פארמאגט ניט קיין אטאם מענטשליכע ארבעט, — ערד, וואס פארמאגט ניט קיין שום ווערט. היינט אויב אזוי, פאר וואס זשע צאלט דא דער אונטערנעמער? *פאר דער מעגליכקייט אנצואווענדן געזעלשאפטליכע ארבעט אויפ'ן געגעבענעם שטח ערד.* דער אויסטויש פאלט דא אונטער ניט אונטער'ן געזעץ פון ארבעטס ווערט, נאר אונטער'ן געזעץ פון מאנאפאליע. ווען די ערד וואלט ניט געווען געמאנאפאליזירט, וואלט דער קאפיטאליסט ניט געדארפט צאלן פאר'ן חלק ערד, פאר דער מעגליכקייט אנצואווענדן אויף אים געזעלשאפטליכע ארבעט. צאלן פאר דער פשוט'ער מעגליכקייט פון א פראדוקציאנס טעטיגקייט איז בא די קאפיטאליסטישע באציהונגען קיין נייעס ניט: קריגט דאך דער אונטערנעמער גופא מער־ווערט פאר'ן פשוט'ן טעם, וואס ער גיט דעם ארבעטער א מעגליכקייט צו באטייליגן זיך אין דער געזעלשאפטליכער פראדוקציע.

די פארמע פון צאלונג — קויפן אדער ארענדירן — האט ניט קיין גרויסע באדייטונג פאר אונזער פראגע. לאמיר זאגן, אז די או'ענדע געלט פאר דער ערד טרעפט אן 1,000 רובל; אויב דער ערד־אייגנטימער פארקויפט דעמזעלביגן חלק ערד, קריגט ער פאר אים אזא סומע, וואס זאל אים געבן אהן קיין שום קאפ־דרייעניש און רי־

זיקע א יערליכע הכנסה פון 1,000 רובל. אויב דער געוויינטליכער קרעדיט פּראָצענט טרעפט אן 4% לשנה, דאן איז דער קויף־פּרייז פון דעם שטיק ערד 25,000 רובל, מחמת אט די סומע טראָגט אריין דעם איינענטימער 1,000 רובל הכנסה מיט דערזעלביגער באקוועמליכקייט, ווי אין דער געשטאַלט פון רענטע פאר דער ערד. בכלל, דער קויף־פּרייז פון ערד שטעלט מיט זיך פאר, ווי עס איז אנגענומען צו זאגען, א געקאפּיטאליזירטע רענטע, ד. ה. א רענטע, וואס איז פארביטען אויף א קאפּיטאל, וואס טראָגט אריין א גלייכען קרעדיט־פּראָפיט. אז דער אונטערנעמער גיט אוים קאפּיטאל אויף צו קויפען ערד, רעכענט ער צו אט די הוצאה צו די נויטווענדיגע אויסגאבעם אויף דער אונטער־נעמונג, און ער דארף אט אויף דער אויסגאבע קריגען דעם געוויינט־ליכען פּראָפיט; מיט אנדערע ווערטער, אזוי ווי ער איז געוואָרען אן ערד־אייגענטימער, דארף ער פון איצטער אן קריגען אויך די רענטע פאר דער ערד.

פון וועמען זשע קריגט דער אונטערנעמער אט די רענטע, וואס ער גיט אוועק דעם ערד־אייגענטימער אדער ער נעמט פאר זיך, אויב די ערד איז אויך זיינע? פארשטעהט זיך, פון די קונים, אין דעם פּרייז פון די פּראָדוקטען. אויף אזא׳ן אופן, דארף דער פּרייז פון דעם פּראָדוקט באצאָלען, אחוץ די הוצאות פון דער פּראָדוקציע און דעם געוויינטליכען פּראָפיט, נאך פאר דער רענטע אויך; אניט לוינט די אונטערנעמונג ניט פאר׳ן קאפּיטאליסט. לאָמיר זיך פארשטעלען, אז א בערג־אינדוסטריעלער האט אויסגעגעבען אויף געצייג, מאטעריאלען און ארבעטס קראפט 750,000 רובל, דערביי איז געפּראָדוצירט געוואָ־רען א מיליאן פוד טשוהון (גוס־אייזען); די געוויינטליכע פּראָפיט־נאָרמע איז 10% א יאָר, און רענטע פאר דער ערד פון דער אייזען־מינע און די בערג־ווערק געביידעס איז 25,000 רובל; בא אזא פאל דארף זיך דער פּראָדוקט פארקויפען פאר 750.000+75.000+25.000, ד. ה. פאר 850.000 רובל, אויף 85 קאפּ. א פוד, כדי די אונטערנע־מונג זאל זיך קענען רעכענען פאר אזא, וואס גיט הכנסה.

אזוי איז די לאגע פון דעם שטאנדפּונקט פון אן איינצעלנעם קאַ־פּיטאליסט, אן איינצעלנעם ערד־אייגענטימער. ווי זשע ווערט די זאך

## א. באַגדאַנאָוו

אויסזעהן פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער גאַנצער געזעלשאַפטליכער באַלעבאַטישקייט?

דער ערד־אייגענטימער וויל, אז רענטע זאָל שטעהן וואָס העכער; דער קאַפּיטאַליסט, פּאַרקערט, שטרעבט צו צאָלען פאַר דער ערד וואָס ווייניגער, — אין דעם באַשטעהט די געגענזעצליכקייט פון זייערע אינטערעסען. פון דאַנען נעמט זיך דער קאַמף פאַר רענטע. דער אויסגאַנג פון דעם קאַמף ווענדט זיך, ווי שטענדיג אין אַזעלכע פאַלען, פון דער געגענזייטיגער פאַרהעלטעניש פון די קרעפטען. אויף וויפיל דער ערד־אייגענטימער האָט מאַכט איבער דעם קאַפּיטאַליסט, און פאַרקערט. איז אין דעם לאַנד פאַראַן א סך פרייע ערד, וואָס די אייגענטימער ווילען אָפּגעבען פאַר אינדוסטריעלע אָדער אגראַר אונטערנעמונגען, דאַן איז די לאַגע מער גינסטיג פאַר די קאַפּיטאַליסטען: די ערד־אייגענטימער נויטיגען זיך אין זיי שטאַרק, קאַנקורירען זיי צווישען זיך אויפ'ן ערד־מאַרק און קענען ניט פאָדערען קיין גרויסע רענטע. פאַרקערט, אויב עס איז שוין געבליבען לפּי־ערך ווייניג פרייע ערד, וואָס טויג פאַר אונטערנעמערשע צוועקען, דאַן דאַרפען שוין די קאַפּיטאַליסטען מער אָנקומען צו די ערד־אייגענטימער, זיי קאָנקורירען צווישען זיך שטאַרקער און זיינען געצוואונגען צו צאָלען א העכערע רענטע.

בא אזעלכע באדינגונגען, פאַרשטעהט זיך, וואָס מער די פּראָדוקציע צעוואַקסט זיך, וואָס קלענער עס ווערט דער שטח ערד, וואָס איז נאָך ניט פאַרנומען מיט קיין קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען און וואָס טויג דערצו, אַלץ גרעסער וועט זיין די מאַכט פון די ערד מאָנאָפּאָליסטען איבער די אונטערנעמער, אַלץ העכער וועט זיין די רענטע. דער גרעניץ פון אָט דער העכערונג הייגגט אָפּ אין איטליכען מאָמענט פון דער קרעפטען און אינטערעסען פאַרהעלטעניש אין קאַמף. אויב די ערד־אייגענטימער אין ערגעץ א לאַנד הייבען אָן צו פאָדערען א צו הויך געצאָלט פאַר דער ערד. ד. ה. זיי שניידען אונטער צו שטאַרק דעם פּראָפיט פון די קאַפּיטאַליסטען, דאַן קריגען שוין די קאַפּיטאַליסטען א מיטעל אריבערצופירען זייערע קאַפּיטאַלען אין אנדערע לענדער, ווי מען קען דאָס ניט זעלטען זעהן אין דער ווירקליכקייט. אויב

אבער אזא מיטעל קען ניט דורכגעפירט ווערען. דאַן מוז פאַרקומען אַן אפּהאלט אין דער אנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע, וואָרים עס בלייבט פאַר די קאַפּיטאַליסטען א קלענערע מעגליכקייט פאַר אָנזאמלונגען; די קאָנקורענץ באדינגונגען וועלען ווערען באזונדער שווער, וואָרים עס וועט פאַרשנעלערט ווערען דער אונטערגאנג פון די קליינע אונטערנעמער; די קאַפּיטאַלען זייערע וועלען זיך קאָנצענטרירען אין די הענט פון א קלענערער צאָל גרויסע קאַפּיטאַליסטען, און וועלען שוין מיט זיך פאַרשטעלען א גרעסערע קראַפט איידער פריהער, וואָרים אַט די קראַפט וועט דאָך שוין ניט זיין אזוי צעברעקעלט; און די ערד־אייגענטימער, וואָס מיט די שוואכערע אונטערנעמער האָבען זיי זיך געקענט לייכטער אַן עצה געבען, וועלען איצטער מיט די שטאַרקערע מוזען איינגעהן אויף א פּשרה.

הייסט עס, די אַלגעמיינע סומע רענטע, וואָס די ערד־אייגענטימער קריגען אין א געוויסער געזעלשאַפט, וועגדט זיך פון אַט וואָסערע צוויי באדינגונגען: ערשטענס, פון דער אַלגעמיינער סומע מער־ווערט, וואָס ווערט געפּראָדוצירט אין לאַנד און וואָס דאַרף איינגעטיילט ווערען צווישען די ערד־אייגענטימער און די אונטערנעמער; צווייטענס, פון דער קרעפטען פאַרהעלטעניש פון די צוויי קלאַסען, וואָס איז היסטאָריש באַשאַפען געוואָרען אין דעם קאַמף פאַר רענטע און פּראָפיט. די ערשטע באדינגונג וועגדט זיך, נאַטירליך, אַן דעם אַלגעמיינעם צושטאַנד אין דער אנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע; נאָר אויך די צווייטע באדינגונג וועגדט זיך אַן דערזעלביגער זאַך, ווי מען קען דאָס זעהן דערפון, וואָס אז דער נאָכפראַגע אויף ערד מצד דער וואַקסענדיגער פּראָדוקציע ווערט גרעסער, וואַקסט אויך די מאַכט פון די ערד־אייגענטימער איבער די אונטערנעמער, און אז די קליינע אונטערנעמונגען ווערען פאַרביטען אויף גרויסע, איז די ווירקונג א פאַרקערטע.

לאָמיר זיך פאַרשטעלען, אז די אַלגעמיינע סומע קאַפּיטאַל אין לאַנד איז 1.200 מיליאָן שעה, וואָס עס טרעפט אַן 120 מיליאָן רובל; די יערליכע סומע מערווערט איז 120 מיליאָן שעה, אָדער אין געלט — 12 מיליאָן רובל. דערפון נעמען די ערד־אייגענטימער פאַר זיך

# א. באָגדאַנאָוו

3 מיליאָן רובל. פאַר די אונטערנעמער בלייבט 9 מיליאָן. די פּראָפּיט־נאָרמע פאַר'ן יאָר קומט אויס, הייסט עס, 7½% (9 מיליאָן אויף 120 מיליאָן); און די נאָרמע פון רענטע איבער'ן גאַנצען לאַנד איז 2½% (3 מיליאָן אויף 120 מיליאָן). מיט דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע ווערט דער קאַפּיטאַל גרעסער, לאָמיר זאָגען, ביז 300 מיליאָן רובל; מער־ווערט, לאָמיר זאָגען, איז פאַראַן 25 מיליאָן. דערפון נעמען זיך צו די ערד־אייגענטימער, גאַנצע 10 מיליאָן, וואָרים זייער מאַכט איבער די קאַפּיטאַליסטען איז געוואָרען גרעסער, מחמת די לעצטע קומט איצטער אָן שווערער איידער פריהער צו קריגען ערד פאַר זייערע אונטערנעמונגען. בלייבט פאַר די אונטערנעמער 15 מיליאָן. די פּראָפּיט־נאָרמע איז, הייסט עס, 5%, און רענטע איבער'ן גאַנצען לאַנד טרעפט אָן 3⅓%. די פּראָדוקציע אַנטוויקעלט זיך ווייטער: די סומע קאַפּיטאַלען דערגרייכט ביז 800 מיליאָן רובל, מער־ווערט איז פאַראַן 60 מיליאָן; נאָר די קאַפּיטאַליסטען איז געלונגען צו קריגען א נייעם געביט וואו אַנצואָווענדען זייער קאַפּיטאַל, למשל, דאָס לאַנד האָט געגרינדעט קאָלאָניעס, וואו עס איז פאַראַן א סך פרייע ביליגע ערד, וואָס טויג פאַר ערד־אַרבעט און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. דאַן מוזען שוין די ערד־אייגענטימער ווערען א ביסעל וויכער; זיי נעמען שוין ניט ⅓, נאָר א דריטעל פון דער אַלגעמיינער סומע מער־ווערט, וואָס טרעפט אָן איין געלט 20 מיליאָן רובל; פּראָפּיט בלייבט 40 מיליאָן, די נאָרמע פון פּראָפּיט איז 5%, אויפ'ן חלק פון רענטע קומט אויס 2½%.

איצטער לאָמיר איבערגעהן צו דער פראַגע, ווי אזוי ווערט די אַל־געמיינע סומע רענטע פאַרטיילט צווישען די איינצעלנע ערד־אייגענ־טימער.

דערביי מוז מען האָבען אין זינען, אז ניט אַלע חלקים ערד זיינען פון איין סאָרט: אויף איינע איז די אַנווענדונג פון אַרבעט מער פּראָ־דוקטיוו, אויף די אַנדערע — ווייניגער. אָט דער אונטערשייד זעהט זיך זעהר דייטליך אָן דערהויפּט אין דער עקסטראַקטיווער אינדוסט־ריע (דאָס ארויסקריגען פּראָדוקטען דירעקט פון דער נאַטור): אין ערד־אַרבעט — מחמת דער ניט גלייכער פרוכטבאַרקייט פון באָדען —

קען זיין, אז אויף איין חלק ערד איז דאס גערעטעניש 5 מאל אזוי פיל, און אויף דעם אנדערען, בא דיזעלביגע הוצאות פון קאפיטאל און ארבעט, 10 מאל אזויפיל; אין בערג־ארבעט — איז אין איין ארט די ארץ רייכער מיט מעטאל, אין דעם אנדערען — ניט אזוי רייך, און אז. וו. נאר אויך אין דער באארבעטענדיגער אינדוסטריע שפילט ניט קיין קליינע ראלע, למשל, די נאהענטקייט פון וואסער, וואס איז נויטיג פאר דער פראדוקציע, אדער די מעגליכקייט צו באנוצען די באוועגונגס קראפט פון א טייך, א שטראם. ווייטער, לחלוטין בא אלע קאפיטאליסטישע אונטערנעמונגען איז זעהר וויכטיג פאר דער פראדוקטיוויטעט פון דער ארבעט דער מהלך פון די מערק, וואו מען קויפט מאטעריאלען און מען פארקויפט די אויסגעארבעטע סחורות, און אויך צי עס זיינען דארט פאראן באקוועמע אדער אומבאקוועמע וועגען צום פארקער מיט אט די מערק. ווארים דער קאסט פון טראנספארטירען געהט אריין אין דעם ווערט פון דעם פראדוקט, און אויב דער טראנספארט קאסט ווייניגער ארבעט איידער געוויינטליך, וועט די פראדוקטיוויטעט פון דער ארבעט אין אזא אונטערנעמונג זיין העכער פון דעם דורכשניט.

לאמיר זיך פארשטעלען א רייע איינערליי אונטערנעמונגען, למשל, אגריקולטורעלע, וואס ווערען געפירט בא ניט קיין גלייכע נאטור באדינגונגען. אויף איין חלק ערד, בא א הוצאה אויף פראדוקציאנס מיטלען און ארבעט קראפט פון 10,000 רובל, באקומט זיך 10,000 פוד תבואה, — דאס איז א שטיק ערד פון ערגסטען סארט; אויף אן אנדער חלק ערד, בא דיזעלביגע הוצאות, באקומט זיך 15,000 פוד תבואה; אויף א דריטען, פון דעם בעסטען סארט — 20,000 פוד. לאמיר זאגען, אז דער געוויינטליכער יערליכער פראצענט פראפיט איז 5%. דער אונטערנעמער, וואס פירט די באלעבאטישקייט אויפ'ן ערגסטען שטיק ערד, דארף קריגען זיינע 5%, ד. ה. 500 רובל פראפיט א יאר, אניט וועט זיך אים די אונטערנעמונג ניט לוינען און ער וועט זעהן אריבערטראגען זיין קאפיטאל ערגעץ אנדערש־וואו. אזוי אבער ווי די ערד איז ניט זיינע אייגענע, און אומזיסט קריגען זי קען ער ניט, איז ער נאך געצוואונגען, אחוץ אלץ, צו צאלען דעם באלעבאס פון דער

# א. באָגדאַנאָוו

ערד אַ געוויסע רענטע, פאַרשטעהט זיך ניט זעהר קיין הויכע, מחמת די ערד איז פון ערגערען סאָרט: אַניט וועט דער אונטערנעמער אוועקטראָגען זיין קאַפּיטאַל אין אַן אַנדער לאַנד, אויסגעפינענדיג, אַז די הוצאות אויף אַריבערפירען די סחורות זיינען קלענער פון דער איבערמאָס רענטע. לאָמיר זאָגען, אַז די רענטע איז 300 רובל. הייסט עס, אין דעם פּרייז פון דעם פּראָדוקט דאַרף דער אונטערנעמער קריגען בסך־הכל 10,800 רובל (10,000 רובל הוצאות פון דער פּראָדוקציע, 500 רובל פּראָפיט און 300 רובל רענטע). הייסט עס, אַ פּוד תבואה דאַרף ער פאַרקויפען פאַר 1 רובל מיט 8 קאָפּיקעס; ביליגער פאַרקויפען קען ער ניט — ס'וואָלט אים אויסגעקומען צו פאַרוואַרפען דעם גאַנצען עסק; פאַרקויפען טייערער וועט אים, בדרך כלל גערעדט, ניט געלינגען — זיין פּראָפיט וואָלט דאַן געווען אַ העכערער ווי געוויינטליך. עס איז קלאָר, אַז אין אַט דער געזעלשאַפט מוז טאַקע דער מאַרקפּרייז אויף תבואה זיין אומגעפער 1 רובל מיט 8 קאָפּ. אויב דער פּרייז איז נידעריגער פון אַט דער נאָרמע, וועט זיך ערד־אַרבעט פאַרקלענערען, און דער פּרייז אויף תבואה וועט זיך הייבען מחמת דעם פאַרקלענערטען אָנבאָט; אויב דער פּרייז איז העכער, — וועט דער פּראָפיט באַ ערד־אַרבעט זיין אַ גרעסערער ווי געוויינטליך, קאַפּיטאַליסטען וועלען זיך אַ לאָז טאָן אויף אַט דעם געביט, און דער ערד־אייגענטימער, באַנוצענדיג זיך מיט זייער קאָנקורענץ, וועט העכערען די רענטע אַזוי, אַז דער פּראָפיט זאָל צוריק קומען צום געוויינטליכען צושטאַנד, למשל, ער וועט נעמען פאַר זיך 500 — 1,000 רובל.

די רענטע פון דעם ערגסטען חלק ערד הייסט **אַבסאָלוטע** רענטע. הייסט עס, דער געוויינטליכער מאַרק פּרייז אויף תבואה טרעפט אַז — וויפיל די פּראָדוקציאָנס הוצאות באַ די ערגסטע נאַטור באַדינגונגען. באַ וועלכע די קאַפּיטאַליסטען טוען נאָך געשעפט, פּלוס דער געוויינטליכער פּראָפיט, פּלוס אַבסאָלוטע רענטע. פאַרשטעהט זיך, אַז דאָס איז שייך ניט נאָר צו תבואה אַליין, נאָר אויך צו אַלע אַנדערע פּראָדוקטען; דערביי איז אין דער באַאַרבעטענדיגער אינדוסטריע די באַדייטונג פון די נאַטור באַדינגונגען אין אונזערע צייטען לפי ערך ניט אַזוי גרויס, ווי אין ערד־אַרבעט, מיט איר אָפּגעשטאַנענער

טעכניקע, מיט איר שטאַרקער אפּהייננגיגקייט פון באָדען, קלימאַט, מיט איר באַדערפעניש אין גרויסע שטח'ם לאַנד.

דעם מאַרק איז קיין דאגה ניט, צי די פּראָדוקטען זיינען געשאַפען געוואָרען בא בעסערע אָדער בא ערגערע באַדינגונגען: דער מקח איז אַלץ איינער, אין אונזער פאַל 1 רובל 8 קאָפּ; די 15,000 פּוד תבואה, וואָס דער צווייטער חלק ערד האָט אַרויסגעגעבען, וועלען פאַרקויפט ווערען, הייסט עס, פאַר 200, 16 רובל, ד. ה., אַחוץ די געוויינטליכע הוצאות און פּראָפיט, וועט נאָך איבערבלייבען 5,700 רובל, וואָס דער ערד־אייגענטימער וועט צונעמען פאַר זיך אין דער געשטאַלט פון רענטע. דער קאַפּיטאַליסט קריגט פון אָט די 5,700 רובל גאָרנישט — ער קריגט נאָר זיין געוויינטליכען פּראָפיט, לויט'ן געזעץ פון די יערליכע פּראָפיט־נאָרמעס: ווען די רענטע זאָל זיין ווייניגער פון 5,700 רובל, און פּראָפיט מער פון 500 רובל, וואָלטען זיך גלייך געוויזען קאָנקור־רענטען — אַנדערע קאַפּיטאַליסטען, וואָס וואָלטען איינגעגאַנגען אויף אַ העכערונג פון רענטע.

הייסט עס, דער אייגענטימער פון'ם צווייטען חלק ערד קריגט, אַחוץ די 300 רובל אַבסאָלוטע רענטע, נאָך 5,400 רובל, וואָס מע רופט די פּ ע ר ע נ צ י אַ ל ע רענטע. פאַר דעם אייגענטימער פון דעם דריטען, גאָר דעם בעסטען חלק ערד, איז די דיפערענציאַלע רענטע נאָך העכער — 10,800 רובל, ווי דער פּשוט'ער חשבון ווייזט עס.

דאָ קען זיך שטעלען אַ פראַגע, צי איז עס ניט אַ סתירה צו דער טעאָריע פון אַרבעטסווערט אָט דער אָנגעוויזענער צוזאַמענהאַנג צווי־שען דעם מאַרק פּרייז און די ע ר ג ס ט ע נאַטור באַדינגונגען, בא וועלכע די פּראָדוקציע קומט פאָר. אין לעצטען סך־הכל ווערען די פּרייזען באַשטימט לויט די ווערטען, און ו ו ע ר ט הייסט דער דורכשניטליכער סכום אַרבעטס־ענערגיע, וואָס איז נויטיג כדי צו פּראָדוצירען דעם פּראָדוקט; הייסט עס, די גרויס פון דעם ווערט שטימט מיט דער אויסגאַבע פון אַרבעט בא ד ו ר כ ש נ י ט ל י כ ע נאַטור באַדינגונגען, און ניט בא די ערגסטע; וואָלט דאָך, אין פלוג, געדאַרפט זיין דיזעלביגע זאַך אויך בנוגע דעם דורכשניטליכען מאַרק פּרייז, ד. ה. ער דאַרף אויסמאַכען וויפיל די הוצאות פון דער פּראָדוק־

## א. באָגדאַנאָוו

ציע בא ד ו ר כ ש נ י ט ל י כ ע נאַטור באַדינגונגען, פּלוס פּראָפיט, פּלוס אַבסאָלוטע רענטע. נאָר די סתירה איז דאָ נאָר אַ כלומר׳שטע, און זי ווערט לייכט בטל, ווען מען אַנאַליזירט די זאַך.

דער ווערט פון סחורה באַשטעהט, ווי עס איז באַוואוסט, פון דעם ווערט פון שטענדיגען און פאַרענדערליכען קאַפּיטאַל און פון מער־ווערט. לפי־ערד נאָך, דאַרף דער פּרייז באַשטעהן דעריבער פון די ד ו ר כ ש נ י ט ל י כ ע הוצאות אויף דער פּראָדוקציע, דורכ־שניטליכען פּראָפיט און פון דער ד ו ר כ ש נ י ט ל י כ ע ר רענטע (וואָרים די אַלגעמיינע סומע פון רענטע און פּראָפיט איז גלייך צו דער אַלגעמיינער סומע מער־ווערט). לויט דער פאָרמולע אָבער פון אונזער איצטיגען קאַפּיטעל, צעפאַלט זיך דער פּרייז אויף אַנדערע חלקים: אַנשטאָט די דורכשניטליכע פּראָדוקציאָנס הוצאות, נעמט מען די פּראָדוקציאָנס הוצאות אויף דעם ערגסטען שטיק ערד, וואָס טויג אַמווייניגסטען פאַר דעם סאָרט אונטערנעמונגען, און אַנשטאָט דער דורכשניטליכער רענטע נעמט מען די אַבסאָלוטע. עס איז אָבער ניט שווער איינצוזעהן, אַז אויף וויפיל די הוצאות אויף דער ערגסטער ערד זיינען גרעסער איידער די הוצאות אויף דער דורכשניטליכער, אויף אַזוי פיל איז די אַבסאָלוטע רענטע קלענער פון דער דורכשניטליכער, וואָס נעמט אין זיך אריין, אחוץ דער אַבסאָלוטער, אויך די דורכ־שניטליכע דיפערענציאַלע רענטע. אויף אַזאַ׳ן אופן זייגען ביידע פאָרמולעס פון פּרייז דורכאויס גלייכבאַדייטענדיג. לאָמיר דאָס נאָכ־זעהן אויף אונזער ביישפּיל אין ציפערען, אַננעמענדיג דעם צווייטען שטיק ערד פאַר אַ דורכשניטליכען:

די פּראָדוצירונג פון 10,000 פּוד תבואה אויפ׳ן ערגסטען חלק ערד פאָדערט אַ הוצאה פון

| | |
|---|---|
| שטענד. און פאַרענד. קאַפּיטאַל — — — — | 10,000 רובל |
| 5% פּראָפיט — — — — — — — — — | 500 " |
| אַבסאָלוטע רענטע — — — — — — — — | 300 " |
| ס"ה — — — — — — — | 10,800 רובל |

דורכשניטליך צו 1 רובל 8 קאָפּ. אַ פּוד

א דורכשניטליכער חלק ערד פון דערזועלביגער מאָס מיט'ן ערגד־סטען, בא א הוצאה פון 10,000 רובל שטענדיגען און פארענדערליכען קאפיטאל, ברייגנט ארויס 15,000 פוד; הייסט עס, אז כדי צו פאר־גלייכען אים מיט'ן ערגסטען דארף מען נעמען א שטיק ערד, וואס זאל זיין 1½ מאל קלענער, און וואס ברייגנט אויך 10,000 פוד; דאן וועט זיך ארויסווייזען:

הוצאות פון שטענד. און פארענד. קאפיטאל

(1½ מאל ווייניגער פון 10,000 רובל) — — 6.666⅔ רובל

5% פראָפיט — — — — — — — — — — — 333⅓ "

דורכשניטליכע רענטע

(1½ מאל ווייניגער פון 5,700 רובל) — — 3,800 "

ס"ה — — — — 10,800 רובל

דורכשניטליך צו 1 רובל 8 קאפ. א פוד.

די מעשה איז, דא, וואס בא דעם חשבון פון דעם דורכשניטליכען חלק ערד, רעכענט זיך הוצאות אויף 3.333⅓ רובל ווייניגער. פראָפיט אויף 166⅔ ר' ווייניגער, אפילו אבסאלוטע רענטע אויף 100ר' ווייניגער (200 ר. אנשטאט 300 ר., מחמת ערד נעמט זיך אנדערהאלבען מאל ווייניגער); דערפאר אבער געהט אריין אין דעם פרייז 3,600 רובל דורכשניטליכע דיפערענציאלע רענטע, וואס בא די ערגסטע חלקים ערד איז דאס ניטא. — און דער רעזולטאט קומט ארויס דערזועלביגער.

די אלע חשבונות קען מען אנווענדען אויך צו אלע אנדערע סחורות, מיט דעם אונטערשייד נאר, וואס בא דער באארבעטענדיגער אינדוסטריע האט די דיפערענציאלע רענטע, און ווער רעדט נאך די אבסאלוטע, א קלענערע באדייטונג איידער אין ערד־ארבעט.

פון דעמזועלביגען חשבון קען מען אגב זעהן, אין וואס פאר א זינען דער פרייז ווערט באשטימט דורך דעם ארבעט־ווערט אין דער עפאכע פון קאפיטאליזם. דער פרייז פון דעם פראָדוקט ווערט בא־שטימט פון די דורכשניטליכע הוצאות אין שטענדיגען און פאר־

## א. באַגדאַנאָוו

ענדערליכען קאַפּיטאַל, פּלוס די דורכשניטליכע קאַפּיטאַליסטישע הכנסה (דער סך־הכל פון דורכשניטליכען פּראָפיט און דורכשניטליכער רענטע). און די דורכשניטליכע נאָרמע פון קאַפּיטאַליסטישער הכנסה ווערט באַשטימט דורך דער פאַרהעלטעניש פון דער גאַנצער סומע מער־ווערט צו דעם ארבעטס־ווערט פון דעם גאַנצען קאַפּיטאַל אין לאַנד. אויף אַזאַ'ן אופן, באַשטימט דאָס געזעץ פון ארבעט־ווערט דעם פּרייז אומדירעקט, באַשטימענדיג די נאָרמע פון קאַפּיטאַליסטישער הכנסה, וואָס באַשטימט פאַר זיך דעם פּרייז בײַ געוויסע הוצאות פון שטענדיגען און פאַרענדערליכען קאַפּיטאַל.

צו אַ באַזונדער הויכען גראַד דערגרייכט די דיפערענציאַלע רענטע אין די אינדוסטריעלע צענטרען און אין די שטעט, וואו די אַנווענדונג פון געזעלשאַפטליכער ארבעט קומט פאַר העכסט אינטענסיוו, וואו די ארבעט אויף טראַנספּאָרטירונג און אויפהיטונג פון די סחורות ווערט שטאַרק געשפּאָרט, אַ דאַנק דער נאָהענטקייט פון מאַרק. און דער'אמת'ן, לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז איין פאַבריקע, וואָס פּראָדוצירט אַ מיליאָן פּוד סחורה, געפינט זיך אויף אַ מהלך פון איין ווערסט פון מאַרק, און די אַנדערע, אויך אַזאַ גרויסע, אויף אַ מהלך פון 11 וויאָרסט; אַריבערפירען אַ מיליאָן פּוד פאַר 10 וויאָרסט איז אַ געוואַלדיגע הוצאה, און אויב די ערשטע פאַבריקע מיידט אויס אָט די הוצאה, וועט אַלץ וואָס עס ווערט דערביי אָפּגעשפּאָרט, בײַ דער ג ע ו ו י י נ ט ל י כ ע ר גרויס פון פּראָפיט, אַוועקגעהן לטובת דעם ערד־אייגענטימער אין דער פאָרמע פון דיפערענציאַלער רענטע — ווי אַ געצאָלט פאַר דער מעגליכקייט אָנצואַווענדען די געזעלשאַפטליכע ארבעט בײַ באַזונדער גינסטיגע באַדינגונגען. איבעריגענס, די עקאָנאָמישע קראַפט פון דעם גרויסען קאַפּיטאַליסט איז אַזאַ, אַז גאַנץ אָפט רייסט ער אָפּ פאַר זיך אַ טייל פון דער דיפערענציאַלער רענטע — און קען דאָן נאָך גרינגער באַזיגען זיינע קאָנקורענטען.

דער אַלגעמיינער פּראָגרעס פון דער פּראָדוקציע, ווי עס איז שוין געווען אָנגעוויזען, ברענגט דערצו, אַז די רענטע ווערט גרעסער, און די וואָס קריגען זי דאַרפען זיך דערביי אַפילו ניט מטריח זיין: עס

וואקסט, אינאיינעם מיט'ן נאכפרעג אויף ערד פאר פארשיידענע אונטערנעמונגען, די מאכט פון די ערד מאָנאָפּאָליסטען איבער די אונטערנעמער.

דערביי וואקסט הויפטזאכליך די דיפערענציאלע רענטע, דערהויפט, ווען מען פירט דורך בשכינות מיט געוויסע חלקים ערד גוטע פארקער־וועגען, וואס דערנעהענטערען זיי צום מארק, אדער אויב מען אנטדעקט אויף דער ערד נייע נאטור אוצרות א. ד. ג.

א דאנק דעם שטענדיגען וואוקס פון רענטע, פארקויפט זיך די ערד געוויינטליך טייערער, איידער עס וואלט געדארפט זיין לויט דעם השבון פון דער קאפיטאליזאציע פון רענטע: פאר דעם קומענדיגען צוואוואוקס פון דער רענטע ווערט טיילווייז איינגעצאלט אין דעם פרייז פון דער ערד. דערביי איז כדאי צו באמערקען, אז דער ערד פארקויף *פארפעסטיגט* די רענטע. דער'אמת'ן, דער קאפיטאליסט, וואס האט געקויפט די ערד, קוקט אויפ'ן געלט וואס ער האט באצאלט פאר איר, ווי אויף א קאפיטאל, וואס ער האט ארייגעלייגט אין דער ערד, און וואס מוז ברייגגען דעם געהעריגען פראפיט. די רענטע ווערט פון איצטער אן אויפגעהיט ניט נאר דורכ'ן כח פון מאנאפאליע, נאר אויך דורך דער קראפט פון דער קאנקורענץ פון קאפיטאלען, וואס פאדערט פאר אלע קאפיטאלען א גלייכע פראפיטנארמע.

דאס וואס מע רופט ערענדע געלט דארף מען ניט צענויפמישען מיט רענטע. מען ערענדירט געוויינטליך ניט די הוילע, אומבאארבעטע ערד, נאר אינאיינעם מיט די בנינים וואס אויף איר, מיט די אויסבעסערונגען וואס די פריהערדיגע ארבעט האט אין איר געמאכט, ניט זעלטען אויך מיט די געהילפס מיטלען צום ארבעטען, מיט די בהמות און ד. גל. דאס אלץ שטעלט מיט זיך פאר א געוויסען רעאלען קאפיטאל, וואס ווערט פארליען דעם ערענדאטאר, און וואס דארף ארייגברייגגען דעם קרעדיטאר, ד. ה. דעם ערד־אייגענטימער, דעם געוויינטליכען קרעדיט־פראצענט. א טייל פון די ערענדע געלט שטעלט מיט זיך פאר, הייסט עס, דעם געוויינטליכען פראפיט אויף דעם ערד־אייגענטימערס קרעדיט־קאפיטאל; כדי צו באקומען די

ריינע רענטע, דאַרף מען פון די אַרענדע געלט אַראָפּרעכענען אַט דעם טייל.

איינאיינעם מיט די אַנטוויקעלטע פאָרמעס פון קאַפּיטאַליסטי־שען ערד־אייגענטום ווערען נאָך אויפגעהויבן, אין דער מאַנופאַקטור עפּאָכע אומעטום, און אין דער מערהייט לענדער — אפילו שפּעטער אויך, ווייניגער פאַרענדיגטע פאָרמעס, דערהויפּט אין ערד־אייגענטום. צו אַט אַזעלכע פאָרמעס קען מען, אפשר, צורעכענען אויך אַזעלכע באַלעבאַטישקייטען, וואו איין פּערזאָן איז אי דער ערד־אייגענטימער אי דער קאַפּיטאַליסטישער אונטערנעמער, און קריגט אי די רענטע אי דעם פּראָפיט. נאָר אויף דעם דאַרפען מיר זיך דאָ ניט אָפּשטע־לען: אַזאַ פאַראייניגונג בייט כמעט קיינמאָל גאָרנישט אין דעם אַל־געמיינעם פּראָצעס.

גאַנץ אָפט שפּילט די ראָלע פון אַן אַרענדאַטאָר ניט אַ קאַפּיטאַ־ליסט, נאָר אַ קליינער אונטערנעמער, וואָס באַגעהט זיך גאָר, אָדער כמעט גאָר אָהן געדונגענע אַרבעט, געוויינטליך אַ פּויער אַן ערד־אַרבעטער. אין אַזאַ פאַל ווערט גאַנץ אָפט דעם פּערמערס „פּראָפיט" דערפירט ביז צו נול: דער קליינער אַרענדאַטאָר פאַרמאָגט ניט די קראַפט פון אַ קאַפּיטאַליסט, ער קען ניט קעמפען אַזוי דערפאָלגרייך מיט'ן ערד־אייגענטימער פאַר די אַרענדע געלט, און די רענטע דער־גרייכט אַזוי ווייט, אַז פאַר דעם אַרענדאַטאָר בלייבען נאָר איבער די נויטיגע לעבענס מיטלען. אין דער'אמת'ן איז ער דאַן ניט מער ווי דעם ערד־אייגענטימערס אַ געדונגענער אַרבעטער, אונטער דער מאַס־קע פון אַ זעלבשטענדיגען אַרענדאַטאָר. אונטער דער ווירקונג פון דעם האַנדעלס קאַפּיטאַל, וואָס עקספּלואַטירט פון זיין זייט אויך דעם קליינעם אַרענדאַטאָר, פאַלט דער חלק פונ'ם לעצטען נאָך נידעריגער, אויף אַזוי ווייט, אַז דאָס רופט אַרויס די אויסשטאַרבונג פון די פּראָ־דוצירער (אַ ביישפּיל איז — אירלאַנד).

אין די פאַלען, ווען אי דער ערד־אייגענטימער אי דער ערד־אַרבעטער זיינען פאַראייניגט אין דער פּערזאָן פון איין פּויער, קען זיך לכתחילה אויסדאַכטען, אַז דאָ קריגט איין מענטש אי דעם אַרבעטס־לוין, אי דעם פּראָפיט, אי די רענטע. אין דער'אמת'ן אָבער געהט דאָ

געוויינטליך אריבער דער פראפיט גאנץ גיך אין די הענט פונ'ם האנדעלם קאפיטאליסט, פונקט אזוי ווי אין דעם פריהערדיגען פאל; און די רענטע איז דא בכלל זעהר א קליינע, מחמת דער קלאס קליינע אייגענטימער ערד־ארבעטער, האט ניט הינטער זיך אזא באדייטענדיגע היסטאריש געשאפענע געזעלשאפטליכע מאכט ווי דער קלאס גרויסע ערד־אייגענטימער.

די אונטערשטע שורה, וואס איז אזוינס רענטע? דאס איז דער חלק מער־ווערט, וואס דער קאפיטאליסט לאזט אפ פאר'ן ערד־אייגענטימער פאר דעם רעכט אנצואווענדען געזעלשאפטליכע ארבעט אויף א געוויסען שטח ערד.

די מעגליכקייט צו עקספלואטירען די נאטור קרעפטען מיט דער הילף פון געזעלשאפטליכער ארבעט איז אומבאגרעניצט: אפילו די פרוכטבארסטע ערד, אין די גאר געדיכט באזעצטע לענדער, איז נאך אויך ניט אינגאנצען באארבעט. נאר די געזעלשאפט קען זיך דער־מיט אליין ניט באנוצען אומגעשטערטערהייט: זי טרעפט אן א ווי־דערשטאנד מצד דעם קלאס ערד־אייגענטימער, און אט דעם ווידער־שטאנד מוז מען בייקומען מיט דער הילף פון רענטע.

## ג). ארבעטס לוין.

דעם ווערט פון דער ארבעטס קראפט קריגט דער ארבעטער אין דער פארמע פון שכירות, אדער ארבעטס לוין.

אין די נאטור־ווירטשאפטליכע פעריאדען איז געדונגענע אר־בעט א זעלטענער אויסנאם. די ארבעט פון דעם וואנדערענדיגען בעל־מלאכה אין די פעאדאלע צייטען, בא דעם קונד אין דער הים און פון דעם קונדם אייגענע מאטעריאלען, איז נאר אויסערליך ענליך צו געדונגענע ארבעט; דאס געצאלט, וואס אזא בעל־מלאכה קריגט, אנטשפרעכט ניט דעם ווערט פון זיין ארבעטס קראפט, נאר דעם ווערט, וואס זיין ארבעט האט דא פון דאס ניי געשאפען, — דא איז נאך ניטא קיין שום עקספלואטאציע, ווארים דער בעל־מלאכה האט זיינע אייגענע פראדוקציאנס מיטלען, און ער קען, אלענפאלס,

# א. באַגדאַנאָוו

גאַנץ לייכט אויסקומען אַהין איינעם א באַשטימטען קונה, פּונקט אַזוי ווי יענער אַהין אים.

געדונגענע ארבעט הייבט אָן צום ערשטען מאָל שפּילען א באַדייטענדיגע ראָלע אין לעבען, ווען אין שטאָט אַנטוויקעלט זיך די קליין־בירגערליכע אָרגאַניזאַציע פון האַנטווערק. די געזעלען און לערױנגען שטעלען שוין מיט זיך פאָר דעם מייסטערס געדונגענע ארבעטער. פונדעסטוועגען, כּל־זמן די פּאַטריאַרכאַלע באַציהונגען האַלטען אָן אין די גרעניצען פון דער האַנטווערקער ווירטשאַפט, כּל־זמן די ראָלע פונ'ם געזעל איז נאָר אַן איבערגאַנגס שטאַפּעל צום טיטעל מייסטער, ווערט דער ארבעטס לוין באַשטימט ניט שטריינג לויט דעם ווערט פון דער ארבעטס קראַפט, נאָר איז א ביסעל העכער פון איר: אָניט וואָלט דער געזעל פאַר דער צייט פון זיין דינסט ניט געקענט אָנקלייבען די נויטיגע מיטלען אויף איינצואָרדענען נאָכדעם זיין אייגענעם וואַרשטאַט מיט אַן אייגענער באַלעבאַטישקייט. ווען דער האַנדעלס קאַפּיטאַל אָבער קומט צו געהן און מאַכט א תל פון דער האַרמאָניע אין די פּאַטריאַרכאַל־האַנטווערקערשע באַציהונגען, און עקספּלואַטירענדיג דעם מייסטער, צווינגט ער אים ער זאָל עקספּלואַטירען די געזעלען, דאַן פאַלט די הויך פון דעם ארבעטס לוין ביז צו דעם ווערט פון די נויטיגע לעבענס מיטלען, ביז צו דעם ווערט פון דער ארבעטס קראַפט.

עס איז שוין באַוויזען געוואָרען, אַז אויב דער האַנדעלס קאַפּיטאַל פאַרוואַנדעלט ניט דעם קליינעם בעל־מלאכה און דעם פּויער אין געדונגענע ארבעטער, איז דאָס נאָר פ אָ ר מ אַ ל; פּאַקטיש, לאָזט ער זיי איבער פאַר זייער ארבעט נאָר דעם ווערט פון דער ארבעטס קראַפט. אַזוי אַז אין עצם איז זייער מאַטעריעלע לאַגע ניט אַנדערש פון דער לאַגע פון געדונגענע ארבעטער.

די אַנטוויקלונג פון אינדוסטריעלען קאַפּיטאַל מיינט די אַנטוויקלונג פון געדונגענער ארבעט, וואָס הייבט ערשט אָן דאַן צו שפּילען א גרויסע ראָלע אין דעם פּראָדוקציאָנס לעבען פון דער געזעלשאַפט. דער „פּאַרדינסט“ פון דעם זעלבשטענדיגען קליינעם פּראָדוצירער

# פאָליטישע עקאָנאָמיע

ווערט אַלץ מער ארויסגעשטויסען דורך דעם ארבעטס לוין פון דעם פראָדוצירער דעם פראָלעטאריער.

די גאר ערשטע פאָרמע פון ארבעטס לוין איז א נאטוראלע, ד.ה. מע צאָלט מיט פראָדוקטען, מיט געברויך זאכען. אָט די פאָר־מע פון ארבעטס לוין איז אגב אינטערעסאנט אין דער הינזיכט, וואָס דער ווערט פון דער ארבעטס קראפט זעהט זיך דאָ אָן באשיימפערליך, ווי דער ווערט פון דעם וואָס עס קאָסט צו פראָדוצירען די נויטיגע לעבענס מיטלען.

דער נאטוראלער לוין ווערט באזונדער לאַנג אויפגעהאַלטען אין דער ערד־ארבעט; און דאָס איז גאַנץ פארשטענדליך, ווארים גראָד די פראָדוקטען פון ערד־ארבעט שטעלען מיט זיך פאָר א היפשען טייל פון דעם ארבעטערס נויטיגע לעבענס מיטלען. אין אָט דער פראָדוק־ציאָנס צווייג ווערט ער טיילווייז אויפגעהאַלטען אפילו אין דער עפּאָכע פון א גאַנץ אנטוויקעלטען קאפּיטאליזם, נאָר אָבער שטענדיג אינ־איינעם מיט א געלט שכירות. אין אָט אזא געמישטער פאָרמע, נאָר הויפּטזאכליך א נאטוראלער, פלעגט קריגען זיינע שכירות דער גע־זעל פון מיטעלאַלטער. און אפילו איצטער נאָך האַלטען אָפּט די באַ־לעבאטים פון קליינע אונטערנעמונגען, אז עס לוינט זיך זיי בעסער, דער ארבעטער זאָל זיין אויף דעם „באַלעבאָס קעסט“ און נאָר א טייל פון זיינע שכירות זאָל ער קריגען אין דער פאָרמע פון געלט.

מיט דער אנטוויקלונג פון אויסטויש און געלט פארקער פאַר־שווינדט אומעטום דער נאטוראלער לוין. די געלט פאָרמע איז באַ־קוועמער אי פאַר דעם ארבעטער, ווען דאָס גיט א מעגליכקייט צו קויפען געברויך מיטלען לויט זיין אייגענעם אויסוואַל, אי פאַר דעם קאפּיטאליסט, פון ווען דאָס נעמט אראָפּ די טרחה איינצוקויפען געברויך ארטיקלען פאַר די ארבעטער.

באַ א גרויס־קאפּיטאליסטישער פראָדוקציע קען מען אַנטרעפען אויך א מין געמישטען ארבעטס לוין, נאָר שוין גאָר אין אַנדער פאָרמע: דאָס איז די „סיסטעמע פון נויטען.“ דער אונטערנעמער אָרדענט איין א קראָם באַ זיין אינדוסטריעלער אונטערנעמונג און נויט די ארבעטער צו קויפען דאָרטען פראָדוקטען; מקחים, פאַר־

## א. באַגדאַנאָוו

שטעהט זיך, שטעלט מען דערביי אוועק אזעלכע, וואָס גיבען א היפשען פראָפיט. די „נויט סיסטעמע“ גיט דעם קאַפּיטאַליסט א מעגליכקייט אראָפּצוקוועטשען דעם ווירקליכען אַרבעטס־לוין ביז גאָר, און לפנים דאַרף ער גאָר דערביי ניט פאַרקלענערען אים. (אין א סך לענדער, אין רוסלאַנד אויך בתוכם, מאַכט די געזעצגעבונג פאַרזוכען אָפּצושאַפען אָט די סיסטעמע, אָדער לכל־הפחות צו באַגרעניצען איר אַנווענדונג. נאָר די אונטערנעמער קריגען שוין א מיטעל ווי אזוי אויסצודרייען זיך פון אָט די פאַרבאָטען.)

דער אַרבעטס לוין רעכענט זיך לויט צוויי פאַרשיידענע אופנים: אָדער פון טאָג, פון וואָך, פון חודש, בכלל — פ ו ן ד ע ר צ י י ט, אָדער — פ ו ן ש ט י ק. לויט דעם ערשטען אופן פלעגט זיך געוויינטליך דער מייסטער פאַנאַנדערצאָלען מיט זיינע געזעלען. דער אַנדערער איז היסטאָריש מער פאַרבונדען מיט דער הויזליך־קאַפּיטאַליסטישער פאָרמע פון אינדוסטריע, וואו דער פּראָדוצירער האָט טאַקע אַנדערש ניט געקאָנט קריגען זיין לוין, סיידען פון שטיק.

אין דער עפּאָכע פון אינדוסטריעלען קאַפּיטאַליזם טרעפט מען ביידע פאָרמעס גלייך: דער קאַפּיטאַליסט קלייבט זיך אויס באַ איטלעכען פאַל דעם אופן, וואָס לוינט זיך אים בעסער; ביידע האָבען זיי זיך זייערע מעלות און זייערע חסרונות פאַר דעם אונטערנעמער.

ווען מען צאָלט פון צייט, שטרייננגט זיך דער אַרבעטער אָן ווייניגער, ער זשאַלעוועט זיינע כוחות; זיין אַרבעט איז ניט אזוי אינטענסיוו. און טאַקע, ווי שטאַרק ער זאָל ניט אויסגעבען זיין ענערגיע, וועט ער דאָך פאַר'ן טאָג קריגען אַלץ דיזעלביגע שכירות.

ווען מען צאָלט פון שטיק, צווינגט עס דעם אַרבעטער צו האָרעווען א סך מער אָנגעשטרייננגט, ער זעהט צו מאַכען וואָס מער, ווארים דאָס פאַרגרעסערט זיין פאַרדינסט. אָבער, מחמת געאיילטער אַרבעט, איז די אַרבעט גופא פון אָן ערגערער קוואַליטעט. הייסט עס, צאָלען פון צייט לוינט זיך בעסער דעם אונטערנעמער דאָרט, וואו די קוואַליטעט פון דער סחורה האָט א באַזונדער באַדייטונג.

איבעריגענס, אפילו באַ אַרבעט פון שטיק, קען דער אונטערנעמער ביסלעכוויז, מיט דער הילף פון שטרייננגען בראַקירען און

שטראַפען, דערשלאָגען זיך צו א מער זאָרגפעלטיגער אַרבעט, צו א הויכער קוואַליטעט פון די פּראָדוקטען. ווייטער, אַרבעט פון שטיק האָט פאַר׳ן אייגענטימער די מעלה, וואָס דאָס גיט אים די מעגליכקייט בּיסלעכווייז צו פאַרגרעסערען דעם פּראָפיט, וואָס ער קריגט פון איטלעכען אַרבעטער. דאָס קומט פאָר אזוי. האָבענדיג אין זינען מער צו פאַרדינען, אַרבעטען די אַרבעטער ענערגישער, און א געווּיסע צייט קריגען זיי טאַקע מער געצאָלט ווי געוויינטליך. ווען די העכערע אָנגעשטריינגטקייט פון אַרבעט ווערט שוין בּאַ זיי א געוואוינהייט, דריקט דער אונטערנעמער אַראָפּ די פּרייזען, אזוי אַז דער אַרבעטס לוין פאַלט צוריק בּיז דער פריהערדיגער גרויס. כדי מער צו פאַרדינען, מוזען די אַרבעטער ווידער פאַרגרעסערען די אינטענסיווּיטעט פון דער אַרבעט; און נאָכדעם קומט ווייטער פאָר א פאַרקלענערונג פון די פּרייזען, א. אַז. וו.

בּאַ אזעלכע בּאַדינגונגען איז נאַטירליך, אַז מיט דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם זאָל די אַרבעט פון שטיק אַלץ מער אַרויסשטויסען די אַרבעט פון צייט.

כדי צו פאַרענדיגען דעם איבערבליק פון די פאָרמעס פון אַרבעטס לוין, דאַרף מען נאָך דערמאָנען וועגען געצאָלט מיט דער בּאַטייליגונג אין די פּראָפיטען. אחוץ דעם געצאָלט פון צייט אָדער פון שטיק, צעטיילט מען נאָך צווישען די אַרבעטער א בּאַשטימטען טייל פון פּראָפיט, למשל 5—10%. קיין ערנסטע, אַלגעמיינע בּאַדייטונג האָט אָט די פאָרמע פון אַרבעטס לוין ניט. צו זעלטען לוינט זיך עס דעם אונטערנעמער. מען ווענדט עס אָן דערהויפּט דאָרט, וואו עס איז בּאַזונדער וויכטיג צו פאַראינטערעסירען די אַרבעטער אין דער קוואַליטעט פון זייער אַרבעט, — למשל, אין די מאַנופאַקטורען פון מוזיק אינסטרומענטען, אָדער ווען אין לאַנד איז פאַראַן ווייניג געניטע און פייהיגע אַרבעטער פון א געוויסער ספּעציאַליטעט, און מען וויל זיי דעריבּער וואָס איינגער צובּינדען צו ד ע ר אונטערנעמונג.

דער אונטערנעמער צאָלט אויס דעם אַרבעטס לוין נ אָ כ ד ע ם ווי די אַרבעט איז שוין אָפּגעטאָן. אויסנאַמען פון דעם כלל זיינען זעהר זעלטען. דאָס הייסט, דער אַרבעטער לייט אויס אייגענטליך די

# א. באָגדאַנאָוו

אַרבעטס קראַפט זיינע דעם קאַפּיטאַליסט, ער גיט זי אים אויף קרעדיט: זי ווערט פאַרברויכט, איידער מען באַצאָלט פאַר איר.

דעריבער, קריגט פאַר דעם אַרבעטער אַ באַזונדער באַדייטונג דער טערמין פון פאַנאַנדערצאָלען זיך — אַ וואָכיגער, אַ צוויי־וואָכיגער, צי אַ חודש'דיגער, א. אז. וו. פון איין מאָל צאָלען ביז דעם אַנדערען מוז דער אַרבעטער לעבען געוויינטליך אויף חוב. דער קרעמער אָבער, בא וועמען ער קויפט געברויך אַרטיקלען, גיט אויף חוב ניט אומזיסט. וואָס זעלטענער מע צאָלט אויס דעם אַרבעטס לויין, אַלץ שווערער איז דעם אַרבעטערס לאַגע בא אַזעלכע באַדינגונגען.

אין דער פראַגע מכח דער הויך פונ'ם אַרבעטס לויין זיינען פאַראַן געוויסע ספּעציעלע שוועריגקייטען צום אויספאַרשען. קודם־כל דאַרף מען באַטראַכטען, ווי אַזוי איז מעגליך צו פאַרגלייכען די גרויס פון דעם אַרבעטס לויין פאַר פאַרשיידענע געגענטען און צייט פּעריאָדען.

בא דער נאַטור פאָרמע פון געצאָלט איז נאָך אַזאַ פאַרגלייכונג גאַנץ גרינג צו מאַכען: וואו דער אַרבעטער קריגט מער פּראָדוקטען, דאָרטען איז דער לויין העכער (פאַרשטעהט זיך, אויב די פּראָדוקטען זיינען דיזעלביגע: אַניט איז נאָר אומגעפער מעגליך צו באַטראַכטען עס).

ווען מען צאָלט אָבער מיט געלט, זיינען שוין די שוועריגקייטען גרעסערע. אויב דער אַרבעטער קריגט אין איין אָרט צוויי מאָל אַזויפיל געלט וויפיל אין דעם אַנדערען, הייסט עס נאָך ניט אַז זיין ווירקליכער לויין איז העכער. ניט דאָס געלט גופא איז וויכטיג פאַר'ן אַרבעטער, נאָר וויפיל געברויך אַרטיקלען ער קען דערפאַר קויפען. אויב אין איין לאַנד איז דער אַרבעטס לויין 2 רובל, און אין דעם אַנדערען 1 רובל, נאָר אין דעם ערשטען לאַנד זיינען אַלע געברויך זאַכען אין צווייען טייערער, דאַן דאַרף מען רעכענען, אַז דער ווירקליכער לויין איז איןביידע פאַלען גלייך.

אויף אַזאַ'ן אופן, מוז מען אונטערשיידען די נאָמינאַלע, לפנימ'־דיגע גרויס פון דעם לויין: אַזויפיל און אַזויפיל רובל, קאָפּיקעס, —

און די רעאַלע, ווירקליכע גרוים; כדי צו קריגען אַ באַגריף וועגען דעם רעאַלען לוין, דאַרף מען פריהער קלאָר מאַכען וואָס פאַר אַ סכום געברויך זאַכען מען קען קויפען פאַר אַ געוויסען געלט לוין: אַזוי־פיל פונט ברויט, פלייש, אַזויפיל אַרשין לייווענט א. אז. וו.

פאַרגלייכען דירעקט דעם געלט לוין קען מען נאָר אין איין און דעמזעלביגען אָרט, אין איין און דערזעלביגער צייט; אַניט קענען אַרויסקומען מיאוס'ע טעות'ן.

דאָס זיינען נאָך ניט אַלע שוועריגקייטען. ווען מען באַטראַכט די הויך פון אַרבעטס לוין, מוז מען אויך האָבען אין זינען די לייגג פון דעם אַרבעטס טאָג און די אינטענסיוויטעט פון דער אַרבעט, — בכלל, די אויסגאַבע פון אַרבעטס־ענערגיע. אויב די אַרבעטער פון איין לאַנד קריגען פאַר אַ 10־שעה'דיגען אַרבעטס טאָג, וויפיל די אַר־בעטער פון אַן אַנדער לאַנד פאַר אַ 12־שעה'דיגען, איז קלאָר אַז דער לוין אין דעם צווייטען לאַנד איז אַ נידעריגערער. אויב דער אַר־בעטס טאָג איז אַ גלייכער אין ביידע לענדער, למשל, אַ 10־שעה'־דיגער, נאָר די אַרבעט איז אין דעם צווייטען פאַל אַן אינטענסיווערע, איז די הויך פון דעם אַרבעטס לוין פאַר'ן צווייטען לאַנד אַ קלענערע.

איבער אַט די אַלע שוועריגקייטען קען מען גאַנץ אָפט טרעפען אין דער עקאָנאָמישער ליטעראַטור אומענדליכע חקירות: צי איז דער אַרבעטס לוין דאָרטען און דאָרטען פאַר אַזאַ און אַזאַ פעריאָד גע־פאַלען, אָדער ער האָט זיך געהויבען.

אַלענפאַלס, דער אַרבעטס לוין איז ניט מער ווי דער מאַרק פרייז אויף אַרבעטס קראַפט. דעריבער, שטימט ער אין דורכשניט אומגעפער מיט'ן ו ו ע ר ט פון אַרבעטס קראַפט.

ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרען, איז דער ווערט פון אַרבעטס קראַפט גלייך צום ווערט פון דעם וואָס עס קאָסט צו באַפרידיגען די געוויינטליכע באַדערפענישען פון דעם אַרבעטער און זיין הויזגעזינד. מכח דעם דאַרף מען נאָך מאַכען געוויסע דערקלערונגען.

1.) צווישען די געוויינטליכע באַדערפענישען פון דעם אַר־בעטער האָבען די קינסטליך אַנטוויקעלטע כמעט פונקט אַזאַ ווירקונג

# א. באַגדאַנאָוו

אויפ'ן ווערט פון דער אַרבעטס קראַפט און דער הויך פון דעם לוין, ווי די נאַטירליכע.

באַאָבאַכטונגען האָבען באַוויזען, אַז אויב דער אַרבעטס לוין איז ערגער וואו מחמת גינסטיגע באַדינגונגען, אַ לאַנגע צייט געשטאַנען העכער, וועט ער שוין זעהר זעלטען פאַלען צוריק צו דער פריהערדיגער גרויס אָדער נאָך נידעריגער דערפון. די אַרבעטער פאַרטיידיגען מיט עקשנות דעם געהעכערטען לוין, כדי צו האָבען די מעגליכקייט צו לעבען לויט זייערע נייע געוואוינהייטען. אויב דער לוין פאַלט אָבער פאַרט, טאָ ווייזט זיך אָפט אַרויס, אַז דער אַרבעטער וועט פאַרברויכען ווייניגער פלייש, ברויט, אָבי נאָר צו האָבען אַ מעגליכקייט צו קויפען טאַבאַק, שנאַפּס, טיי, ביכער און אַז. וו.

2) ווען מען זאָגט, אַז אין דעם ווערט פון דער אַרבעטס קראַפט געהט אַריין דער ווערט וואָס עס קאָסט צו באַפרידיגען די באַדערפענישען פון דעם אַרבעטערס הויזגעזינד, מיינט מען דערביי אַ פאַמיליע פון ד ו ר כ ש נ י ט ל י כ ע ר גרויס.

ווייטער רעכענט זיך דערביי, אַז אין דער געגעבענער געזעלשאַפט פאַרקויפט אין דורכשניט נאָר איין מענטש פון דער גאַנצער פאַמיליע זיין אַרבעטס קראַפט, און ער פאַרדינט עס אויף אַלע מיטגלידער פון דער פאַמיליע. אויב אָבער אין דער פאַמיליע אַרבעט ניט איין מענטש, נאָר מער, דאַרף דער לוין פון אַ ל ע אַ ר ב ע ט ע ר א י נ א י י נ ע ם קלעקען, אין דורכשניט, אויף צו באַפרידיגען די באַדערפענישען פון דער פאַמיליע.

נאָך אַט די באַמערקונגען וועגען אַרבעטס לוין בכלל, קען מען איבערגעהן צו דער פראַגע מכח אַרבעטס לוין אין דער מאַנופאַקטור עפּאָכע.

אפילו בא אַן אַנטוויקעלטער מאַנופאַקטור בלייבט די אַרבעט נאָך אַלץ אַ האַנט־אַרבעט, ווי אין האַנטווערק. דעריבער, האָט נאָך אַלץ אַ גרויסע באַדייטונג די קונסט פון דעם איינצעלנעם אַרבעטער, אַזוי ווי פריהער.

פאַרשיידענע סאָרטען אַרבעט בא דער טעכנישער צעטיילונג ווייזען זיך אַרויס אָדער איינפאַכערע אָדער מער פאַרוויקעלטע, זיי

פאדערען אמאל מער אמאל ווייניגער לערע און געניטקייט. לויט דער פארוויקעלטקייט פון דער ארבעט, לויט דער מאס קענטשאפט און געלערנטקייט טיילען זיך די ארבעטער פון די מאנופאקטורען אויף קלאסען, פאר וועלכע דער ארבעטס לוין איז ניט קיין גלייכער.

דעם נידעריגסטען קלאס שטעלען פאר, ווי מע רופט זיי, די פראסטע ארבעטער*) אדער ניט געלערנטע ארבעטער — די פארשטעהער פון „פראסטע" ארבעט אין דער מאנופאקטור עפאכע. פון זיי האט זיך ניט געפאדערט קיין באזונדער לערע, זיי פלעגט מען איבערגעבען אזעלכע ארבעטען, וואס איטלעכער קען דאס טאן. זיי פלעגען קריגען דאס קלענסטע געצאלט, לפי־ערך נאך מיט זייערע גאנץ שוואך אנטוויקעלטע באדערפענישען. פויערים, וואס זיינען געבליבען אהן ערד, בראדיאגעס („טרעמפס"), בעטלער — פלעגען צושטעלען פאר די מאנופאקטורען דעם גרעסטען טייל פראסטע ארבעטער.

די געניטע ארבעטער**) פלעגען בילדען א מין אריסטאקראטיע און פלעגען קריגען מער פון די פראסטע ארבעטער. זיי זיינען אויך געוועזן צעטיילט אויף נאך קלענערע גרופעס, לויט דעם גראד געניטקייט און דער גרויס פון דעם לוין. געניטע ארבעטער פלעגען ארויסקומען לכתחילה פון דעם קלאס געפאלענע בעל־מלאכות, און אויך פון די געוועזענע געזעלען.

האבענדיג אין זינען, אז דער ארבעטס לוין ווערט באשטימט דורך דעם ווערט פון דער ארבעטס קראפט, ד.ה. וואס עס קאסט צו באפרידיגען דעם ארבעטערס באדערפענישען, איז ניט שווער צו פארשטעהן, אז אין דער מאנופאקטור עפאכע האבען געקענט עקזיסטירען גרויסע און שטענדיגע אונטערשיידען אין דעם ארבעטס לוין: שפילענדיג ניט קיין גלייכע ראלעס אין דער פראדוקציע, אויסברייענגענדיג אין דעם פראצעס פון ארבעט ניט קיין גלייכען סכום געזעלשאפטליכע ניצליכע ארבעטס ענערגיע, האבען די פארשיידענע קלאסען ארבעטער געדארפט האבען אויך א פארשיידענעם גראד פון באדערפענישען:

*) אויף ענגליש „קאמאן לייבארערז," אדער אויף אמעריקאנער אידיש — „קאמאנע" ארבעטער.

**) אויף ענגליש „סקילד".

# א. באָגדאַנאָוו

ניט אומזיסט פּלעגן זיי זיך אונטערשיידען אפילו לויט זייער אָפּ־שטאַמונג פון מער פאַרמעגליכע אָדער ווייניגער פאַרמעגליכע געזעל־שאַפטליכע גרופּעס. נאָר פאַרוואָס רעכענט זיך דער קאַפּיטאַליסט מיט דעם פאַרשיידענעם גראַד באַדערפעניש פון זיינע אַרבעטער, פאַרוואָס וואַרפט ער ניט אַראָפּ דעם לוין פון די געלערנטע אַרבעטער ביז צו דער מדרגה פון די פּראָסטע אַרבעטער? אים אַרט דאָך ניט, וואָס דעם אַרבעטערס לערע האָט עפּעס געקאָסט.

ערשטענס, עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז די געלערנטע אַר־בעטער פאַרטיידיגען ענערגיש דעם הויכען גראַד פון זייערע באַדער־פענישען. צווייטענס, אין דעם קאַמף פאַר'ן אַרבעטס לוין געפינען זיי זיך אין לפי־ערך גינסטיגע באַדינגונגען, א סך גינסטיגערע, איי־דער די ניט געלערנטע. די ערשטע איז פאַראַן ווייניגער, די קאָנקור־רענץ צווישען זיי איז שוואַכער, עס איז זיי שווערער צו פאַרבייטען, מיט איין וואָרט — די פאַרהעלטעניש פון נאָכפראַגע און אָנבאָט איז פאַר זיי גינסטיגער, און דעם קאַפּיטאַליסט איז באַזונדער שווער אָראָפּצורייסען פון זייער לוין.

אויף וויפיל די לאַגע פון געלערנטע אַרבעטער איז בכלל געווען גינסטיג אָנקעגען די מאַנופאַקטור אונטערנעמער, קען מען זעהן פון אַט אַזאַ באַטראַכטונג: אויב עטליכע אַרבעטער פירען דורך א באַ־זונדער שטיקעל אַרבעט, וואָס איז נויטיג אין דער רייע אַנדערע אַר־בעטען און פאָדערט א באַזונדער געניטקייט, און זיי זאָגען זיך אָפּ צו אַרבעטען, איז אַזוי ווי עס איז אוממעגליך צו פאַרבייטען זיי אויפ'ן שטעל מיט אַנדערע, קומט דעם באַלעבאָס אויס זעהר אָפט אינגאַנצען אָפּשטעלען די פּראָדוקציע אויף א צייט אָדער נאָכגעבען זיי. דער נאָכפראַגע אויף געניטע אַרבעטער אין דער וואַקסענדיגער מאַנופאַקטור פּראָדוקציע איז געווען אַזוי גרויס, אַז ניט זעלטען האָבען זיי געהאַט א מעגליכקייט צו דיקטירען די באַלעבאַטים באַדינגונגען. פאַרשטעהט זיך, ניט אַלעמאָל און ניט אומעטום איז עס אַזוי געווען.

בכלל, אויב אפילו דער לוין פון געניטע אַרבעטער וואָלט, איבער עפּעס באַזונדערע אומשטאַנדען, געוואָרען ניט העכער פון דעם לוין פון פּראָסטע אַרבעטער, וואָלטען זיך געניטע אַרבעטער אויסגענומען,

# פּאָליטישע עקאָנאָמיע

— זיי וואָלטען ביסלעכוויז פאַרוואָרפען זייער פריהערדיגע באַשעפ־טיגונג, וואָס פאָדערט אַ גרויסע נערווען אָנשטרענגונג, אַ גרויסען פאַרלוסט פון ענערגיע, און וואָלטען געוואָרען פּראָסטע אַרבעטער; און פון דאָס ניי לערנען זיך עפּעס אַ פאַרוויקעלטע אַרבעט וואָלט נאָר קיינער ניט געוואָלט, וואָרים דאָס וואָלט דאָך ניט געבראַכט קיין שום באַזונדערען נוצען.

אַלענפאַלס, דער גרעסטער טייל פון פּראָלעטאַריאַט איז באַשטאַ־נען פון גראָב־אַרבעטער און ווייניג געלערנטע אַרבעטער. זיי זיי־נען אַרויסגעגאַנגען פון דער סביבה פון יענע קלאַסען, וואָס זיינען גע־ווען אַמשטאַרקסטען געדריקט און עקאָנאָמיש אָפּגעשוואַכט ביז גאָר, און נאָר זעהר לאַנגזאַם האָבען זיי אַנטוויקעלט זייערע באַדערפעני־שען. דערפאַר איז אין 16־טען, 17־טען יאָרהונדערט דער אַרבעטס לוין געוועזען בכלל זעהר נידעריג. נאָך אין אַ גרעסערער מאָס איידער אין דער באַארבעטענדיגער אינדוסטריע איז דאָס ריכטיג בנוגע צו דער קאַפּיטאַליסטישער ערד־אַרבעט, וואָס הייבט זיך דאַן אָן צו באַווייזען, וואו קיין „געלערנטע" אַרבעט איז בכלל כמעט ניטאָ, און די באַדער־פעניששען פון די האָרעפּאַשניקעס זיינען גאָר ניט אַנטוויקעלט.

אין די מער אָפּגעשטאַנענע אונטערנעמונגען, וואָס זיינען איינגע־אָרדענט לויט דער הויזליך־קאַפּיטאַליסטישער סיסטעמע, איז דער פאַרדינסט פון די פּראָדוצירער אומגעפער אויף דעמזעלביגען גראַד ווי אין די מאַנופאַקטורען, אָדער נאָך נידעריגער. דער האַנדעלס קאַפּיטאַל דאַרף'ט וועגען דעם פּראָדוצירער נאָך ווייניגער, איידער דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל, פאַר וועמען אַן אויסגעמוטשעטער, דעגע־נערירטער אַרבעטער איז צו באַשיימפּערליך פון אַ קנאַפּען נוצען.

אַ גינסטיגע באַדינגונג פאַר דער הויך פון דעם אַרבעטס לוין אין דער מאַנופאַקטור עפּאָכע איז דאָס, וואָס פרויען און קינדער אַרבעט איז נאָך זעהר ווייניג פאַרשפּרייט: פון דער גאַנצער פאַמיליע פאַר־קויפט זיין אַרבעטס קראַפט געוויינטליך נאָר איין מענטש. אויף אַזאַ'ן אופן ברייננגט דער פאַרקויף פון איין אַרבעטערס קראַפט לעבענס־מיטלען פאַר דער גאַנצער פאַמיליע. דעריבער, בלייבט נאָך אַלץ פאַר דער פרוי אין פאַמיליע דיזעלביגע „נאַטור־ווירטשאַפטליכע" ראָלע,

## א. באַנדאַנאָוו

וואָס אין דעם קליין־בורזשואזען פּעריאָד: זי פירט נאָר די הויז ווירט־שאַפט.

דער נידעריגער ארבעטס לוין פון דער מאַנופאַקטור עפּאָכע גערהט געוויינטליך אינאיינעם מיט ניט קיין זעהר לאַנגען ארבעטס טאָג און מיט ניט קיין זעהר אָנגעשטריינגטער ארבעט.

אין אָנהויב פון דעם מאַנופאַקטור פּעריאָד איז די לייגג פון דעם ארבעטס טאָג וויניג וואָס אָפּגעשיידט פון דעם ווי ער איז געווען פאַר די האַנטווערקער געזעלען אין דער צייט, ווען האַנטווערק האָט געבליט — 9, 10 שעה א טאָג, אַמאָל נאָך אפילו וויינינער דערפון. א שרייבער פון 17־טען יאָרהונדערט קלאָגט זיך ביטער אויף דעם עגאָאיזם און דער פוילקייט פון די ענגלישע ארבעטער, וואָס ארבעטען 4—5 טעג אין וואָך צו 8 שעה, קריגען די נויטיגע לעבענס־מיטלען, און עס רופעט זיי גאָר ניט צו ארבעטען א ביסעל מער.

בנוגע די פאַרשטעהער פון די פאַרוויקעלטע ארבעטען דערקלערט זיך אזא קורצע ארבעטס צייט מיט זייער גינסטיגער לאַגע אויפ׳ן ארבעטס מאַרק. וואָס איז שייך די פאַרשטעהער פון גראָבער ארבעט, דערקלערט זיך דאָס מיט דעם, וואָס זייערע באַדערפעגישען זיינען געווען גאָר ניט אַנטוויקעלט: ס׳איז ניט געווען וואָס עס זאָל זיי שטאַרק שטויסען צו קריגען מער לוין דורך לייגגערע ארבעטס שטונ־דען. מיט דיזעלביגע באַדינגונגען דערקלערט זיך אויך די לפי־ערך ניט הויכע אינטענסיוויטעט פון דער ארבעט.

אזא צושטאַנד פלעגט צווינגען די רעגירונג פון יענער צייט אָנ־צונעמען מיטלען אַנקעגען דער צו גרויסער „פוילקייט“ און דעם „עגאָ־איזם“ פון די ארבעטער. אהער זיינען, קודם כל, שייך די שטריינגע געזעצען וועגען „בראָדיאַגעס“, ד.ה. ארבעטלאָזע, וואָס האָבען געמוזט ערגעץ וואו שטעלען זיך ארבעטען, אויב זיי האָבען נאָר געוואָלט אויס־מיידען אכזריות׳דיגע שטראָפען, פון שמייץ ביז דער תליה אריינגערע־כענט. אויף אזא׳ן אופן זיינען די מאַסען היימלאָזע מענשען געדיס־ציפּלינירט געוואָרען, כדי זיי זאָלען זיך טויגען פאַר די צוועקען פון אינדוסטריעלען קאַפּיטאַל, און פאַרגרעסערענדיג מיט זיך דעם אַר־

בעטס אנבאט, זאָלען זיי מאַכען אַז די אַנדערע זאָלען זיך אויך ניט אַזוי בריקען. נאָר דער צוועק איז דערגרייכט געוואָרען אין אַ קנאַפּער מאָס.

ווייטער, דאָס געזעץ פּלעגט רעגלאַמענטירען דעם ארבעטס טאָג: עס פּלעגט באַשטימט ווערען דער מ י נ י מ ו ם ארבעטס שטונדען. למשל, די ענגלישע געזעצען פון 17־טען יאָרהונדערט באַשטימען אַז ארבעטס טאָג פון 11—12 שעה, און אויב מען מאַכט אַ קאָנטראַקט אויף אַ קירצערען ארבעטס טאָג, קומט אַ שטראָף אי אויפ'ן באַלעבאָס אי אויפ'ן ארבעטער. אין דער פּראַקטיק פּלעגט מען אַזעלכע געזעצען אָפּהיטען ניט זעהר שטרייננ: אָפט פּלעגט מען זיך פון זיי אויסדרייען מיט פאַרשיידענע פאַרטעלס, און אַן אַנדערשמאָל פּלעגט מען זיי פּשוט פאַרלעצען.

אין די שפּעטערע פּעריאָדען פון דער מאַנופאַקטור עפּאָכע האָט זיך די לאַגע געביטען, און ניט לטובת די ארבעטער. אַלץ מער פּויערען זיינען געבליבען אָהן ערד, און די קליין פּראָדוקציע איז אַלץ מער געפאַלען, און דאָס האָט אַלץ פאַרגרעסערט די צאָלען פון דעם פּראָלעטאַריאַט. ניט די מאַנופאַקטור פּראָדוקציע, ניט די רעשטען פון האַנטווערק זיינען ניט געווען בכוח צו געבען גענוג פאַרדינסט אַט דער מאַסע הונגעריגע נפשות. די קאָנקורענץ אויף דעם ארבעטס מאַרק איז געוואָרען אַלץ שאַרפער.

פונדעסטוועגען, איז די לייגג פון דעם ארבעטס טאָג געוואַקסען זעהר לאַנגזאַם. גענויע ציפערען איז שווער אָנצואווייזען; דאָך, דער פאָלגענדיגער פאַקט באַווייזט דייטליך, אַז אפילו גאָר צום סוף פון דעם מאַנופאַקטור פּעריאָד איז דער ארבעטס טאָג ניט געווען באַזונדערס לאַנג. אין דעם יאָר 1770 שלאָגט פאָר איינער אַן אווטאָר פון אַן עקאָנאָמישער אָפּהאַנדלונג אַזאַ מין פּראָיעקט. כדי פּטור צו ווערען אין ענגלאַנד פון כל'ערליי ארבעטסלאָזע און ליידיג־געהערס, זאָל מען אויסבויען פאַר זיי אַ גוואַלדיג גרויס ארבעטס הויז. וואָס זאָל זיין, ווי דער אווטאָר פון דעם פּראָיעט דריקט זיך אויס, אַן אמת „שרעקען־הויז“. די וואָס ווערען אַהין אריינגעזעצט דאַרפען דאָרט קריגען אַלע נויטיגע לעבענסמיטלען, און דערפאַר דאַרפען זיי אר־

בעטען „גאַנצע 12 שעה א טאָג". היינט אויב פאַר דעם „שרעקעז־הויז" האָט מען פאַרגעשלאָגען א 12־שעה'דיגען ארבעטס טאָג, קען מען זיך שוין אָנשטויסען, אז די געוויינטליכע לייגג פון דעם ארבעטס טאָג איז געווען באַדייטענדיג קלענער.

## 5). די הויפּט-שטריכען פון דער געזעלשאַפטליכער פּסיכאָלאָגיע אין דעם מאַנופאַקטור פּעריאָד.

אין דער ערשטער, מאַנופאַקטור עפּאָכע פון דעם אינדוסטריעלען קאַפּיטאַליזם געהט נאָך אָן די באַפרייאונג פון דעם יחיד פון אַנטער דער אַפּטרופּסות פון די פאַרשיידענע מאַכטען, וואָס זיינען נאָך איבערגעבליבען פון דער פעאָדאַלער סיסטעמע. עס ווערט בטל דאָס רעכט פון לייב־אייגענטום דאָרט, וואו עס איז נאָך פאַרבליבען; עס ווערט שנעל פאַרמינערט די געזעלשאַפטליכע קראַפט אין דער איינפלוס פון דער קאַטוילישער אָרגאַניזאַציע; די צעכען פאַרלירען זייער גאַנצע באַדייטונג; עס בייטען זיך, לויט דעם אַלגעמיינעם אַנטוויקלונגס גאַנג נאָך, אויך די פּאָליטישע פאָרמעס: די פאָרמעס פון אַבסאָלוטער מאָנאַרכיע ווערען טיילווייז אָפּגעשוואַכט און נעמען אָן א מער קולטור־רעלען אויסזעהן („דער אויפגעקלערטער דעספּאָטיזם"), און טיילווייז געהען זיי איבער אפילו אין קאָנסטיטוציאָנעלע און פּאַרלאַמענטאַרישע פאָרמעס (געוויינטליך, מיט דער הילף פון פאָלקס רעוואָלוציעס). דאָס אַלץ פירט צו איין זאַך: עס ווערען אָפּגעשוואַכט די שטערונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער אינדיווידועלער זעלבסטשטענדיגקייט און דעם יחיד. נייע געזעלשאַפטליכע לעבענס פאָרמעס קאָנען זיך איצטער אויסאַרבעטען שנעלער ווי פריהער.

נאָר אויב דער יחיד טרעפט אָן אין זיין אַנטוויקלונג אַלץ ווייניגער שטערונגען מצד די אויסערליכע אַוטאָריטעטען, אויב עס ווערען בטל די פאָרמאַלע גרעניצען פאַר דער אויסברייטערונג פון זיין טעטיגקייט, בלייבען נאָך אָבער אַלץ אירע מאַטעריעלע גרעניצען: אין א סך פאַלען ווערט די אַנטוויקלונגס מעגליכקייט שטאַרק

אפגעשוואכט איבער די חסרונות פון אירע מאַטעריעלע באַדינגונגען. אין אַט דער הינזיכט זיינען די שטערונגען ווייט ניט גלייך פאר די פארשיידענע גרופּעס פון דער געזעלשאַפט.

די וואַקסענדיגע אַנזאמלונג פון רייכטום אין די הענט פון יענע קלאַסען, וועמען עס געהערט די אָרגאַניזאטאָרישע טעטיגקייט (אין דער פּראָדוקציע און ספּעציעל אין דער פּאַרטיילונג), גיט שוין גופא זעהר א סך פּאַרשטעהער פון אַט די קלאַסען די פולע מעגליכקייט אוועקצושיינקען אלע זייערע כוחות פאר גייסטיגער אַרבעט. און אחוץ דעם, די אַלגעמיינע אנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציאָנס טעכניקע און דער טעכניקע פון פּאַרקער און די אַלץ שטייגענדיגע קאָמפּליצירטקייט פון דער אָרגאַניזאטאָרישער טעטיגקייט אין דער פּראָדוקציע שאַפען א שטאַרקען נאָכפרעג אויף קאָפּ־אַרבעט: קאַפּיטאַל דאַרף האָבען אינזשענערען, געלערענטע טעכניקער, וויסענשאַפטליך־געבילדעטע ים־פּאַרער, בוכהאַלטערס, עקאָנאָמיסטען און אז. וו.; מלוכה דאַרף האָבען געבילדעטע באַאמטע, אַפיצערען און ד. ג. אַ דאַנק אַט די אַלע אומשטאַנדען קומט אויף א גרויסע צאָל בורזשואַזע אינטעליגענץ. די אַרבעט אירע באַצאָלט זיך גוט, לויט נאָך די הויכע באַדערפעניששען אירע און איר געפּריוויליגירטער לאַגע. פּאַרנעמענדיג זיך דורכאויס מיט גייסטיגער אַרבעט, האָט זי אַ מעגליכקייט שטאַרק צו אַנטוויקלען די אַרבעטס פּראָדוקטיוויטעט אויף איר געביט. אויף אַזאַ'ן אופן זעהען מיר, אַז די העכערע שיכטען פון דער געזעלשאַפט, פון די ערד־אייגענטימער ביז דער בורזשואַזער אינטעליגענץ אַריינגערעכענט, האָבען כמעט ניט קיין מאַטעריעלע שטערונגען אין זייער אַנטוויקלונג.

אין אַן אַנדער לאַגע געפינען זיך יענע קלאַסען, וואָס שפּילען אין דער אַלגעמיינער פּראָדוקציאָנס סיסטעמע די ראָלע מער פון אויספּאָלגער. ווי עס איז שוין באַוויזען געוואָרען אין דעם אָפּטייל וועגען אַרבעטס לוין, האָט דער אַרבעטער געלעבט אין דער עפּאָכע, וואָס מיר שטודירען דאָ, אין גאָר ניט קיין גינסטיגע מאַטעריעלע באַדינגונגען; דער נידעריגער אַרבעטס לוין, וואָס האָט אינגאַנצען געשטימט מיט די ניט אַנטוויקעלטע באַדערפעניששען, האָט כמעט ניט איבערגעלאָזען קיין

שום מעגליכקייט פאר אנטוויקלונג. אויף איין מדרגה מיט די אר־בעטער — אמאָל נאָך נידעריגער — שטעהען אין דעם פּרט די קליינע פּראָדוצירער, וואָס דער האנדעלס קאַפּיטאַל האָט זיי געאָרגאַניזירט לויט׳ן טיפּ פון דער הויזליך־קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע.

נאָר די פאָרשטעהער פון פאַרוויקעלטער ארבעט, וואָס האָבען געקראָגען לפי־ערך א גרעסערען ארבעטס לוין, האָבען געהאַט עפּעס א מעגליכקייט צו לעבען א גייסטיגען לעבען. אָבער זיי זיינען געווען נאָר א טייל פון דעם ארבעטער קלאַס, און א טייל אן אָפּגעזונדערטער, זייער גינסטיגע לאַגע האָט כמעט גאָר ניט געווירקט אויפ׳ן פּראָגרעס פון דעם גייסטיגען לעבען פון די אַנדערע ארבעטער. (בכלל, איבער דער גרויסער פאַרשיידענאַרטיגקייט פון די מאַטעריעלע לעבענס באַ־דינגונגען, האָבען נאָך די ארבעטער פון דער מאַנופאקטור עפּאָכע ניט פאַרגעשטעלט פּאַקטיש קיין איינהייטליכען קלאַס; דאָס באַוואוסט־זיין פון סאָלידאַריטעט איז נאָך געווען זעהר שוואַך אנטוויקעלט צווישען זיי.)

עס שאַדט ניט צו באַמערקען, אַז די ארבעט צעטיילונג אין דער מאַנופאַקטור, וואָס שטרעבט איטלעכע ארבעט צו צעגלידערען אויף די איינפאַכסטע אָפּעראַציעס, וואָס יעדערע פון זיי דאַרף געטאָן ווערען פון א באַזונדער ארבעטער, איז שוין גופא ניט קיין גינסטיגע באַדינגונג פאַר אַנטוויקלונג. דעם ארבעטער ווערט אָפּגעגעבען א שרעקליך שמאָ־לער טעטיגקייטס קרייז; די איינאַרטיגע, ריין מעכאַנישע ארבעט מיט אַלץ איין אינסטרומענט איבער שטענדיג דעמזעלביגען מאַטעריאַל איז בכח גייסטיג אָפּצוטעמפּען דעם מענטשען, פאַרוואַנדלען אים אין א מאַשינע. פונדעסטוועגען דאַרף מען אָט די ווירקונג ניט מגזם זיין: אויב די ארבעט האָט ניט קיין גייסטיגען אינהאַלט, נאָר צו דער־זעלביגער צייט איז פאַראַן אַן איבערמאָס ענערגיע פאַר אנטוויקלונג, וועט דאָס גייסטיגע לעבען קריגען א מעגליכקייט נאָך ברייטער פאַ־נאַנדערצואוויקלען זיך, און וועט זיך ממילא ניט באַנוגענען מיט די גרעניצען פון דער ספּעציאַליטעט. אָבער באַ די מאַנופאַקטור ארבע־טער איז אַזאַ איבערמאָס ענערגיע געווען א זעלטענער אויסנאָם.

אין אַלגעמיין, מוז מען זאָגען, אַז די שאַרפע אָפּטיילונג פון קאַפּ־

## פּאָליטישע עקאָנאָמיע

ארבעט און פיזישער ארבעט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער מאַנופאַקטור עפּאָכע, העכערט אפילו די פּראָדוקטיוויטעט פון די צוויי פאַרטען ארבעט, אָבער צו דערזעלביגער צייט באַשאַפט זי באַדינ־גונגען פאַר זעהר נים קיין גלייכמעסיגער פּסיכישער אנטוויקלונג פון די באַזונדערע גרופּעס אין דער געזעלשאַפט.

דער סכום דערקענונגס מאַטעריאַל, וואָס שטאַמט פון דעם פּראָ־דוקציאָנס לעבען פון דער געזעלשאַפט, וואַקסט אוים אומגעהייער. דער קרייז פון דער פּראָדוקציאָנס טעטיגקייט פון די קולטורעלע פעל־קער וואַקסט אין שטח, פאַרכאַפּענדיג אלץ נייע געגענטען אויף דער ערד; מען עקספּלואַטירט ענערגישער די נאַטירליכע אוצרות פון איט־לעכער געגענט; דאָס אלץ ברייננגט מיט דירעקט א פּראָגרעס אין די טעכנישע וויסענשאַפטען. אינאיינעם מיט זיי געהט אויך די אנטוויק־לונג פון די נאַטור־וויסענשאַפטען, וואָס זיינען מיט זיי אייננג פאַר־בונדען און שטעלען מיט זיך פאַר זייער פאָרזעצונג. דער 16־טער, 17־טער און 18־טער יאָרהונדערט צייכענען זיך אוים מיט א שנעלען פּראָגרעס פון מאַטעמאַטיקע, טעאָרעטישער מעכאַניקע, פּי־זיקע, כעמיע, און נאָכדעם אויך פון די מער פאַרוויקעלטע וויסענ־שאַפטען — די ביאָלאָגישע. די אנטוויקעלטע ים־פאַרעריי האָט געהאַט א גרויסען איינפלוס אויף'ן פּראָגרעס פון אלע נאַטור־וויסענשאַפטען בכלל, פאַרלייכטערענדיג פאַר די אייראָפּייער די אויספאָרשונג פון דער נאַטור אין פאַרשיידענע לענדער; נאָר א באַזונדער גרויסען אנשטוים האָט געקראָגען די אַסטראָנאָמיע — א וויסענשאַפט, וואָס ווערט שטאַרק באַנוצט אין ים־פאַרעריי. דער פּראָגרעס פון אסטראָנאָמיע איז געווען אייננג פאַרבונדען מיט דער דערפינדונג און אויסבעסערונג פון אָפּטישע אינסטרומענטען, וואָס האָט באַזונדער געפירט צו א שנעלערער אנטוויקלונג פון אלע וויסענשאַפטען וועגען דער לעבע־דיגער נאַטור, א. אז. וו.

אויף פאַרשיידענע אופנים האָט דער טעכנישער פּראָגרעס ארויסגערופען די נויטוועגדיגקייט און האָט געשאַפען די מעגליכקייט פון דעם דערקענונגס פּראָגרעס, וואָס איז ווירקליך נים אָפּצוטיילען

## א. באָגדאַנאָוו

פון דעם ערשטען, און שטעלט מיט זיך פאַר זיין דירעקטע פאָרזעצונג.

דער פראָגרעס פון דערקענונג אין דער עפּאָכע פון מאַנופאַקטור קאַפּיטאַליזם האָט א געוואַלדיגע באַדייטונג פאַר דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג פון דעם קאַפּיטאַליזם גופא. נאָר אויף א געוויסער מדרגה אין דער אַנטוויקלונג פון וויסענשאַפט איז מעגליך דער איבערגאַנג פון מאַנופאַקטור־קאַפּיטאַליזם צו מאַשין־קאַפּיטאַליזם.

די אַנטוויקלונג פון וויסענשאַפטען איז געגאַנגען ניט נאָר אין דער טיף, נאָר אויך אין דער ברייט. דיזעלביגע געזעלשאַפטליכע באַדערפעניש, וואָס האָבען אין דער עפּאָכע פון האַנדעלס קאַפּיטאַל פאַראורזאַכט און אַלץ וואַקסענדיגע פאַרשפּרייטונג פון קענטעניש צווישען די פאָלקס מאַסען, ווירקען נאָך שטאַרקער אין דער מאַנופאַקטור עפּאָכע. פונדעסטוועגען קען מען ניט זאָגען, אַז בילדונג האָט זיך זעהר שטאַרק פאַרשפּרייט אין אָט דער עפּאָכע: ניט די מאַנופאַקטורען, ניט די קאַפּיטאַליסטישע ערד־אַרבעט שאַפען נאָך ניט קיין איבעריגעס שטאַרקען נאָכפראַגע אויף גראַמאָטנע, אין א געוויסער מאָס געבילדעטע אַרבעטער.

די אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע און דער דערקענטעניש, דער וואוקס פון דעם מענטשענס מאַכט איבער דער נאַטור פירט אומפאַרמיידליך דערצו, אַז די רעשטען פון דעם נאַטוראַלען פעטישיזם זאָלען אַלץ מער אונטערגעהן. נאָר ביז זייער פולשטענדיגען פאַרשווינדען איז נאָך ווייט: אין ענדליכען זיג איבער דער נאַטור האָט די מענטשהייט ניט אין דער עפּאָכע, באַ וועלכער מיר האַלטען דאָ איצטער, נאָר שפּעטער.

די מאַכט פון די געזעלשאַפטליכע באַציהונגען איבער די מענטשען בלייבט אומבאַרירט, זי ווערט נאָך אפילו שטאַרקער מחמת דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון אויסטויש און קאָנקורענץ. אומבאַרירט בלייבט אויך דער אויסטויש־פעטישיזם, וואָס קומט פון אָט דער מאַכט, דאָס פאַרדרייטע פאַרשטעהן פון געזעלשאַפטליכע פּראָצעסען.

אויף די עקאָנאָמישע אַנשויאונגען אין דעם פעריאָד, וואָס מיר באַטראַכטען דאָ, איז זעהר באַקוועם נאָכצופאָרשען, פון איין זייט, ווי

אזוי מענטשען פאַרשטעהען פעטישיסטיש די געזעלשאַפטליכע ווירקליכקייט, פון דער אנדער זייט.—ווי אזוי צו דערזעלביגער צייט קומט אויף א ריכטיגע דערקענטעניש פון אָט דער ווירקליכקייט, וואָס אנטוויקעלט זיך שטענדיג נאָר אויף אזוי פיל, *אויף וויפיל עס דערלאָזען דאָס די פאַקטישע געזעלשאַפטליכע באַציהונגען און דער פעטישיזם, וואָס איז מיט זיי אומפאַרמיידליך פאַרבונדען.*

די אינטערעסען און די אַנשויאונגען פון דעם האַנדעלס־אינדוסטריעלען קאַפּיטאַל, ווי ער ווייזט זיך אַרויס אין דער הויזליך־קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס סיסטעמע, ווי אויך אין דעם ערשט געבאָרענעם ריין אינדוסטריעלען קאַפּיטאַל, האָבען געפונען זייער אויסדרוק אין די אַרבעטען פון די עקאָנאָמיסטען פון דער מערקאַנטיל שול אָדער דער שול פון „האַנדעלס באַלאַנס.“

אין דער עפּאָכע, וואָס מיר שטודירען איצטער, האָבען די אויסטויש באַציהונגען שוין באַשאַפען א גאַנץ פעסטען, אייגגען צוזאַמענבונד אין דעם עקאָנאָמישען לעבען פון די באַזונדערע געגענטען כמעט אין איטלעכען פון די גרויסע לענדער, אויף וועלכע אייראָפּע איז צעטיילט. אָט דער צוזאַמענבונד, ווי עס איז שוין געווען אַנגעוויזען, האָט געפונען אַן אויסדרוק אין דעם נאַציאָנאַלען שטאַט. נאָר אויך צווישען די באַזונדערע לענדער פאַרבינדען זיך אַלץ ברייטערע אויסטויש באַציהונגען, און די קאַפּיטאַלען פון פאַרשיידענע לענדער הייבען אָן צו קאָנקורירען אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלען מאַרק, דערביי שטויסען זיך אָן זייערע אינטערעסען ניט זעלטען איינע אָן די אַנדערע. למשל, די ענגלישע קאַפּיטאַליסטען אין אָנהייב 17־טען יאָרהונדערט האָבען נאַטירליך קודם כל געדאַרפט זעהן מיט כל המיטעל, אַז די עקספּלואַטאַציע פון דעם אינווייניגסטען מאַרק פון זייער לאַנד זאָל זיין געזיכערט פאַר זיי, אַנקעגען דעם אריינדרינגען פון דעם מער אַנטוויקעלטען האָלענדישען קאַפּיטאַל; אָבער אחוץ דעם האָבען זיי אויך געדאַרפט זאָרגען, אַז זיי זאָלען האָבען א פרייען צוטירט צום אינווייניגסטען מאַרק אין פראַנקרייך. ענליכע שטרעבונגען ווייזט

## א. באַגדאַנאָוו

אויך אַרויס, פון זיין זייט, דער פּראָנצויזישער קאַפּיטאַל. בכלל, דער קאַפּיטאַל פון איטאַליען צד וויל ניט נאָר רוהיגערהייט הערשען איבער דער פּראָדוקציע פון דעם אייגענעם לאַנד, נאָר ער הייבט שוין אָן צו טראַכטען וועגען דעם, ווי אַזוי צו באַצווינגען די פּראָדוקציע פון אַנדערע לענדער.

אָט דאָס זיינען די פּראַקטישע אינטערעסען, וואָס דינען פאַר'ן פונדאַמענט פון דער שול פון האַנדעלס באַלאַנס. וואָס איז שייך דעם טעאָרעטישען יסוד, באַשטעהט ער אין דעם פריהערדיגען בליק אויף געלט, ווי אויף דעם איינציגען רייכטום. פאַר דעם מערקאַנטיליסט האָט געלט  ג ו פ א  א געברויך־וועדט, און נאָר געלט; אַנדערע סחורות האָבען אַ ווערט נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפיל עס גיט זיך איין אויסצובייטען זיי אויף געלט: מיט דעם סכום געלט אין לאַנד מעסט מען זיין ווירקליכע עקאָנאָמישע קראַפט, און דער וואוקס פון אָט דעם סכום מיינט אַ וואוקס פון דער דאָזיגער מאַכט. כדי צו פאַרשטעהן, ווי אַזוי האָט עס געקענט פאַרבלייבען אַזאַ גראָבפעטישיסטישער בליק אין דער עפּאָכע, וואָס מיר באַטראַכטען דאָ, דאַרף מען געדיינקען, אַז קוואַנטיטאַטיוו (אין צאָל) איז נאָך די בכורה געווען ביים האַנדעלס קאַפּיטאַל, און אָט דער טראָגט הויפּטזאַכליך אַ געלט פאָרמע; דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל אָבער, וואָס טרעט אַרויס הויפּטזאַכליך אין דער געשטאַלט פון פּראָדוקציאָנס מיטלען, האָט ערשט געהאַלטען ביים געבאָרען ווערען.

נאָר אויב דער קליין־בורזשואַ און מיט אים די שול פון געלט־באַלאַנס האָבען געדרונגען פון דעם בליק אויף געלט, ווי אויף דעם איינציגען רייכטום, אַז געלט דאַרף מען אויסגעבען וואָס ווייניגער, ציהט שוין דער קאַפּיטאַליסט און די שול פון האַנדעלס באַלאַנס גאָר אָן אַנדער שלוס: מען דאַרף דאָס געלט אויסגעבען אויף אַזאַ'ן אופן, אַז מען זאָל אַריינקריגען וואָס מער פּראָפיט. דער גרויס־בורזשואַ שטעהט העכער פון דער קליינליכער שפּאָרעוודיגקייט, — דאָס לעבען גופא לערענט עס אים. ער שטעהט אויף אַנקעגען די אַלטע געזעצען, וואָס פאַרווערען צופיל לוקסוס: ער געפינט, אַז לוקסוס איז גאָר ניצליך, וואָרים דאָס שאַפט אַ מאַרק פאַר געוויסע פּראָדוקטען. נאָך

מער — ער שטעהט אויף אַנקעגען די פריהערדיגע דריקענדיגע געזעצען, וואָס האָבען געשטערט אַרויסצופירען געלט אין אויסלאַנד: ער פאַרשטעהט, אַז אַמאָל לוינט זיך בעסער אַרויסצופירען מיט איין מאָל אַ סך געלט, כדי דערנאָך אַריינצופירען נאָך מער, ווי דאָס טרעפט, למשל, באַ איבערפאַרקויפען פרעמדע סחורות.

צו מאָנאָפּאָליעס פון פּריוואַטע מענטשען און קאָמפּאַניעס באַציהען זיך די פאַרשטעהער פון דער נייער שול, מערסטענטיילס, פיינדליך; און דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדליך: מאָנאָפּאָליע איז גאַנץ ניצליך פאַר זעהר אַ קליינער צאָל מענטשען, זי איז אָבער שטאַרק ניט אָנגענעם פאַר אַלע איבעריגע קאַפּיטאַליסטען פון לאַנד, וואָרים זי צווינגט זיי צו צאָלען טייערער פאַר פּראָדוקטען פון דער מאָנאָפּאָלפּראָדוקציע, און ווייטער, רופט עס באַ זיי גלאַט אַרויס אַ קנאה מיט די הויכע פּראָפיטען.

דער ווילען צו באַשיצען די נאַציאָנאַלע קאַפּיטאַלען פון אויסלענדישער קאָנקורענץ באַוועגט די מערקאַנטיליסטען צו פאָדערען פון מלוכה, זי זאָל איינפירען הויכע גרעניץ אָפּצאָלען אויף אַריינגעפירטע געברויך אַרטיקלען. אָפּגעשיידט אָבער פון דער שול פון געלט־באַלאַנס, שטעהט די נייע שול פאַר קלענערע אָפּצאָלען אויף אַריינגעפירטע רויע מאַטעריאַלען און געהילפס מיטלען צום אַרבעטען: דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל וויל אַריינקריגען וואָס ביליגער די נויטיגע פּראָדוקציאָנס מיטלען. ווייטער, זאָרגענדיג שוין ניט נאָר צו פאַרהיטען דעם אינווייניגסטען מאַרק, נאָר אויך איינצונעמען אויסערליכע מערק, שטעהט די נייע שול פאַר אַ פאַרקלענערונג פון אָפּצאָלען אויף אַרויסגעפירטע סחורות, פאַר אַ פאַרלייכטערונג פון עקספּאָרט.

אין אַלגעמיין שטעהט די מערקאַנטיל שול פאַר אַ ברייטער, אַלזייטיגער אַריינמישונג פון מלוכה אין עקאָנאָמישען לעבען, נאָר אָבער אַזאַ אַריינמישונג, וואָס זאָל זיין ניצליך פאַר דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַל. דער יונגער קאַפּיטאַליזם פון אַ באַזונדער לאַנד נויטיגט זיך אין שוץ און שטיצע פון דער מלוכה, אַניט איז איהם צו שווער אויסצוהאַלטען די קאָנקורענץ פון אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטען און אפילו פון די קליינע זעלבשטענדיגע פּראָדוצירער. דעריבער ווענדט

## א. באַגראַנאָוו

ער זיך כסדר צו מלוכה מיט פאָדערונגען, זי זאָל אים פאַרזיכערען די נאַציאָנאַלע מאָנאָפּאָליע און זאָל אים פאַרהיטען פון אויסערליכער קאָנקורענץ.

און די מלוכה פלעגט ענערגיש דורכפירען אין לעבען די פאָדערונגען פון דעם מערקאַנטיליזם. זי האָט ניט נאָר געשאַפען די גע־העריגע סיסטעמע פון אָפּצאָלען, נאָר זי האָט געשיצט דעם קאַפּיטאַל נאָך אויף אַנדערע אופנים.

אזוי האָט די פראַנצויזישע רעגירונג אין די צייטען פון ק א ל־ב ע ר (פאַר לואי דעם 14־טען) ניט באַנוגענט זיך מיט פאַרבאָט אָפּצאָלען, וואָס זי האָט אַרויפגעלייגט אויף די פּראָדוקטען פון אויס־לענדישע מאַנופאַקטורען, נאָר זי האָט געמאַכט א סך אָנשטריינגונגען כדי אויפצוהייבען די נאַציאָנאַלע טעכניקע. זי פלעגט אויסשריי־בען קיין פראַנקרייך און אַפריידען פון אויסלאַנד געניטע אַרבעטער, זי פלעגט מיט דער הילף פון כאַבאַר דערגעהן פאַר די אייגענע קאַפּי־טאַליסטען די אינדוסטריעלע סודות פון פרעמדע מאַנופאַקטורען. זי האָט געמאַכט פאַר א חיוב אין די מאַנופאַקטורען געוויסע מעטאָדען פון פּראָדוקציע, וואָס האָבען זיך דאַן גערעכענט פאַר די בעסטע. עס זיינען באַשאַפען געוואָרען די גענויסטע רעגלאַמענטען, וואָס פלעגען פּינקטליך באַשטימען, ווי די צעך סטאַטוטען, די קוואַליטעט פון דער סחורה און אַלע פּרטים פון דער פּראָדוקציע. און אָט אַזאַ קליינליכע אַריינמישונג אין דער טעכניקע פון אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען פלעגט דאַן אין די מערסטע פאַלען זיין ניצליך פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע, ווארים די רעגירונג האָט געהאַלטען א שאַרף אויג אויף דעם אינדוסטריעלען פּראָגרעס. עס זיינען געווען פאַלען, וואָס די רעגירונג פלעגט אַרויסהעלפען די מאַנופאַקטוריסטען אפילו מיט קאַפּיטאַל. זאָרגענדיג אויפצוזוכען מערק, פלעגט זי זיך ניט אָפּשטע־לען פאַר קיין מלחמות.

אין זייער „פּראָטעקציאָנס" פּאָליטיקע פלעגען די רעגירונגען באַ־נוצען זיך, בכלל, מיט העכסט פאַרשיידענאַרטיגע איינפאַלען, אמאָל אפילו זעהר אָריגינעלע. אין 1563 יאָר האָט די קעניגין עליזאַבעט פון ענגלאַנד, כדי צו שטיצען פישעריי, באַשטימט, אז צוויי מאָל אין וואָך

זאָלען זיין פאַסט־טעג. אין 1666 יאָר איז דאָרטען גופא ארויסגעגעבען געוואָרען אַ געזעץ, וואָס האָט אונטער אַ גרויסען שטראָף געפאָדערט, אַז טויטע זאָל מען באַגראָבען דוקא אין וואָלענע קליידער.

צווישען די פאַרשיידענע מיטלען, וואָס מלוכה פלעגט דורך זיי באַשיצען די באַארבעטענדיגע אינדוסטריע, האָט זעהר אַ וויכטיגע היסטאָרישע באַדייטונג געהאַט די „קאָלאָניאַלע פּאָליטיקע“. אין תוך איז זי באַשטאַנען אין דעם, וואָס די קאָלאָניעס האָבען ניט געהאַט קיין רעכט איינצופירען אייגענע מאַנופאַקטורען, און די רויע מאַטעריאַלען איז זיי געווען דערלויבט ארויסצופירען נאָר אין דער מעטראָפּאָליע. אַזאַ עקספּלואַטאַציע פון די קאָלאָניאַלע מערק האָט היפּש פאַרשנעלערט די אַנטוויקלונג פון, למשל, דעם ענגלישען קאַפּיטאַליזם.

לויט קראָמוועלס „נאַוויגאַציאָנס אַקט,“ האָט מען כל'ערליי סחורות געמעגט אריינפירען אין די קאָלאָניעס און ארויספירען פון דאָרטען נאָר אויף ענגלישע שיפען, און אין ענגלאַנד גופא האָבען אויסלענדער געמעגט אריינפירען אויף אייגענע שיפען פּראָדוקטען נאָר פון זייער אייגענעם לאַנד. אויף אַזאַ'ן אופן איז דער מאַרק פון ענגלאַנד גופא, און אויך פון אירע קאָלאָניעס געווען אינגאַנצען געזיכערט פאַר די ענגלישע קאַפּיטאַליסטען.

אין דער קאָלאָניאַלער פּאָליטיקע האָט ניט קיין קליינע ראָלע געשפּילט אַלץ דיזעלביגע סיסטעמע פון מאָנאָפּאָליעס: ערשטענס, האָבען עס געפאָדערט די אינטערעסען פון דער מלוכה קאַסע, און צווייטענס — דער פּריוואַטער אונטערנעמערשער גייסט האָט נאָך, מסתמא, ניט דערגרייכט צו אַזאַ הויכער שטופע פון אַנטוויקלונג, אַז ער זאָל זיך קענען באַגעהן אָהן אַ באַזונדער דערמוטיגונג אין די פּאַרוויקעלטע און ריזיקאַלישע קאָלאָניאַלע אונטערנעמונגען. גרויסע קאַפּיטאַליסטישע קאָמפּאַניעס פלעגען אָפּקויפען די פּריווילעגיע צו פירען דעם האַנדעל אין געוויסע קאָלאָניעס, מיט נאָך פאַרשיידענע אַנדערע עקאָנאָמישע פּריווילעגיעס. פון אַט די קאָמפּאַניעס צייכענט זיך אויס באַזונדער די ענגלישע אָסט־אינדישע קאָמפּאַניע: זי האָט מיט איר געשיקטער און ביטערער פּאָליטיקע, און אויך דורך מלחמות באַוויזען

## א. באָגדאַנאָוו

אריינצוקריגען געוואַלדיגע לענדערייען מיט צענדליגער מיליאָנען איינ־וואוינער.

אזוי האָבען זיך אין דער „פּראַטעקציאָנס“ פּאָליטיקע פון די מאַנאַרכיעס פּראַקטיש פאַרווירקליכט יענע באַדערפענישען פון דער וואַקסענדיגער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע, וואָס האָבען זיך טעאָ־רעטיש אָפּגעשפּיגעלט אין די מיינונגען פון דער שול פון האַנדעלס־באַלאַנס.

אין דער שול פון האַנדעלס־באַלאַנס איז צום ערשטען אויפגעקו־מען די אידייע פון געזעצמעסיגקייט אין די עקאָנאָמישע דערשיינונגען. דאָס איז אַ העכסט וויכטיגער געדאַנק, וואָס אָהן אים האָט גאָר ניט געקענט אויפקומען קיין עקאָנאָמישע וויסענשאַפט, מחמת עס קען ניט געבען קיין וויסענשאַפט דאָרט, וואו עס איז ניטאָ, לפּחות, אַ שטרעבונג קלאָר צו מאַכען די געזעצען פון דער דערשיינונג. צום ערשטען מאָל האָט טאָמאַס מען (אין אָנהייב 17־טען יאָרהונדערט) ארויסגעזאָגט זיך אין דעם זינען, אַז דאָס עקאָנאָמישע לעבען פאַלט אונטער אונטער אייגענע געזעצען. די ווירקליכע מיטלען, וואָס מלוכה נעמט אַז, קאָנען נאָר, ווי ער מיינט, אויף אַ קורצער ווייל־ע אומענדערען דעם גאַנג פון די געשעהענישען, נאָכדעם אָבער וועלען זיגען די אייגענע געזעצען פון דער עקאָנאָמיק, און אַלץ וועט איבער־אָנעיים .אוועקגעהן מיט׳ן אייגענעם וועג. דעם מאַטעריאַל פאַר אזאַ מין אָנשויאונג האָט קענטיג געגעבען דאָס, וואָס פאַרשיידענע רעגי־רונגס מאַסרעגלען פלעגען זיך ניט איינגעבען, אויב זיי פלעגען נאָר זיין דערווידער די באַדערפענישען פון דער צייט, ווי, למשל, מאָס־רעגלען אין דעם גייסט פון דער געלט־באַלאַנס סיסטעמע.

אויב פאַר דעם קאַפּיטאַליזם, וואָס האָלט ערשט אין געבאָרען ווערען, פאַר דעם קאַפּיטאַליזם, וואָס האָט זיך נאָך ניט באַפעסטיגט, איז די באַשיצונגס סיסטעמע העכסט ניצליך, און בא געוויסע באַ־דינגונגען אפילו נויטווענדיג, איז נאָך פון דאַנען ניט געדרונגען, אַז זי האָט פּונקט אזאַ באַדייטונג אויך אין די ווייטערדיגע תקופות פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג. פריהער אָדער שפּעטער קומט אַז אזאַ מאָמענט, ווען דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל הייבט אָן צו

פּיהלען אין זיך גענוג כוח, אז ער זאָל קענען אויסקומען אָהן קיין שום זייטיגער הילף. דאָן ווערט שוין פאַר אים די אַפּטרופּסות פון דער רעגירונג, וואָס גיט אויף אים אַכטונג, ניט באַקוועם.

ערשטענס, וואָס גרעסער עס ווערט דער געברויך פון מאַנופאַקטור סחורות אינוויינינג אין לאַנד, אַלץ מער הייבען אָן דער מיטעלער און קליין בורזשוא צו פּראָטעסטירען, ווי געברויכער, אַנקעגען דעם פּראָטעקציאָניזם. וואָרים, אייגענטליך, וואָס איז דאָס אַזוינס פּראָטעקציאָניזם פון דעם שטאַנדפּונקט פון געברויכער?

לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אז אין ענגלאַנד איז די פּראָדוקציע פון וואָלענע סחורות שטאַרק אַנטוויקעלט, די פּראָדוקטיוויטעט פון דער ארבעט איז זעהר הויך אויף אַט דעם געביט, און די ענגלישע קאַפּיטאַליסטען זיינען בכוח צו דעקען אַלע הוצאות פון דער פּראָדוקציע און דער טראַנספּאָרטירונג פון די סחורות קיין פראַנקרייך, און דערביי נאָך מאַכען אַ היפּשען פּראָפיט, ווען זיי זאָלען לייזען אויפ'ן מקח פון 2 פראַנק אַ מעטער. אין פראַנקרייך, פאַרקערט, האַלט ערשט די וואָל־פאַבריקאַציע ביים סאַמע אָנהייב פון איר אַנטוויקלונג, די טעכניקע איז אַ שלעכטע, און ווערלועלער פון 3 פראַנק אַ מעטער קענען די פראַנצויזישע קאַפּיטאַליסטען זייער סחורה ניט פאַרקויפען. פאַרשטעהט זיך, אז אויפ'ן פראַנצויזישען מאַרק ווען די ענגלישע קאַפּיטאַליסטען מאַכען אַ תל פון די פראַנצויזישע, — און די פאַבריקאַציע פון וואָל אין פראַנקרייך וועט מוזען אונטערגעהן. מלוכה היט אויס פון דער געפאַר און לייגט ארויף אַ גרעניץ אָפּצאָל פון 1½ פראַנק אויפ'ן מעטער. די ענגלישע סחורה מוז מען שוין פאַרקויפען ניט ביליגער ווי אויף 3½ פראַנק, און די פראַנצויזישע קאַפּיטאַליסטען זיינען געראַטעוועט פון דער געפערליכער קאָנקורענץ. אָבער די פראַנצויזישע געברויכער זיינען געצוואונגען צו צאָלען 3 פראַנק פאַר שלעכטע פראַנצויזישע סחורה, אַנשטאָט צו קריגען גוטע ענגלישע געוועב פאַר 2 פראַנק. מיט דער צייט הייבען זיי אָן צו פּראָטעסטירען אַנקעגען אַזאַ צינז לטובת די היימישע קאַפּיטאַליסטען, און דער פּראָטעסט זייערער קריגט אַ גרויסע געזעלשאַפטליכע באַדייטונג, ווען עס קומט די מעגליכקייט צו דערהייבען די פראַנצויזישע טעכניקע צו דער מדרגה פון דער ענגלישער;

# א. באַגדאַנאָוו

דער שוץ טאַריף האָט שוין דאַן מער קיין זינען ניט, און ער שאַדט גאָר דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע, מחמת ער גיט די קאַפּיטאַ־ליסטען אַ מעגליכקייט צו קריגען אַ גרויסען פּראָפיט אָהן קיין שום טרחה פון זייער זייט צו פאַרבעסערען די טעכניקע.

צווייטענס, דער שוץ פאַר איין צווייג פון קאַפּיטאַל איז שעדליך פאַר די אַנדערע. אַ הויכער גרעניץ אָפּצאָל אויף אַגראַר מאַשינעס לוינט זיך ניט פאַר'ן פאַרמער, וואָס דאַרף אָט די מאַשינעס האָבען. אַ גרעניץ אָפּצאָל אויף אייזען טויג ניט פאַר די וואָס פּראָדוצירען געצייג דערפון. אַן אָפּצאָל אויף געברויך אַרטיקלען פאַר אַרבעטער איז ניט אַנגענעם פאַר אַלע אונטערנעמער בכלל, וואָרים דאָס הע־כערט דעם פּרייז אויף אַרבעטס קראַפט א. אז. וו. בכלל, אַ מאָנאָ־פּאָליע איז אַ זאַך וואָס צערייצט אַלעמען, אחוץ דעם מאָנאָפּאָליסט אַליין.

דער אינדוסטריעלער אונטערנעמער איז ניט צופרידען, וואָס דאָס געזעץ מישט זיך אַריין אין זאַכען וואָס זיינען שייך צו טעכניקע, וואָס דאָס געזעץ באַשטימט, למשל, מוסטערען באַ וועלכע מע מוז זיך האַלטען אין דער פּראָדוקציע, — דערביי שטעהט עס אַלץ מער אָפּ פון דעם שנעלען טעכנישען פּראָגרעס, אַזוי אַז די מוסטערען ווערען פאַרעלטערט.

דער אַנטוויקעלטער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל הייבט אָן צו זוכען פאַר זיך אויסערליכע מערק, קען ער זיי אָבער ניט דערגרייכען אַלץ טאָקע איבער דעמזעלביגען פּראָטעקציאָניזם. אַז איין מלוכה מאַכט אַ הויכען אַריינפיר טאַריף, ענטפערען דערויף די אַנדערע מלוכות אויך מיט אַזוינע טאַריפען. עס קומט פאַר אַ מין אייגענאַרטיגע מלחמה מיט טאַריפען, וואָס פירט ניט זעלטען צו אַן אמת'ער מלחמה.

הייסט עס, די באַשיצונגס פּאָליטיק ווייזט זיך אַרויס אַנקעגען די אינטערעסען פון קאַפּיטאַל. דאַן בייטען זיך די עקאָנאָמישע אַנ־שויאונגען. די ענגלישע עקאָנאָמיסטען האָבען די ערשטע אויסגע־דריקט די נייע אַנשויאונגען אין אַ וויסענשאַפטליכער פאָרמע.

אין ענגלאַנד האָט דעם אינדוסטריעלען קאַפּיטאַל מער פון אַלע אַנדערע פאָרמעס פון רעגירונגס אַריינמישונג געדריקט די באַשיצונג

פון ערד־ארבעט, — די „קארן געזעצען“. אריינצופירען אין ענגלאנד תבואה פון אויסלאנד האט מען געמעגט נאר אין דעם פאל, ווען די פרייזען אויף ברויט פלעגען דערגרייכען צו א באשטימטער, זעהר הויכער נארמע. הויכע פרייזען אויף ברויט רופען ארויס א הויכען ארבעטס לוין, ד. ה. לפי ערך א קלענערען פראפיט פאר די קאפיטא־ליסטען. טאקע איבער אט די געטריידע־געזעצען האט זיך עס אויפ־געהויבען דער ערשטער פראטעסט אנקעגען דער רעגירונגס באשיצונג פון ערד־ארבעט (אין דער גרעסטער צאל פאלען, אייגענטליך, פון *ערד־איינגענטום*).

מיט אזא פראטעסט איז אין מיטען 17־טען יארהונדערט ארויס־געטראטען *ראלי* (Raleigh).

די באדייטענדיגע אנטוויקלונג פון אינדוסטריעלען קאפיטאל לגבי דעם האנדעלס קאפיטאל, די אלץ וואקסענדיגע איבערהערשאפט פון קאפיטאל, אין דער פארמע פון פראדוקציאנס מיטלען, איבער׳ן קא־פיטאל אין געלט־פארמע, רופט ארויס אן ענדערונג אין דעם בליק אויף געלט. *טשאילד* געפינט, אז געלט איז *א סחורה צווישען אנדערע סחורות*, הגם א בעסערע. מיט דעם ווערט אונטערגעגראבען, כאטש נאך ניט איינגאנצען, דער טעא־רעטישער פונדאמענט פון דער אלטער שול.

אזוי ווי דער האנדעלס קאפיטאל גיט זיך אפ אין זיין דירעקטער טעטיגקייט מיט׳ן אויסטויש, און פון דער פראדוקציע שטעהט ער לפי ערך פון דער ווייטענס, און אזוי ווי דעם סוחר׳ס חשבונות שטיצען זיך אין די מערסטע פאלען גראד אויף די ענדערונגען פון די פרייזען און זייערע אפווייכונגען פון דער נארמע, איז זעהר פארשטענדליך, פאר־וואס די אידעאלאגען פון האנדעלס קאפיטאל לאזען אויס פון אויג דאס גרונט געזעץ פון אויסטויש — וואס די אויסטויש באציהונגען הייגען אפ פון דעם ארבעטס־ווערט פון די סחורות. אין אן אנדער לאגע געפינט זיך דער אינדוסטריעלער קאפיטאליסט: ער ארגאני־זירט די ארבעט דירעקט, ער גיט דירעקט אכטונג אויף דער פראדוק־ציע און פירט זיינע געשעפטען מיט׳ן אויסבליק אויף דער שטאנדהאפ־טיגקייט פון די פרייזען, און ניט אויף זייערע פארענדערונגען. דערי־

## א. באָגדאַנאָוו

בער, איז דער אידעאָלאָג פון אינדוסטריעלען קאַפּיטאַל אין לפי־ערך באַקוועמע באַדינגונגען, כדי קלאָר צו מאַכען זיך אין דעם צוזאַמענהאַנג צווישען דעם אַרבעטס ווערט פון דער פּראָדוקציע פון סחורות און זייערע פּרייזען. און דער׳אמת׳ן, צום סוף 17־טען יאָרהונדערט שטעלט וויליאַם פּעטי שוין אויף אין די הויפּט שטריכען די טעאָריע פון אַרבעטס־ווערט, וואָס ליגט אין דעם פונדאַמענט פון דער היינטיגער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט. אינאיינעם דערמיט קריגט אויך דעם לעצטען קלאַפּ די לערע וועגען געלט, ווי וועגען דעם אויסשליסליכען, איינציגען אמת׳ן רייכטום: עס ווערט קלאָר, אַז אויך געלט האָט אַ ווערט נאָר דערפאַר, ווײַלע עס קאָסט אַרבעט.

ווייטער, מיט אַ באַזונדערער אַנטשלאָסענהייט, פאַרענדיגטקייט און קלאָרקייט דריקט אויס די געדאַנקען פון פרייער קאָנקורענץ, להיפּוך צו די באַגריפען פון דער אַלטער שול, דאַדלי נאָרט, וועמען מען האַלט פאַר דעם ערשטען קאָנסעקווענטען "פּריטרעידער" — ד. ה. אַן אַנהייגער פון פרייען האַנדעל.

אין אַלגעמיינע שטריכען לערענט אונז נאָרט אַזוי. אַ נאַציע ווערט רייכער נאָר פון אינדוסטריע און האַנדעל. דער יסוד זייערער איז אַרבעט. דאַרפען מיר אַרבעט אַנערקענען פאַר׳ן קוואַל פון רייכטום. געלט אָבער — איז ניט מער ווי איינע פון די סחורות. „געלט אין לאַנד איז ניט צופיל און ניט צו ווייניג, נאָר פונקט אַזויפיל וויפיל עס איז נויטיג פאַר׳ן פאַרקער"; דאָס איז אָבער אַזוי נאָר אין דעם פאַל, מיינט נאָרט, ווען דער האַנדעל מיט געלט איז ניט געדריקט.

האַנדעל און אינדוסטריע דאַרפען זיין פריי; אויב דער קוואַל פון רייכטום איז אַרבעט, דאַן קען קיין שום רעגלאַמענטאַציע ניט העלפען דער באַרייכערונג פון פאָלק, פאַרקערט, דאָס קען נאָך שאַדען, וואָרים דאָס שטערט דער אַנטוויקלונג פון אַרבעט. „קיין איין שטאַט איז נאָך ניט רייך געוואָרען פון דער רעגירונגס מאַסרעגלען; נאָר שלום, אַרבעטזאַמקייט און פרייהייט האָבען באַשאַפען אינדוסטריע און רייכטום". נאָרט פּראָטעסטירט אַנקעגען דער אויסערליכער אַריינמי־

שונג אין עקאָנאָמישען לעבען. די שעדליכקייט פון געזעצען, וואָס באַגרעניצען לוקסוס, דערקלערט ער מיט דעם מאָטיוו, וואָס די אַנט־וויקלונג פון די באַדערפעניששען איז אַ מעכטיגער באַוועגער פון פּראָ־גרעס, ווייל דאָס מאַכט די מענטשען צו אַרבעטען ענערגישער.

דער אינגערליכער האַנדעל און דער אויסערליכער, האַלט נאָרט, זיינען ביידע גלייך נוטיג און זיינען אָפּהיינגיג איינער פון דעם אַנ־דערען. ביידע דאַרפען זיין גלייך פריי. אַלע פעלקער פון דער וועלט זיינען פּונקט אַזוי פאַרבונדען צווישען זיך, זיינען פּונקט אַזוי נויטיג איינס פאַר'ן אַנדערען, ווי די באַזונדערע שטעט אין איין לאַנד. אָוועקשטעלען צווישען די נאַציעס אַ צוים אין דער פאָרמע פון גרעניץ אָפּצאָלען, פאַרוועררונגען א. אַז. וו. איז פּונקט אַזוי ניט קלוג, ווי צו שטעלען זיך אין וועג די האַנדעלס באַציהונגען צווישען שכנות'ע שטעט, אָדער גאָר צווישען באַזונדערעווירטשאַפטען. אַלע פעלקער געהען אין זייער אַנטוויקלונג צו איין צוועק, און זיי דינען איינס דעם אַנדערען. די מענטשהייט דאַרף זיין דורכאויס סאָלידאַר אין אינדוסט־ריעלען לעבען. יעדער איינגער נאַציאָנאַליזם ברייננט נאָר שאָדען, ווייל דאָס פאַרמינערט די געגענזייטיגע טובות, וואָס איין פאָלק טוט דעם צווייטען, און האַלט אָפּ אויף אַזאַ'ן אופן זייער עקאָנאָמישע אַנט־וויקלונג.

די ניצליכע טעטיגקייט פון דער מלוכה אין דעם עקאָנאָמישען לעבען באַשטעהט נאָר אין דעם, וואָס זי היט אָפּ דאָס אייגענטום; איטליכע אַנדערע אַריינמישונג, מיינט נאָרט, קען נאָר שאַדען די אינ־טערעסען פון אינדוסטריע. — נאָרט'ס מיינונגען האָבען ניט געקראָ־גען קיין ברייטע פאַרשפּרייטונג אין זיין צייט (צום סוף 17־טען יאָר־הונדערט). אַפילו אין ענגלאַנד זיינען נאָר אייניגע צווייגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע געווען גענוג אַנטוויקעלט, אַז זיי זאָלען קענען פירען איינגאַנצען אַ זעלבשטענדיג לעבען, ניט נויטיגענדיג זיך אין דער אַפּטרופּסות פון מלוכה.

מיט אַ האַלבער מאה יאָרען שפּעטער איז די שול פון פרייער קאָנקורענץ אויפגעקומען אויך אין פראַנקרייך. דאָרטען זיינען די באַדינגונגען געווען אַביסעל אייגענאַרטיגע, האָבען זיי אויף דער

# א. באַגראַנאָוו

נייער לערע ארויפגעלייגט א באַזונדער שטעמפּעל, נאָר דער תוך איז געבליבן דערזעלביגער.

ווען דער פּראָטעקציאָניזם האָט שוין אויפגעטאָן פאַר דער וואַקסענדיגער פראַנצויזישער אינדוסטריע כמעט אַלץ, וואָס ער האָט געקענט אויפטאָן, האָט ער וואָס ווייטער אַלץ מער אָנגעהויבן צו פאַרוואַנדלען זיך, פּונקט אַזוי ווי אין אַנדערע לענדער, אין א שטערונג אויפ׳ן וועג פון דער אַנטוויקלונג. דאָס האָט אַרויסגערופן אַנקעגן אים א רעאַקציע אין דער שטימונג פון דער האַנדעלס אינדוסטריעלער בורזשואַזיע. און ווי א רעזולטאַט דערפון זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן די טעאָריעס פון די פיזיאָקראַטען.

נאָר ניט דער פּראָטעקציאָניזם אַליין האָט געשטערט דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַל. נאָך א גרעסערן שאָדען האָבען אין דעם זיינען געבראַכט די רעשטען פון די פעאָדאַלע צעך פאָרמעס, וואָס קענען פאַר קיין פאַל ניט שטימען מיט דער פרייהייט פון קאַפּיטאַל, און אויך ניט מיט דער פרייהייט פון אַרבעט.

די פיזיאָקראַטען, הייסט עס, האָבען געמוזט קעמפען צו דערזעלביגער צייט אי אַנקעגען אַט די רעשטען, אי אַנקעגען דעם פּראָטעקציאָניזם. דאָס בעסטע וואָפען אין דעם קאַמף פון דער נייער שול זיינען געווען די אינטערעסען פון ערד־אַרבעט, מחמת צוויי טעמים: ערשטענס, איז פראַנקרייך דאַן געווען א לאַנד הויפּטזאַכליך פון ערד־אַרבעט; צווייטענס, די ערד־אַרבעט האָט אין א גרויסער מאָס געליטען פון דיזעלביגע באַדינגונגען, וואָס האָבען געשטערט דעם פּראָגרעס פון קאַפּיטאַל.

וועגען דעם געוואַלדיגען שאָדען, וואָס די רעשטען פון מיטעלאַלטער האָבען אָנגעטאָן דער אַנטוויקלונג פון דער אַגראַר פּראָדוקציע, דאַרפען מיר זיך דאָ באַזונדער ניט אָפּשטעלען: דאָס איז שוין פריהער אַרויסגעבראַכט געוואָרען. וואָס איז שייך דעם פּראָטעקציאָניזם, האָט ער מיטגעווירקט צו מאַכען א חורבן פון דער אַגראַר ווירטשאַפט מער פון דער זייט. קודם כל פלעגט ער שטאַרק הייבען די פרייזען אויף א סך פּראָדוקטען, וואָס די פּויערען מוזען האָבען; ווייטער האָט ער אַריינגעשלעפּט פראַנקרייך אין א סך מלחמות, וואָס האָבען שטאַרק

חרוב געמאכט דאס לאנד, און די הויפט לאסט זייערע איז געפאלען אויפ'ן ערד־ארבעטער קלאס. די פויערען האבען געמוזט צאלען דעם גרעסטען טייל שטייערען אויף צו דעקען די הוצאות פון קריג און אפּגעבען די בעסטע זין זייערע אין די בליהונגס יארען פון זייער ארבעטס קראפט פאר אזא ניט פראדוקטיווער באשעפטיגונג, ווי מלחמות, און נאך דערצו, זעהר אפט ניט קיין געלונגענע מלחמות.

די אינטערעסען פון דעם ערד־ארבעטער קלאס זיינען פאר די אידעאלאגען פון קאפיטאל געווען נאך באזונדער נאהענט צום הארצען, ווייל דאס פאראמט ווערען פון די פויערען האט שטארק פארקלענערט דעם אינערליכען מארק פאר דער קאפיטאליסטישער פראדוקציע. די אלטע שטרעמונג פון דער עקאנאמישער פאליטיקע האט ניט באמערקט, אז די אנטוויקלונג פון דער באארבעטענדיגער אינדוסטריע איז שטארק אפהייננינג פון דער עקאנאמיקע פון ערד־ארבעט. די נייע שול האט געשאפען א טעאריע, וואס מאכט ערד־ארבעט פאר דעם ווינקעלשטיין פון דעם גאנצען עקאנאמישען לעבען.

די פיזיאקראטען לערנען אונז, אז די *נאטור* איז דער קוואל פון איטלעכען רייכטום. נאר אזא'ן ארבעט באשאפט רייכטום, נאר אזא'ן ארבעט איז פראדוקטיוו, וואס האט צו טאן דירעקט מיט דער נאטור — די ערד־ארבעט און בכלל *עקסטראקטיווע* ארבעט (וואס קריגט ארויס פראדוקטען דירעקט פון דער נאטור). נאר ערד־ארבעט אליין גיט *ריינע הכנסה*, גיט דעם מענטשען א גרעסערען פראדוקט, איידער ער דאס וואס ער האט אויסגעבראכט אויף דער פראדוקציע.

די ארבעט פון דעם בעל־מלאכה, מאנופאקטור ארבעט, בכלל די באארבעטענדיגע אינדוסטריע, פארענדערט נאר די פארמע פון דעם רייכטום, וואס איז ארויסגעקראגען געווארען פון דער ערד, קיין נייעם רייכטום אבער באשאפען זיי ניט, — אזוי זאגען די פיזיאקראטען. ווער רעדט האנדעל, שאפט דאך געווים ניט קיין נייע געברויך ווערטען, ער טראגט זיי נאר אריבער פון האנט צו האנט. די גאנצע נאציע לעבט אויפ'ן חשבון פון דער ריינער הכנסה, וואס דער ערד־

# א. באָגדאַנאָוו

אַרבעטער קלאַס שאַפט מיט זיין אַרבעט. די איבעריגע אינדוסטריעלע און ניט אינדוסטריעלע קלאַסען זיינען, אַזוי צו זאָגען, אויף געהאַלט בא די ערד־אַרבעטער.

דערפון מאַכט מען אַזאַ מין אויספיר: עס איז גאַנץ נאַטירליך און שכל'דיג, אַז אַלע שטייערען זאָלען פאַלען אויף דער ערד, ווי אויף'ן איינציגען קוואַל פון רייכטום: אַלע אָפּצאָלען דאַרף מען פאַרבייטען אויף איין איינציגען ערד־שטייער. די באַאַרבעטענדיגע און האַנדעלס אינדוסטריע באַשאַפען ניט קיין שום רייכטום, דאַרפען זיי זיין באַפרייט פון אַלע אָפּצאָלען. אָט דער אויספיר איז אַ פּראַטעסט אַנקעגען די שטייער אויסנאַמען פון דער אַריסטאָקראַטיע און די גייסטליכע: צו דערזעלביגער צייט אָבער באַווייזט ער זעהר קלאָר, אַז די פיזיאָקראַטען, ניט קוקענדיג אויף זייער גאַנצער ליבע צו ערד־אַרבעט און אויף זייערע שטענדיגע לויב־געזאַנגען צו איר, זיינען געווען די פאַרטרעטער פון די אינטערעסען פון דעם אינדוסטריעלען און האַנדעלס קאַפּיטאַל (באַוואוסטזיניג צי אומבאַוואוסטזיניג — דאָס איז שוין אַן אַנדער פראַגע).

די נאַטור איז, לויט די אַנשויאונגען פון די פיזיאָקראַטען, ניט נאָר דער איינציגער קוואַל פון רייכטום, — זי איז אויך דער איינציגער אמת'ער וועגווייזער אין דעם לעבען פון די פעלקער. די געזעלשאַפטליכע אָרדענונג דאַרף באַשטימט ווערען פון אייביגע, אומפאַראַנדערליכע נאַטור־געזעצען, פּונקט אַזוי ווי אַלע אַנדערע דערשיינונגען ווערען פון זיי באַשטימט. די געזעלשאַפטליכע אָרדענונג איז שכל'דיג און נאָרמאַל נאָר דאַן, ווען זי שטימט מיט די געזעצען פון דער נאַטור, נאָר דאַן ווען זי פירט צום וואוילשטאַנד פון אַלע מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. אויף וויפיל די געזעלשאַפטליכע אָרדענונג ווייכט אָבער אָפּ אין דער ווירקליכקייט פון דער מאַטור, אויף אַזוי פיל איז זי ניט שכל'דיג און שעדליך.

די נאַטירליכסטע און, הייסט עס, אויך די שכל'דיגסטע אָרדענונג איז, לויט דער מיינונג פון די פיזיאָקראַטען, אַזאַ וואָס שטערט אַמווייניגסטען די אויסערונגען פון דער מענטשליכער נאַטור. ווען מען לאָזט זי איבער צו זיך אַליין, איז זי אַממערסטען פייהיג צו שטע־

לען זיך אין איר טעטיגקייט אויף דעם ריכטיגען וועג. פאָלגענדיג דעם רוף פון זיין נאַטור, וועט איטלעכער באַוואוסטזיניג און מיט שכל שטרעבען צו זיין פּערזענליכען גליק, — און אויף אַזאַ'ן אופן וועט דערגרייכט ווערען אַלעמענס גליק. מען דאַרף באַפרייען דאָס מענטש־ליכע לעבען פון אַלע דריקונגען, וואָס היינגען דערויף ווי אַ משא (מען מיינט, פאַרשטעהט זיך, די פעאָדאַלע, צעכען און פּראָטעקציאָנס דריקונגען און ד. גל.). פרייהייט מוז זיין אומעטום, און דערהויפּט אין דעם עקאָנאָמישען לעבען. דאַ קען מען זיך בלי ספק פאַרלאָזען אויף דער טעטיגקייט פון די פּערזענליכע אינטערעסען, וואָרים איטלע־כער, שטרעבענדיג צו פאַרגרעסערען זיין אייגענע עשירות, העלפט שוין דערמיט גופא צו פאַרגרעסערען די נאַציאָנאַלע עשירות. די אונטערשטע שורה איז, — מלוכה דאַרף זיך ניט אריינ־מישען אין עקאָנאָמישען לעבען. איר זאַך איז — אָפּצוהיטען דעם יחיד, אָפּצוהיטען אייגענטום, און מער פאָדערט זיך ניט פון איר.

די שטרעבונגען פון דער נייער שול האָבען זיך אויסגעדריקט, אין דער בולט'סטער, ענערגישסטער פאָרמע, אין דער באַרימטער פראַזע פון דעם פיזיאָקראַט גורנע, מיט וועלכער ער האָט זיך געווענדט צו דער מלוכה: „לאָזט טאָן, לאָזט געהן" !*) אַט די פראַ־זע איז געוואָרען דאָס הויפּט געבאָט פון דער גאַנצער ליבעראַלער עקאָנאָמישער לערע.

די פיזיאָקראַטען האָבען פאַרגעשטעלט אַ פעסטען קרייזעל, מיט קענע, לויט דעם 15־טענס דאָקטאָר, אין דער שפּיץ. צו זייער־שול האָט געהערט דער באַרימטער שטאַטסמאַן טיורגאָ. ער האָט דער ערשטער קלאָר אויסגעדריקט דאָס גרונט געזעץ פון אַרבעטס לוין: די גרויס פון דעם לוין ווערט באַשטימט דורך דעם ווערט פון די לע־בענס מיטלען וואָס דער אַרבעטער מוז האָבען. אַזאַ באַדייטענדיגע קלאָרקייט אין דעם פאַרשטעהן פון די פאַקטישע באַציהונגען פון דעם אינדוסטריעלען קאַפּיטאַל איז ווידער טאַקע אַ סימן, אַז די פיזיאָק־ראַטען זיינען אין דער'אמת'ן געווען די אידעאָלאָגען פון דעם אינדוסט־ריעלען קאַפּיטאַל.

*) Laissez faire, laissez aller.

# א. באָגדאַנאָוו

די פּראַקטישע פּראָגראַמע פון די פיזיאָקראַטען איז אין א היפּשער מאָס דורכגעפירט געוואָרען אין לעבען דורך דער פראַנצויזישער רע־וואָלוציע. זי איז, הייסט עס, געווען דער ריכטיגער אויסדרוק פון די באַדערפעניסען פון דער צייט.

די ווייטערדיגע אַנטוויקלונג פון דער שול פון פרייער קאָנקורענץ טראָגט אונז אַריבער איבערן קאַנאַל קיין ענגלאַנד, צו דער עפּאָכע פון אַ ד אַ ם ס מ י ט'ס טעטיגקייט.

ענגלאַנד אין דער צווייטער העלפט פון דעם 18־טען יאָרהונדערט איז שוין געווען אַ היפּש אַנטוויקעלטע מאַנופאַקטור־קאַפּיטאַליסטישע מדינה. די געזעלשאַפטליכע באַציהונגען פון דער גרויס־קאַפּיטאַליס־טישער אָרדענונג האָבען זיך שוין אָנגעזעהען גענוג דייטליך און בולט און האָבען געהאַט אַ הערשענדיגע באַדייטונג אין דעם לעבען פון דער מלוכה.

אויף אַזאַ'ן אופן איז געוואָרען מעגליך אַ גאַנץ פולע און פּינקט־ליכע, בכלל — אַ וויסענשאַפטליכע אָפּשילדערונג פון די יסודות גופא פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעמע. און דאָס האָט אויפגעטאָן אַ ד אַ ם ס מ י ט, וועמען מע האַלט געוויינטליך פאַר'ן פאָטער פון דער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט. אין תוך גענומען, איז דאָס ניט ריכטיג, און על פּי דין וואָלט מען גאָר גענדאַרפט רעכענען פאַר'ן גרינדער פון דער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט כאָטש אַ ו ו י ל י אַ ם פּ ע ט י, וואָס האָט איר געגעבען אַ פעסטען טעאָרעטישען יסוד, קלאָר אַרויסברייענגענדיג אין אַלגעמיינע שטריכען די לערע וועגען אַר־בעטס־ווערט. נאָר די אָנגענומענע מיינונג דערקלערט זיך מיט דער געוואַלדיגער ווירקונג, וואָס די ווערק פון אַדאַם סמיט האָבען געהאַט אויף דער אַנטוויקלונג פון דער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט.

אַדאַם סמיט איז אין אַ היפּשער מאָס אַ תלמיד פון די פיזיאָקראַ־טען: ער איז געווען באַקאַנט מיט זייער קרייזעל, האָט תופס געווען זייערע געדאַנקען און זייער ריכטונג. נאָר די גינסטיגע געזעלשאַפט־ליכע באַדינגונגען האָבען געהאָלפען סמיט'ן פּטור צו ווערען פון אַ סך איינזייטיגקייטען אין דער תורה פון די פיזיאָקראַטען. די טעאָרע־טישע טעות'ן פון אַט דער שול זיינען געקומען אַ דאַנק דעם עקאָנאָ־

מישען לעבען פון פראנקרייך; סמיט אבער האט געשטודירט די ענג־לישע געזעלשאפטליכע ווירטשאפט, וואס האט אין איר אנטוויקלונג ווייט אריבערגעיאגט די פראנצויזישע, און האט זיך בכלל שטארק אפגעשיידט פון דער לעצטער.

די מעטאדען פון עקאנאמישער פארשונג זיינען בא אדאם סמיט'ן הויפטזאכליך ד ע ד ו ק ט י ו ו ע. ער פארשטעהט, אז אין זיין ווירטשאפטליכער טעטיגקייט פאלגט דער מענטש נאר דאס געפיל פון זיין א י י ג ע נ ע ם א י נ ט ע ר ע ס; און דעם יחיד'ס אינטע־רעס אויף אט דעם לעבענס געביט באשטעהט אין דער שטרעבונג צו א מעגליך גרעסערען רייכטום. ארויסגעהענדיג פון אט דעם געדאנק, זעהט ער צו דערקלערען די גאנצע עקאנאמישע טעטיגקייט פון דעם מענטשען און דער געזעלשאפט.

אבער פאר דער דעדוקציע איז ווייניג די איין הנחה, אז אויפ'ן ווירטשאפטליכען געביט פאלגט דער מענטש נאר די אנרעגונגען פון עקאנאמישען עגאאיזם. מען דארף נאך וויסען די באדינגונגען, בא וועלכע דעם מענטשען קומט אוים צו פארווירקליכען זיינע עגאאיסטישע שטרעבונגען. פאר דער אויספארשונג נעמט אדאם סמיט אין א ל־ג ע מ י י נ ע ש ט ר י כ ע ן יענע סאציאל־עקאנאמישע באדינ־גונגען, וואס זיינען דאן געווען אין ענגלאנד, און ער באטראכט, ווי אזוי עס געהט אן דעם מענטשענס עקאנאמישע טעטיגקייט גראד בא אט די באדינגונגען.

פונדעסטוועגען, וויל אדאם סמיט קלאר מאכען ניט די פריוואט געזעצען פון דעם לעבען פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט אויף יענעם שטאפעל פון אנטוויקלונג, וואס ענגלאנד האט דאן דורכגעלעבט; ער האלט זיינע אויספירען פאר דעם אויסדרוק פון די א ל ג ע מ י י־נ ע געזעצען פון עקאנאמיק, ער שרייבט אן א ל ג ע מ י י נ ע פאליטישע עקאנאמיע („דאס רייכטום פון פעלקער,“ אין 1776 יאר). די מעשה איז, וואס ער האלט די קאפיטאליסטישע פארהעלטענישען פאר די איינציגע נארמאלע; וועגען אנדערע פארהעלטענישען איז אדער ער רעדט גאר ניט, אדער ער זעהט אין זיי אן אפווייכונג פון

## א. באָגדאַנאָוו

דער נאָרמע, א רעזולטאַט פון א ניט פאַרענדיגטער, ניט פולקומער אַנטוויקלונג.

נאָך סמיט'ס מיינונג, איז דאָס ר י י כ ט ו ם פון לאַנד אין דער גאַנצער מאַסע ס ח ו ר ו ת אין לאַנד. אזא באַגריף וועגען רייכטום קען אַנגעווענדט ווערען, פאַרשטעהט זיך, נאָר בנוגע א לאַנד מיט א סחורה ווירטשאַפט, אָן אויסטויש ווירטשאַפט: פאַר א נאַטור־ווירטשאַפטליכער געזעלשאַפט, וואו די פּראָדוקטען זיינען גאָר קיין סחורות ניט, טויג דער באַגריף לחלוטין ניט.

דער איינציגער קוואַל פון געברויך־ווערט און רייכטום, לערנט סמיט, איז איטלעכע פּראָדוקטיווע אַרבעט. איבעריגענס, בא סמיט'ן הייסט פּראָדוקטיווע אַרבעט נאָר אזא, וואָס שאַפט מ א ט ע ר י־ע ל ע פּראָדוקטען. אַלענפאַלס, סמיט פאַלט ניט אַריין אין דער באַגרעניצטקייט פון די פיזיאָקראַטען, וואָס האָבען נאָר די ערד־אַרבעט געהאַלטען פאַר פּראָדוקטיוו: אין סמיט'ס צייטען האָט די מאַנופאַק־טור אינדוסטריע אין ענגלאַנד געשפּילט ניט קיין קלענערע ראָלע ביים באשאַפען די נאַציאָנאַלע עשירות, ווי די עקסטראַקטיווע (ערד־אַרבעט, אייזענגרובען, א. אז. וו.).

ק א פּ י ט א ל, לויט סמיט'ן, הייסט יענער טייל אָנגעזאַמעלטע אַרבעט, וואָס ווערט באַשטימט אויף צו קריגען הכנסה. עס איז קלאָר, אז מענטשען וועט אויך אין דער צוקונפט אַלעמאָל אויסקומען, כדי צו באַקומען הכנסה, אָנווענדען אין דער פּראָדוקציע אָנגעקליבענע אַרבעט; הייסט עס, קאַפּיטאַל, לויט סמיט'ס שטאַנדפּונקט, מוז א ל ע מ א ל עקזיסטירען. בא אזא פאַרשטעלונג וועגען דער אייביגקייט פון ק א־פּ י ט א ל, לייגט זיך גריילעך אויפ'ן שכל דער געדאַנק, אז די ק א פּ י ט א ל י ס ט י ש ע פ א ר ה ע ל ט ע נ י ש ע ן זיינען אומ־פאַרענדערליך.

די גאָר ערשטע אָנזאַמלונג פון קאַפּיטאַלען דערקלערט סמיט דורך אָפּשפּאָרונג: די קליינע פּראָדוצענטען פלעגען געברויכען ניט אַלץ, וואָס זיי פלעגען פּראָדוצירען, און די אָנזאַמלונג פון אָט דעם אָפּגע־שפּאָרטען האָט עס געשאַפען קאַפּיטאַלען. אזא פאַרשטעלונג פון די

פאַקטען, ווי מיר ווייסען, איז פונקט אזוי ניט ריכטיג, ווי דאס שטימט ניט די אינטערעסען פון די קאפיטאליסטען.

סמיטס לערע וועגען געברויך־ווערט איז אין אַלגעמיינע שטריכען אזאַ. זיין ערשטער קוואל איז ארבעט. דער דירעקטער שלוס דערפון וואלט געדארפט זיין די טעאָריע פון אַרבעטס־ווערט: דער אויסטויש־ווערט פון סחורות ווערט באַשטימט דורך דעם סכום געזעלשאַפטליכער אַרבעטס־ענערגיע, וואָס איז אין זיי פארקערפערט. סמיט ווייכט אויס אַט דעם שלוס. לויט זיין מיינונג, איז דער פרייז פון סחורה אין דער היינטיגער געזעלשאַפט אַ צענויפגעלייגטער פון דעם ווערט פון דער ארבעט, פראַפיט אויפ'ן קאפיטאל און ערד־רענטע. אַז דער דורכשניטליכער פרייז שטימט מיט'ן אַרבעטס־ווערט, אַנערקענט ער נאָר פאַר דעם פעריאָד, ווען די אַרבעטסמיטלען האָבען געהערט צום פראָדוצענט. ווען אָבער אַרבעט און קאפיטאל זיינען, מיט דער אַנטוויקלונג פון דער קולטור צעשיידט געוואָרען, דאַן האָט שוין אין דעם צוזאַמענשטעל פון דעם פרייז געמוזט אריינגעהן אויך דער פראָפיט אויף דעם קאַפיטאַל, ווי אַ באַצאָלונג פאַר דער מעגליכקייט צו באַנוצען זיך מיט איס פאַר דער פראָדוקציע. ווען די ערד איז אריינגעפאַלען ווי אַן אייגענטום אין פריוואַטע הענט, איז אין דעם צוזאַמענשטעל פון פרייז אַריין אויך די רענטע.

אין דער'אמת'ן, ווי דאָס איז שוין באַוויזען געוואָרען, ווערען די פרייזען פון סחורות באַשטימט, אין לעצטען רעזולטאַט, דורך זייער ווערט; און דער ווערט פון דער סחורה פאַלט זיך פאַנאַנדער אויף דעם ווערט פון דעם שטענדיגען קאַפיטאַל (וואָס סמיט לאָזט גאָר אויס אַן אַ זייט), דעם ווערט פון פאַרענדערליכען קאַפיטאַל און מערווערט. אין די מיינונגען פון סמיט'ן געהט פאַרלאָרען דער באַזונדער וויכטיגער אומשטאַנד, אַז מיט דער פאַרגרעסערונג פון דעם אַרבעטס לוין פאַרקלענערט זיך דער פראָפיט, וואָרים דאָס זיינען צוויי טיילען פון איין אומפאַרענדערליכער סומע — דעם ניי געשאַפענעם געברויך־ווערט. לויט סמיט'ס שטאַנדפונקט קומט אויס, אַז אויב עס פאַרגרעסערט זיך דער אַרבעטס לוין, הייבען זיך נאָר די פרייזען פון די פראָדוקטען; און די טעאָריע פון אַרבעטס־ווערט לערנט, אַז

## א. באַגדאַנאָוו

די פאַרגרעסערונג פון דעם חלק פון דעם אַרבעטער קלאַס מיינט ניט קיין פאַרגרעסערונג פון די פרייזן, נאָר אַ פאַרקלענערונג פון דעם חלק פון די איבעריגע קלאַסן.

סמיט׳ס וויסענשאַפטליכער פאַרדינסט באַשטעהט, דרך אגב, אין זיין לערע וועגען קאָנקורענץ, וועגען דעם ווי אַזוי זי גלייכט אויס דעם פּראָפיט, און אויך דעם אַרבעטס לוין אין פאַרשיידענע אונטערנעמונגען אין פאַרשיידענע פּראָדוקציאָנס צווייגען.

אין דער לערע וועגען אַרבעטס לוין מאַכט סמיט קלאָר, אַז די ענדערונגען אין דעם אַרבעטס לוין קומען פון די ענדערונגען אין די פּרייזן אויף דעם אַרבעטערס געברויך־אַרטיקלען.

אין דער לערע וועגען פּראָפיט זאָגט סמיט אַרויס די מיינונג, אַז דער פּראָצענט פון פּראָפיט ווערט קלענער מיט׳ן וואוקס פון נאַציאָ־נאַלען רייכטום. די אורזאַך דערפון איז, ווי ער לערנט, וואָס דערביי פאַרשטאַרקט זיך די קאָנקורענץ צווישען די קאַפּיטאַליסטען: עס איז פאַראַן אַזוי פיל קאַפּיטאַלען, אַז עס איז שווער צו קריגען פאַר זיי אַן אַנווענדונג. די דערשיינונג גופא האָט ער ריכטיג באַמערקט, די דערקלערונג אָבער איז הרכאוים פאַלש, ווי דאָס וועט שפּעטער דער־וויזען ווערען. נאָך ווייניגער איז סמיט׳ן געלונגען די אויספאָרשונג פון רענטע. ער דערקלערט זי ווי אַ געצאָלט פאַר באַנוצען זיך מיט דער ערד, ווען דער נאָכפראַגע אויף ערד שטייגט אַריבער דעם אָנבאָט.

געלט איז פאַר סמיט׳ן פּונקט אַזאַ סחורה, ווי אַלע אַנדערע. דאָס איז „נאָר אַ קליינער טייל פון דעם פאָלקס קאַפּיטאַל, און דערביי דער אומבאַקוועמסטער... — אַן אומפּראָדוקטיווער טויטער קאַפּיטאַל“. אויב אַזוי, איז קלאָר, אַז דער האַנדעלס באַלאַנס האָט קיין ווערדע ניט. אַנשטאָט דעם שטעלט סמיט אַרויס דעם באַלאַנס פון דער יערליכער פּראָדוקציע און געברויך. אַ לאַנד ווערט רייכער, אויב עס פּראָדוצירט מער געברויך־ווערטען, איידער עס פאַרברויכט.

אויף אַזאַ׳ן אופן איז דער צוועק פון אַ קלוגער עקאָנאָמישער רעגירונגס פּאָליטיקע — אַז די פּראָדוקציע זאָל וואַק־סען. אָבער וואָסער פּאָליטיקע איז עס גראָד בכוח גרינגער צו מאַכען די אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע?

## פּאָליטישע עקאָנאָמיע

די באַשיצונגס סיסטעמע העלפט ניט דעם אַלגעמיינעם וואוקס פון דער פּראָדוקציע, זי צווינגט נאָר די קאַפּיטאַליסטען אַריבערצוטראָגען זייערע קאַפּיטאַלען פון איינע פּראָדוקציאָנס צווייגען אין די אַנדערע, פון די ניט באַשיצטע אין די, וואָס געפינען זיך אונטער'ן שוץ פון דער רעגירונג. עס בייט זיך נאָר די פּאַרטיילונג פון דעם נאַציאָנאַלען קאַפּיטאַל צווישען די פּראָדוקציאָנס צווייגען: די גרויס פון דעם קאַפּיטאַל וואַקסט דערביי ניט אויס. פּאַרקערט, די אַנווענדונג פון קאַפּיטאַל ווערט פּאַר'ן קאַפּיטאַל ווייניגער ניצליך, און אַט פאַרוואָס: ווען קיין מלוכה־אַריינמישונג איז ניטאַ, שטרעבען די קאַפּיטאַלען צו אַזוינע פּראָדוקציאָנס צווייגען, וואו די אַרבעט איז אַממערסטען פּראָדוקטיוו; דער פּראָטעקציאָניזם אָבער ציהט אַפּ די קאַפּיטאַלען צו אַזעלכע פּראָדוקציאָנס צווייגען, וואָס זיינען גאָר ניט אַזוי אייגענטימליך פּאַר'ן לאַנד, וואו די אַרבעט איז ניט אַזוי פּראָדוקטיוו.

אין דעם ענין פון אויסטויש איז דער קליגסטער כלל: „קויף אויפ'ן ביליגסטען מאַרק, פּאַרקויף אויף דעם טייערסטען". דער פּראָטעקציאָניזם באַשריינקט די אַנווענדונג פון אַט דעם כלל: דאָס לאַנד איז געצוואונגען צו קויפען די געשיצטע סחורות, ניט אויף דעם וואָלוועלען אויסלענדישען מאַרק, נאָר אויף דעם טייערערען — בּאַ די היימישע פּראָדוציר ער.

אַחוץ דעם, דער פּראָטעקציאָניזם רופט אַרויס צווישען די פעלקער שנאה און קאַמף, און האַנדעל דאַרף זיין אַ באַנד פון פריינדשאַפט און פּאַראייניגונג (די ענגלישע מאַנופאַקטורען זיינען צום סוף 18־טען יאָרהונדערט געווען גענוג אַנטוויקעלט, אַז זיי האָבען ניט גדאַרפט מורא האָבען פּאַר קיין קאָנקורענץ; די באַשיצונגס פּאָליטיקע אָבער פון די אַנדערע מלוכות האָט שטאַרק געשאַדט דער ענגלישער אינדוסטריע, אָפּנעמענדיג בּאַ איר די אויסערליכע מערק).

אַז אינדוסטריע וואָס זאָל זיין לחלוטין פריי פון באַשיצונג און אונטערדריקונגען — דאָס איז די שכל'דיגע, נאַטירליכע אָרדענונג. מלוכה דאַרף זיך באַנוגענען מיט דער פּאַרטיידיגונג אַנקעגען פיינד, דער אָפּהיטונג פון גערעכטיגקייט אאַז. אַחוץ דעם, אויפהאַלטען אַזעל־

כע אינסטיטוציעס, וואָס זיינען אויסער די גרעניצען פון פּריוואַטער אונטערנעמונג (שפּיטאַלען, שולען, מושב־זקנים׳ס א. ד. גל.). באַ אַזעלכע באַדינגונגען, וועט דער פּערזענליכער אינטערעס פון איינ־צעלנע מענטשען און זייער פרייע טעטיגקייט פירען צום גרעסטען געזעל־שאַפטליכען נוצען. סמיט מיינט, אַז דינענדיג דעם אייגענעם עגאָ־איזם, דינען מענטשען גאַנץ אָפט פאַר׳ן טובת הכלל אַסך בעסער, איידער ווען זיי וואָלטען געטאָן לויט די סאַמע אַלטרואיסטישע, אומ־אייגענוציגע שטרעבונגען.

סמיט׳ס געגנערשאַפט צום פּראָטעקציאָניזם האָט אים ניט גע־פירט צו איינזייטיגקייט. ווען ער געהט אריבער פון די סאַמע אַב־סטראַקטע שלוסען פון דער דעדוקציע צו דער קאָנקרעטער ווירקליכ־קייט, באַשריינקט ער אַ ביסעל זיינע הנחות. אַזוי, למשל, אַנערקענט ער גרעניץ שטייערען אויף באַוואָפענונג אַרטיקלען און בכלל אויף אַלץ, וואָס מען דאַרף פאַר דער אַרמיי: אַזעלכע אַרטיקלען דאַרף דאָס לאַנד פּראָדוצירען אַליין, און ניט אויסשרייבען זיי באַ אויסלענדער, אפילו פאַר אַ ביליגען פּרייז, אַניט ריזיקירט דאָס לאַנד צו בלייבען אומבאַ־שיצט אין צייט פון מלחמה. פרייען האַנדעל דאַרף מען איינפירען לויט סמיטס מיינונג נאָר, ביסלעכווייז, אַניט וועט עם מאַכען אַ תל פון אַ סך קאַפּיטאַליסטען.

סמיטס אידעאַל איז — אַן אומבאַגרעניצטער וואוקס פון דער פּראָדוקציע, און אַזוי ווי סמיט קען זיך ניט פאָרשטעלען קיין פּראָ־דוקציע אויסער די קאַפּיטאַליסטישע באַציהונגען, אַנערקענט ער פאַר קלוג און נאַטירליך די אַלע באַדינגונגען, וואָס העלפען דער אַנטוויק־לונג פון אַט די באַציהונגען. אין זיינע צייטען און אין זיין לאַנד איז די וויכטיגסטע פון אַט די באַדינגונגען געווען עקאָנאָמישע פריי־הייט, פרייהייט פון קאַפּיטאַל, דעריבער מאַכט ער אַט די פרייהייט פאַר דער „נאַטירליכער אָרדענונג“, פאַר דעם נאָרמאַלען סדר אין דעם לעבען פון געזעלשאַפט.

לויט סמיטס פאָרשטעלונגען, בריינגט די „נאַטירליכע אָרדענונג“ פון פרייער קאָנקורענץ אינאיינעם מיט דער אַנטוויקלונג פון דער פּראָ־דוקציע אויך אַ „גערעכטע“ פאַרטיילונג. אַט דער שטריך איז אַן

# פּאָליטישע עקאָנאָמיע

אַלגעמיינער פאַר סמיט'ן מיט אַלע זיינע פאַרלויפער אין דער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט — צו רעכענען, אַז די אָנזאַמלונג פון נאַציאָנאַלען רייכטום איז גלייכבאַדייטענדיג מיט'ן פאָלקס וואוילשטאַנד. די מעגליכקייט פון אַ סתירה צווישען אָט די צוויי באַגריפען איז נאָך אין יענע צייטען ניט געווען אַזוי בולט, ווי אין דער עפּאָכע פון מאַשין־קאַפּיטאַליזם. פונדעסטוועגען זיינען שוין די אַלטע עקאָנאָמיסטען אויך געווען באַקאַנט מיט אַ פאַלען פון אַזאַ סתירה. נאַטירליך, אין אַזעלכע פאַלען פלעגען די עקאָנאָמיסטען — די אידעאָלאָגען פון דער בורזשואַזיע — זיין גרייט מקריב צו זיין די „גערעכטע צעטיילונג", ד. ה. די אינטערעסען פון די מאַסען, פאַר דער פאַרגרעסערונג פון דער פּראָדוקציע, ד. ה. פאַר די אינטערעסען פון די אונטערנעמער.

למשל, אַז אין ענגלאַנד האָט מען אין אָנהייב פון דער נייער צייט אין אַ סך ערטער פאַרביטען די אַקער־פעלדער אויף פּאַשעס און די מענטשען אויף שעפּסען, האָט עס אַדאַם סמיט געפונען פאַר אַ ניצליכע זאַך פאַר'ן לאַנד, מחמת פאַר דער פּראָדוקציע איז אַזאַ פאַרבייט זיכער געווען אַ טובה.

ווי אַז עקאָנאָמיסט פון דער מאַנופאַקטור תקופה פון קאַפּיטאַליזם, שרייבט סמיט צו אַ געוואַלדיגע באַדייטונג דער מאַנופאַקטור־צעטיילונג פון אַרבעט. אָט די פאָרמע פון אַרבעטס צעטיילונג האָלט ער פאַר'ן וויכטיגסטען געהילפס מיטעל פון טעכנישען פּראָגרעס; אין זיינע אויגען שפּילען מאַשינען אַ ראָלע פון צווייטען גראַד. אין דערזעלביגער צייט באַמערקט ער אויך די געזעלשאַפטליך שלעכטע זייטען פון אַזאַ'ן אַרבעטס־צעטיילונג: דעם פיזישען, מאָראַלען און אינטעלעקטועלען אונטערגאַנג פון דעם אַרבעטערס אָרגאַניזם. ער איז משער, אַז באַ איר העכסטער אַנטוויקלונג קען די מאַנופאַקטור־צעטיילונג פון אַרבעט פירען דערצו, אַז די פאָלקס מאַסען זאָלען לחלוטין אַפּגעטעמפּט ווערען, און דאָס, אַנערקענט ער, איז ניט וויינטשענסווערט. כדי אַפּצושוואַכען אָט די צרה, שלאָגט סמיט פאָר, מען זאָל איינפירען פאָלקס בילדונג אויפ'ן חשבון פון מלוכה, נאָר די בילדונג ראָט ער צו פירען פאַרזיכטיג, אין אַ באַשיידענער מאָס, וואָרים ער האַלט, אַז אַ צו הויכע גייסטיגע אַנטוויקלונג פון פאָלק איז געפערליך.

מיט אַדאַם סמיט פאַרענדיגט זיך די אַנטוויקלונג פון דער עקאָ־נאָמישער וויסענשאַפט פון דעם מאַנופאַקטור־בורזשואַזען פעריאָד.

## 6). די אַנטוויקלונגס־כוחות און די ריכטונג זייערע אין דעם ערשטען פעריאָד פון אינדוסטריעלען קאַפּיטאַליזם.

דער עקאָנאָמיש פּראָגרעסיווסטער קלאַס אין דעם מאַנופאַקטור פעריאָד פון קאַפּיטאַל איז די אינדוסטריעלע בורזשואַזיע. די הויפּט באַוועגונגס קראַפט אין דער אַנטוויקלונג איז, ווי פריהער, די קאָנקור־רענץ און איר פסיכאָלאָגישער רעזולטאַט — די שטרעבונג אַנצוזאַמלען אָהן אַ שיעור, אָהן אַ שיעור פאַרגרעסערען די אונטערנעמונגען.

לאָמיר זעהן, ווי אַזוי אַט די אַנטוויקלונגס כוחות ווירקען אין די גרעניצען פון יעדער באַזונדער אונטערנעמונג, און ווי אַזוי זיי ווייזען זיך אַרויס אין די געגענזייטיגע באַציהונגען פון די אונטערנעמונגען. אַזוי ווי דעם קאַפּיטאַליסטס חלק אין דער געזעלשאַפטליכער צעטיי־לונג איז דער מער־ווערט, שטרעבט דער קאַפּיטאַליסט, ווען ער אָרגאַ־ניזירט די פּראָדוקציע, צו פאַרגרעסערען דעם מער־ווערט פון דער אונטערנעמונג.

די גרויס פון דעם מער־ווערט אין יעדער אונטערנעמונג ווענדט זיך אָן צוויי באַדינגונגען: ערשטענס, פון דעם סכום מער־ווערט, וואָס איטליכער אַרבעטער שאַפט, און צווייטענס, פון דער צאָל אַרבע־טער. פאַרגרעסערענדיג דאָס ערשטע אָדער דאָס צווייטע, פאַרגרעס־סערט דער אונטערנעמער די סומע מערווערט פון דער אונטערנעמונג.

לאָמיר זאָגען, אַז די נויטווענדיגע אַרבעטס צייט איז 5 שעה, די איבער־אַרבעט — איז אויך 5 שעה. דאָס איינפאַכסטע מיטעל צו פאַרגרעסערען דעם מער־ווערט, וואָס איטליכער אַרבעטער שאַפט, איז, זעלבסטפאַרשטענדליך, צו פאַרגרעסערען די צייט פון איבער־אַרבעט, דערביי ווערט דער אַרבעטס טאָג לייגגער. ווען מען זאָל אַנשטאָט אַ 10־שעה'דיגען אַרבעטס טאָג מאַכען אַ 12־שעה'דיגען,

וועט מער־ווערט געשאפען ווערען ניט א צייט פון 5 שעה, נאר 7 שעה א טאג; זיין גרויס וועט זיך פארגרעסערען אין 1,4 מאל אזויפיל (די נארמע פון מער־ווערט וועט אנשטאט פריהערדיגע 100% זיין 140%). אזא פארגרעסערונג פון דעם ארבעטס טאג האט זיך אירע גרעניצען. מער פון 24 שעה אין מעת־לעת קען מען דעם ארבעטס טאג פיזיש ניט מאכען. אחוץ דעם, דעם ארבעטערס ארגאניזם קען ניט אויסהאלטען קיין צו לאנגען ארבעטס טאג: די ארבעט געהט שלעכט, זי איז ווייניג אינטענסיוו. א צו לאנגער ארבעטס טאג קען זיין זאל זיך ווייניגער לוינען פאר דעם אונטערנעמער, ווי א קירצערער. למשל, א 15־שעה'דיגער ארבעטס טאג וועט זיך לוינען ווייניגער פון א 12־שעה'דיגען, אויב די ארבעט איז אין דעם ערשטען פאל אין 1½ מאל ווייניגער אינטענסיוו. ענדליך, די ארבייטער אליין זיינען ניט מסכים, אז דער ארבעטס טאג זאל זיין לאנג אהן א שיעור, און זיי הייבען אויף אן ענערגישען קאמף מיט די אונטערנעמער.

אחוץ דער דירעקטער פארגרעסערונג פון דעם ארבעטס טאג, איז אויך א געוויסער שטופע פון דער אנטוויקלונג פון דער פראדוקציע מעגליך נאך א פ א ר מ א ס ק י ר ט ע פארגרעסערונג. אט דאס מיטעל פלעגט פריהער אנגעווענדט ווערען אין דער ערד־ארבעט. ווען דער פעאדאל, פארגרעסערענדיג זיין אייגענע ווירטשאפט, פלעגט אפ־נעמען די ערד פון די אפהיינגיגע פויערען, פלעגט עס זיין פאר אים צו ריזיקאליש איבערצולאזען זיי גאר אהן ערד: ניט האבענדיג גאר קיין ערד, פלעגען די פויערען אוועקגעהן אין שטאט, מחמת קיין זאך האט זיי שוין ניט צוגעבונדען צום דארף, און דער פריץ האט געקענט בלייבען גאר אהן ארבעטער הענט. כדי צו פארמיידען דאס, פלעגט דער ערד־אייגענטימער איבערלאזען א סך פויערען צו קליינע חלקים ערד מיט די בנינים אויף זיי. די חלקים ערד זיינען געווען אזעלכע פיצלעך, אז די אייגענטימער זייערע (די ענגלישע „קאטער־דזשערס", דייטשע „קאסעטען") האבען פון דער אייגענער ווירטשאפט געקענט ארויסקריגען נאר א קליינעם טייל פון די נויטיגע לעבענס מיטלען און זיינען, הייסט עס, געווען געצוואונגען אנצובאטען זייער ארבעטס קראפט צו די שכנות'ע פריצים. דערביי גיט דער פריץ דעם

## א. באַגדאַנאָוו

פויער פאַר זיין אַרבעטס לוין ניט דעם גאַנצען ווערט פון דער אַרבעטס קראַפט, נאָר ווייניגער, אַזוי אַז די אַלגעמיינע סומע פון דעם פויערס אַרבעטס לוין אינאיינעם מיט דער הכנסה פון זיין אייגענער ווירט־שאַפט זאָל באַטרעפען דעם ווערט פון די נויטיגע לעבענס מיטלען.

אויף די ערשטע שטאַפּלען אין דער אַנטוויקלונג פון דער גרויס־פּראָדוקציע ווענדט מען אַז אַז ענליך מיטעל אויך אין דער באַארבעטענ־דיגער אינדוסטריע: מע גיט איבער צו די אַרבעטער חלקים ערד, וואָס זיינען גענוג צו פאַרפלאַנצען אויף זיי קליינע גאָרטענס. און דעם אַרבעטס לוין פאַרקלענערט מען דאָ לפי־ערך מיט דער הכנסה פונ׳ם שטיקעל ערד: טיילווייז פאַרקלענערט מען צוליב דעם די פּרייזען פאַר אַרבעט, און טיילווייז רעכענט מען פשוט אָפּ פאַר׳ן באַנוצען זיך מיט׳ן גאָרטען.

אין ביידע פאַלען איז דער רעזולטאַט אַלץ איינער: די אַלגעמיינע לייזנג פון דעם אַרבעטס טאָג פאַר דעם פויער־אַרבעטער צי פאַר דעם מאַנופאַקטור־אַרבעטער פאַרגרעסערט זיך אויף דער צאָל שעה, וואָס ער מוז אָפּגעבען כדי צו באַארבעטען זיין חלק ערד. דערביי מוז דער אַרבעטער אומפאַרמיידליך ווערען שטאַרק אויסגעהאַרעוועט און אָפּגעצערט. און דאָך בלייבט דער אַרבעטער ווי צוגעבונדען צום אָרט, מחמת דער צוציהונגס קראַפט וואָס עס האָט פאַר אים כאָטש אַ כלומר׳שט אייגענע באַלעבאַטישקייט.

אייגענטליך, צו דיזעלביגע עקאָנאָמישע רעזולטאַטען ברייגנט נאָך דער באַפרייאונג פון די לייב־אייגענע די צעברעקלונג פון די פויערשע ערד חלקים: זיי ווערען אַזוי קליין, אַז ניט זיי קענען אויסהאַלטען די באַלעבאַטים זייערע, ניט זיי זיינען בכוח צו פאַרנעמען זייער גאַנצע אַרבעטס צייט: די פויערען קומט אויס אָדער דירעקט פאַרקויפען זייער אַרבעטס צייט צו די שכנות׳ע פּריצים, אָדער אַרענדירען נאָך ערד. די באַדינגונגען פון דער אַרענדע זיינען דערביי אַזוינע, אַז ווען מען קוקט זיך גוט צו, ווייזט זיך אַרויס, אַז די אַרענדע גופא איז פשוט אַ פאַרמאַסקירטער פאַרקויף פון דער אַרבעטס קראַפט: די הכנסה פון דער אַרענדע פאַרגרעסערט נאָר דעם פויערס פאַרדינסט ביז צו דעם ווערט פון די נויטיגע לעבענס מיטלען. די גרויסע ערד־

אייגענטימער גיבען אָפּ זייער ערד אין אָרענדע קליינע חלקים־ווייז און זיי גרינדען ניט קיין אייגענע גרויסע ווירטשאַפט פּשוט דערפאַר, וואָס בּאַ דיזעלביגע הוצאות קריגען זיי אַריין בּאַ די דאָזיגע בּאַדינ־גונגען אַ גרעסערען סכום אַרבעט. עס איז ניט שווער פאָרצושטעלען זיך, ווי שווער עס דאַרף זיין אַט די איבערגאַנגס תקופה פון אַ פּויער אין אַ געדונגענעם אַרבעטער.

אַזאַ סיסטעמע לוינט זיך אין אַ געוויסען זינען פאַר די אונטער־נעמער נאָר כּל־זמן עס איז נאָך ניטאָ קיין דרינגענדיגע בּאַדערפעניש צו העכערען די אינטענסיוויטעט פון דער אַרבעט, און כּל־זמן די מעלות פון דער אַרבעט שפּילען קיין ראָלע ניט. דעריבּער פאַרשווינדט זי מיט דער צייט, אַפריהער אין דער בּאַאַרבּעטענדיגער אינדוסטריע, וואָס אַנטוויקעלט זיך שנעלער, און נאָכדעם ביסלעכווייז אויך אין דער ערד־אַרבעט (וואו זי ווייזט נאָך אַרויס אַ געוויסע לעבּענספייהיגקייט אפילו ביז היינטיגען טאָג).

כמעט גאָר דיזעלביגע בּאַדייטונג, וואָס די פאַרגרעסערונג פון דעם אַרבעטס טאָג, האָט פאַר דעם קאַפּיטאַליסט אויך די העכערונג פון דער אינטענסיוויטעט פון דער אַרבעט; דאָ ווערט נאָר די פאַר־גרעסערטע אויסגאַבּע פון אַרבעטס־ענערגיע איינגעשלאָסען אין די גרעניצען פון אַ קלענערער צאָל שעה. פאַרלייגערען דעם אַרבעטס טאָג פון 10 אויף 11 שעה, אָדער דערגרייכען אַ העכערונג אין דער אינטענסיוויטעט פון דער אַרבעט אויף 1/10, איז פאַר דעם אונטער־נעמער קיין נפקא מינא ניט, ווען מען זאָל לאָזען אָן אַ זייט געוויסע קליינע חשבונות (ווי למשל, אַז בּאַ אַ קירצערען אַרבעטס טאָג זיינען קלענער די הוצאות אויף בּאַהייצען און בּאַלייכטען דעם וואַרשטעט א. אַז. וו.). דאָס געוויינטליכע מיטעל אויף צו העכערען די אינטענ־סיוויטעט פון דער אַרבעט איז, ווי עס איז שוין געווען אָנגעוויזען, אַרבעט פון שטיק. אין די ערשטע צייטען פון דעם קאַפּיטאַליזם שפּילט אַט דאָס מיטעל צו פאַרגרעסערען דעם מער־ווערט אַ קנאַפּע ראָלע, וואָרים דאָס פּאַרט זיך לגמרי ניט מיט דער פאַרלייגערונג פון דעם אַרבעטס טאָג, וואָס פלעגט דאָ בּרייט אָנגעווענדט ווערען. און אויך מחמת דעם, וואָס בּאַ דעם נידעריגען אַנטוויקלונגס צושטאַנד

## א. באָגדאַנאָוו

פון דעם אַרבעטער קלאַס, דער שלעכטער דערנערונג און בכלל די נידע־ריגע באַדערפענישען זיינע, איז עפּעס אַ העכערע אינטענסיוויטעט פון אַרבעט פשוט אוממעגליך.

אויב דער אַרבעטס טאָג בלייבט אומגעענדערט, נאָר די נויט־ווענדיגע אַרבעטס צייט פאַרקלענערט זיך, דאַן פאַרגרעסערט זיך ווידער די צייט פון איבער־אַרבעט און דער מער־ווערט. למשל, אויב בא אַ 12־שעה׳דיגען אַרבעטס טאָג ווערט די נויטווענדיגע אַרבעטס צייט פאַרמינערט פון 6 שעה ביז 5, וועט די צייט פון איבער־אַרבעט פאַר־גרעסערען זיך פון 6 ביז 7 שעה.

אָבער ווי אַזוי איז מעגליך אַז די נויטווענדיגע צייט זאָל זיך פאַרקלענערען? פאַרשטעהט זיך, ווען עס ווערט קלענער דער ווערט פון אַרבעטס קראַפט: וואָס קלענער ער איז, אַלץ ווייניגער צייט פאָדערט זיך אויף אָפּצואַרבעטען אים.

דער ווערט פון דער אַרבעטס קראַפט באַטרעפט וויפיל דער ווערט פון דעם אַרבעטערס נויטיגע לעבענסמיטלען — יענער סכום געזעל־שאַפטליכע אַרבעטס־ענערגיע וואָס עס פאָדערט זיך אויף צו פּראָדוצי־רען זיי. אויב אָט די לעבענסמיטלען — ברויט, פלייש, באַוועל־סחורות און אַנד. — הייבט מען אָן צו קריגען מיט אַ קלענערער אויס־גאַבע פון אַרבעטס־ענערגיע ווי פריהער, דאָס הייסט, אויב עס העכערט זיך די פּראָדוקטיוויטעט פון אַרבעט בא ערד־אַרבעט, באַוועל־פאַברי־קאַציע און אַז. וו., ווערט שוין דערמיט גופא פאַרקלענערט דער ווערט פון אַרבעטס קראַפט.

אַזוי, אויב דער ווערט פון דעם אַרבעטערס געוויינטליכע געברויך אַרטיקלען אויף איין טאָג פלעגט פריהער אַנטרעפען 5 שעה, און איז אַ דאַנק דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקציאָנס מעטאָדען פאַרמינערט געוואָרען ביז 4 שעה, וועט די צייט פון איבער־אַרבעט, בא אַ 10־שעה׳דיגען אַרבעטס טאָג, פאַרגרעסערען זיך פון 5 שעה ביז 6, און די נאָרמע פון מער־ווערט וועט זיך הייבען פון 100% ביז 150%. דערביי וועט דעם אַרבעטערס געלט לוין פאַלען פון 50 קאָפּ. אויף 40 קאָפּ. אָבער פאַר אָט דעם געלט וועט ער קענען קויפען דעמזעלביגען סכום געברויך אַרטיקלען וואָס פריהער.

# פאליטישע עקאנאמיע

ווען מען זאל קוקען אויף דער זאך ניט פון אזא אבסטראקטען שטאנדפונקט, איז אזא פאלען פון דעם געלט לוין א רעה פאר די ארבעטער. ווען בא דעם איינצעלנעם ארבעטער קומען אויף עפעס העכערע באדערפענישען, וואס האבען זיך נאך ניט אנטוויקעלט אין דער מאסע, למשל, א באדערפעניש אין אן אנשטענדיגען בגד, לייענען א צייטונג א. ד. גל., איז כדי צו באפרידיגען זיי מוז דער ארבעטער אפשפארען פון די נויטיגע געברויך־ארטיקלען; און, פארשטעהט זיך, בא א הויכען פרייז פון אט די פראדוקטען איז לייכטער אפצושפארען פון זיי, איידער בא א נידעריגען.

ווען עס שטייגט די פראדוקטיוויטעט פון דער ארבעט, וואס שאפט געברויך ארטיקלען פאר די ארבעטער, ווערט גרעסער דער מער־ווערט צוגלייך פאר אלע קאפיטאליסטען פון דער געזעלשאפט. נאר בא געוויסע באדינגונגען קען אויך אן איינצעלנער אונטערנעמער, אומאפהייניג פון אלע אנדערע, פארקלענערען בא זיך אין דער אונטערנעמונג די נויטוועגדיגע ארבעטס צייט און אויף אזא'ן אופן פארגרעסערען די צייט פון איבער־ארבעט. דאס קומט פאר דאן, ווען אים גיט זיך איין צו מאכען די פראדוקטיוויטעט פון ארבעט בא זיך אין דער אונטערנעמונג העכער, איידער די געוויינטליכע פראדוקטיוויטעט אין דער דאזיגער פראדוקציאנס צווייג. למשל, ער פירט איין בא זיך א סך א גרעסערע ארבעטס צעטיילונג איידער די וואס עקזיסטירט אין אנדערע אזעלכע אונטערנעמונגען. לאמיר זאגען, אז דאס איז א מעסער־פאבריקאנט, און די אויסבעסערונג זיינע פארגרעסערט די פראדוקטיוויטעט פון ארבעט פונקט אין צווייען: דער ווערט פון א מעסער באטרעפט בא אים ניט 4 שעה, נאר 2 שעה. אזוי ווי די איבעריגע פאבריקאנטען האבען נאך טיילווייז קיין צייט ניט געהאט איינצופירען אט די אויסבעסערונג, און טיילווייז פעלט זיי קאפיטאל דערצו, וועט דער געזעלשאפטליכער ווערט פון א מעסער בלייבען ווי פריהער — 4 שעה. לאמיר זיך ווייטער משער זיין, אז דער ארבעטס־טאג איז א 12־שעה'דיגער און דער ווערט פון דער ארבעטס קראפט רעכענט זיך 6 שעה, און איטלעכע שעה טרעפט אן אין געלט, לאמיר זאגען, 10 קאפ. הייסט עס, פריהער

## א. באָגדאַנאָוו

פלעגט אַן אַרבעטער מאַכעז 3 מעסערס אַ טאָג: דער פּרייז פון אַ מעסער (לאָמיר זאָגעז, אַז ער פאַרקויפט זיך לויט זיין ווערט נאָך) איז 40 קאָפּ., און אויף די 60 קאָפּ. פאַרענדערליכעז קאַפּיטאַל, פלעגט דער קאַפּיטאַליסט קריגעז פאַר זיך אין קעשענע 60 קאָפּ. מערווערט. איצטער מאַכט אַן אַרבעטער 6 מעסערס אַ טאָג, וואָס פאַרקויפעז זיך אַלץ טאָקע צו 40 קאָפּ. אַ שטיק, מחמת זייער געזעלשאַפטליכער ווערט האָט זיך ניט געענדערט; פאַר 6 שטיק קומט אַריין 2 רובל מיט 40 קאָפּ., דער פאַרענדערליכער קאַפּיטאַל איז 60 קאָפּ., בלייבט דעם קאַפּיטאַליסט אין קעשענע 1 רובל 80 קאָפּ. די נויטווענדיגע צייט איז אין אָט דעם פאַל סך־הכל 3 שעה אַנשטאָט 6 שעה; די נאָרמע פון מערווערט איז 300% אַנשטאָט 100%.

מען דאַרף באַמערקען, אַז אין דער'אמת'ן וועט דער קאַפּיטאַליסט פאַרקויפען זיינע מעסערס ניט לויט דעם דורכשניטליכען מאַרק־פּרייז, נאָר אַ ביסעל ביליגער, כדי גיכער און זיכערער אויסצובריינגען זיין סחורה. דאָס איז נאָך מער נויטיג דערפאַר, ווייל עס פאַבריצירענדיג מעסערס מיט קלענערע הוצאות, ווי פריהער, וועט ער פאַרגרעסערען, נאַטירליך, די פּראָדוקציע זייערע און, הייסט עס, אויך דעם אָנבאָט אויפ'ן מאַרק.

אויף אַזאַ'ן אופן זעהען מיר, אַז ווען אַן איינצעלנער קאַפּיטאַליסט פאַרגרעסערט אין זיין אונטערנעמונג די פּראָדוקטיוויטעט פון אַרבעט, וואַקסט אויס די גרויס פון מער־ווערט אין זיין אונטערנעמונג. אָבער דאָס איז נאָר אַ צייטווייליגע זאַך. ביסלעכווייז פירען איין די אַנדערע אונטערנעמער אויך דיזעלביגע טעכנישע פאַרבעסערונגען, אין אונזער פאַל — אויך אַזאַ'ן אַרבעטס צעטיילונג; און דער וואָס האָט ניט גענוג קאַפּיטאַל דערצו, געהט אינגאַנצען אונטער, ניט אויסהאַלטענדיג די קאָנקורענץ. דער געוויינטליכער אופן צו פּראָדוצירען מעסערס ווערט שוין אַ געענדערטער — די **געזעלשאַפטליך נויטווענדיגע** צייט אויף צו פּראָדוצירען איין מעסער איז קלענער ווי פריהער, סך־הכל 2 שעה דער פּרייז פון מעסערס פאַלט, דער פּראָפיט פון איטלעכען קאַפּיטאַליסט באַזונדער, און בתוכם אויך פון דעם וואָס האָט דער ערשטער איינגעפירט די אויסבעסערונג, לאָזט

זיך אראָפּ ביז צו דער געוויינטליכער מאָס אדער נאָך אפילו נידעריגער (אין דער'אמת'ן קומט טאַקע פאַר דאָס לעצטע, ווי עס וועט שפּעטער דערוויזען ווערען).

הייסט עס, איטלעכען קאַפּיטאַליסט באַזונדער לוינט זיך איינ־צופירען בא זיך טעכנישע אויסבעסערונגען, אָבער פאַר דעם קלאַס קאַפּיטאַליסטען אינגאַנצען, זיינען שוין אָט די אויסבעסערונגען ניט אזא טובה, ווארים סוף־כל־סוף פירט עס צו אַ פאַרקלענערונג פון דעם ווערט און די פּרייזען פון סחורות.

פאַרגרעסערענדיג אויף פאַרשיידענע אופנים דעם מערווערט פון זיינע אַרבעטער, פאַרגרעסערט דער קאַפּיטאַליסט דורך דעם גופא אויך זיין פּראָפיט, וואָס דאָס, אייגענטליך, איז פאַר אים וויכטיג. עס זיינען אָבער פאַראַן נאָך אַנדערע מיטלען, ווי אזוי דער קאַפּיטאַליסט קען פאַרגרעסערען זיין פּראָפיט, אויך אומאָפּהענגיג פון דעם סכום מער־ווערט. אהער זיינען שייך די מיטלען פון אַ ניט געוויינטליכער אָפּ־שפּאָרונג פון שטענדיגען און פאַרענדערליכען קאַפּיטאַל.

אויב דער אונטערנעמער, ביים אויפשטעלען דעם וואַרשטאַט, מאַכט אַן אויסערגעוויינטליכע אָפּשפּאָרונג אין דער גרויס גופא פון דעם בנין, אזוי אַז די אַרבעטער געפינען זיך שטענדיג אין איינג־שאַפּט; אויב ער מאַכט די קלענסטע הוצאות אויף באַהייצונג און באַלייכטונג, ווענטילאַציע און אַנדערע היגיענישע איינריכטונגען; אויב ער צווינגט צו אַרבעטען מיט דיזעלביגע געצייג, ביז זיי ווערען ניט אָפּגעניצט אויף אזוי פיל, וואָס קיין אַנדער אונטערנעמער דער־לויבט עס ניט בא זיך, מחמת דאָס איז אַ סכנה פאַר די אַרבעטער צי מחמת אַנדערע אומבאַקוועמליכקייטען, — דאָס אַלץ איז אַן אויסער־געוויינטליכע אָפּשפּאָרונג פון שטענדיגען קאַפּיטאַל. עס פאַרקלענערט זיך די אַלגעמיינע סומע הוצאות פון קאַפּיטאַל, אויף וואָסערער עס קומט אוים אַ געוויסע סומע פּראָפיט, — דאָס הייסט, פאַר אָט דעם קאַפּיטאַליסט ווערט העכער דער פּראָצענט פון פּראָפיט, כאָטש די סומע מערווערט האָט זיך אין דער אונטערנעמונג ניט געביטען.

אהער זיינען שייך די פאַלען, ווען אין איין אונטערנעמונג מאַכט מען אַ גרעסערען נוצען פון די פאַרשיידענע פּראָדוקציאָנס אָפּפאַלען —

# א. באַגראַנאָוו

דאס איז פשוט אַ העכערונג אין דער פּראָדוקטיווּיטעט פון דער אַרבעט, מחמת די אויסגעניצטע אָפּפאַלן זיינען נאָך איבעריגע פּראָדוקטען פון דער פּראָדוקציע, וואָס עס ווערט נאָך קענטיגער, אויב דער אונ־טערנעמער פאַרקויפט זיי.

אויב אַ אונטערנעמער קויפט אַרבעטס קראַפט נידעריגער פון איר געזעלשאַפטליכען ווערט, איז דאָס אַ אויסערגעוויינטליכע אָפּ־שפּאָרונג פון פאַרענדערליכען קאַפּיטאַל.

אויך דאָ ווערט דעם יחיד׳ס פּראָפיט גרעסער, הגם די סומע מער־ווערט ענדערט זיך ניט (וואָרים מערווערט איז דער עודף אַרבעטס־ענערגיע, וואָס די אַרבעטער ברייננגען אוים מער פון דעם גֶ ע ז ע ל־ש אַ פ ט ל י כ ע ן ווערט פון זייערע אַרבעטס קרעפטען, און אַט דער ווערט בלייבט דאָך דערזעלביגער).

אַט דאָס זיינען אין אַלגעמיינע שטריכען די מיטלען, וואָס דורך זייער אַנווענדונג פאַרגרעסערט זיך דער פּראָפיט פון אַ אונטערנעמונג באַ אַ ג ע וו י ס ע ר צאָל אַרבעטס קרעפטען. אויב די צאָל אַרבע־טער ווערט גרעסער, פאַרשטעהט זיך, אַז אויך דער מערווערט ווערט לפי־ערך גרעסער, און נאָך אים אויך דער פּראָפיט: פון 200 אַרבע־טער איז פאַראַן צוויי מאָל אַזויפיל מערווערט ווי פון 100 אַרבעטער, א. אַז. וו.

אַ גרויסע צאָל אַרבעטער האָט נאָך די באַדייטונג, וואָס דאָס גיט אַ מעגליכקייט צו אַנטוויקלען די אַרבעטס צעטיילונג, און, הייסט עס, אויך די פּראָדוקטיוויטעט; און דאָס לעצטע, ווי מיר ווייסען שוין, פירט צו אַ צייטווייליגער אָדער שטענדיגער פאַרגרעסערונג פון מער־ווערט.

די דירעקטע פאַרגרעסערונג פון מערווערט דורך אַ פאַרלייננגערונג פון דעם אַרבעטס טאָג אָדער אַ העכערונג פון דער אינטענסיוויטעט פון אַרבעט טרעפט אַן איר לעצטען גרעניץ אין די אייגענשאַפטען פון דעם מענטשליכען אָרגאַניזם, און באַ געוויסע באַדינגונגען — אין דעם ווידערשטאַנד פון די אַרבעטער.

די פאַרגרעסערונג פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבעט איז באַשריינקט מיט׳ן אַלגעמיינעם צושטאַנד פון דער טעכניקע און וויסענ־

שאַפט פון דער צייט. מען קען ניט איינפירען קיין אויסבעסערונג, כל זמן מען האט זי נאָך ניט צוגעטראַכט.

די אויסערגעוויינטליכע אַפשפּאָרונג פון קאַפּיטאַל — „איבער־עקספּלואַטאַציע" — איז, פאַרשטעהט זיך, מעגליך נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל די אַרבעטער לאָזען זיך.

במעט אומבאַגרעניצט איז דאָס מיטעל צו פאַרגרעסערען דעם פּראָפיט, פאַרגרעסערענדיג די צאָל אַרבעטער און לפי־ערך פאַרגרע־סערענדיג די גאַנצע אונטערנעמונג. די איינציגע שטערונגען קענען דאָ נאָר זיין — אַדער אַ צו קליינער נאָכפראַגע אויף סחורות, אַדער ווען עס פעלט קאַפּיטאַלען צו פאַרגרעסערען דאָס געשעפט.

איטלעכע פאַרגרעסערונג פון דער אונטערנעמונג קומט פאָר מיט דער הילף פון קאַפּיטאַליסטישער אַנזאַמלונג. זי באַשטעהט אין דעם, וואָס אַ טייל פּראָפיט גיט דער קאַפּיטאַליסט ניט אויס אויף זיינע באַדערפעניששען, נאָר ער לייגט עס צו צום קאַפּי־טאַל: ער קויפט דערפאַר געצייג, מאַטעריאַל, אַרבעטס קראַפט. אַזאַ אַנזאַמלונג איז נויטיג אויך אין אַנדערע פאַלען, אחוץ דער פּשוט׳ער פאַרגרעסערונג פון געשעפט; למשל, כדי צו פאַר־גרעסערען די פּראָדוקטיוויטעט פון אַרבעט אין דער אונטערנעמונג, דאַרף מען מאַכען איבעריגע הוצאות אויף טעכנישע אויסבעסערונגען. אפילו די פאַרלייגערונג פונ׳ם אַרבעטס טאָג פירט אויך צו גרעסערע הוצאות אויף מאַטעריאַלען און געצייג, דאָס הייסט, צו אַן אַנזאַמלונג.

אין אַט די פאַלען קען אמאָל אויך ניט זיין קיין אַנזאַמלונג: קאַפּיטאַל ווערט אָפּגעשפּאָרט אויפ׳ן ווערט פון דער אַרבעטס קראַפט, און אַזאַ אַפשפּאָרונג, בא געוויסע באַדינגונגען, גלייכט אויס די איבע־ריגע הוצאות פון שטענדיגען קאַפּיטאַל. פונקט אַזוי קען, בא אַן „אויסערגעוויינטליכער אָפּשפּאָרונג" פון שטענדיגען און פאַרענדערלי־כען קאַפּיטאַל, פאַרקומען אַ פאַרגרעסערונג פון פּראָפיט אָהן אַ קאַפּי־טאַליסטישער אַנזאַמלונג. נאָר דאָס זיינען אַלץ אויסנאַם פאַלען.

די קאַפּיטאַליסטישע אַנזאַמלונג דאַרף מען שטרייג אונטערשיי־דען פון דער פּשוט׳ער אורשפּרינגליכער אַנזאַמלונג, וואָס באַשטעהט

## א. באַגראַנאַוו

ניט אין אַ פאַרגרעסערונג פון די אונטערנעמונגען, נאָר אין דעם וואָס מען קלייבט געלט צו געלט.

אין דער קאַפּיטאַליסטישער עפאָכע האָט אַ באַדייטונג אין לעבען נאָר די קאַפּיטאַליסטישע אָנזאַמלונג; וואָס איז שייך דער ערשטער אָנזאַמלונג, איז ווערט זי אומבאַדייטענדיג לויט דער גרויס נאָך, און אַחוץ דעם ווערט זי פאַקטיש פאַרוואַנדעלט אין קאַפּיטאַליסטישער אָנזאַמלונג. אין דער'אמת'ן, לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז די גאַנצע סומע לכתחילה אָנגעזאַמעלטע קאַפּיטאַלען אין אַ געוויסער געזעל־שאַפט טרעפט אַז אַ מיליאַרד רובל; אויף אַט די געלטען זיינען געגרינדעט געוואָרען קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען, וואָס טראָגען אַריין מערווערט אויף 100 מיליאָן אַ יאָר. כדי דער חשבון זאָל זיין פּראָסט, לאָמיר זאָגען, אַז די קאַפּיטאַליסטען זאַמלען ניט מער, נאָר דעם גאַנצען איבער־פּראָדוקט פאַרברויכען זיי. באַ אַזאַ פאַל, וועט דער קאַפּיטאַל אויך דעם קומענדיגען יאָר אַנטרעפען איין מיליאַרד, נאָר פון די לכתחילה אָנגעזאַמעלטע איז געבליבען ניט מער פון 900 מיליאָן. די איבעריגע 100 מיליאָן האָבען די קאַפּיטאַליסטען פאַר־ברויכט אין דער פאָרמע פון לעבענסמיטלען און לוקסוס זאַכען: צוריק געדעקט געוואָרען זיינען אַט די 100 מיליאָן אויפ'ן חשבון פון דעם מער־ווערט. נאָך מיט אַ יאָר שפּעטער וועט פון די לכתחילה אָנגעזאַמעלטע בלייבען 800 מיליאָן, און 200 מיליאָן שטעלען מיט זיך פאָר קאַפּיטאַ־ליסטיש אָנגעזאַמעלטען מערווערט, און אַז. וו. אין 10 יאָר אַרום וועלען פאַרשווינדען די רעשטען פון דעם לכתחילה אָנגעזאַמעלטען, און דער גאַנצער קאַפּיטאַל וועט באַשטעהן פון דעם מערווערט פאַר די 10 יאָר.

הייסט עס, יעדער קאַפּיטאַל, אויף וואָס פאַר אַן אופן די ערשטע אָנזאַמלונג זאָל ניט געווען פאָרגעקומען, קען מען באַטראַכטען, מיט אַ גענויאיגקייט ביז אַן אומענדליך קליינעם טעות, ווי אָנגעזאַמעלטען מערווערט. ווי עס איז שוין באַוויזען געוואָרען, איז די גאָר ערשטע אָנזאַמלונג גופא אין גרעסטען טייל פאָרגעקומען דורך דעם פאַרכאַפּען פון מערווערט אויף פאַרשיידענע אופנים (דאָס רעכט פון לייב־אייגענ־טום, שקלאַפעריי א. אַז. וו.); די אָפּשפּאָרונגען, וואָס די אַרבעטענ־

דיגע אליין האבען געמאכט, האבען דערביי געשפילט די קלענסטע ראָלע. פון דעם קען מען ארויסזעהן, וואס פאר א ווערדע עס האט די לערע פון די אלטע עקאנאמיסטען, אז די קאפיטאלען קומען ארויס פון אייגענע אפגעשפארטע.

שטרעבענדיג אנצוזאמלען בכלל, צו פארגרעסערען די אייגענע געלט קראפט, קומט דער קאפיטאליסט נאטירליכערווייז צו דער נויטווענדיגקייט פון קאפיטאליסטישער אנזאמלונג, צו דער נויטווענדיגקייט אויסצובדייטערען זיין אונטערנעמונג, אריינלייגענדיג אין איר אלץ מער נייע קאפיטאלען פון די אריינגעקומענע פראפיטען.

נאר אויב דער חשק אנצוזאמלען געלט וואלט געהאט זיינע גרעניצען, וואס ווייטער פון זיי וואלט ער שוין ניט געקענט טרייבען דעם קאפיטאליסט אויסצוברייטערען און טעכניש צו אנטוויקלען זיין אונטערנעמונג, וואלט די דירעקטע קאנקורענץ פון די אונטערנעמונגען סיי ווי געצוואונגען צו טאן ביידע זאכען ווייטער פון אט די גרעניצען.

די קאנקורענץ צווישען אונטערנעמונגען באשטעהט אין דעם, וואס איטלעכע פון זיי שטרעבט אפצונעמען דעם מארק בא אלע אנדערע. דער קאמף ווערט אנגעפירט מיט דער הילף פון נידעריגערע פרייזען און בעסערע סחורות.

אין אט דעם קאמף זיינען די גרויסע אונטערנעמונגען מיט גרויסע קאפיטאלען אין א סך א בעסערער לאגע איידער די קליינע. אין די גרויסע אונטערנעמונגען איז די פראדוקטיוויטעט פון ארבעט בכלל גרעסער, ווארים דארטען איז מער אנטוויקעלט די צוזאמענארבעטונג און די צעטיילונג פון ארבעט (ניט ריידענדיג שוין פון קלענערע טעכנישע מעלות, ווי למשל, לפי־ערך קלענערע הוצאות אויפ'ן ווארשטעט, אויף געצייג, אויף טראנספארטירען משא א. ד. גל.). דארט קומט שנעלער פאר די אנזאמלונג פון קאפיטאל, און, הייסט עס, עס קענען אויך שנעלער איינגעפירט ווערען און אנגעווענדט ווערען פארשיידענע טעכנישע אויסבעסערונגען. פאר די גרויסע מאנופאקטורען איז גרינגער צו פארגרעסערען די פראדוקציע אויף דערפאר, וואס בא דער מאנופאקטור־צעטיילונג פון ארבעט מוז דער אונטערנעמער אנשטעלען

נייע אַרבעטער גרופּעסווייז מיט אַמאָל (מאַנופאַקטור גרופּעס), און נאַטירליך, אַז אונטערנעמונג וואָס באַשטעהט פון 30-20 אַזעלכע גרופּעס איז אַ סך לייכטער צוצוגעבען צו זיי נאָך איינע אַ נייע, איידער אַז אונטערנעמונג פון 3-2 גרופּעס.

די גרויסע אונטערנעמונגען האָבען מער שאַנסען צו געווינען דעם מאַרק, ווייל זיי קענען לייכט אויסהאַלטען אַ געוויסע פאַרקלענערונג אין די פּרייזען. דער קליינער אונטערנעמער, וואָס עקזיסטירט אפשר קוים מיט צרות אויף זיין פּראָפיט, ווערט אַפּט בדיל־הדל אפילו ווען די פּרייזען פאַלען אויף אַ קורצער צייט, און אויב דאָס האַלט אַן לאַנג, ווערט פון אים כמעט זיכער אַ תל. דער גרויסער אונטערנעמער אָבער גיט געוויינטליך אויס אויף זיינע אייגענע הצטרכות'ן נאָר אַ קליינעם טייל פון זיין פּראָפיט, דאָס איבעריגע געהט אויף צו פאַרגרעסערען דאָס געשעפט; ווען די פּרייזען פאַלען, ווערט אַזאַ קאַפּיטאַליסט נאָר אָפּשטעלען די פאַרגרעסערונג פון געשעפט, און אויב ער ליידט אפילו היזק, נעמט עס נאָך לפי־ערך לאַנג ביז ער ווערט אַ יורד.

ניט קענענדיג אויסהאַלטען די קאָנקורענץ, זיינען די קליינע אונטערנעמער געצוואונגען צו פאַרקויפען זייער וואַרשטעט און די געצייג, דערביי ווערען זיי אַן זייער אָרגאַניזאַטאָרישע ראָלע אין דער געזעלשאַפטליכער פּראָדוקציע. די גרויסע קאַפּיטאַליסטען, פאַרקערט, קריגען אריין פאַר זיך די פּראָדוקציאָנס מיטלען, וואָס האָבען פריהער געהערט צו די קליינע, און אויף אַזאַ'ן אופן קאָנצענטרירען זיי די קאַפּיטאַלען אין די אייגענע הענט.

אָט דער פּראָצעס פון דער **צענטראַליזירונג פון קאַפּיטאַלען** איז אַ נויטווענדיגער רעזולטאַט פון דער קאַפּיטאַליסטישער קאָנקורענץ; שטרעבען שטרעבט ער צו פאַרקלענערען די צאָל אונטערנעמונגען. נאָר אין די ערשטע עפּאָכעס פון אינדוסטריעלען קאַפּיטאַליזם טרעט אָט די דערשיינונג דייטליך ניט ארויס, וואָרים זי ווערט פאַרמאַסקירט מיט אַ פאַרקערטען פּראָצעס: עס גרינדען זיך כסדר (אויפ'ן חשבון פון דער אורשפּרינגליכער אָנזאַמלונג) אַלץ מער נייע אונטערנעמונגען.

דאָס וואָס דאָ האָט זיך גערעדט מכח קאַפּיטאַליסטען גרעסערע

און קלענערע, איז אויך שייך, אין אַ געוויסער מאָס, צו אונטערנעמער געשיקטע, פלינקע, געניטע אין געשעפט, און צו אונטערנעמער ווייניגער פּראַקטישע. די ערשטע ציהען פון זייערע קאַפּיטאַלען מער נוצען, גלייך ווי זייערע קאַפּיטאַלען וואָלטען געווען גרעסערע. נאָר וואָס מער די אָרגאַניזאַטאָרישע טעטיגקייט אין די אונטערנעמונגען געהט אַריבער אין די הענט פון געדונגענע ספּעציאַליסטען, אַלץ אַ קלענערע באַדייטונג בלייבט פאַר אָט דער זייט פון דעם ענין.

די שטרעבונג פון דעם קאַפּיטאַל צו פאַרגרעסערען אויף פאַרשיידענע אופנים די מאָס פון מערווערט, וואָס מען קריגט פון איטלעכער אַרבעטס קראַפט, — דורך דער פאַרגרעסערונג פון דעם אַרבעטס טאָג, דורך דער העכערונג פון דער אינטענסיוויטעט פון דער אַרבעט, דורך דער אויסערגעוויינטליכער אַפּשפּאָרונג אויף פאַרענדערליכען קאַפּיטאַל א. אַז. וו., — רופט אַרויס בּאַ די אַרבעטער אַ פאַרקערטע שטרעבונג — צו פאַרבעסערען אָדער, לפּחות, ניט דערלאָזען עס זאָלען ערגער ווערען די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון זייער לעבען. דאָס איז נאָך אַ באַוועגענדיגער כח אין דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריעל־קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט — אַ כח, וואָס קומט אויף לכתחילה אין דער פאָרמע פון אַ פשוט'ער קאָנקורענץ צווישען איטלעכען קויפער פון אַרבעטס קראַפט מיט איטלעכען פאַרקויפער אירען. אויף די ערשטע שטאַפּלען פון קאַפּיטאַליזם האָט נאָך אָט דער פאַקטאָר קיין גרויסע פּראַקטישע באַדייטונג ניט, מחמת דעם נידעריגען אַנטוויקלונגס צושטאַנד, און דער צעשפּליטערטקייט אין דער טעטיגקייט פון די אַרבעטער. די לעבענס באַדייטונג פון אָט דעם פאַקטאָר אין דער מאַנופאַקטור־עפּאָכע איז אַ סך אַ נידעריגערע איידער אין דער עפּאָכע, ווען די געזעלען האָבען געקעמפט מיט די צעכען מייסטערס, און די ערשטע פלעגען דערגרייכען צו אַ גרויסער אחדות אין זייער טעטיגקייט מיט דער הילף פון זייערע אָרגאַניזאַציעס.

אין סך הכל קען מען אָט וואָס זאָגען מכח די אַנטוויקלונגס קרעפטען אין דער מאַנופאַקטור עפּאָכע. די הויפּט קראַפט פון זיי איז די קאָנקורענץ אין פאַרשיידענע פאָרמעס אינאיינעם מיט איר פּסיכאָלאָגישען רעזולטאַט — דעם חושק צו אַנזאַמלונג. די ריכטונג,

## א. באַגראַנאָוו

אין וועלכער די באַוועגענדיגע כוחות ווירקען, כאַראַקטעריזירט זיך פון דער עקאָנאָמישער זייט מיט דער צענטראַליזאַציע פון קאַפּיטאַלען, מיט דער וואַקסענדיגער צעטיילונג פון אַרבעט און צוזאַמענאַרבעטונג, פון דער טעכנישער — מיט דער וואַקסענדיגער אינטענסיוויטעט, דויער און פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבעט בײַ דער מעגליך גרעסטער פאַראייניפאַכונג פון דער טעטיגקייט פון איטלעכען אַרבעטער־אויספאָלגער (מאַנופאַקטור־צעטיילונג פון אַרבעט).

היסטאָריש הייבט זיך אָן דער מאַנופאַקטור־פּעריאָד אין 15—16־טען יאָרהונדערט אין ענגלאַנד און האָלאַנד; אין אַנדערע לענדער — שפּעטער. פאַר דער היסטאָרישער ענדע פון אָט דעם פּעריאָד דאַרף מען רעכענען די עפּאָכע פון די גרויסע דערפינדונגען — דער סוף פון 18־טען יאָרהונדערט אין ענגלאַנד; אין אַנדערע לענדער האָט דער מאַנופאַקטור־קאַפּיטאַליזם אָנגעהויבען אָפּצוטרעטען פאַר'ן מאַשין־קאַפּיטאַליזם שפּעטער — אין דעם ערשטען און צווייטען פערטעל פון 19־טען יאָרהונדערט.

## נײַנטער קאַפּיטעל

# אינדוסטריעלער קאַפּיטאַל.

## עפּאָכע פון מאַשין־פּראָדוקציע.

### 1). די באַציהונגען פון דער געזעלשאַפט צו דער נאַטור.

### א). פון וואַנען נעמען זיך מאַשינען?

פון די אינווייניגסטע באַציהונגען אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט קומט אַרויס די שטרעבונג פון דעם קאַפּיטאַל אומאויפ־הערליך צו אַנטוויקלען די פּראָדוקטיוויטעט פון אַרבעט. אָבער אין דער מאַנופאַקטור־עפּאָכע טרעפט אָט די שטרעבונג אַ מניעה אין דעם כאַראַקטער גופא פון די פּראָדוקציאָנס קרעפטען פון דעם מאַנופאַקטור פּעריאָד. די אַרבעט איז אַלץ געוועזן אַ האַנטאַרבעט, דעם מענטשענס פיזישער כוח האָט געשפּילט די הויפּט ראָלע אין דער פּראָדוקציע. און אַזוי ווי אָט דער כוח האָט אַ גרעניץ, האָט די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבעט ניט געקענט גיין ווייטער פון אַ געוויסער הויך, כל־זמן דאָס שטיקעל געצייג האָט זיך באַוועגט דירעקט פון דעם מענ־טשענס האַנט.

די מאַנופאַקטור האָט אַנטוויקעלט די פּראָדוקטיוויטעט פון אַר־בעט מיט דער הילף פון אַלץ אַ גרעסערער אַרבעטס צעטיילונג, צע־גלידערענדיג די פאַרוויקעלטע אַרבעטען אויף אַלץ אייפאַכערע טייל־ווייזע אָפּעראַציעס. דערבײַ פלעגט די טעטיגקייט פון איטלעכען אַר־בעטער באַזונדער פאַראייפאַכט ווערן ביז גאָר, און פלעגט ווערן

# א. באַגדאַנאָוו

אַלץ מער אַ מעכאַנישע, ווי אַ מאַשינע. טאַקע אַ דאַנק דעם, ווען די מאַנופאַקטור האָט דערפירט די אַנטוויקלונג פון האַנטאַרבעט ביז'ן לעצטען גראַד, און עפּעס אַ נייער שריט אין דער פריהערדיגער ריכ־טונג איז געוואָרען שרעקליך שווער, טאַקי איבער דער מעכאַנישקייט, דער פּשוט'קייט פון איטלעכען אַרבעטערס אָפּעראַציעס, איז שוין גע־ווען לפי־ערך אַ לייכטע זאַך איבערצוגעבען אָט די אָפּעראַציעס אַ מאַשינע זאָל זיי מאַכען. פאַרוואַנדלענדיג דעם אַרבעטער־אויספאָל־גער אין אַ מאַשינע, האָט די מאַנופאַקטור צוגעגרייט די מעגליכקייט צו פאַרבייטען אים אויף אַ מאַשינע. און ווען די אויסברייטערונג פון די מערק האָט געפאָדערט אַ ווייטערע אַנטוויקלונג פון די פּראָדוק־ציאָנס מעטאָדען, און די מאַנופאַקטור האָט שוין מער גאָרנישט ניט געקענט אויפטאָן, דאַן איז פאָרגעקומען דער איבערגאַנג פון האַנט־אַרבעט צו אַרבעט מיט מאַשינעס.

די הויפּט אייגענשאַפט פון מאַשין־פּראָדוקציע באַשטעהט אין דעם, וואָס די דירעקטע אַרבעט אין דער פּראָדוקציע ווערט דורכגע־פירט ניט מיט מענטשליכע כוחות, נאָר מיט די קרעפ־טען פון דער נאַטור; דעם אַרבעטערס ראָלע ווערט וואָס ווייטער אַלץ מער באַשריינקט מיט'ן פאַרוואַלטען און אַכטונג געבען אויף דער מאַשינע. זי ווערט אַלץ מער ענליך לויט איר געשטאַלט צו דער פריהערדיגער אָרגאַניזאַטאָרישער אַרבעט.

אַזוי ווי די קרעפטען פון דער נאַטור זיינען אומבאַגרעניצט, קען די פּראָדוקטיוויטעט פון אַרבעט אין דער מאַשין־פּראָדוקציע וואַקסען אָהן אַ שיעור, מיט'ן פּראָגרעס פון אונזערע וויסענשאַפטליכע קענ־טענישען.

די געשיכטע פון דער מאַשינע הייבט זיך אָן אַ סך פריהער פון דער עפּאָכע פון מאַשין־קאַפּיטאַליזם. נאָך אין די צייטען פון קלאַ־סישען שקלאַפענטום האָט מען שוין אויסגעטראַכט אַ וואַסער־מיל, און אויך וואַסער־פּאָמפּעס, שעפּ־מאַשינעס; אין מיטעלאַלטער ווייזט זיך די ווינט־מיל, און אין דעם מאַנופאַקטור פּעריאָד פלעגט מען אָפט באַנוצען מאַשינעס פאַר געוויסע גראָבע אַרבעטען, וואָס האָבען גע־

## פאָליטישע עקאָנאָמיע

פאַדערט גרויסע אויסגאַבעס פון מעכאַנישער קראַפט, למשל, אויף צעמאַלען אַרץ, אויספּאָמפּען דאָס וואַסער פון די שאַכטעס א. ד. גל. בכלל אָבער, האָבען מאַשינעס כמעט גאַר קיין באַדייטונג ניט געהאַט אין דער פּראָדוקציע.

די אָנווענדונג פון מאַשינעס אין דער פאַר־קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע איז געווען באַגרעניצט ניט נאַר מחמת עס האָבען געפעלט טעכנישע קענטענישען און מען פלעגט צוטראַכטען ווינציג מאַשינעס, און נאָך דערצו זעהר ניט קיין פולקומע. גאַנץ אָפט פלעגען די צוגע־טראַכטע מאַשינעס ניט קענען אריין אין דער אַלגעמיינער פּראָדוק־ציאָנס טעכניקע איבער ריין געזעלשאַפטליכע אומגינסטיגע באַדינ־גונגען. אַזוי האָט מען שוין אין 17־טען יאָרהונדערט אויסגעטראַכט מעכאַנישע וועבשטולען און שפּינראַדען, וואָס אין פאַרגלייך מיט די האַנט געצייג האָבען זיי פאַרגעשטעלט אַ היפּשען שריט פאַרויס. אָבער אין יענע צייטען האָבען די מיטעלאַלטערליכע האַנטווערקער אָרגאַניזאַציעס, הגם זיי האָבען שוין אָנגעהויבען פאַלען, דאָך נאָך פאַרמאָגט אַ היפּשע עקאָנאָמישע מאַכט און, לפי ערך דערמיט, אויך אַ פּאָליטישע באַדייטונג. און אָט די אָרגאַניזאַציעס האָבען, מחמת גאַנץ פאַרשטענדליכע טעמים, באַצויגען זיך מיט אַ פאַרביסענער שנאה צו איטלעכען פאַרזוך צו פאַרבייטען די מענטשליכע אַרבעט אויף אַר־בעט פון מאַשינעס. אונטער דעם איינפלוס פון די קירכליכע קאָר־פּאָראַציעס גיבען די שטאַט־ראַטען אַרויס איינער נאָך דעם אַנדערען באַפעלען, וואָס פאַרווערען איינצופירען מעכאַנישע געצייג; דער המון צעברעכט די מאַשינעס, די דערפינדער ווערען אכזריות׳דיג פאַרפאָלגט, ווי מענטשען וואָס ווילען אָפּנעמען דאָס שטיקעל ברויט בא די בעל־מלאכות און אַרבעטער.

אונטער דעם איינפלוס אָבער פון דעם האַנדעלס און אינדוסט־ריעלען קאַפּיטאַל, פלעגען זיך די אַלטע אָרגאַניזאַציעס צעפאַלען, אָנווערענדיג זייער עקאָנאָמישע מאַכט, און אינאיינעם דערמיט אויך די פּאָליטישע באַדייטונג און מאָראַלישען אויטאָריטעט. אין דעם עקאָ־נאָמישען לעבען הייבען אָן צו הערשען די הענדלער און מאַנופאַקטור־ריסטען. און זייער באַציהונג צו מאַשינעס איז שוין געווען גאַר אַן

אַנדערע. פאַר זיי זיינען די מאַשינעס ניט געווען, ווי פאַר די בעל־מלאָכות פון די צעכען, אַ געפאַר, וואָס קען חרוב מאַכען די געזעל־שאַפטליכע לעבענס אָרדענונג צו וועלכער מע איז געוואוינט און וואָס איז זיי טייער, וואָס קען צעברעכען דעם מאַטעריעלען פונדאַמענט פון זייער עקזיסטענץ. מאַשינעס האָבען פאַרשפּראָכען פּראָפיט, און דאָס איז געווען דער בעסטער תירוץ פאַר זיי.

אַזוי האָט די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג צעטרייסעלט, אָפּגעשוואַכט און האָט פאַרניכטעט די כוחות, וואָס זיינען געווען פיינדליך צו דער מאַשינע, און האָט פאַרשטאַרקט און פאַרגרעסערט די כוחות, וואָס זיינען געשטאַנען פאַר איר, און אויף אַזאַ'ן אופן געמאַכט אַ וועג פאַר אַ ברייטער אַנווענדונג פון מאַשינעס.

אין דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג פון דער וועלט איז דער מאַנופאַקטור פּעריאָד זיכער אַ נויטיגע תקופה: מען קען זיך אַפילו ניט פאָרשטעלען, אַז אַ גרויסע מאַשין־פּראָדוקציע זאָל אויפקומען דירעקט פון, למשל, דער האַנטווערקערישער טעכניק. אין דער גע־שיכטע אָבער פון באַזונדערע געזעלשאַפטען, וואָס זיינען אַרויס אויפ'ן וועג פון קאַפּיטאַליזם שפּעטער, דערלאָזט דער איינפלוס פון זייער היסטאָרישער סביבה — דער קולטור פון די עלטערע געזעלשאַפטען — כמעט אינגאַנצען אויסצומיידען די מאַנופאַקטור תקופה פון דער־מעכניקע: פון דער קליין האַנטווערקערישער און ערד־אַרבעטערשער פּראָדוקציע, וואָס דער האַנדעלס קאַפּיטאַל אָרגאַניזירט, געהט מען גלייך אַריבער צו דער גרויסער מאַשין־פּראָדוקציע מיט אַלע אירע געזעלשאַפטליך־עקאָנאָמישע רעזולטאַטען.

## ב). וואָס איז אַ מאַשינע?

אַ מאַשינע איז אַזאַ געהילפס מיטעל צום אַרבעטען, וואָס פאַר־בייט די דירעקטע אַרבעט פון דעם מענטשען מיט דער אַרבעט פון די קרעפטען פון דער אויסערליכער נאַטור. דאָס איז דער העכס־טער, דער פולקומסטער סאָרט געצייג.

ווען מען באַטראַכט אין אַלגעמיינע שטריכען ווי אַזוי פאַרשיי־

דענע מאַשינעס זיינען געבויט, קען מען זעהן, אַז אין דעם יסוד זיי־ערען ליגט איין פּלאַן. אין אַ מאַשינע דאַרף מען אונטערשיידען דריי טיילען: דעם מאָטאָר (דער באַוועגער), די טראַנסמיסיע (דער מעכאַניזם, וואָס גיט איבער די קראַפט), און דעם ארבעטס טייל אָדער דעם מעכאַנישען אינסטרומענט. איטלעכער פון אָט די טיילען האָט זיך זיין אַנטוויקלונגס געשיכטע.

ווען אַ מאַשינע ווערט באַנוצט אין אַ קליינעם געשעפט, וואו עס פאָדערט זיך ניט קיין גרויסע אויסגאַבע פון מעכאַנישער קראַפט, איז דער באַוועגער פון דער מאַשינע ניט זעלטען די מעכאַנישע ארבעטס קראַפט פון דעם מענטשען. אַזוי, למשל, איז אַ ניי־מאַשינע, וואָס ווערט געבראַכט אין באַוועגונג דורך איינאַרטיגע באַוועגונגען מיט'ן האַנט אָדער מיט'ן פוס. דאָס איז אַ ניט פאַרענדיגטער, ניט אינגאַנצען אַנטוויקעלטער טיפּ מאַשינעס.

דער פאַרבייט פון מענטשליכער באַוועגענדיגער קראַפט אויף דער קראַפט פון בהמות (הויפּטזאַכליך פערד) איז דער ערשטער שריט אין דער אַנטוויקלונג פון דעם מאָטאָרישען טייל פון דער מאַשינע. נאָר קיין גרויסער פאָרגרעס איז דאָס נאָך ניט: די קראַפט פון בהמות קאָסט לפי־ערך טייער; ארבעטען שטענדיג קענען זיי ניט (למשל, אַ געניטער באַלעבאָס וועט ניט לאָזען אַ פערד ארבעטען מער פון 8 שעה אין מעת־לעת); און ווייטער, די קראַפט פון בהמות איז ניט קיין סך גרעסער פון דער קראַפט פון מענטשען.

נאָך אַ שריט ווייטער איז געווען דער פאַרבייט פון בהמות אויף דער קראַפט פון ווינט און פון אַ פאַלענדיגען וואַסער. אָט די באַוועגער האָבען שוין די מעלה, וואָס זיי זיינען ניט קיין לעבעדיגע באַשעפענישען; האָבען זיי אָבער געוויסע חסרונות אויך.

די קראַפט פון ווינט, וואָס איז שוין פון גאָר גאָר אַלטע צייטען באַנוצט געוואָרען אין אַ גרויסער מאָס אויף אריבערצופירען משא איבער'ן וואַסער (זעגעל־שיפען), נאָר זעהר ווייניג אין אַנדערע צווייגען פון אינדוסטריע, האָט דעם חסרון, וואָס זי איז זעהר ניט קיין באַשטענדיגע און ווירקט ניט גלייכמעסיג. די קראַפט פון וואַסער האָט ניט אַזעלכע חסרונות, און דערפאַר האָט זי אין דער מאַנופאַקטור

# א. באַנדאַנאַוו

עפּאָכע געקראָגן די גרעסטע באַדייטונג. נאָר אויך אָט דער קראַפט פעלט ניט קיין ערנסטע חסרונות. ערשטענס, אַ וואַסער־קראַפט באַ־וועגער קען מען אָנווענדן נאָר דאָרט, וואו עס איז פאַראַן נאָהענט אַ פאַלענדיג אָדער פליסענדיג וואַסער, און וואו מען קען עס איבערצאַמען מיט אַ גרעבלע, ניט באַגעגענענדיג קיין סתירה מצד די אינטערעסן און רעכטען פון די אַרומיגע איינוואוינער און ערד־אייגענטימער. צווייטענס, ווינטער צייט, אין אונזערע קאַלטע מקומות, ווערט די וואַסער־קראַפט ניט אַלעמאָל. ענדליך, פאַרגרעסערן זי אויף וויפיל מען וויל קען מען ניט. מחמת אָט די אייגנשאַפטן פון וואַסער־קראַפט באַוועגער, האָבען זיי קיין גרויסע אַנווענדונג ניט געקענט האָבען. דאָס איז איינע פון די אורזאַכען, פאַרוואָס מען האָט אין דעם מאַנופאַקטור פעריאָד זעהר ווייניג באַנוצט מאַשינעס, כל־זמן מען האָט ניט אויסגעטראַכט קיין בעסערען מאָטאָר.

וואו ניט וואו האָט מען שוין אפילו אין דער מאַנופאַקטור עפּאָכע באַנוצט דאַמף־באַוועגער, נאָר זעהר ניט קיין פולקומע און אומבאַ־קוועמע. ווען ו ו אַ ט האָט אין 1774 יאָר אויסגעבעסערט דעם מעכאַניזם זייערען און האָט געשאַפען די באַרימטע דאַמף־מאַשינע פון צווייענדיגער ווירקונג, דאַן האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דאַמף איז דער בעסטער באַוועגער, אין וועלכען די וואַקסענדיגע קאַפּיטאַ־ליסטישע אינדוסטריע האָט זיך גענויטיגט.

אין דעם דאַמף־מאָטאָר ווערט די מעכאַנישע קראַפט געשאַפען דורכ'ן פאַרברויך פון קוילען און וואַסער. די ווירקונגס קראַפט קען מען מאַכען גרעסער אָדער קלענער, ווי מען וויל. דער מאָטאָר גופא איז געמאַכט געוואָרען אַזוי, אַז עס איז ניט שווער אַריבערצופירען אים פון איין אָרט אויפ'ן אַנדערען און צופּאַסען אים צו וואָסערע אַרבעטס מאַשינעס מען דאַרף.

די אַנטוויקלונג פון דעם באַוועגענדיגען טייל פון דער מאַשינע האָט זיך באַ דעם ניט אָפּגעשטעלט. די לעצטע צייט קריגט אַלץ אַ גרעסערע באַדייטונג אַ נייער סאָרט מאָטאָרען — עלעקטרישע. ד ע ר ו ו י י ל ע איז נאָך זייער אַנווענדונג גאַנץ באַשריינקט, אָבער איצטער אפילו קאָן מען שוין זעהן אין דער עלעקטרישער באַ־

וועגונגם קראַפט געוויסע מעלות אַנקעגען דאַמף. די הויפּט מעלה איז, וואָס די עלעקטרישע ענערגיע קען מען צעברעקלען אויף וואָסער'ע קליינע חלקים מען וויל נאָר, און וואָס מען קאָן זי איבערגעבען אויף ווי ווייט מען וויל מיט אַ קליינעם (בײַ געוויסע באַדינגונגען) פאַר־לוסט.

גיכער פון אַלץ וועט עלעקטריציטעט זיין דער הויפּט באַוועגער אין דעם ווייטערדיגען פּעריאָד פון דער אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוק־ציע. שוין די איצטערדיגע טעכניקע ווייס פון אַזעלכע מיטלען ווי אַזוי צו פאַרוואַנדלען איטלעכע נאַטור קראַפט אין עלעקטריציטעט און איבערגעבען עס נאָכדעם וואוהין מען וויל. אַ דאַנק דעם וועט די עלעקטריציטעט מסתמא געבען אַ מעגליכקייט אַנצואווענדען מיט נוצען אַזעלכע געוואַלדיגע אוצרות ענערגיע אין דער נאַטור, ווי די גרעסטע וואַסער־פאַלען, ים־צופלוסען און אַנד.; אַ סך אַזעלכע קוואַ־לען פון ענערגיע האָט מען ביז איצטער ניט גענוצט, הויפּט־זאַכליך דערפאַר, ווײַלע מען האָט ניט געקענט איבערגעבען די ענער־גיע אויף אַ מהלך.

דער צווייטער טייל פון אַ מאַשינע איז די טראַנסמיסיע, וואָס גיט איבער די ענערגיע פון'ם מאָטאָר צו דער ארבעטס מאַשינע. די טראַנסמיסיע דאַרף אומענדערען דעם כאַראַקטער און די ריכטונג פון די באַוועגונגען, וואָס דער ערשטער טייל פון דער מאַשינע באַשאַפט, אומענדערען צוועקמעסיג, וועדליג דער באַדערפעניש פון דער מאַ־שינע, און אין אַזאַ געשטאַלט איבערגעבען די באַוועגונג צום ארבעטס אינסטרומענט. וואָס מער עס זיינען פאַרוויקעלט די פּראָדוקציאָנס פּראָצעסען, בײַ וועלכע מען ווענדט אָן די מאַשינע, אַלץ מער קאָמ־פּליצירט איז די טראַנסמיסיע. נאָך מער פאַרוויקעלט מוז ווערען די טראַנסמיסיע, ווען מען באַנוצט זיך מיט איין מאָטאָר כדי צו באַוועגען עטליכע ארבעטס מאַשינעס מיט אַמאָל, און — ווער רעדט נאָך — פאַרשיידענאַרטיגע דערצו. אויב פאַר איין ארבעטס מאַשינע דאַרף מען האָבען אַ קרייז באַוועגונג, פאַר דער אַנדערער — אַ גלייכליניעדיגע, פאַר דער דריטער — אַ גלייכליניעדיג־געבראָכענע א. אַז. וו., איז שוין ניט שווער פאַרצושטעלען זיך וויפיל איינצעלנע צופּאַסונגס מיטלען

## א. באַנדאַנאַוו

דער מעכאַניזם פון דער טראַנסמיסיע מוז האָבען, כדי צו באַפרידיגען דעם צוועק. זי ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַ גאַנצער סיסטעמע ציינ־רעדער, וואַלצען, עקסצענטריקעס, טרייב־שטאַנגען, א. ד. גל., אין אַ סיסטעמע, וואָס איז אַלץ מער פאַרוויקעלט, וואָס מער פאַרוויקעלט, פאַרשיידענאַרטיג און גרעסער אין צאָל עס זיינען די אַרבעטס מאַשי־נעס, וואָס קומען אין באַוועגונג דורך איין מאָטאָר.

דער דריטער טייל פון דער מאַשינע, דער ווערקצייגמאַשינע, איז די אַרבעטס מאַשינע אָדער דער מעכאַנישער אינסטרומענט. ער שטאַמט דירעקט פון דעם אינסטרומענט, מיט וועלכען עס אַרבעט דער האַנט־אַרבעטער אין האַנטווערק אָדער אין דער מאַנופאַקטור. איבעריגענס, ניט זעלטען קומט אַט דער אינסטרומענט אין דער אַרבעטס־מאַשינע אין אַזאַ פאַרענדערטער געשטאַלט, אַז ס'איז אים שווער צו דערקע־נען.

נאָר דער הויפט אונטערשייד פון אַן אַרבעטס־מאַשינע ביז די אינסטרומענטען פון האַנט־אַרבעט באַשטעהט אין דעם, וואָס זי טרעט אַרויס דירעקט ווי אַן אינסטרומענט פון דער מ אַ ש י נ ע, און ניט פון דעם געצייג, און פריהער פלעגט עס געטאָן ווערען מיט'ן מענטשענס פון דעם מ ע נ ט ש ע ן; איצטער שאַפט די מאַשינע די באַוועגונג האַנט. אפילו ווען דער באַוועגער פון דער מאַשינע איז דעם מענ־טשענס קראַפט, ווערט דער אַרבעטס אינסטרומענט געפירט אַלץ טאַקע ניט דירעקט מיט'ן מענטשענס האַנט, נאָר דורך דעם מעכאַניזם פון דער טראַנסמיסיע.

הייסט עס, די מאַשינע פאַרבייט דעם אַרבעטער, אויף וויפיל ער איז אין דער פּראָדוקציע אַ פּראָסטער אויספאָלגער, פשוט אַ געצייג פון דעם אָרגאַניזירענדיגען ווילען. אַ דאַנק דעם, טראָגט מען אַריבער אויף די מאַשינעס אַ סך פון די באַציהונגען, וואָס זיינען פריהער גע־ווען צווישען די אַרבעטער־אויספאָלגער פון דער מאַנופאַקטור.

אַזוי, די צוזאַמענאַרבעטונג און אַרבעט צעטיילונג צווישען די אַרבעטער פון דער מאַנופאַקטור אַנטשפּרעכט דער „צוזאַמענאַרבע־טונג" און „אַרבעט צעטיילונג" צווישען די מאַשינעס (אויסדרוקען —

אַלץ ניט אין אַזייגענטליכען זינען פון די ווערטער, מחמת „אַרבעטען" קען נאָר אַ מענטש).

ווי אַ ביישפּיל פון אַ פּשוט'ער צוזאַמענאַרבעטונג קען דינען אַ וועבעריי, וואָס באַשטעהט פון אַ סך מעכאַנישע וועבשטולען אין איין געביידע, און אַלע טוען דיזעלביגע אַרבעט. איין מאָטאָר מאַכט באַוועגען אין אַט דעם פאַל אַ סך איינאַרטיגע מאַשינען.

די „אַרבעטס צעטיילונג" צווישען מאַשינעם באַשטעהט אין דעם, וואָס אַ גאַנצע רייע מאַשינען פאַרשיידענע, נאָר אינאיינעם צוזאַמענגעבונדענע, באַאַרבעטען איינע נאָך דער אַנדערער דעמזעלביגען מאַטעריאַל, ביז וואַנען ער קריגט ניט זיין ענדליכע פאָרמע. דאָרטען וואו עס פירט זיך ערשט איין די אַרבעטס צעטיילונג צווישען די מאַשינעס, איז זי אומגעפער אַזאַ, ווי אין דער מאַנופאַקטור, וואָס האָט זיך באַשעפטיגט מיט דערזעלביגער פּראָדוקציע. למשל, אין אַ וואָל־מאַנופאַקטור איז די אַרבעט געווען צעטיילט צווישען די וואָס שלאָגען די וואָל, באַרשטען, שפּינען א. אַז. וו. איצטער קומט אַנשטאָט די אַלע אַרבעטער אַ רייע מאַשינעס — צום שלאָגען די וואָל, אַ באַרשט־מאַשינע א. אַז. וו. אין דער איבערגאַנגס תקופה טרעפט, אַז אַ טייל אָפּעראַציעס איז שוין איבערגעגעבען דער מאַשינע, און אַ טייל ווערט נאָך דורכגעפירט מיט האַנט־אַרבעט.

מיט דער צייט, נאַטירליך, קען זיך איבערבייטען דער אופן, ווי אַזוי די אַרבעט ווערט צעטיילט צווישען די מאַשינעס.

ביים איינטיילען די אַרבעטען צווישען די מאַשינעס, שטעלט איינע צו פאַר דער אַנדערער דעם מאַטעריאַל צו באַאַרבעטען, פּונקט אַזוי ווי אין דער מאַנופאַקטור איין אַרבייטער דעם אַנדערען. און אויך אַזוי ווי דאָרטען — אין די הענט פון פאַרשיידענע אַרבעטער — געפינט זיך דאָ דער מאַטעריאַל אין פאַרשיידענע מאַשינעס גלייכצייטיג אויף אַלע שטאַפּלען פון באַאַרבעטונג. אַנקעגען דער מאַנופאַקטור־גרופּע, ד. ה. דער באַשטימטער פאַרהעלטעניש צווישען דער צאָל אַרבעטער פון פאַרשיידענע ספּעציאַליטעטען, האָבען מיר דאָ אַ „סיסטעמע מאַשינעס", ד. ה. אַ באַשטימטען צוזאַמענהאַנג צווישען דער צאָל, דער מאָס, דער באַוועגונגס שנעלקייט פון איין סאָרט מאַ־

# א. באָגדאַנאָוו

שינעס מיט'ן אנדערעז, דעם דריטען; פונקט ווי אויף א געוויכער צאָל שפינער פאַרערט זיך א באַשטימטע צאָל וועבער, כדי זיי זאָלען זיין בכוח צו באַארבעטען דעם מאַטעריאל וואָס די ערשטע שטעלען צו. פונקט אזוי איז אויף א געוויסער צאָל מעכאַנישע שפינראַדען פון א געוויסער אָרט דאַרף מען האָבען א באַשטימטע צאָל מעכאַנישע וועבשטולען פון א באַשטימטען סאָרט.

פון די אלע זאַכען זעהט מען, אז די ראָלע פון דעם מאַניפאַקטור ארבעטער איז אין א סך א גרעסערער מאָס איבערגענומען געוואָרען דורך דער מ א ש י נ ע ג ו פ א, איידער דורך דעם אַרבעטער בא דער מאַשינע. דער לעצטער אונטערשיידט זיך שטאַרק פון דעם ערשטען לויט דער אָרט גופא פון זיין פראָדוקציאָנס טעטיגקייט: זיין עובדא איז הויפטזאַכליך צו ריכטען און צו קאָנטראָלירען, בשעת יענער — פלעגט דאַרפען דורכפירען טאַקע די ארבעט גופא. און אָט דער חילוק איז העכסט וויכטיג.

איבעריגענס, אין די איבערגאַנגס תקופות, אין די מאַשין־פראָדוק־ציעס, וואָס האָבען זיך נאָך ניט אינגאַנצען אנטוויקעלט, דאַרף מען האָבען אַרבעטער ניט נאָר אויף אכטונג צו געבען און קאָנטראָלירען די אַרבעט פון די מאַשינעס, נאָר אויך כדי צו געבען די מעכאַנישע אינסטרומענטען געוויסע באַוועגונגען, צו וועלכע די מאַשינע איז נאָך ניט צוגעפאַסט. נאָר די אַנטוויקלונג פון דער מאַשין־פּראָדוקציע שטרעבט צו פאַרבייטען אלע אזעלכע ניט פאַרענדיגטע מאַשינעס מיט אַווטאָמאַטישע מאַשינעס, וואָס ווירקען פון זיך אליין, וואו די אַרבעטס מאַשינעס מאַכען דורך אליין אלע באַוועגונגען, וואָס זיינען נויטיג פאַר דער באַאַרבעטונג פון דעם מאַטעריאל, אָהן קיין שום דירעקטער מיטהילף מצד דעם מענטשען. און וואָס אין א גרעסערער מאָס עס קומט פאָר אָט די פאַרבייטונג, אַלץ ענליכער ווערט דעם אַרבעטערס עובדא בא דער מאַשינע צו דער פריהערדיגער אָרגאַניזאַטאָרישער אַרבעט.

אין דער האַנטווערקער פּראָדוקציע איז די אָרגאַניזאַטאָרישע זייט פון דער אַרבעט כמעט גאָר ניט אָפּגעטיילט פון דער אַרבעט גופא: דער אַרבעטער, א מייסטער צי א געזעל, קאָנטראָלירט מערסטענטיילס

זיך אליין, פארוואלט מיט זיך אליין. די מאנופאקטור פארענדיגט די פאנאדערטיילונג פון די צוויי זייטען פון דער ארבעט ביז גאר, ביז צו אזא'ן אבסורדע, ווי פארוואנדלען דעם ארבעטער אין א מאשינע. די מאשינע מאכט צוריק שלום צווישען די צוויי הפכים, זי גיט דער ארבעט גופא אן ארגאניזאטארישען כאראקטער, פארדרענגדיג פון דעם ארבעטער ניט נאר דעם גראבען כוח זיינעם און די מעכאנישע געוואוינהייט, נאר אויך זיין פארשטאנד און ווילען.

בנוגע דער פראָדוקטיוויטעט פון ארבעט, איז די הויפט מעלה פון מאשין־ארבעט אנקעגען האנט־ארבעט אט אין וואס: וואס פאר א בריה דער ארבעטער זאל ניט זיין, קען ער ניט ארבעטען מיט עטלעכע אינסטרומענטען מיט אמאל, מחמת מער פון צוויי הענט און צוויי פיס פארמאגט ער ניט. אין דייטשלאנד האט מען אמאל געפרואווט צווינגען, אז איין ארבעטער זאל ארבעטען אויף צוויי שפינראדען מיט צוויי שפינדלען מיט אמאל, מיט ביידע הענט און מיט ביידע פיס; האט עס געפאדערט אזא געוואלדיגע אנשטרענגונג, וואס קיין ארבעטער איז עס ניט בכוח צו טאן. א מאשינע אבער ארבעט מיט אמאל מיט א סך אינסטרומענטען. למשל, אויף די היינטיגע טעקסטיל פאבריקען קען איין ארבעטער מיט דער הילף פון א מיול־מאשינע איינהערען זיך מיט הונדערטער שפינדלען (אין ענגלאנד איז נאך אין 1887 יאר אויף 1 ארבעטער אויסגעקומען אין דורכשניט 333 שפינדלאך, און אין די בעסערע שפינערייען — העכער 400). ווען מען זאל נאך דערצו צוגעבען, אז די באוועגונגס שנעלקייט פון א מאשינע איז א סך א גרעסערע איידער בא א מענשען, דאן ווערט שוין קלאר, צו וואס פאר א געוואלדיגער פראָדוקטיוויטעט פון ארבעט מען קען דערגרייכען מיט דער הילף פון מאשינעס. למשל, ביים וועבען מיט מאשינעס קען איין דורכשניטליכער ארבעטער אויפטאן אזוי־פיל, וויפיל פריהער 40 גוטע ארבעטער מיט'ן האנט.

דא וועט זיין ביים וועג צו ברייגנען א פארגלייך צווישען דער פראָדוקטיוויטעט פון ארבעט אין דער פראָדוקציע פון שפילקעס בא דער האנטווערקערשער ארבעט, מאנופאקטור ארבעט, און בא דער ארבעט מיט מאשינעס.

## א. באָגדאַנאָוו

און איינצעלנער ארבעטער, וואָס פירט אליין דורך אלע אָפּעראַציעס בא דער פראָדוקציע פון שפּילקעס, וועט קוים מאכען א צענדליג שפּיל־קעס א טאָג. אין דער מאַנופאַקטור, ווען די ארבעט איז צעטיילט סך־הכּול צווישען 10 ארבעטער, פראָדוצירט מען א טאָג 48,000 שפּילקעס — צו 4,800 אויף איטלעכען ארבעטער. א מאַשינע פראָדוצירט 180,000 שפּילקעס א טאָג, דערביי קען איין ארבעטער אכטונג געבען אויב עטלעכע מאַשינעס אַזעלכע מיט אמאל. אויף איין אמעריקאַנער פאַבריקע מיט 70 שפּילקע־מאַשינעס, וואָס ארבעטען אויס 7½ מיליאָן שפּילקעס א טאָג, האָט זיך געפאָדערט סך־הכּל 5 ארבעטער; הייסט עס, אויף איטלעכען ארבעטער איז אויסגעקומען אין דורכשניט 1½ מיליאָן שפּילקעס א טאָג.

שוין בא היינטיגען טאָג האָט די מענטשהייט אונטער'ן האַנט דאַמף קראַפט, וואָס קען פארבייטען 1½ מיליאַרד ארבעטער; און סך־הכּל איז פאַראַן אויף דער וועלט דערוואַקסענע מענטשען־ארבעטער ניט מער פון 500—600 מיליאָן.

און דער פאָרגרעס פון דער מאַשין־פּראָדוקציע געהט מיט א רק וואַקסענדיגער שנעלקייט. פארבייטענדיג אין דער פראָדוקציע די קראַפט פון דעם ארבעטער אויף די קרעפטען פון דער נאַטור, עפענט אויף די באַנוצונג פון מאַשינעס אַן אומבאַגרעניצטע רחבות פאַר דער אַנטוויקלונג פון די פראָדוקציאָנס קרעפטען, פאַר דעם וואוקס פון דעם געזעלשאַפטליכען מענטשענס מאַכט איבער דער נאַטור.

### ג). די פאַרשפּרייטונג פון מאַשין־פּראָדוקציע.

איז די מאַשינע אלעמאל א נוצליכע זאַך אין דער פראָדוקציע, פאַרגרעסערט זי אלעמאל די פּראָדוקטיוויטעט פון דער ארבעט? פאַר־שטעהט זיך, נאָר דאַן, ווען זי שפּאַרט ווירקליך איין ארבעט.

לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז מען האָט צוגעטראַכט א נייע מאַ־שינע, וואָס מיט איר קען איין ארבעטער אויפטאָן אַזויפיל, וויפיל פריהער 11 מענטשען; הייסט עס, די מאַשינע פאַרבייט מיט זיך 10 ארבעטער. אָפּגעניצט ווערט זי, לאָמיר זאָגען, אין 300 טעג; פאַר

דער גאַנצער צייט, וואָס זי דינט, שפּאָרט זי איין אויף אַזאַ'ן אופן 3,000 טאָג אַרבעט.

אויב די מאַשינע גופא (ד. ה. אויפצובויען זי) קאָסט 3,500 טאָג אַרבעט, איז, פאַרשטעהט זיך, אַ ווילדע נאַרעשקייט איינצופירען זי, וואָרים דערביי ווערט ניט אָפּגעשפּאָרט, נאָר מען האָט אַ ריינעם אָנוועהר פון 500 אַרבעטס טעג. אויב אַפילו צו פּראָדוצירען די מאַשינע אַליין דאַרף מען האָבען פונקט 3,000 טעג, איז זי אויך אומניצליך — זי שפּאָרט ניט איין קיין אַרבעט.

ווי איז אָבער, אַז די מאַשינע קאָסט, למשל, 2,500 אַרבעטס טעג, דאַן פאַרגרעסערט זי די פּראָדוקטיוויטעט פון אַרבעט, מחמת זי שפּאָרט איין גאַנצע 500 אַרבעטס טעג.

פונדעסטוועגען, דער אונטערנעמער דער קאַפּיטאַליסט, וואָס פון אים ווענדט זיך עס איינצופירען אָדער ניט איינצופירען אַ געוויסע מאַשינע, שטעהט ניט אויף אַזאַ שטאַנדפּונקט. בכלל גערעדט, איז פאַר אים גאָר קיין נפקא־מינא ניט, צי די מאַשינע שפּאָרט איין מענטשליכע אַרבעט; פאַר אים איז וויכטיג די פראַגע: צי וועט זי פאַרגרעסערען זיין פּראָפיט? דער קאַפּיטאַליסט חשבונ'ט, וויפיל רובל דאַרף מען אויסגעבען אויף צו קויפען די מאַשינע, און וויפיל רובל זי דאַרף אים איינשפּאָרען אין דעם אַרבעט־לוין.

לאָמיר זאָגען, אַז די מאַשינע שפּאָרט איין 3,000 אַרבעטס טעג, און אַליין קאָסט זי 2,500; דערביי איז דער ווערט פון אַ טאָג אַרבעטס־קראַפט — 5 שעה פּראָסטע אַרבעט, וואָס טרעפט אַן 50 קאָפּ., און די נאָרמע פון מערוועהרט איז 100%, ד. ה. דער גאַנצער נייער ווערט, וואָס דער אַרבעטער פּראָדוצירט פאַר'ן טאָג, טרעפט אַן 10 שעה, וואָס עס מאַכט אויס 1 רובל.

אויב דער אונטערנעמער קויפט די מאַשינע, צאָלט ער פאַר איר דעם אַנדער קאַפּיטאַליסט אַזאַ סומע געלט, וואָס ווערט געשאַפען אין 2,500 טעג, מחמת דאָס איז דער ווערט פון דער מאַשינע; אָט די סומע געלט טרעפט אַן 2,500 רובל. אויב אָבער דער אונטערנעמער קויפט ניט די מאַשינע, מוז ער אַנשטאָט דעם קויפען איבעריגע אַרבעטס קראַפט אויף 3,000 אַרבעטס טעג, וואָס די מאַשינע וואָלט אים

איינגעשפּאָרט. אזוי ווי אַ טאָג ארבעטס קראַפט קאָסט אַ האַלב קער־בעל, וועט דער קאַפּיטאַליסט פאַר 3,000 טעג דאַרפן באַצאָלען די ארבעטער 1,500 רובל ארבעטס לוין, ד. ה. מיט 1,000 רובל ווייניגער, ווי פאַר דער מאַשינע. עס איז קלאָר, אַז איינפירען די מאַשינע לוינט זיך ניט, כאָטש זי העכערט די פּראָדוקטיוויטעט פון דער ארבעט. די גאַנצע זאַך באַשטעהט דאָ אין דעם, וואָס בשעת דער קאַפּיטאַליסט קויפט די מאַשינע, צאָלט ער פאַר דער **גאַנצער** סומע ארבעט, וואָס איז אויסגעבראַכט געוואָרען אויף צו פּראָדוצירען זי; ווען ער קויפט אָבער ארבעטס קראַפט, באַצאָלט ער נאָר פאַר אַ **טייל** פון דער ארבעט, וואָס די ארבעטס קראַפט גיט אים.

ווען די מאַשינע זאָל קאָסטען 1,500 טאָג ארבעט, וואָס עס טרעפט אַן 1,500 רובל, דאַן האָט דער אונטערנעמער קיין שום נוצען ניט, וואָס ער וועט איינפירען די מאַשינע: ניט ער פאַרדינט דערביי, ניט ער ווערט אַן, מחמת ארבעטס קראַפט אויף 3,000 טעג קאָסט אויך 1,500 רובל.

אויב די מאַשינע איז אָבער ווערט 1,000 טעג, און דער מקח אירער איז 1,000 רובל, דאַן לוינט זיך דעם קאַפּיטאַליסט אַנצואווענ־דען די מאַשינע: פאַר איין טויזענטער שפּאָרט ער זיך איין אַ הוצאה פון 1,500 רובל אויף ארבעטס לוין, און ער פאַרדינט 500 רובל.

צו אַט דעם אַנאַליז דאַרף מען נאָך מאַכען די אויסבעסערונג, אַז די מאַרק פּרייזען אויף דער מאַשינע און אויך אויף ארבעטס קראַפט, שטימען ניט, ביז אַ געוויסען גראַד, מיט זייערע ווערטען; און פאַר דעם אונטערנעמער שפּילען אַ ראָלע נאָר די מאַרק פּרייזען.

הייסט עס, ניט אַלעמאָל לוינט זיך דעם קאַפּיטאַליסט צו האָבען אַ מאַשינע, אפילו ווען זי העכערט די פּראָדוקטיוויטעט פון ארבעט. די קאַפּיטאַליסטישע באַנוצונג פון אַ מאַשינע איז מעגליך נאָר דאַן, ווען דער פּרייז אירער איז קלענער פון דעם פּרייז פון דער ארבעטס קראַפט, וואָס די מאַשינע פאַרבייט.

פון דאַנען קען מען שוין פאַרשטעהן, פאַרוואָס דיזעלביגע מאַ־שינעס ווערען אין איינע לענדער באַנוצט פון די קאַפּיטאַליסטען, און עס לוינט זיך זיי, און אין אַנדערע לענדער קען מען זיי גאָר ניט באַ־

נוצען. למשל, געוויסע מאַשינעס, וואָס מען האָט צוגעטראַכט אין ענגלאַנד, לוינען זיך קאַפּיטאַליסטיש נאָר אין אַמעריקע, וואו דער אַרבעטס לוין איז העכער איידער אין ענגלאַנד. וואָס נידעריגער עס איז דער אַרבעטס לוין, אַלץ ווייניגער נוצען האָבען די אונטערנעמער פון מאַשינעס, אַלץ ווייניגער באַנוצט מען זיך מיט זיי. (דאָס איז איינע פון די הויפּט אורזאַכען, וואָס האַלטען אָפּ דעם פּראָגרעס פון דער מאַשין־פּראָדוקציע אין רוסלאַנד, דערהויפּט אין דער ערד־אַרבעט אינדוסטריע).

ניט קוקענדיג אויף אַזעלכע באַגרעניצענדיגע באַדינגונגען, איז די פאַרשפּרייטונג פון מאַשינעס, בכלל, פאַרגעקומען זעהר שנעל. זי איז פאַרגעקומען אין אַ געוויסען סדר, און כמעט אין איטלעכען איינ־צעלנעם פאַל איז דאָס געווען ניט קיין רעזולטאַט פון עפּעס אַ צופאַל, וואָס האָט געגעבען דער פאַנטאַזיע פון דעם דערפינדער אַזאַ ריכטונג, און ניט קיין אַנדערע, נאָר ווי אַ באַפרידיגונג פון עפּעס אַ צייטיג געוואָרענער באַדערפעניש אין דער פּראָדוקציע גופא. כדי צו באַווייזען דאָס מער קאָנקרעט, לאָמיר זעהן, ווי אַזוי אין עפּעס אַ באַ־זונדער טייל פון דער פּראָדוקציע ווייזט זיך די באַדערפעניש אין אַ מאַשינע, און ווי אַזוי די איינפירונג פון מאַשינעס אין איין פּראָדוק־ציאָנס צווייג רופט אַרויס דעם איבערגאַנג צו מאַשינעס אויך אין אַנדערע צווייגען, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט דער ערשטער. פאַר אַ ביישפּיל וועלען מיר נעמען די געשיכטע פון באַוועל געשעפט אין ענגלאַנד.

נאָך אין דעם מיטען 18־טען יאָרהונדערט איז אָט די פּראָדוק־ציאָנס צווייג געווען הויפּטזאַכליך געאָרגאַניזירט לויט דער הויזליך־קאַפּיטאַליסטישער סיסטעמע: דער וועבער — געוויינטליך דער הויפּט פון דער פאַמיליע — האָט געאַרבעט אויף אַ האַנט־וועבשטול באַ זיך אין דער היים; געשפּונען האָבען די מיטגלידער פון זיין הויז־געזינד — די ווייב מיט די קינדער. באַ אַזעלכע באַדינגונגען איז דאָס וועבען אין אַלגעמיין געגאַנגען שנעלער איידער דאָס שפּינען: די שפּינער פלעגען אָפּשטעהן פון דעם וועבער, זיי האָבען ניט געקענט צוגרייטען שטענדיג גענוג שפּין־פאָדים. אָט די ניט גלייכמעסיגקייט

## א. באָגדאַנאָוו

האָט זיך נאָך מער פארשטאַרקט, ווען מען האָט צוגעטראַכט דאָס אַליין־לויפענדיגע וועב־שיפעל, וואָס האָט אין צווייען פארגרעסערט די פּראָדוקטיוויטעט פון דער וועבער־אַרבעט. פון דער אַנדער זייט איז דאָס שפּינען שטאַרק אָפּגעשטאַנען אויך פון דער פּראָדוקציע פון באַוועל — דעם רויען מאַטעריאַל צום שפּינען. אויף וויפיל שטאַרק עס איז געווען די באַדערפעניש אויסצובעסערען די טעכניקע פון שפּינען, קען מען זעהן פון, למשל, אַזאַ פאַקט: אין 1782 יאָר איז אין ענגלאַנד געלעגען ניט אויסגעשפּינטערהייט, מחמת עס האָט געפעלט אַרבעטער, דאָס גאַנצע באַוועל, וואָס מען האָט אַרויסגעפירט פון די קאָלאָניעס פאַר די לעצטע דריי יאָר, און עס וואָלט אַזוי געבליבען ליגען נאָך עטלעכע יאָר, ווען עס וואָלט ניט געקומען צו הילף די מאַשינע.

דאַן הייבען זיך אָן אויף אָט דעם געביט דערפינדונגען איינע נאָך דער אַנדערער. לכתחילה טראַכט מען צו אַזאַ שפּינראָד, וואָס שפּינט מיט אַמאָל 8 פאָדים, טוט די אַרבעט פון 8 שפּינער. אַ נייע המצאה גיט נאָכדעם די מעגליכקייט צו ברייגנען אָט די מאַשינע אין באַוועגונג מיט וואַסער־קראַפט. ווייטער געהט נאָך אַ גאַנצע רייע אַנדערע אויסבעסערונגען, וואָס פירען ניט נאָר דערצו, אַז דער סכום שפּיז־פאַדים זאָל זיך פארגרעסערען, נאָר אויך אַז דער פאַדים גופא זאָל זיין אַ בעסערער.

און ווייטער ווייזט זיך אין דער באַוועל אינדוסטריע אַן אומגלייכמעסיגקייט צווישען די פארשיידענע שטאַפּלען פון דער פּראָדוקציע, נאָר שוין אַ פאַרקערטע: איצטער קען שוין דער וועבער ניט אַניאָגען די שפּינערס. אָט די אומגלייכמעסיגקייט ווערט אָפּגעשאַפט אין 1787 יאָר, ווען מען האָט צוגעטראַכט דעם מעכאַנישען וועבשטול.

אויף וויפיל די מאַנופאַקטור־צעטיילונג פון אַרבעט האָט גרינגער געמאַכט דעם איבערגאַנג צו דער מאַשינע, איז אָגב קענטיג דערפון, וואָס די ערשטע דערפינדער זיינען געוויינטליך געווען פּראָסטע אַרבעטער, וואָס האָבען ניט געקראָגען ניט קיין אַלגעמיינע, ניט קיין

מעכנישע בילדונג, וואָס זיינען געווען נאָר פּראַקטיש באַקאַנט מיט זייער פּראָדוקציאָנס צווייג. נאָך מער, דעם מעכאַנישען וועבשטול האָט צוגעטראַכט אַ גלח פון ק ע נ ט.

נאָכדעם ווי עס זיינען געמאַכט געוואָרען אַ סך אויסבעסערונ־גען אין שפּינערײַ און וועבערײַ, האָט זיך ארויסגעוויזען, אז די פריהער־דיגע מיטלען צו בלייכען די באַוועל סחורות טויגען ניט. דאָס וואָס דער פּראָצעס פון בלייכען פלעגט נעמען אַ סך צייט — עטלעכע חדשים — איז ניט געווען קיין גרויסע אומבאַקוועמליכקייט, כל־זמן מען האָט געשפּונען און געוועבט מיט'ן האַנט, און דער סכום אויסגע־אַרבעטע געוועבען איז געווען לפי־ערך ניט גרויס. איצטער אָבער, אז די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבעט פון די שפּינער און וועבער האָט זיך שטאַרק געהעכערט, איז געוואָרען אַ באַדערפעניש צו פאַרשנע־לערען דעם פּראָצעס פון בלייכען. דאָ איז געקומען צו הילף די כע־מיע: מען האָט אָנגעהויבען באַנוצען צום בלייכען פאַרשיידענע זויער־קייטען, און די ליינג פון דעם פּראָצעס האָט זיך פאַרקלענערט ביז עט־לעכע טעג, אפילו עטלעכע שעה.

מחמת דיזעלביגע אורזאַכען האָבען זיך צום סוף 18־טען יאָר־הונדערט געוויזען פאַרשיידענע אויסבעסערונגען אין דער אַרבעט פון פאַרבען מאַטעריע און דרוקען ציץ. ווייטער, כדי צוצוגרייטען גענוג מאַטעריאַל פאַר דער מאַשינאַוואָר שפּינער־פּראָדוקציע, האָט מען גע־מוזט שטאַרק פאַרגרעסערען די פּראָדוקציע פון באַוועל; צוליב דעם האָט מען געמוזט איינפירען אַ באַזונדער מאַשינע, וואָס טיילט אָפּ די באַוועל פעדים פון די זוימען.

אַזוינע ענדערונגען זיינען פאָרגעקומען ניט אין דער באַוועל־אינ־דוסטריע אַליין. זיי פלעגען מיט זיך ברײַנגען די נויטווענדיגקייט פון נאָך אַנדערע ענדערונגען. אַזוי, למשל, אַ סך צוגעטראַכטע מאַשינעס וואָלטען אין אַ סך פאַלען געווען גאָר אומניצליך, ווען עס זאָל זיך ניט געווען געפינען קיין נייע באַוועגונגס קראַפט, וואָס קען שאַפען אַ גרעסערען סכום אַרבעט. דער קוואַל פון אַזאַ קראַפט האָט זיך גע־עפענט מיט דער דאַמף־מאַשינע פון אַ צווייטענדיגער ווירקונג, און אַז. וו.

# א. באַגראַנאָוו

ווי דער רעזולטאַט פון אַ גאַנצער רייע אַזעלכע ענדערונגען, איז געקומען זעהר אַ גרויסע אויסברייטונג פון דער פּראָדוקציע. דאָס האָט אַרויסגעבראַכט די באַדערפעניש אין נייע, בעסערע וועגען צום פאַרקער. פאַר איטלעכען עקאָנאָמישען פעריאָד ווערט די אַנטוויקלונג פון פאַרקער־וועגען באַשטימט דורך דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע. למשל, די מיטעלאַלטערליכע וועגען, וואָס זיינען געווען גענוג באַ אַ קליין־פּראָדוקציע, האָבען שוין ניט געטויגט פאַר דעם מאַנופאַקטור־פעריאָד, — דאַן האָט זיך פאַרפולקומט די ים־שיפעריי, עס האָבען זיך באַוויזען שאָסייען. ווייטער, פאַר דעם מאַשין־קאַפּיטאַליזם מיט זיין געוואַלדיגער פּראָדוקציע זיינען שוין אָט די וועגען אויך געווען ניט גענוג, דאַן איז געקומען די צייט פון דאַמפשיפען, אייזענבאַנען, טעלעגראַפען א. אז. וו.

אַזוי, אַ דאַנק דעם איינגען צוזאַמענבונד צווישען די פאַרשיידענע פּראָדוקציאָנס צווייגען, זיינען שנעל צוגעטראַכט געוואָרען אַ סך מאַשינעס און זיינען איינע נאָך דער אַנדערער שנעל איינגעפירט געוואָרען. אַ מאַסע מאַשינעס האָבען זיך באַוויזען אין דעם קורצען פעריאָד צייט פון סוף 18־טען ביז דעם סאַמע אָנהייב 19־טען יאָרהונדערט.

אַמשפּעטסטען קומט פאַר דער איבערגאַנג צו מאַשינעס אין ערד־אַרבעט, און דאָס דערקלערט זיך מיט אַ סך טעמים. ערשטענס, איז דער ערד־אַרבעט איז ניט אויסגעקומען צו אַנטוויקלען קיין מאַנופאַקטור־צעטיילונג פון אַרבעט, וואָס גרייט צו אַזאַ גוטען באָדען פאַר דער מאַשינע. צווייטענס, די איינפירונג פון מאַשינעס אין דער ערד־אַרבעט ברייגנט ניט צו אַזאַ שאַרפער ענדערונג פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון אַרבעט, ווי אין דער באַאַרבעטענדיגער אינדוסטריע, אַזוי אַז דער חשק איינצופירען מאַשינעס איז באַ דעם אַגראַר־קאַפּיטאַליסט אַ סך אַ שוואַכערער. ענדליך, דער דרוק פון די רעשטען פון פעאָדאַליזם, וואָס בלייבען נאָך אַ לאַנגע צייט אין דעם געביט פון ערד־אַרבעט, איז געווען ניט קיין קליינע מניעה צום טעכנישען פּראָגרעס פון אָט דער פּראָ־

דוקציאָנס צווייג. די פּערשקלאַפּטקייט און די אָרעמקייט פון דער דאָרפישער באַפעלקערונג גיבען די פּריצים א מעגליכקייט צו קריגען אַרבעטס הענט אזוי ביליג, אז עס טראָגט קיין חשבון ניט צו פאַר־בייטען די ארבעטער מיט מאשינעס.

אין אנהייב פון דעם מאשין־פּעריאָד, פלעגט מען די מאַשינעס מאכען אין די פאבריקעס פון אינסטרומענטען. כל־זמן די מאשינעס גופא פלעגען זיך מאכען מיט'ן ה אַ נ ט, איז די אנטוויקלונג פון דער מאשין־פּראָדוקציע געגאנגען, על־פּי נויט, זעהר לאנגזאם. די מאשינעס האָבען געקאָסט טייער, זיינען געווען ניט גענוג שטאַרק און ניט זעהר פּונקט. כדי א מאשינע זאָל גוט ארבעטען, פאָדערט זיך א שטריינגע פּינקטליכקייט אין די פאָרמעס פון אירע באזונדערע טיי־לען, די מאסען זייערע זאָלען שטימען ביז א ברעקעל, — מיט איין וואָרט, די גרעסטע גענויאיגקייט אין א סך אָפּעראַציעס ביים פּראָדו־צירען די מאשינעס. אזא פּינקטליכקייט קען מען בא האנט־אַרבעט ניט דערגרייכען, ווען דער ארבעטער זאָל אפילו זיין דער גרעסטער קינצלער, דאס איז אינגאנצען מעגליך נאָר ווען מען ארבעט מיט מאשינעס. אחוץ דעם, איז די פּראָדוקטיוויטעט גופא פון דער אר־בעט אין די מאנופאקטורען פון אינסטרומענטען געווען ניט גענוג גרויס, אז זיי זאָלען קענען צוגרייטען, למשל, אזא מאסע מאשינעס, ווי עס ווערט באנוצט היינטיגע צייטען.

ווען די פּראָדוקציע פון מאַשינעס איז אליין געוואָרען א מאשין־פּראָדוקציע, דאן איז אָפּגעשאפט געוואָרען די לעצטע מניעה פאר דער אנטוויקלונג פון דער גרויס־פּראָדוקציע, און זי האָט אָנגעהויבען צו פּראָגרעסירען מיט א שנעלקייט, וואס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט.

דערביי האָט די וויסענשאַפט געטריי געדינט דער קאַפּיטאַליס־טישער פּראָדוקציע, און האָט מיט דער גרעסטער איבערגעגעבענקייט באַפרידיגט אַלע אירע באַדערפעניששען. דער נאָכפרעגע אויף דערפינדונ־גען מצד דעם קאפּיטאַל האָט ארויסגערופען א פארשטאַרקטען אָנ־באַט מצד די קאָפּ־ארבעטער.

## 2). די געזעלשאַפטליכע באַציהונגען אין דער פּראָדוקציע אין דעם פּעריאָד פון דעם מאַשין־קאַפּיטאַליזם.

### א). די אַנטוויקלונג פון פּשוט'ער צוזאַמענאַרבעטונג און אַרבעט צעטיילונג אינוויינינג אין יעדער אונטערנעמונג.

אין פלוג וואָלט מען געקענט מיינען, אז די איינפירונג פון מאַשינעס, פאַרקלענערענדיג די באַדערפעניש אין דירעקטער אַרבעט מיט'ן האַנט, דאַרף אויך פאַרקלענערען די צאָל אַרבעטער אין די באַזונדערע אונטערנעמונגען, אַזוי אז די אַנטוויקלונג פון צוזאַמענאַרבעטונג דאַרף, בכלל, אָנהייבען געהן אויף צוריק. אָבער אַט די דאָזיגע ווירקונג פון דער מאַשינע ווערט נאָך מער ווי אויסגעגליכען דורך אַנדערע באַדינגונגען.

ערשטענס, די אויסברייטערונג פון דער מאַשין־פּראָדוקציע געהט מיט אזא געוואַלדיגער שנעלקייט, די מאַסע סחורות וואָס ווערט געשאַפען וואַקסט אַזוי שטאַרק, אז ניט קוקענדיג אויף דער הויכער פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבעט, פאָדערט די אינדוסטריע ניט ווייניגער, נאָר מער אַרבעטער הענט, איידער פריהער. (זעלבסטפאַרשטענדליך, אז אזא פאַרגרעסערונג פון דער פּראָדוקציע מיינט אויך אַן אויסברייטערונג פון דעם מאַרק: די העכערונג אין דער פּראָדוקטיוויטעט פון אַרבעט ברייננגט, לויט די געזעצען פון אַרבעטס ווערט, דערצו אז סחורות זאָלען ווערען ביליגער, און דער נאָכפרעג אויף זיי וואַקסט אויס זעהר שטאַרק.)

צווייטענס, די ווירקונג פון קאָנקורענציע אויף איינצעלנע קאַפּיטאַליסטען ווערט אין דער עפּאָכע פון מאַשינעס באַזונדער שטאַרק. די נויטווענדיגקייט איינצופירען אַלץ נייע מאַשינעס, אַריינצוליגען אין דער אונטערנעמונג אַלץ מער קאַפּיטאַל פירט צום אונטערגאַנג פון די שוואַכערע קאַפּיטאַליסטען אַסך שנעלער איידער פריהער. די רעשטען פון האַנטווערק, די רעשטען פון מאַנופאַקטור שטאַרבען אָפּ מערק־

ווירדיג שנעל. קליינע מאַשין־אונטערנעמונגען געהען גיך נאָך זיי. די *אַלגעמיינע צאָל אונטערנעמונגען* ווערט *קלענער*. די קאַפּיטאַלען פון די באַזונדערע קאָנצענטרירען זיך אין די הענט פון די זיגער. אויף אַזאַ׳ן אופן ווערען די איינצעלנע אונטערנעמונגען אַלץ גרעסער.

מחמת אַט די צוויי באַדינגונגען — דער אויסברייטערונג פון דער פּראָדוקציע און דער פאַרשטאַרקטער קאָנקורענץ — ווערט די צוזאַמענאַרבעטונג גאָר ניט פאַרקלענערט, נאָר פאַרקערט, זי וואַקסט מיט א געוואַלדיגער שנעלקייט. אויב די אַמאָליגע מאַנופאַקטור פלעגט פאַראייניגען הונדערטער אַרבעטער, אָרגאַניזירט די שפּעטערע פאַבריקע, וואו מע אַרבעט מיט מאַשינעס, טויזענטער און צענדליגער טויזענטער אַרבעטער.

אַזאַ אַנטוויקלונג פון צוזאַמענאַרבעטונג, פאַראייניגענדיג מאַסען מענטשען אין איינצעלנע אונטערנעמונגען, פירט דערצו, אַז די פּראָדוקציע זאָל ווערען אַלץ מער *געזעלשאַפטליך*.

דאָס קען מען זאָגען מכח *צוזאַמענאַרבעטונג בכלל*, אַריינרעכענענדיג אַהער אי פּשוט׳ע קאָאָפּעראַציע אי די טעכנישע צעטיילונג פון אַרבעט אינווייניג אין דער אונטערנעמונג. נאָר א באַזונדער אויפמערקזאַמקייט פאַרדינען די ענדערונגען אין דעם כאַראַקטער גופא פון דער טעכנישער אַרבעטס צעטיילונג.

אין דער מאַנופאַקטור נעמט אָן די טעכנישע אַרבעטס צעטיילונג אַזאַ פאָרמע, אַז פאַרשיידענע אַרבעטער טוען פאַרשיידענע אַרבעטען, וואָס זיינען *צווישען זיך ניט ענליך*: דער אַרבעטער ספּעציאַליזירט זיך, און איטלעכע ספּעציאַליטעט איז שאַרף אָפּגעגרעניצט פון די אַנדערע.

די מאַשינע שאַפט אָפּ ביסלעכווייז אַט די ספּעציאַליזירונג, אַזאַ אָפּגרעניצונג. ערשטענס, די פּראָדוקציאָנס טעטיגקייט ווערט אַלץ מער ענליך פאַר פאַרשיידענע אַרבעטער, מער איינאַרטיג: צי דער אַרבעטער האָט צו שאַפען אויף אַזאַ מאַשינע צי אויף אַן אַנדערער, איז זיין אַרבעט, — וואָס באַשטעהט דערהויפּט אין אויפמערקזאַם אַבטונג צו געבען אויף א גיט באַלעבטען פאַקטאָר און צו קאָנטראָלירען

## א. באָגדאַנאָוו

אים, — לויט דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער אירעו, כמעט אומעטום דיזעלביגע; און זי ווערט נאָך מער ענליך, וואָס מער פּאַרפולקומט עס ווערען די מאַשינעס, וואָס ווייניגער דעם אַרבעטער קומט אויס דירעקט אַריינצומישען זיך אין דעם פּראָצעס פון דער מאַשינעס באַוועגונג. צווייטענס, וואָס מער עס ספּעציאַליזירען זיך די מאַשינעס, אַלץ קלענער ווערט די ספּעציאַליזירונג פון די מענטשען, מחמת דאָס איז שוין אַן איבעריגע זאַך: דער אַרבעטער לערנט זיך אויס לייכט צו באַגעהן זיך מיט איין מאַשינע, מיט דער אַנדערער, מיט דער דריטער, און עס איז פאַר אים גאַר ניטאָ אַזאַ נויטווענדיגקייט אָפּצוגעבען דאָס גאַנצע לעבען פאַר איין דעטאַל אין דער אַרבעט.

אויף אַזאַ'ן אופן זעהען מיר, אַז די ראָלע פון פאַרשיידענע אַרבעטער בא דער אַרבעטס צעטיילונג צווישען זיך שטרעבט צו ווערען פאַר אַלעמען גלייך; די טעכנישע אַרבעטס צעטיילונג גופא קריגט אַלץ מער דעם כאַראַקטער פון אַ פּראָסטער צוזאַמענאַרבעטונג. דאָס איז וויכטיג כדי צו פאַרשטעהן די פּסיכאָלאָגיע פון דעם פּעריאָד, וואָס מיר שטודירען דאָ איצטער: ניט קיין ענליכע ראָלע אין דער פּראָדוקציע רופט אַרויס ניט קיין ענליכע פּסיכישע טיפּען מיט פאַרשיידענע שטרעבונגען, און ענליכע ראָלע רופט אַרויס ענליכע טיפּען, ענליכע שטרעבונגען. עס ווערען באַשאַפען באַדינגונגען פאַר דער פאַראייניגונג פון די אַרבעטער אין זייער לעבענס קאַמף.

אַט דאָס איז די אַלגעמיינע ריכטונג, אין וועלכער עס אַנטוויקלען זיך די פּראָדוקציאָנס באַציהונגען. אָבער די אַלטע פאָרמען טרעטען אָפּ דעם פּלאַץ פאַר די נייע נאָר ביסלעכווייז, און געוויסע שטריכען פון דער ריינער מאַנופאַקטור־צעטיילונג פון אַרבעט בלייבען נאָך איבער אויף לאַנג אין דער אָרגאַניזאַציע פון די אונטערנעמונגען. טיילווייז ווענדט זיך דאָס אַן דעם, וואָס די טעכניקע גופא פון די מאַשינעס פאָרמירט זיך אויס נאָר ביסלעכווייז, און עס איז פאַראַן אַ גאַנצע רייע איבערגאַנגס פאָרמען פון דער מאַנופאַקטור טעכניקע צו דער טעכניקע פון מאַשינעס, און דערביי, פאַרשטעהט זיך, בלייבען אויך

# פּאָליטישע עקאָנאָמיע

די באַציהונגען צווישען די אַרבעטער געמישטע, לויט זייער כּאַראַק־טער נאָך. פון דער אַנדער זייט, די היינטיגע מאַשין־פּראָדוקציע איז אַ קאַפּיטאַליסטישע. דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער אונטערנעמונג איז דער קאַפּיטאַל, און ער אָרדענט איין די אונטערנעמונג אַזוי, ווי עס לוינט זיך בעסער פון דעם שטאַנדפּונקט פון זיינע, דעם קאַפּיטאַלס, אינטערעסען. און פון אָט דעם שטאַנדפּונקט פאָדערט די דיסציפּלינע און די אָרדענונג אין דער פאַבריקע, אַז דער אַרבעטער זאָל זיין, ווי ווייט מעגליך, צוגעבונדען צו עפּעס אַ ספּעציאַליטעט, און ער זאָל זי ניט בייטען ווען אים ווילט זיך נאָר פאַרוועלען. דעם אַרבעטער שטעלט מען אַוועק באַ איינער אַ מאַשינע, ניט זעלטען באַ אַ טייל פון אַ מאַ־שינע, און ער האָט קיין שום רעכט ניט איבערצובייטען זיין באַשעפ־טיגונג: אים קיין ברירה לאָזט מען ניט.

אַן אויסנאַם איז, פאַרשטעהט זיך, ווען דער אַרבעטער געהט אַוועק פון איין באַלעבאָס צום אַנדערען. אויף אַזאַ זאַך אַנטשליסט זיך דער אַרבעטער ניט אַזוי לייכט, מחמת דער אומגעזיכערטקייט פון זיין לאַגע, און ער קען זיך ניט פאַרגינען אָפט צו בייטען זיין שטעלע נאָר צוליב דעם, כּדי ער זאָל אויסמיידען איינאַרטיגע אַרבעט.

דער פּועל יוצא איז, אַז די אַרבעט באַ דער מאַשינע איז אין דער אונטערנעמונג שטרייננג איינגעטיילט. איטלעכער אַרבעטער איז איינמאָל פאַר אַלעמאָל צוגעבונדען צו איין טויטען מעכאַניזם, עפּעס ווי אַ מין לעבעדיגער צוגאָב צו אים.

פונדעסטוועגען, וואָס ווייטער ווערט אָט די שטרעבונג — צו פאַרוואַנדלען דעם מענטשען אין אַן אייביגען שקלאַף פון איין מאַ־שינע — אַלץ מער אָפּגעשוואַכט דורך אַנדערע ווירקונגען, און אָט דורך וואָסערע: ערשטענס, די פאַראַנדערליכקייט פון דער פּראָדוק־ציאָנס טעכניקע רופט אַרויס זעהר אָפטע ענדערונגען אין דער פאָנאַנ־דערטיילונג פון דער אַרבעטס קראַפט אינוויינינג אין דער אונטערנע־מונג; צווייטענס, די פאַראַנדערליכקייט פון דער גרויס פון דער פּראָ־דוקציע אין דער אונטערנעמונג, לויט נאָך די באַדינגונגען פון דעם מאַרק, צווינגט אויך איבערצוטאַשען די אַרבעטער אויף זייערע פּלע־צער; דריטענס, עס פאַרגרעסערט זיך בכלל די באַוועגליכקייט פון

## א. באַנדאַנאָוו

דעם ארבעטער קלאַס, פון איין זייט — מחמת די באַדינגונגען פון דעם ארבעטס מאַרק זיינען זעהר ניט קיין באַשטענדיגע, פון דער אַנ־דער זייט — מחמת אַט דער מאַרק צעשפּרייט זיך שטאַרק אין שטח מיט דער אויסבעסערונג פון די קאָמוניקאַציאָנס וועגען: אַז אַרבע־טער, אַז ער ווערט אַז די ארבעט אין איין אָרט, פּאַרט ער ניט זעלטען פאַר טויזענטער וויאַרסט צו זוכען זיך ארבעט אין אַן אַנדער אָרט, א דריטען; א קאַפּיטאַליסט פון איין לאַנד שרייבט אויס טויזענטער אַר־בעטער פון אַן אַנדער לאַנד, א. ד. גל.

א לפּי־ערך אָפּגעזונדערטע לאַגע אין דער פּראָדוקציע פאַרנעמט נאָך אַלץ די העכערע גרופּע געדונגענע ארבעטער, דער אינטעליגענ־טער פּערסאָנאַל, ווי מען רופט זיי — די דירעקטאָרען פון די פאַברי־קעס, די פאַרוואַלטער פון די וואַרשטעטען, בוכהאַלטערס, געלערנטע טעכניקער, טעכנאָלאָגען א. אז. וו. דאָס זיינען די פאַרשטעהער פון מער פאַרוויקעלטער ארבעט אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער מאַשין־פּראָדוקציע. זייער ארבעט איז, הויפּטזאַכליך, אַן אָרגאַניזאַטאָרישע— די אַלגעמיינע פאַרוואַלטונג און דער אַלגעמיינער קאָנטראָל איבער דער טעטיגקייט פון די ארבעטער און דער ארבעט פון די מאַשינעס. דער אינטעליגענטער פּערסאָנאַל איז א גרופּע, לפּי־ערך, ניט קיין גרויסע אין צאָל.

די מאַשין־פּראָדוקציע שטרעבט אין איר אַנטוויקלונג אויך אַט די גרופּע צו דערנעהענטערען און אויסצוגלייכען מיט די איבעריגע געדונגענע ארבעטער. פון איין זייט, וואָס מער די מאַשינעס ווערען פאַרפאָלקומט, ווערט זייער געבוי אַלץ מער פאַרוויקעלט און איידעל, אַזוי אַז פון דעם פּראָסטען ארבעטער פאָדערט זיך אויך א רק גרעסע־רע אינטעליגענץ, א רק גרעסערע אַלגעמיינע און אפילו א טעכנישע בילדונג, אַניט איז ער ניט בכוח צו באַגעהן זיך אויף א צוועקמעסיגען אופן מיט דער מאַשינע; פון דער אַנדער זייט, די פאַרענדערליכקייט און אומבאַשטענדיגקייט פון די עקאָנאָמישע באַציהונגען, וואָס זיינען אייגענטימליך דעם מאַשין־קאַפּיטאַליזם, פירען ניט זעלטען, און וואָס ווייטער אַלץ עפטער, דערצו אַז עלעמענטען פון דעם אינטעליגענטען פּערסאָנאַל זאָלען אַריבערגעהן אין די רייען פון די פּראָסטע אַרבע־

טער, און אפילו פארקערט אויך. אזוי אז עס ווערט אפגעמעקט איט־לעכער פעסטער גרעניץ צווישען אט די צוויי קלאסען.

## ב). די אנטוויקלונג פון דער געזעל־שאפטליכער ארבעטס־צעטיילונג.

איינאיינעם מיט׳ן פראגרעס פון צוזאמענארבעטונג אינווייניג אין די אונטערנעמונגען אנטוויקעלט זיך זעהר שנעל אין דער עפאכע פון מאשינעס אויך די געזעלשאפטליכע ארבעטס צעטיילונג. דערביי ווערט שטארקער די געגענזייטיגע אפהייגניגקייט צווישען די איינ־צעלנע אונטערנעמונגען, און אויך צווישען גאנצע פראדוקציאנס צוויי־גען, און דער געזעלשאפטליכער פראגרעס פון דער פראדוקציע קריגט אלץ מער א כאראקטער פון איינהייטליכקייט און אומצעטיילבארקייט.

די קאנקורענץ באשאפט צווישען די באזונדערע אונטערנעמונגען פון איין סארט א געגענזייטיגע אפהייגניגקייט, וואס דריקט זיך אויס, הויפטזאכליך, אין דעם וואס די אויסבעסערונג פון דער טעכניקע אין איין אונטערנעמונג רופט ארויס די נויטווענדיגקייט פון אזא אויסבע־סערונג אויך אין דער אנדערער. בא דער מאשין־פראדוקציע אנט־וויקעלט זיך אט די פארמע פון געגענזייטיגער אפהייגניגקייט אין דער העכסטער מאס, מחמת די קאנקורענץ דערגרייכט דאן ביז צום העכס־טען גראד.

ווייטער, פארשטארקט זיך דער געגענזייטיגער צוזאמענבונד צווי־שען די פארשיידענע פראדוקציאנס צווייגען. דאס קומט פאר אויף צוויי אופנים.

ערשטענס, די געוואלדיגע אויסברייטערונג פון דער פראדוקציע ברייננגט צו א באזונדער שנעלער אנטוויקלונג פון יענע פראדוקציאנס צווייגען, וואס שטעלען צו מאטעריאלען און געצייג פאר די אנדערע צווייגען; עס קומט אויף א גאנצע מאסע נייע פראדוקציעס פון דעם מין, און די וואס האבען שוין פריהער געעקזיסטירט פאלען זיך פאנ־אנדער אויף מער איינגע ספעציאליטעטען. עס קומט אויף, למשל,

# א. באַגדאַנאָוו

מאַשין־בויערײַ, וואָס צעפאַלט זיך אויף אַ סך פאַרשיידענע צווייגן; די פּראָדוקציע פון גוס־אײַזן טיילט זיך אָפּ פון דער פּראָדוקציע פון אײַזן, פון שטאָל א. אַז. וו. דאָ זעהט זיך אָן באַזונדער קלאָר דער געמיינשאַפטליכער צוזאַמענבונד צווישען די פּראָדוקציעס: די עקזיסטענץ פון איינע ווענדט זיך אײַנגאַנצען אָן דער עקזיסטענץ פון די אַנדערע.

אַחוץ דעם, אַנטוויקלען זיך זעהר שנעל יענע אונטערנעמונגען און עס וואַקסען שטאַרק אויס יענע קלאַסען, וואָס זייער געזעלשאַפטליכע ראָלע איז פאַרבונדען מיט דער אויסטויש־פאַנאַנדערטיילונג פון די פּראָדוקטען אין דער געזעלשאַפט. אין ענגלאַנד, למשל, פאַרנעמט זיך מיט האַנדעל 1/9 פון דער באַפעלקערונג (העכער פון 4 מיליאָן מענטשען), אין פראַנקרייך ⅛ (אַרום 5 מיליאָן מענטשען), אין דער לפי־ערך אָפּגעשטאַנענער רוסלאַנד — בא 1/30 (העכער 3 מיליאָן מענטשען), ווען מען זאָל רעכענען די סוחרים און זייערע אַנגעשטעלטע אינאיינעם מיט די פאַמיליעס.

צווייטענס, באַזונדערע פּראָדוקציאָנס צווייגען ווערען שטרייַנגער אָפּגעגרעניצט איינע פון די אַנדערע. עס פאַרשווינדען די פרי־הערדיגע ווירטשאַפטען פון געמישטען טיפּ, וואָס פאַראייניגען אין זיך פאַרשיידענאַרטיגע פּראָדוקציעס. ערד־אַרבעט טיילט זיך אָפּ אינגאַנצען פון דער באַאַרבעטענדיגער אינדוסטריע; עס פאַרשווינדט די קליינע האַנטווערקערשע און פּויעריש־הויזליכע פּראָדוקציע, וואָס איז פאַראייניגט מיט ערד־אַרבעט ווי מיט אַ געהילפס־פּרנסה; עס ווערען אַרויסגעשטויסען די געהילפס־פּרנסות פון די פּויערים ערד־אַרבעטער. ווי עס איז שוין באַוויזען געוואָרען, האָבען נאָך די מאַנופאַקטורען מיט זייער קאָנקורענץ אָנגעהויבען אונטערצוגראָבען אָט די צווייענדיגע ווירטשאַפטען, נאָר די מאַשינע איז בכּח צו מאַכען מיט זיי אַ סוף איינמאָל פאַר אַלעמאָל. מיט וואָס פאַר אַן ענערגיע און אכזריות די קאָנקורענציע פון מאַשינעס פאַרניכט אָט די רעשטען פון די פריהערדיגע עקאָנאָמישע אויסבילדונגען, קען מען זעהן פון אָט דעם פאַקט: אין רוסלאַנד, אַ דאַנק דער אַנטוויקלונג פון פאַבריקעם

## פּאָליטישע עקאָנאָמיע

צו שפּינען און וועבען, באַצאָלט זיך די אַרבעט פון דער הויזליכער פּראָדוקציע אַזוי שלעכט, אַז ווען מען רעכענט אַראָפּ אַלע הוצאות, גיט אַ שעה אַרבעט דער פּויערטע ווינציגער פון 1 קאָפּיקע (אין אייניגע פאַלען דערגרייכט אַזאַ געצאָלט נאָרמע אפילו ביז ⅔ קאָפּ.).

און דאָך, שוין אין אָנהייב שאַפט די אַנטוויקלונג פון דער מאַשין־פּראָדוקציע, אַזוי ווי פון דער מאַנופאַקטור פּראָדוקציע, גאַנץ אַפט נייע געהילפס פּרנסות, באַשאַפענדיג אַ נאָכפראַגע אויף מאַטעריאַלען, וואָס די גרויסע אונטערנעמונגען האָבען נאָך ניט פאַרכאַפּט די פּראָדוקציע פון זיי; אָדער אפילו איבערגעבענדיג צו די קליינע אונטערנעמער, וואָס אַרבעטען באַ זיך אין דער היים, דורכצופירען געוויסע אַרבעטען אין דער פּראָדוקציע, צו וועלכע די פאַבריקע אַליין האָט זיך נאָך ניט גענוג צוגעפּאַסט.

אַז די באַאַרבעטענדיגע אינדוסטריע טיילט זיך אָפּ אינגאַנצען פון ערד־אַרבעט, ווערט שטאַרקער די געגענזייטיגע אָפּהייִנגיגקייט צווישען שטאָט און דאָרף.

דער געזעלשאַפטליכער כאַראַקטער פון דער פּראָדוקציע דערגרייכט אַזוי ווייט, אַז גאַנצע לענדער ווערען גאָר אייִנג פאַרבונדען צווישען זיך אין דער פּראָדוקציע. דער אויסטויש פאַראייניגט די פּראָדוקציע פון פאַרשיידענע מלוכות אויף אַזוי פיל, אַז אַ זעלבשטענדיגע עקאָנאָמישע עקזיסטענץ ווערט פאַר זיי אוממעגליך. אַן אויסשליסליך שטאַרקע אַנטוויקלונג פון איין פּראָדוקציע אין לאַנד געהט האַנט אין האַנט מיט אַן אויסערגעוויינטליך שוואַכער אַנטוויקלונג פון אַן אַנדערער, ניט ווייניגער וויכטיגער פּראָדוקציע, און אַמאָל פעלט אָט די אַנדערע גאָר אינגאַנצען, אַזוי אַז אָהן אַן אויסטויש וואָלט די גאַנצע נאַציע ניט געקענט באַפרידיגען אירע באַדערפעניִשען. אַ ביישפּיל — אין ענגלאַנד, וואו דער גרעסטער טייל ברויט וואָס ווערט פאַרברויכט ווערט אַריינגעפירט פון אַנדערע לענדער.

אין דער עפּאָכע פון מאַשינעס ווערט אויף אַזאַ אופן ביסלעכווייז פאַראייניגט די פּראָדוקציע פון דער גאַנצער וועלט.

## 3). די אַנטוויקלונג פון פאַרטיילונגס מיטלען אין דעם מאַשין־פּעריאָד פון קאַפּיטאַליזם.

### א). דער געלט־פּאַרקער.

געלט — איז אַ נויטווענדיגער באַוועגער פון דער קאַפּיטאַליסטי־שער פּראָדוקציע. דעריבער, האָט די געוואַלדיגע אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע אין דעם מאַשין־פּעריאָד פון קאַפּיטאַליזם פאַרגרע־סערט אויך דעם געלט פאַרקער צו אַן אומדערהערטער גרויס.

דער סכום גאָלד און זילבער געלט איז אויסגעוואַקסען אין צענד־ליגער מאָל. פאַר אַ משך פון 45 יאָר — פון 1851 ביז 1895 — האָט מען אַרויסגעקריגען גאָלד העכער ווי צוויי מאָל אַזויפיל, אין פאַרגלייך מיט די לעצטע 358 יאָר (זינט מען האָט אַנטדעקט אַמעריקע), דהיינו 655,000 פוד אַנקעגען 295,000 פוד, און כמעט אַזויפיל זילבער, ווי פאַר דיזעלביגע 358 יאָר, דהיינו 8,900,000 פוד אַנקעגען 9,300,000 פוד.

איבעריגענס, פאַר די לעצטע 20־30 יאָר האָט זילבער אָנגעהויבען שנעל צו פאַרלירען די באַדייטונג פון אַ געלט־מעטאַל, דערהויפּט אין דעם אינטערנאַציאָנאַלען פאַרקער. גאָלד ווערט אַלץ מער דאָס איינ־ציגע אמת'ע געלט, אַרויסשטויסענדיג זילבער, פונקט אַזוי ווי זילבער האָט אַמאָל אַרויסגעשטויסען קופּער אין איטאַליע און אייזען אין גריכענלאַנד. דאָס ווענדט זיך, קענטיג, אין דער גרעסטער מאָס אָן דעם, וואָס דער טויש־ווערט פון זילבער איז לפי־ערך ניט אַזוי שטאַנד־האַפטיג, — אַזוי איז ער פאַר דער לעצטער צייט שנעל געפאַלען, מחמת דעם וואוקס פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבעט ביים קריגען זילבער (פאַר די לעצטע 40 יאָר איז דער ווערט פון זילבער געפאַלען אויף 50%*). און פאַר אַ געלט מעטאַל איז אַ ניט קיין

*) עס איז אַ שטרייטפראַגע, צי מען האָט אויפגעהערט צו געברויכען זילבער אויף צו מאַכען געלט דערפאַר, וואָס עס איז געזונקען אין פּרייז, צי פאַרקערט, דער פּרייז פון זילבער איז געזונקען דערפאַר, וואָס מען האָט

שטאַנדהאַפטיגער ווערט — אַ גרויסער חסרון, מחמת דאָס רופט אַרויס אַן ענדערונג אין אַלע מקחים און צעפּלאָנטערט די חשבונות פון די קאַפּיטאַליסטען.

נאָר אין עטליכע אָפּגעשטאַנענע לענדער האָט נאָך זילבער־געלט די אויבערהערשאַפט ביז היינטיגען טאָג (איבערהויפּט אין דעם אזיאַטישען מזרח).

דער פּאַרקער פון פּאַפּיר־געלט דערגרייכט אין דעם מאַשין־פּעריאָד צו אַ געוואַלדיגער גרויס. דערביי קען מען באַמערקען, אַז אין די אַלע לענדער, וואו פון פּאַפּירענע טויש־געלט איז אויפ׳ן באָדען פון די מלוכה באַדערפעניסען אויפגעקומען אומטוישבאַרע פּאַפּיר־געלט, קומט פאַר אַ שטרעמונג איבעראַנייט אַריבערצוגעהן צו טויש־געלט, ווי דאָס איז פאָרגעקומען אין רוסלאַנד אין די 90־ער יאָרען. און דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדליך: בּאַ דער אומגעהייערער אַנטוויקלונג פון אויסטויש, ווערט באַזונדער דרינגענדיג די באַדערפעניש אין געהילפס מיטלען צום קערען זיך מיט אַ שטאַנדהאַפטיגען ווערט; אויב זילבער, ווי אַ געלט מעטאַל, ווערט מחמת דער ניט גענוגענדיגער שטאַנדהאַפטיגקייט אַרויסגעשטויסען דורך גאָלד, מוזען אויך די אומטוישבאַרע פּאַפּירלאַך, וואָס ליידען פּי׳ אַט דעם חסרון נאָך מער, פאַרביטען ווערען מיט טוישבאַרע.

## ב). ק ר ע ד י ט.

קרעדיט, וואָס האָט פריהער געשפּילט אַ ראָלע פון צווייטען גראַד, ווי אַ צוגאָב צום געלט פּאַרקער, אַנטוויקעלט זיך אין דער צייט פון

---

עס אויפגעהערט צו געברויכען אַלס מאַטעריאַל פאַר געלט. וועגען דער פראַגע איז אין אַמעריקא אָנגעגאַנגען אַן עקאָנאָמישער און פּאָליטישער שטרייט אַ פּאָר צענדליג יאָר פאַר און נאָך דעם וואַלקאַמף פון 1896. אַ בליק אויף דער ליניע, וואָס שטעלט פאַר די באַוועגונג פון דעם פּרייז פון זילבער ווייזט, אַז ער איז געבליבען כמעט דערזעלביגער פון 1700 ביז 1873 און איז געזונקען מיט 60% פון 1873 ביז 1902. אין 1873 איז זילבער דעמאָנעטיזירט געוואָרען (אויפגעהערט צו ווערען באַנוצט אַלס געלט) אין די פאַראייניגטע שטאַטען און אַרום דערזעלבער צייט אויך אין די וויכטיגסטע אייראָפּעישע לענדער. ז. דעם ספּעציעלען בעריכט פון דעם צענזוס ביוראָ פון דעם יאָר 1902: Mines and Quarries. Gold and Silver. By Isaac A. Hourwich. Diagram V.

(רעדאַקטאָר.)

# א. באַנדאַנאָוו

מאַשין־קאַפּיטאַליזם איז אַ וואונדערליך ברייטער, פּאַרוויקעלטער און איינגעאָרדענטער סיסטעמע, וואָס שפּילט די ראָלע פון אַ מעכטיגען פאַקטאָר אין דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג.

די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעמע פון באַציהונגען פאָדערט פון איט־לעכען אונטערנעמער זעהר אָפטע, מער אָדער ווייניגער באַדייטענדיגע געלט צאָלונגען. און דאָך, וויפיל געלט עס זאָל ניט זיין אין פּאַרקער, קען עס ניט געמאָלט זיין, אַז זיי זאָלען אַלעמאָל זיין אונטער׳ן האַנט. אפילו ביים רייכסטען קאַפּיטאַליסט טרעפען מאָמענטען, ווען עס קלעקט אים ניט קיין מזומן געלט אויף פאַנאַנדערצוצאָלען זיך, כאָטש אין אַן אַנדער צייט ליגען באַ אים אין האַנט גרויסע סומעס אָהן קיין שום נוצען. די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע וואָלט געהאַט די גרעסטע שטערונגען אין איר אַנטוויקלונג, ווען אַלע צאָלונגען וואָלט מען געמוזט מאַכען מיט מזומנים: די ערשטע געלט פאַרלעגענהייט וואָלט געמאַכט אַ תל פון דעם אונטערנעמערס אַלע געשעפטען.

פון דעם קען מען שוין פאַרשטעהן, אַז מיט דער אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם, מיט דעם וואוקס פון די קאַפּיטאַלען און מיט דער גרעס־סערער שנעלקייט פון זייער קערען זיך, מוז דאָס קרעדיט געשעפט אומאויפהערליך פאַרברייטערען זיך, און עס קריגט אַלץ מער באַדיי־טונג אין דער געזעלשאַפטליכער באַלעבאַטישקייט.

עס ווערט פאַרפולקומט אויך די פאָרמע גופא פון די קרעדיט־קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען, וואָס קומען אין דער עפּאָכע, וואָס מיר שטודירען דאָ, הויפּטזאַכליך אין דער געשטאַלט פון ב י י נ ק, ווי מען רופט זיי. אַ באַנק איז אַ פאַרמיטלערין צווישען דעם נאָכ־פרעג אויף אַ קרעדיט און דעם אָנבאָט, זי קריגט דעם קרעדיט פון די וואָס זיינען בכוח אים אַנצובאָטען, און גיבען אים צו די וואָס די נויטיגען זיך אין אים.

ביינק האָבען זיך באַוויזען נאָך פריהער, פאַר דער מאַשין־פּראָ־דוקציע, אָבער נאָר באַ דער לעצטער האָבען זיי געקראָגען זייער פולע אַנטוויקלונג און אַ ברייטע פאַרשפּרייטונג.

היסטאָריש, איז דער היינטיגער באַנקיר אַן אייניקעל פון צוויי מיטעלאַלטערליכע טוער: דעם פּראָצענטניק און דעם חלפן (דעם

וועקסלער). דער ערשטער איז שוין געווען אפגעשילדערט געווארען פריהער, און אויפ'ן צווייטען דארף מען זיך איצטער אפשטעלען.

בא דער אומגעהייערער פּאָליטישער צעבערקעלטקייט פון דער פעאדאלער וועלט, האט איטלעכער הערשער געהאט א רעכט צו גיסען מטבעות, און אויפ'ן מארק האט זיך געקערט אזא מאסע פארשיידענע מטבעות, אז מען האט געמוזט האבען אינסטיטוציעס אויף אויסצו־בייטען געלט.

דער כאראקטעריסטישער חסרון פון דער פעאדאלער וועלט — די קנאפּע געזעלשאפטליכע געזיכערטקייט האט געפירט דערצו, אז די חלפנים, וואס פלעגען שטענדיג האבען אויף די הענט גרויסע זאפאסען געלט, פלעגען מוזען אננעמען גאר באזונדערע מיטלען אויף אפצוהי־טען זיי פון גנבים און גזלנים. דעריבער פלעגט דאס געלט בא די חלפנים זיין לפי־ערך זיכער, און א סך סוחרים פלעגען אפּגעבען זייער געלט אויך צו די חלפנים אויף שמירה און פלעגען דערפאר צאָלען א געוויסע סומע שמירה־געלט. דאס געלט פון די קונדען פלעגען די חלפנים היטען ביז דער ערשטער פאָדערונג, און אויסניצען עס פאר זייערע אייגענע געשעפטען האבען זיי קיין רעכט ניט געהאט.

אזוי ווי בא איין חלפן פלעגט זיך געפינען דאס געלט פון פאר־שיידענע מענטשען, האט מען אנגעהויבען, בא געגענזייטיגע צאָלונגען, פשוט איבערצושרייבען די חשבונות ביים חלפן פון איינעם אויף דעם אנדערען.

אין דער אָרגאַניזאַציע פון אט די אויסבייט־אינסטיטוציעס, וואס האבען מיט דער צייט געקראגען דעם נאמען ביינק, האט די אנטוויק־לונג פון קאפּיטאליזם מיט זיין רעזולטאט — דעם שטארקען נאכ־פרעג אויף קרעדיט — אריינגעטראגען וויכטיגע ענדערונגען.

די לאנגע דערפארונג האט אויסגעלערנט די באנקירען, אז א טייל פון די געלטען, וואס ליגט בא זיי ווי א פּקדון, קען מען גאנץ לייכט ארויסגעבען אויף פּראָצענט, מחמת די קונדען פאָדערען קיינמאל ניט אלע מיט אמאל דאס גאנצע געלט, און, אחוץ דעם, ווערען זייערע פא־דערונגען אויף געלט געדעקט מיט נייע פּקדונות.

באאבאכטונגען האבען באוויזען, אז פּקדונות און פאָדערונגען פון

# א. באָנדאַנאָוו

געלט אויף צוריק קומען אריין מיט א געוויסער רעגעלמעסיגקייט. אויפ'ן גרונט פון באשטימטע עקאָנאָמישע אורזאכען, אזוי אז עס איז דאָ א מעגליכקייט פאָרויסצוזעהן די פּעריאָדישע צופלוסען און אָפּפלוסען פון געלט.

אין פאַרשיידענע לענדער זיינען פאַראַן פאַרשיידענע א ל ג ע מ י י נ ע טערמינען פון צאָלונגען, אויף ווען עס ווערט באשטימט דער גרעסטער טייל חובות. אזעלכע טערמינען ווערען באשטימט פאַר איטלעכען לאַנד אמאָל דורך די ריין נאַטירליכע באַדינגונגען פון איר פּראָדוקציע, אמאָל — דורך מנהגים, וואָס זייער עקאָנאָמישע אָפּשטאַמונג איז גאַנץ שווער אויסצוגעפינען, הגם עס איז קיין ספק נית. אז אויך אָט די מנהגים האָבען זייערע וואָרצלען אין די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון דעם לעבען פון דער געזעלשאַפט. אין אגראר לענדער, למשל, פאַלט אויס דער טערמין פון צאָלונגען זעהר אָפט צו דער צייט פון דעם תבואה פאַרקויף. אויף מנהגים, קענטיג, זיינען באַגרינדעט די ערב־יום־טוב'דיגע צאָלונגען: אין ענגלאַנד — ערב וויינאַכטען (קריסטמעס), אין רוסלאַנד — פאַר דער הייליגער וואָך (קריסטליכער פּסח). צו אָט די טערמינען שטעלט דער מארק ארויס מיט אמאָל א שטאַרקען נאָכפרעג אויף געלט צום פאַנאַנדערצאָלען זיך. א מאַסע געלט געהט דאַן אריבער פון די „אוצרות" צום פאַרקער; די קאַסעס פון די קרעדיט אינסטיטוציעס ווערען שנעל אויסגעליידיגט. די איינאָרדענונג אויף דעם געלט־מאַרק ווערט אפילו אביסעל צעשרויפט, אָבער נית אויף לאַנג, און קיין ערנסטע באַדייטונג האָט עס נית: דער עודף געלט קערט זיך שנעל ווידער צוריק אין אוצר אריין, און די אויסגעליידיגטע קאַסעס פון די געלט אינסטיטוציעס ווערען איבעראַניים אָנגעפילט, אמאָל טאַקע דעמזעלביגען טאָג שוין.

שטיצענדיג זיך אויף אזעלכע רעגעלמעסיגקייטען אין דעם געלט־פאַרקער, האָבען די באַנקירען אָנגעהויבען אַרויסצוגעבען אויף קרעדיט צו פאַרשיידענע מענטשען א טייל פון די פּקדונות, וואָס זיינען באַ זיי געלעגען. — פון אָנהייב נאָר אויף א קורצער צייט און אויף א זיכערען משכון. דאַמאָלס זיינען שוין די בעל־פּקדונ'ס געוואָרען דער באַנקס אמת'ע „קרעדיטאָרען". און די באַנק האָט שוין אָנגעהויבען צו צאָלען

## פּאָליטישע עקאָנאָמיע

זיי א געוויסע פּראָצענט פאַר׳ן באַנוצען זיך מיט זייערע פּקדונות, אַנשטאָט דעם וואָס פריהער פלעגט זיין פאַרקערט — די בעל־פּקדון׳ם פלעגען צאָלען שמירה־געלט.

אַזוי זיינען ארויסגעקומען די ערשטע צוויי הויפּט אָפּעראַציעס פון בּיינק: דאָס צונעמען פון פּקדונות אָדער די דעפּאָזיט אָפּעראַציע — די הויפּט פון אירע „פּאַסיווע״ אָפּעראַציעס, ד.ה. די אויף וועלכע די באַנק איז שולדיג געלט, קריגט קרעדיט — און די קרעדיט אָפּעראַציע — די הויפּט פון אירע „אַקטיווע״ אָפּעראַציעס, וואו די באַנק איז א קרעדיטאָר, גיט ארויס קרעדיט.

די דעפּאָזיט אָפּעראַציע איז אויך לויט דער גרויס די הויפּט פּאַסיווע אָפּעראַציע אין אַלע לענדער מיט אַן אַנטוויקעלטען קרעדיט. זי ווערט געפּראַקטיקירט אין צוויי הויפּט פאָרמען: פּקדונות מיט א טערמין און אָהן א טערמין. די טערמיניגע פּקדונות, דערהויפּט די וואָס מיט א לאַנגען טערמין (עס טרעפען אויך „אייביגע״ פּקדונות), האָבען פאַר דער באַנק די מעלה, וואָס מען קען זיי ניט פּאָדערען צו־ריק פּלוצלונג אומגעריכטערהיים. די אַנטערמיניגע אָבער, אָדער פּקדונות אויף א „לויפענדיגען חשבון״ קען מען צו איטלעכען מאָמענט צוריק ארויסנעמען; אָט אַזעלכע פּקדונות איז די באַנק געצוואונגען צו לאָזען אין פאַרקער זעהר פאָרזיכטיג, און דעריבער צאָלט זיך פאַר זיי א קלענערער פּראָצענט, איידער פאַר טערמיניגע פּקדונות.

האָבענדיג אויף זיך א סך פּקדונות, איז א באַנק קיינמאָל ניט אינגאַנצען זיכער פון א קראַך; דאָס קען לייכט פאַרקומען, ווען די קונדען זאָלען, מחמת עפּעס ניט פאָרויסגעזעהענע עקאָנאָמישע ענ־דערונגען, פּלוצלונג אין אַן אומגעוויינטליך גרויסער צאָל א פּאָדער טאָן זייער געלט. דאָס קומט פאָר נאָך לייכטער און איז נאָך געפער־ליכער דערפאַר, וואָס די אַנטערמיניגע פּקדונות שטעלען מיט זיך גע־וויינטליך פאָר דעם גרעסטען טייל פון דער באַנקס מיטלען, און גע־וויינטליך געהערען זיי צו אינדוסטריעלע און האַנדעלס אונטערנעמער. איטלעכע צערודערונג, אַן עקאָנאָמישע צי א פּאָליטישע, צווינגט אַזעל־כע קונדען גלייך צו פּאָדערען פון דער באַנק זייער געלט, כדי צו פאַר־זיכערען זיך פון מאָלע וואָס עס קען זיך מאַכען.

## א. באַנדאַנאָוו

די העבערונג אדער פארקלענערונג פון דעם פּראַצענט אויף פּקדונות דינט פאר דער באנק ווי איינס פון די מיטלען אויף צו צו־ציהען, ווען מען דארף, געלט אין קאַסע, אדער, פאַרקערט, אַרויסרופען אן אפפלוס פון געלט. למשל, לאָמיר זיך פאַרשטעלען, אַז די באַנק האָט אַ סך פרייע געלט, און קיין שטאַרקער נאָכפרעג אויף דעם מצד די קאַפּיטאַליסטען זעהט זיך ניט אָן, הייסט עס, די באַנק איז מחויב צו צאָלען פּראַצענט פאר איינגעלייגטע געלט, וואס זי האָט ניט אַרויס־געלאָזען אין פאַרקער; דאַן פאַרקלענערט די באַנק דעם פּראַצענט אויף פּקדונות, און דער צופלוס פון נייע געלטען ווערט שטאַרק פאַרקלע־נערט, און אַ טייל פון די פריהערדיגע קונדען נעמען אויך אַרויס זייער געלט, כדי אַריינצוטאָן עס אין עפּעס בעסערס.

ווי אַ מין דעפּאָזיט אָפּעראַציע קען מען באַטראַכטען היפּאָטעק־אבליגאַציעס, אַזעלכע שטר־חובות, וואָס ביינק לאָזען אַרויס, און וואָס דער פּראַצענט זייערער און דער קרן ווערט אויסגעצאָלט ביסלעכווייז פאר דעם משך פון אַ לאַנגער צייט. אַזעלכע היפּאָטעק־אבליגאַציעס זיינען געגליכען צו לאַנג־טערמיניגע פּקדונות, וואָס באַנק צאָלט אויס ניט מיט אַמאָל צום סוף פון טערמין, נאָר טיילענווייז.*)

פון דעם שטייגער פאַנאַנדערצוצאָלען זיך דורך איבערשרייבען פון איינעם אויף דעם אַנדערען די חשבונות ביים חלפן — דעם באַנ־קיר, האָט זיך אַנטוויקעלט די סיסטעמע פון צאָלונגען מיט „טשעקס“. אַ היינטיגער קאַפּיטאַליסט האַלט באַ זיך זעלטען גרויסע סומעס געלט — ער האַלט זיי געוויינטליך אין באַנק. און ווען דער קאַפּיטאַליסט דאַרף מאַכען אַ צאָלונג, באַנוצט ער זיך מיט אַ „טשעק“, ד. ה. ער שרייבט אַ קוויטעל צום באַנק, וואו ער האַלט זיין געלט, מען זאָל דעם און דעם אַרויסגעבען אַזויפיל און אַזויפיל. עפּעטער פון אַלץ נעמט דער־מקבל אויך ניט דאָס געלט אין מזומנים; מען פאַרשרייבט עס אויף זיין חשבון, אויב ער איז אַ קונד פון דערזעלביגער באַנק, און אויב ניט, מאַכט מען דער סומע אַן אַנווייזונג אויף דעם נאָמען פון זיין

*) די מעלה פון אַזעלכע פּאַפּירען (אין אַמעריקע רופט מען זיי „מאָרגעידזש באַנדז“) באַשטעהט אין דעם, וואָס זייער ווערט איז געזיכערט דורך אַ היפּאָטעקע אויף אַ שטיק ערד מיט די געביידעס וואָס זיינען אויף איר אויפגעבויט. (רעדאַקטאָר).

שטענדיגען באַנקיר. אַזוי מיידט מען אוים דירעקט איבערצוגעבען געלט, און די באַדערפעניש אין מזומן געלט ווערט שטאַרק פאַרקלע־נערט. איבערהויפּט ווערט די טשעק־סיסטעמע שטאַרק אַנגעווענדט אין לענדער, וואָס זיינען עקאָנאָמיש שטאַרק אַנטוויקעלט, ווי אין ענג־לאַנד, וואו דער סכום געברויך־ווערטען, וואָס ווערט אויף אַזאַ'ן אופן טעגליך אַריבערגעטראָגען פון איינע איינגענטימערס צו די אַנדערע, שאַצט זיך אין די מיליאַנען.

די געוואַלדיגע עקאָנאָמישע קראַפט פון די גרויסע ביינק, וואָס נעמען צענויף און פאַראייניגען אין זייער האַנט די מיטלען פון טוי־זענטער קאַפּיטאַליסטען און ניט־קאַפּיטאַליסטען, שאַפט פאַר אַט די ביינק אַזאַ געזעלשאַפטליכע באַדייטונג, אַז אויף אַ דאָקומענט פון אַזאַ באַנק, וואו זי איז זיך פאָרמאַל מתחייב אויסצוצאָלען אַ געוויסע סומע, קוקט מען אין געזעלשאַפט ווי אויף עפּעס אַזוינס וואָס איז שוין גלייך צו דער צאָלונג גופא. פון דאַנען נעמט זיך די ע מ י ס י אָ נ ס אָפּעראַציע אָדער דאָס אַרויסלאָזען פון באַנקנאָטען. באַנקנאָטען, הייסט עס, זיינען גאָר גלייך צו פּאַפּיר־געלט; דער חילוק איז נאָר, וואָס פּאַפּיר־געלט נעמען אַלע אָן, מחמת מען האָט צוטרוי צו דער פאַרמעגליכקייט פון דער מלוכה, און באַנקנאָטען — מחמת צוטרוי צו דער פאַרמעגליכקייט פון דער באַנק. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז אַזאַ סאָרט אָפּעראַציע קען אַנטשטעהן נאָר בּאַ אַ גאַנץ הויכער מדרגה אין דער אַנטוויקלונג פון באַנק־געשעפט.

די באַנק צאָלט צו אירע בעל־פקדונ'ס און צו די וואָס באַרגען געלט מיט אַזעלכע פּאַפּירען (באַנקנאָטען), וואָס זי איז זיך מתחייב באַ דער ערשטער פאָדערונג איבערבייטען אויף מזומנ'ע געלט. אויב די באַנק איז אַ גרויסער בטוח, געהען אָן אירע באַנקנאָטען גלייך ווי געלט. דאָרט וואו געלט־פּאַפּיר פון דער מלוכה איז פאַראַן אַ סך, געהען לפי־ערך ווייניג באַנקנאָטען, מחמת די געזעלשאַפטליכע ראָלע אי פון די אי פון יענע איז אַלצאיינס. אין די אינדוסטריעל אַנטווי־קעלטע לענדער פון מערב־איירופּע איז פאַראַן אין פאַרקער באַנקנאָטען אויף אַ סך הונדערטער מיליאַנען.

די באַדייטונג פון דער עמיסיאָנס־אָפּעראַציע פאַר די ביינק גופא

# א. באַנקנאָטן

איז זעהר פאַרשטענדליך — דאָס איז אַן אַנפּראַצענטיגע הלואה. דער סכום באַנקנאָטען, וואָס ווערט אַרויסגעלאָזען, קען גאַנץ היפּש איבער־שטייגען די מיטלען פון דער באַנק אין מזומן, — דאָס פירט ניט צו אַ קראַך, ווארים בײַ געוויינטליכע באַדינגונגען דערלאַנגט מען ניט אַלע באַנקנאָטען מיט אַמאָל צום אויסבייטען. אין מאָמענטען פון שטאַרקע עקאָנאָמישע אויפטרייסלונגען איז יאָ מעגליך, אַז אַ באַנק זאָל קראַכען איבער דער צו שטאַרקער פאָדערונג אויסצובייטען אירע באַנקנאָטען.

אין די טשעק־סיסטעמע, אין די עמיסיאָנס־אָפּעראַציע פאַרקלע־נערען שטאַרק די באַדערפעניש אין געלט, ווי אין אַ מיטעל פון אויס־טויש און צאָלונג.

פון די אַקטיווע אָפּעראַציעס איז איינע פון די ערשטע און וויכ־טיגסטע, ווי שוין געזאָגט, הלואות אויף א משכון. צווישען די פאַרשיידענע פאָרמעס אירע האָט זיך פריהער פון אַלץ אַנט־וויקעלט די לאָמבאַרד אָפּעראַציע, אַ הלואה אויף אַ משכון פון באַ־וועגליכע גיטער. לכתחילה, ווען אָט די אָפּעראַציע האָט נאָך געטראָגען אַ כאַראַקטער פון פּשוט'ער קליינער וואוכעריי, פלעגט מען פאַר משכנות נעמען נאָר טייערע זאַכען און וואָס פאַרנעמען ניט קיין סך אָרט — שטיקלעך גאָלד, איידעל־שטיינער א. אז. וו.; אָבער מיט דער אַנטוויקלונג פון סחורה־פאַרקער און קרעדיט — הויפּטזאַכליך סחורות און ווערט־פּאַפּירען.

די ביינק אַליין האַלטען ניט בײַ זיך די פאַרלייגטע סחורות. דאָס ווערט שוין די ספּעציאַליטעט פון אַ באַזונדער גרופּע אונטערנעמונגען — סחורה־לאַגערען, וואָס נעמען צו, פאַר אַ געוויסען געצאָלט, סחורות אויף צו היטען, און צו די באַלעבאַטים פון די סחורות גיבען זיך אַרויס וואַראַנטען — צייגענישען וועגען דער קבלה פון די סחורות מיט אַ באַצייכענונג פון זייער ווערט. אָט אַזעלכע צייגענישען נעמט באַנק פאַר אַ משכון און גיט אויף אַזוי אַרויס אַ הלואה; אויב דער בעל־חוב צאָלט ניט, קריגט באַנק אַרויס די סחורה אויפ'ן וואַראַנט און פאַרקויפט עס. (די הלואה איז, נאַטירליך, אַלעמאָל קלענער פון דעם פּרייז פון דער סחורה, געוויינטליך בײַ אַ 60%).

אויף דעמזעלביגען אופן נעמט מען אן פאר משכנות צייגענישען פון אייזענבאן, שיף און טראנספארט געזעלשאפטען, אז די סחורה איז ארייגעקומען און איז אנגעלאדען.

מיט דער אנטוויקלונג פון קרעדיט באווייזט זיך אין דעם סחורה־מארקעט א מאסע פארשיידענערליי „ווערט־פאפירען": צייגענישען פון מלוכה־הלוואות, אקציעס פון פארשיידענע געזעלשאפטען און ד. גל. שפעטער וועט אונז אויסקומען צו ריידען וועגען אט די פאפירען באזונדער; אין תוך שטעלען זיי מיט זיך פאר אלע איין זאך — א געזעליכען דאקומענט אויף צו קריגען א געוויסען חלק מערוועוערט, וואס ווערט געשאפען אין א געוויסער געזעלשאפט. אזעלכע „ווערט־פאפירען" נעמען די ביינק אויך אן פאר משכנות. פון דאנען נעמט זיך נאך איינע פון די פולע געפארען, וואס דראהען די ביינק: אזוי ווי די מארק־פרייזען פון ווערט־פאפירען וויגען זיך שטארק לויט נאך דעם אנבאט און נאכפרעג אויף זיי, ריזיקירט שטענדיג די באנק, ארויסגעבענדיג אויף זיי געלט, זי זאל ניט ליידען קיין היזק, אויב דער פרייז אויף זיי פאלט.

א היפאטעק־אפעראציע מיינט ארויסגעבען א הלואה אויף א משכון פון אומבאוועגליכע גיטער (ערד, הייזער א. ד. גל.). אזעלכע הלוואות זיינען מערסטענטייל אויף לאנגע טערמינען; די ערד־אייגענטימער נויטיגען זיך געוויינטליך אין געלט אויף צו מאכען אויסבעסערונגען אין דער באלעבאטישקייט, אדער אויף צוקויפען נאך ערד, אדער, קען זיין, אויף זייערע אייגענע הצטרכות'ן; אין אלע אזעלכע פאלען זיינען זיי בכוח אויסצוצאלען דעם חוב פון זייערע הכנסות נאר ביסלעכווייז, בפרט אז אין ערד־ארבעט קערט זיך דער קאפיטאל, בכלל, זעהר לאנגזאם. די ביינק, וואס באשעפטיגען זיך מיט היפאטעק־אפעראציעס, נעמען אן אליין אויך נאר לאנג־טערמיניגע הלוואות, מחמת עס איז דאך אוממעגליך ארויסצוגעבען הלוואות אויף לאנגע טערמינען, בשעת אליין קריגט מען קרעדיט אויף קורצע. די כאראקטעריסטישע און הויפט פאסיווע אפעראציע פון אזעלכע ביינק באשטעהט אין ארויסלאזען היפאטעק־אבליגאציעס.

א באזונדער מין קרעדיט־אפעראציע איז „פערזענליכער קרעדיט."

## א. באַנגדאַנאָוו

ד. ה. אַרויסגעבען אַ הלואה אָהן קיין שום משכון, נאָר אויפ׳ן סמך פון דעם צוטרוי, וואָס מען האָט צו דעם וואָס באָרגט. דאָס איז לפי־ערך אַ ריזיקאַלישע אָפּעראַציע (אין רוסלאַנד, למשל, האָט עס אַרויס־גערופען דעם קראַך פון אַ סך ביינק).

אַ סך אַן אומגעענדערטע פאָרמע פון הלואות איז — ד י ס ק אָ נ־ט י ר ע ן  ו ו ע ק ס ל ע ן. אַנשטאַט אַרויסצוגעבען אַ הלואה אויף אַ משכון פון אַ ווערט־פּאַפּיר — אַ וועקסעל, קויפט דאָ פּשוט די באַנק דאָס פּאַפּיר, ד. ה. דאָס רעכט, וואָס איז דערמיט פאַרבונדען, אויף צו קריגען געלט אויפ׳ן וועקסעל.

די גרויס־פּראָדוקציע רופט אַרויס אַן אומגעהייערע פאַרשפּרייטונג פונ׳ם פאַרקויף אויף קרעדיט. נאָר איטלעכען קרעדיטאָר קען אַמאָל נויטיג זיין צו האָבען געלט פריהער, איידער עס געהט אויס דער טער־מין פון דעם וועקסעל. דאַן ברייננגט דער קרעדיטאָר דאָס וועקסעל אין באַנק. אויב די באַנק געפינט, אַז דאָס וועקסעל איז זיכער, צאָלט זי פאַר אים אָפּ און קויפט עס פאַר זיך; נאַטירליך, צאָלט זיך דערביי ניט די גאַנצע סומע פון דעם וועקסעל, נאָר אַ געוויסער פּראָצענט רעכענט זיך אַראָפּ פאַר דער באַנק. אַט אַזאַ אָפּעראַציע רופט מען — דיסקאָנטירען וועקסלען, און דער פּראָצענט פאַר דער באַנק הייסט — דיסקאָנט.

דער פּראָצענט פון דיסקאָנט ווערט באַשטימט פון צוויי באַדינ־גונגען: ערשטענס, פון דעם געוויינטליכען קרעדיט־פּראָצענט אין דער געזעלשאַפט; צווייטענס, פון דער ריזיקע וואָס עס שטעהט פאַר דעם קרעדיטאָר — דער באַנק. למשל, עס דיסקאָנטירט זיך אַ וועקסעל מיט 2 חדשים פאַר׳ן טערמין; דער געוויינטליכער % אויף הלואות איז 6% לשנה אָדער 1% פאַר 2 חדשים. דער באַנק וואָלט זיך ניט געלוינט צו נעמען פאַר זיך ווייניגער פון 1%, מחמת דיזעלביגע סומע, וואָס ווערט אָפּגעגעבען פאַר׳ן וועקסעל, קען מען דאָך לאָזען אין פאַרקער אויף 2 חדשים און קריגען דערפאַר 1% פּראָפּיט. הייננט אויב דאָ קומט נאָך צו די ריזיקע ניט צו קריגען באַצאָלט אויפ׳ן וועקסעל, אָדער די באַנק האַלט בכלל פאַר ריזיקאַליש אַרויסצולאָזען געלט פון

קאַסע אין דעם מאָמענט, טאָ ווערט דער פּראָצענט פון דיסקאָנט גע־העכערט, למשל, ביז 2%—3% פאַר 2 חדשים.

ענדערונגען פון דעם דיסקאָנט פּראָצענט און דעם פּראָצענט פאַר הלוואות דינען דער באַנק, פּונקט אַזוי ווי די ענדערונגען פון דעם פּראָצענט אויף פּקדונות, פאַר אַ מיטעל צו ווירקען אויפ׳ן צושטאַנד פון דער קאַסע אין מזומנים, ווי סע לוינט זיך איר בעסער. אויב דער דיסקאָנט־פּראָצענט און דער פּראָצענט אויף הלוואות העכערט זיך, ווערט דאָס געלט פאַרהאַלטען אין קאַסע פון באַנק, מחמת עס לוינט זיך ניט אַזוי שטאַרק צו דיסקאָנטירען וועקסלען אין באַנק און מאַכען דאָרט הלוואות; פאַרקערט, ווען דער פּראָצענט פאַלט, געהט דאָס געלט אַרויס.

אַ גאַנץ אייגענאַרטיגען כאַראַקטער האָבען די באַנק אָפּעראַציעס פון קויפען און פאַרקויפען אויף דעם אייגענעם חשבון ווערט־פּאַפּירען — אַקציעס, פּראָצענט־פּאַפּירען א. ד. גל., — אָפּעראַציעס, וואָס אין אַ געוויסער מאָס זיינען זיי, אייגענטליך, געגליכען צו דיסקאָנטירען וועקסלען. אויב דער פּרייז פון די געקויפטע פּאַפּירען הייבט זיך, האָט די באַנק פּראָפיט; אויב פאַרקערט — ליידט זי אָנווער. דאָס איז איינע פון די פאָרמעס פון שפּיל אויפ׳ן בערזע, ווי מען רופט עס, וואָס גיט אַ מעגליכקייט גיך רייך צו ווערען, אָבער אויך גיך בדיל־הדל צו ווערען. אַזאַ שפּיל דערפירט אָפט אַ באַנק צו באַנקראָט, און אויב די שפּיל האָט זיך געפירט ניט אויף אייגענע געלט — ווערען אָן די בעל־פּקדונ׳ס זייער געלט.

דאָס זיינען די הויפּט שטריכען אין דער טעטיגקייט פון ביינק. פּאַקטיש, איז זי זעהר שטאַרק פאַרוויקעלט, אַפילו פאַרדרייט; אויס־פאָרשען דאָס באַנק געשעפט אין אַלע פּרטים איז געוואַלדיג שווער, און אַפילו בא די גרעסטע קענער דערפון רופט עס אַרויס גרויסע חלוקי־דעות.

די ביינק שטעלען מיט זיך פאָר אַ באַדייטענדיגע גרופּע קאַפּי־טאַליסטישע אונטערנעמונגען מיט אַ מאַסע געדונגענע אַרבעטער און מיט אומגעהייערע קאַפּיטאַלען. די געדונגענע אַרבעטער פון די קרעדיט אינסטיטוציעס געהערען הויפּטזאַכליך צום „אינטעליגענטען

# א. באָגדאַנאָוו

פּערסאָנאַל״: קאָנטאָריסטען, בוכהאַלטערס, קאַסירען, דירעקטאָרען א. אַז. וו. כדי צו פירען די אָפּעראַציעס מיט דערפאָלג און אויסמיידען אַלע סכנות וואָס זיינען פאַרבונדען מיט קרעדיט־געשעפט, מוז אַ באַנק האָבען ריכטיגע ידיעות וועגען דער אַלגעמיינער לאַגע אויפ׳ן מאַרק, און אויך וועגען דער לאגע פון די מענשען און אינסטיטוציעס, מיט וועלכע זי טוט געשעפט; פון דאַנען נעמט זיך די באַדערפעניש אין אַ סך אָנגעשטעלטע אַגענטען, וואָס שטעלען צו ידיעות, און אין „באַהאָווענטע מענטשען״, וואָס קענען צוועקמעסיג באַאַרבעטען אָט די ידיעות; ניט זעלטען האַלטען די ביינק באַ זיך גאַנצע קאָמיטעטען פון אַזעלכע ספּעציאַליסטען. אַזוי ווערט באַשאַפען אין דעם קרעדיט געשעפט אַ פאַרוויקעלטע סיסטעמע פון אַרבעטס צעטיילונג; די אָר־גאַניזאַטאָרישע טעטיגקייט פון די מענטשען, וואָס גיבען באַ אָט דער סיסטעמע אַ ריכטונג דער גאַנצער אונטערנעמונג, שפּרייט זיך אויס ווייט אַריבער די גרעניצען פון דער אונטערנעמונג גופא: זי ווירקט דירעקט אויפ׳ן לעבען פון אַ מאַסע אינדוסטריעלע און האַנדעלס אונ־טערנעמונגען, און צו דערזעלביגער צייט שפּיגעלט זי אָפּ אין זיך זייער אַלגעמיינעם צושטאַנד.

ווי עס איז שוין געווען געזאָגט, איז די הויפּט געזעלשאַפטליכע באַדייטונג פון קרעדיט אונטערנעמונגען אין דעם, וואָס מיט זייער טעטיגקייט פאַרלייכטערען זיי און פאַרשנעלערען די אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע מיט די אַלע עקאָנאָמישע באַצי־הונגען און זייערע געזעלשאַפטליכע רעזולטאַטען, וואָס זיינען איי־געגטימליך פאַר אָט דער פּראָדוקציע.

דער קרעדיט גיט די אינדוסטריעלע און האַנדעלס קאַפּיטאַליסטען אַזעלכע מיטלען אויף צו פירען און אויסצוברייטערען זייערע געשעפ־טען, וואָס דירעקט פון זייערע אונטערנעמונגען וואָלטען זיי עס קיינ־מאָל ניט געקענט קריגען.

אין איטלעכער אונטערנעמונג גיט מען ניט אויס מיט איין מאָל דעם גאַנצען קאַפּיטאַל, וואָס איז נויטווענדיג אויף צו פירען זי: אַ היפּשער חלק דאַרף ליגען אַ מער אָדער ווייניגער לאַנגע צייט, ווי אַ זאַפּאַס אויף לויפענדיגע הוצאות און אויף ניט פאָרויסגעזעהענע פּאַ־

לען. וואָס גרעסער עס ווערט די אונטערנעמונג, מוז דער קאַפּיטאַליסט פון יאָר צו יאָר אַלץ פאַרגרעסערען זיין געלט זאַפּאַס. אַמאָליגע יאָרען פלעגען אַזעלכע געלטען בלייבען ביים קאַפּיטאַליסט אויף די הענט, ווי א טויטער „אוצר.“ איצטער ליגט עס איין דער קאַפּיטאַליסט אין באַנק, אַזוי אַז דאָס ווערט אמת'ער קאַפּיטאַל, — ערשטענס, פון געזעלשאַפטליכען שטאַנדפּונקט, מחמת דורך דער באַנק פאַלט דאָס געלט אַריין צו אַן אַנדער קאַפּיטאַליסט אין די הענט, און יענער נוצט עס אויס דירעקט אויף צו קריגען מערווערט; צווייטענס, טאַקע פון דעם שטאַנדפּונקט פון דעם ערשטען קאַפּיטאַליסט אויך, וואָרים דאָס געלט טראָגט אים אַריין עפּעס א פּראָפיט.

פון דער אַנדער זייט, א דאַנק דיזעלביגע ביינק, קען דער קאַפּי־טאַליסט גרינג פאַרברייטערען זיין אונטערנעמונג, ניט האָבענדיג אַליין דעם נויטיגען געלט זאַפּאַס, — אויפ'ן חשבון פון דעם קומענדיגען פּראָפיט. דאָס קומט פאַר נאָך גרינגער א דאַנק דעם, וואָס דער פּראָ־צענט פאַר פקדונות, וואָס די ביינק צאָלען, איז ווי א מין לעקעכעל, וואָס ציהט אַרויס אויף דער ליכטיגער שיין אפילו אַזעלכע געלטען, וואָס בא אַנדערע באַדינגונגען וואָלטען זיי פאַר קיין פאַל ניט געוואָ־רען קיין קאַפּיטאַל, נאָר מען וואָלט זיי פאַרשלאָסען אין קאַסטען, פאַרגראָבען אין דער ערד, איינגענאָסען אין וואַקס, מיט איין וואָרט — זיי וואָלטען געלעגען ווי א טויטער „אוצר.“ איצטער זאַמעלט דער קרעדיט צענויף אין די הענט פון די קאַפּיטאַליסטען אפילו אַט די מיטלען פון ניט־קאַפּיטאַליסטען: וואָס עפּעס א דינסטמיידעל האָט אָפּגעשפּאָרט, צי א פויער, א בעל־מלאָכה, אַן אַרבעטער, געהט עס דורך די ליי־און־שפּאָר־קאַסעס און פאַלט אַריין אין די הענט פון א גרויסען אונטערנעמער, וואָס ניצט עס נאָכדעם אויס אויף אויס־צוברייטערען זיין אונטערנעמונג.

אַט דאָס איז די באַדייטונג פון דער קרעדיט סיסטעמע פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט: פאַראייניגענדיג די קאַפּיטאַליסטען, העלפט זי צו פאַראייניגען בכלל די פּראָדוקציאָנס כוחות פון דער געזעלשאַפט, הייסט עס, זי פאַרשנעלערט דעם זיג פון דער געזעלשאַפט איבער דער נאַטור.

## א. באַגדאַנאָוו

באטראכטענדיג די דירעקטע באדייטונג פון קרעדיט געשעפט פאר די פארשיידענע עקאנאמישע קלאסען, מוז מען באמערקען אט וואס: אין דעם קלאס קאפיטאליסטען פארשנעלערט דער קרעדיט זעהר שטארק די אנטוויקלונג פון צוויי פארשיידענע פראצעסען. ערשטענס, קומט שנעלער פאר דער פראצעס פון אפשיידען די גרויסע קאפיטא־ליסטען פון די קליינע: איינע, האבענדיג א מעגליכקייט פריי צו באַ־נוצען זיך מיט קרעדיט, ברייטערען שנעל אויס זייערע אונטערנעמונגען און פארגרעסערען די קאפיטאלען; פאר די אנדערע איז דער קרעדיט צוגענגליך אין א גאנץ קנאפער מאס, אין אלגעמיין, איז ער מער גע־גען זיי איידער פאר זיי, און די קאנקורענץ ווערט פאר זיי אלץ שווערער. צווייטענס, קומט שנעלער פאר דער פראצעס פון אפשיי־דען די פארטיילונג און פארברויכונג ראלע פון די קאפיטאליסטען פון זייער ארגאניזאטארישער ראלע אין דער פראדוקציע. די ביינק גיבען א מעגליכקייט פאר אלץ א גרעסערען טייל קאפיטאליסטען צו לעבען פון די פראצענטען אויף זייערע קאפיטאלען, אהן קיין שום טרחה פון זייער זייט אליין צו פירען אונטערנעמונגען; אלץ מער קאפיטאליסטען פארוואנדלען זיך אין ריינע „ראנטיע.“ (דאס ווארט „רענטע“ מיינט בכלל א הכנסה, וואס קומט ניט פון אייגענער טעטיגקייט אין דער פראדוקציע, ווי אן ארגאניזאטאר צי ווי אן אויספאלגער, נאר פשוט דערפון וואס מע איז א באלעבאס פון עפעס אן אייגענטום, ד.ה., פון א פראדוקציאנס שטאנדפונקט — א פאראזיטישע הכנסה. אזוי איז די ערד־רענטע, וואס דער ערד־אייגענטימער קריגט נאר אויף דעם איינציגען סמך, וואס ער איז באלעבאס אויף דער ערד; אזוי איז אויך די רענטע פון א קאפיטאל, וואס מע בארגט אוים א באנק צי פריוואטע מענשען).

פאר די ארבעטער, וואס זיינען פארנומען מיט פראדוקטיווער ארבעט, האט די אנטוויקלונג פון קרעדיט קיין שום דירעקטע באדיי־טונג ניט: קרעדיט עקזיסטירט, בכלל גערעדט, ניט צוליב זיי.

דער פארנעם פון דעם קרעדיט געשעפט איז איצטער געוואלדיג גרוים, און ער וואקסט שרעקליך שנעל. אפילו אין אזא אינדוסטריעל אפגעשטאנענער מדינה, ווי רוסלאנד, דערגרייכט דער אומזאץ פון די

ביינק אין די מיליאַרדען. אין יאַפּאַן האָט זיך דער אייגענער קאַפּי־טאַל פון די ביינק אין 10 יאָר, פון 1894 ביז 1904, פאַרגרעסערט אין 5 מאָל — פון 112 מיליאָן יען ביז 540 מיליאָן; די סומע פון פּקדונות איז אויסגעוואַקסען אין 10 מאָל גרעסער, פון 292 ביז 2.988 מיליאָן יען.

אין די פאַראייניגטע שטאַטען האָט דער סך־הכל פון די באַנק אָפּעראַציעס פאַר'ן יאָר 1892 אָנגעטראָפען 65.265 מיליאָן דאָלער. מיט אַ יאָר שפּעטער האָט זיך דער אומזאַץ פון די ביינק פאַרקלענערט כמעט אויף 8.000 מיליאָן דאָלער, ד.ה. אויף ⅛, און די סומע באַנ־קראָטען האָט זיך פאַרגרעסערט אין דרייען און האָט דערגרייכט ביז 347 מיליאָן. — ציפערען, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער ג י ט ש ט א נ ד ה א פ ט י ג ק י י ט פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט.

ג). ד י א ק צ י א נ ע ר ע פ א ר מ ע ן פ ו ן
א ו נ ט ע ר נ ע מ ו נ ג ע ן.

אויפ'ן גרונט פון דעם אַנטוויקעלטען קרעדיט האָט זיך באַוויזען אַ באַזונדערער, אייגענאַרטיגער טיפּ פון קאַפּיטאַליסטישע אונטער־נעמונגען — אַקציאָנערע קאַמפּאַניעס (אויף ענגליש — „סטאָק קאָמ־פּאַניז").

דער סדר פון דער אַנטוויקלונג פון אָט דער פאָרמע איז גע־ווען אַן ערך אַזוי. ניט זעלטען פלעגט טרעפען, אַז אַ קאַפּיטאַליסט, בא וועמען עס האָט ניט געכאַפּט קיין אייגענע מיטלען פאַר אַן אונ־טערנעמונג און ער האָט ניט געהאַט גענוג קרעדיט פון אַנדערע קאַ־פּיטאַליסטען, פלעגט ער נעמען צו זיך שותפים מיט קאַפּיטאַלען, כדי צו פירען דאָס געשעפט אינאיינעם. אין תוך איז דאָס אַ מין הלואה אויף ספּעציעלע באַדינגונגען, אַ הלואה, וואו די קרעדיטאָרען קריגען אַ רעכט פערזענליך צו באַטייליגען זיך אין דער אונטערנעמונג און צו קאָנטראָלירען זי, דערביי קריגען זיי אַנשטאַט ציינזען אַ חלק לפי־ערך נאָך אין די פּראָפיטען. דער איבערגאַנג פון אַזעלכע שותפות'ע אונטערנעמונגען צו אַקציאָנערע געזעלשאַפטען באַשטעהט אין דעם,

## א. באַנקראָט

וואָס די ערשטע אָרגאַניזאַטאָרען פון דעם געשעפט ליאָדען איין ניט באַשטימטע באַזונדערע מענשען, נאָר איטליכען וואָס וויל נאָר, וואָס קען אריינטראָגען כאָטש אפילו אַן אומבאַדייטענדיגען חלק קאַפּיטאַל. דערביי באַנוצט מען זיך מיט'ן מיטעל, וואָס דאָס קרעדיט געשעפט האָט אויסגעאַרבעט — מען לאָזט אַרויס ווערט־פּאַפּירען, וואָס רופען זיך אין אָט דעם פאַל אַקציעס (אויף ענגליש — „שערז").

עס גרינדעט זיך אַ גרויסע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונג, — למשל, עס אָרגאַניזירט זיך אַן אייזענבאַן, אַ שיף־געזעלשאַפט און ד. גל. מען לאָזט אַרויס, לאָמיר זאָגען, 10.000 אַקציעס צו 100 רובל; איטליכע אַקציע שטעלט מיט זיך פאָר אַ דאָקומענט אויף צו קריגען 1/10.000 פּראָפיט פון דער אונטערנעמונג. די קאַפּיטאַליסטען קויפען זיי — צו איינע, צו צוויי, צו הונדערט און אַז. וו. אויף אַזאַ'ן אופן שלאָגט זיך צענויף אַ קאַפּיטאַל פון אַ מיליאָן רובל, און מיט דעם הייבען אָן די אָרגאַניזאַטאָרען דאָס געשעפט (אליין גיבען זיי אָפט נאָר אַ קליינעם חלק פון דעם קאַפּיטאַל). נאָכדעם ווי עס זיינען געדעקט געוואָרען אַלע הוצאות און עס איז אויסגעצאָלט געוואָרען געהאַלט צו אַלע אַנגעשטעלטע וואָס פירען דאָס געשעפט, בלייבט ריינע פּרנסה פאַר אַ יאָר 60.000 רובל. אָט דאָס געלט צעטיילט מען צווישען די אַקציאָנערען אין דער פאָרמע פון דיווידענד, ווי מען רופט עס, — צו 6 רובל אויף אַן אַקציע.

דער אייגענטימער פון אַן אַקציע קען זיך גאָר קיין אַנטייל ניט נעמען אין דער געשעפט פירונג פון דער געזעלשאַפט; און טאָמער באַטייליגט ער זיך יאָ, איז דאָס נאָר וואָס ער קומט אויף די אַלגע־מיינע פאַרזאַמלונגען פון די אַקציאָנערען, וואו מען קלייבט אויס אַ פאַרוואַלטונג, מען באַשטעטיגט די באַריכטען, מען צעטיילט די הכנסה.

אָט דאָס זיינען די אַקציאָנערע קאָמפּאַניעס — קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען, וואו אַנשטאָט איין אונטערנעמער איז פאַראַן אַ סך אַקציאָנערען, און וואו די אַרבעט פון פירען דאָס געשעפט איז לחלוטין אָפּגעטיילט פון דער „אַרבעט" צו האָבען קאַפּיטאַל, און איז איבער־געגעבען אין די הענט פון געדונגענע אָרגאַניזאַטאָרען — די דירעק־טאָרען און דער פאַרוואַלטונג.

# פּאָליטישע עקאָנאָמיע

אויסנוצנדיק דעם פּראָטעקציאָניזם פון סטעגעץ, זיינען די קליינע קאַפּיטאַליסטן, ווי מיטגלידער פון א גרויסער, מעכטיגער אונטערנעמונג א סך בעסער באַשיצט אנקעגן דער געפערליכער קאָנקורענץ. אויפהיטענדיק די קליינע קאַפּיטאַליסטן, אָפּהאַלטענדיק זייער איבערגאַנג אין די רייען פון אומפּאַרמעגליכע, שאַפענדיק די קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַלן, נים מאכענדיק דערביי קיין טויט די קאַפּיטאַליסטן, ווייזן דערמיט די אקציאָנערע געזעלשאַפטן א טענדענץ אָפּצוהיטן די כוחות פון דעם קלאַס אונטערנעמער. נאָר א סך שטאַרקער ווירקן זיי אין א פאַרקערטן זינען, פאַרוואַנדלענדיק די קאַפּיטאַליסטן אין פשוט'ע „ראַנטיע," אָפּנעמענדיק בא זיי זייער פּאַקטישע ראָלע אין דער פּראָדוקציע, דערפירענדיק זייער באַדייטונג אין דער געזעלשאַפט ביז צו הוילע פּאַראַזיטיזם.

איבעריגענס, אפילו אין דעם ענין פון אויפהאַלטן די צאָל פון דעם קלאַס אונטערנעמער איז די באַדייטונג פון די אקציאָנערע געזעלשאַפטן אויך נים איבעריק גרויס. די קאָנקורענץ, דערהויפּט אין די פאַרשאַרפטע מאָמענטן — אין דער צייט פון קריזיסן — שניידט ווי מיט א מעסער אפילו די אקציאָנערע אונטערנעמונגען, הגם נים אזוי פיל ווי די אונטערנעמונגען פון איינצעלנע קאַפּיטאַליסטן. דערפאַר אבער, ווען אן אקציאָנערע געזעלשאַפט פאַלט, געהט אריבער פון דעם קלאַס אייגנטימער אין די רייען פון אומפּאַרמעגליכע מיט אמאָל א גרויסע צאָל מענטשן.

אין דעם ענין פון פאַראייניגן די קאַפּיטאַלן איז די באַדייטונג פון דער אקציאָנערער פאָרמע פון אונטערנעמונגען זעהר א גרויסע. אין איין געשעפט פאַראייניגן זיך צענדליגער, הונדערטער מיליאָנען. נאָר די אקציאָנערע סיסטעמע שאַפט א מעגליכקייט פאַר אזעלכע געוואַלדיגע אונטערנעמונגען, ווי אן אייזענבאַן צווישן צוויי אקעאַנען איבער גאַנץ צפון־אַמעריקע, אן אייזענבאַן, וואָס האָט אָפּגעקאָסט עטלעכע הונדערט מיליאָן, צי ווי די „דורכגראָבונג" פון דעם פּאַנאַמער קאַנאַל, וואָס האָט אָפּגעקאָסט נאָך מער.

דער וואוקס פון אקציאָנערע געזעלשאַפטן איז די לעצטע צייט

אנגעגאַנגען זעהר שנעל. די שנעלע אַנטוויקלונג זייערע ווייזט אויף זייער מעלה אַנקעגען די אונטערנעמונגען פון יחידים.

דער אַקציאָנערער קאַפּיטאַל צייכענט זיך אויס אויפ׳ן העכסטען גראַד דורך זיין אינטערנאַציאָנאַלען כאַראַקטער. די אַקציאָנערען פון איין און דערזעלביגער אונטערנעמונג זיינען אָפט איינוואוינער פון די פאַרשיידענסטע לענדער אין דער וועלט. גאַנץ אָפט אָרגאַניזירט זיך אַן אַקציאָנערע געזעלשאַפט אין איין לאַנד מיט׳ן צוועק צו עקספּלואַ־טירען די נאַטור אוצרות פון אַן אנדער לאַנד: ענגלישע, בעלגישע קאָמפּאַניעס בויען זייערע פאַבריקעס אין רוסלאַנד, און ד. גל.

## ד). די בערזע.

אַז עס וואַקסט אויס די צאָל, דער פאַרנעם און די פּראָדוקטיוויטעט־קייט פון די אויסטויש און קרעדיט אָפּעראַציעס, באַווייזט זיך אַ באַ־דערפעניש אין צענטראַלע מאַרק אינסטיטוציעס, וואו עס זאָלען זיך צוזאַמענקומען אַלע ידיעות וועגען נאָכפרעגע און אָנבאָט און וואו עס זאָלען איינגעשטעלט ווערען אַלגעמיינע פּרייזען אויף סחורות און פּאַ־פּירען. אָט די באַדערפעניש ווערט באַפרידיגט דורך אַ בערזע (אויף ענגליש — „סטאָק עקסטשעינדזש“), וואָס עקזיסטירט אין איטלעכען גרעסערען האַנדעלס צענטער. דאָס זיינען פאַרזאַמלונגען פון גרויסע קאַפּיטאַליסטען, וואָס מערסטענטיילס אָרגאַניזירט זיי די רעגירונג, וואו עס שליסען זיך די גרעסטע געשעפטען, וואו עס קאָנצענטרירט זיך דאָס מאַרק לעבען, וואו עס ווערט איינגעשטעלט מיט דער הילף פון די בעסטע פאַרקערס מיטלען אַ צוזאַמענבונד מיט די מערק פון אַנדערע שטעט און לענדער און עס קומען זיך צענויף ידיעות פון פאַרשיידענע טיילען פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט.

פאַראייניגענדיג אי דעם נאָכפרעגע אי דעם אָנבאָט, שאַפט די בערזע אָפּ די ספּעציעלע וואַקלונגען פון דער מאַרק קאָנקורענץ און פון די פּרייזען אויף סחורות, וואָס ווענדען זיך אָן אָרטיגע, צופעליגע באַדינגונגען. די וואַקלונגען אָבער פון אַ מער אַלגעמיינעם און ברייטען כאַראַקטער שאַפט זי ניט אָפּ, נאָר זי מאַכט זיי גרינגער צו פאַר־

שפרייטען זיך אויף דעם גאנצען פעלד פון קאפיטאליסטישען אויס־טויש און קרעדיט.

א דאנק דעם ניט איינגעשטעלטען כאראקטער פון די אויסטויש באציהונגען, זיינען שטענדיג מעגליך טיילווייזע, מער אדער ווייניגער באדייטענדיגע צערודערונגען אין דעם מעכאניזם פון אויסטויש, וואס דריקען זיך אויס אמאל אין א צו שטארקען צופלוס פון געוויסע סחורות אין געוויסע אפטיילען פון דער סחורה וועלט, אמאל אין א צייטווייליגען מאנגעל פון סחורות פאר א געוויסען מארק. למשל, אין אמעריקא איז צייטווייליג געווען א גוטער נאכפרעג אויף זיידענס, און א סך פראנצויזישע סוחרים האבען מחמת דעם אנגעפירט, ניט ווי־סענדיג איינער פון דעם אנדערען, א מאסע זיידענס קיין אמעריקע: אויף אזא'ן אופן ווערט דער מארק איבערגעלאדען, די מקחים פון דער סחורה פאלען אין דער ערד אריין, די סוחרים ליידען גרויסע היזקות, — עס ווערט א גאנצער קריזיס אין אט דעם פעלד פון אויסטויש; דאס אלץ וואלט אבער געקענט ניט זיין בא א מער גלייכמעסיגער צעטיילונג פון דער סחורה איבער'ן וועלט מארק. אט פון אזא סארט אויפטרייסלונגען פארהיט די בערזע ארגאניזאציע אין א היפשער מאס קודם כל דורך דעם, וואס זי פאראייניגט די ידיעות וועגען נאכפרעג און אנבאט. און גיט די קאפיטאליסטען כאטש אן אומגעפער ריכטיגע פארשטעלונג וועגען דעם צושטאנד פון פארשיידענע מערק. אחוץ דעם, טראגט די בערזע אריין נאך אין א גרעסערער מאס ארדענונג און צוועקמעסיגקייט אין די מארק באציהונגען מיט דער הילף פון א באזונדער סארט געשעפט אפמאכען — קניות מיט א טערמין.

איין קאפיטאליסט שליסט מיט דעם אנדערען א קאנטראקט, לויט וועלכען דער אנדערער איז זיך מתחייב צוצושטעלען פאר דעם ערשטען צו א באשטימטען טערמין אין א באשטימטען ארט א געווי־סען סכום סחורה, מיט א שטראף פאר ניט האלטען ווארט. אונטער־ציהענדיג דעם בערזען סך־הכול פון אזעלכע קניות מיט א טערמין, קריגט איטלעכער קאפיטאליסט א מעגליכקייט זיך קלאר צו מאכען ווי גרויס עס וועט זיין דער אנבאט פון אט דער סחורה אויפ'ן מארק פון א געוויסען ראיאן פאר דעם נאהענטסטען פעריאד צייט. דעם גע־

## א. באָגדאַנאָוו

וויינטליכען נאָכפרעג פאַר א געוויסען מאַרק געפינט מען אויס אויפ'ן סמך פון אַן אויסרעכענונג פון די פריהערדיגע אָפּעראַציעס אויף דעם־זעלביגען מאַרק. אויף אַזאַ'ן אופן ווערט שוין מעגליך אומגעפער אויסצורעכענען, וואָס עס וועט אין א געוויסער צייט זיין א גענוגענ־דיגער נאָכפרעג אויף סחורה און וואו, פאַרקערט, די באַדינגונגען פון אויסברייננגען סחורה וועלען זיין ניט קיין גינסטיגע. אַזוי, מיט דער הילף פון קניות אויף א טערמין רעגולירט זיך אין אַ געוויסער מאָס דער אויסטויש, די סחורות ווערען פאַנאַנדערגעטיילט צווישען די מערק לפי־ערך גלייכמעסיגער, עס ווערט פאַרמיטען א צופעליגע איבערלאָ־דונג פון איין מאַרק און אַ קנאַפּער אָנבאָט אויף דעם אַנדערען.

כדי ניט איבערצוטרייבען די עקאָנאָמישע באַדייטונג פון דער בערזען אָרגאַניזאַציע, דאַרף מען געדיינקען, אַז איר רעגולירענדיגער איינפלוס ווירקט נאָר אויפ'ן געביט פון אויסטויש, און דעם הויפט געביט פון עקאָנאָמישען לעבען — די פּראָדוקציע רירט זי אָן נאָר אומדירעקט; און אפילו אין דעם אויסטויש איז איר איינפלוס באַגרעניצט: די בערזע פאַראייניגט דאָס לעבען פון מאַרק ניט אינגאַנצען, זעהר א סך ווערט אָפּגעטאָן פון די קאַפּיטאַליסטען מחוץ פון דער בערזע; און אפילו די ידיעות וועגען דעם גאַנג פון דעם עקאָנאָמישען פּראָצעס, וואָס קומען זיך אַהין צענויף, זיינען אין גרעס־טען טייל נאָר אומגעפער, ניט גאָר פּינקטליך, די אויסרעכענונגען זיי־נען היפּאָטעטישע (בדרך השערה); ענדליך, וואָס איז נאָך וויכטיגער, די געגענזייטיגע באַציהונגען פון די קאַפּיטאַליסטען אויף דער בערזע בלייבען דיזעלביגע, וואָס אויסער דער בערזע — באַציהונגען פון קאַמף, קאָנקורענץ.

### ה). ספּעקולאַציע.

אויפ'ן גרונט פון דעם הויך אַנטוויקעלטען אויסטויש און קרעדיט דערגרייכט צו אַ געוואַלדיגען פאַרנעם און עס קריגט אַ גרויסע באַ־דייטונג אין דעם לעבען פון דער געזעלשאַפט א באַזונדער אופן פון „פּאַרטיילונג", וואָס מען רופט ספּעקולאַציע.

## פאָליטישע עקאָנאָמיע

אין דעם יסוד פון ספּעקולאַציע ליגען די וואַקלונגען פון פּרייזען אויף סחורות אין מאַרק, וואָס זיינען אָפּהיינגיג פון נאָכפרעג און אָנבאָט. אויב איינער קויפט סחורה נאָר צוליב דעם, ער זאָל עס איבערפאַרקויפען ווען דער פּרייז וועט זיך העכערען, איז ער א ספּעקולאַנט. אויף אַזאַ'ן אופן קען איטלעכער האַנדעל אַננעמען א ספּעקולאַטיווען כאַראַקטער; און ספּעקולאַציע איז אין דער געשיכטע פונקט אַזוי אַלט, ווי דער האַנדעל אַליין.

אַזוי ווי די ענדערונגען אין די פּרייזען קומען פאָר ניט אַלעמאָל לויט די אויסרעכענונגען פון דעם ספּעקולאַנט, ברייגנט אים זיין באַשעפטיגונג אָפט ניט קיין פּראָפיט, נאָר אָנווער; בכלל, איז דאָס אַן אייגענאַרטיגע שפּיל, וואָס איז פאַרבונדען מיט ריזיקע, ווי איטלעכע אַנדער שפּיל.

אין אַן אַנטוויקעלטער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט טרעט אַרויס די ספּעקולאַציע מערסטענטייל אין דער פאָרמע פון „שפּילען אויף דער בערזע", ווי מען רופט עס; די בערזעס זיינען די צענטרם פון אָט דער שפּיל; איר הויפּט אינסטרומענט זיינען ווערט־פּאַפּירען און אין א קלענערער מאָס — אַלע אַנדערע סחורות.

דער קרעדיט און די אַקציאָנערע אונטערנעמונגען זיינען א קוואַל פון אַן אומגעהייערער מאַסע ווערט־פּאַפּירען, וואָס דרייען זיך אויפ'ן מאַרק: וועקסלען, אומטוישבאַרע פּאַפּיר־געלט, אָבליגאַציעס, אַקציעס, כל'ערליי פּראָצענט פּאַפּירען און אַנד. מלוכה חובות אַליין שאַפען ווערט־פּאַפּירען אויף א סך מיליאַרדען; און דער אַלגעמיינער ווערט פון אַזעלכע פּאַפּירען, וואָס געפינען זיך אין פאַרקער, דאַרף דערגרייכען אין די צענדליגער מיליאַרדען. איטלעכס פּאַפּירעל אַזאַ שטעלט מיט זיך פאָר, ווי עס איז שוין באַוויזען געוואָרען, א געזעצליכע צייגעניש אויף צו קריגען אַ געוויסען חלק מערווערט, וואָס די געזעלשאַפטליכע אַרבעט האָט באַשאַפען.

אַזוי ווי ווערט־פּאַפּירען האָבען דאָך קיין אייגענעם געברויך־ווערט גאָרניט (זייער אייגענער אַרבעטס־ווערט איז א נישטיגער), ליידט זייער מאַרק פּרייז זעהר שטאַרק פון וואַקלונגען אין צוזאַמענהאַנג

## א. באָגדאַנאָוו

מיט׳ן נאָכפרעג און אָנבאָט. און טאָקע דעריבער זיינען ווערט־פּאַפּי־
רען זעהר אַ באַקוועמער אינסטרומענט פון ספּעקולאַציע.

לאָמיר זעהן, ווי אזוי פארשיידענע אורזאַכען רופען אַרויס ענ־
דערונגען אין דעם מאַרק פּרייז פון פּאַפּירען.

אַן אַקציאָנערע אונטערנעמונג געהט גוט און צאָלט אויף איט־
לעכע 100 רובל קרן 15 רובל דיווידענד; און דער געוויינטליכער
קרעדיט פּראָצענט אין דער געזעלשאַפט איז 5% יערליך. אויף אַזאַ׳ן
אופן איז די הכנסה פון איין הונדערט־רובלדיגער אַקציע פּונקט אַזאַ, ווי
געוויינטליך פון 300 רובל; נאַטירליך, אַז מען וועט אַזאַ אַקציע
גערן קויפען פאַר אַ סומע פון אַן ערך 300 רובל. פאַרקערט אויב מען
קען האָפען נאָר אויף 1 רובל אַ יאָר הכנסה פון אַן אַקציע, וועט איר
מאַרק פּרייז זיין — אַרום 20 רובל. דאָס איז די הויפּט אורזאַך,
פאַרוואָס דער פּרייז פון פּאַפּירען וויגט זיך: די וואַרשיינליכקייט צו
קריגען מער אָדער ווייניגער הכנסה פון די פּאַפּירען. אָבער אַ „וואַר־
שיינליכקייט" איז נאָך ניט קיין פולע זיכערקייט; אַ סך זאַכען קענען
זיך אויסווייזען פאַר מענטשען צו זיין וואַרשיינליך אויף׳ן גרונט פון זייי־
ער שטימונג, פון האָפענונגען אָדער שרעקען, מיט וועלכע די אַלגע־
מיינע לאַגע רעגט זיי אָן. דאָס ברייננגט אונז צו נאָך אַן אורזאַך,
וואָס רופט אַרויס עפּטערע און ניט זעלטען זעהר שטאַרקע אויפרו־
דערונגען אין די מאַרק פּרייזען — צו דער „שטימונג פון מאַרק".

איטלעכע אויפטרייסלונג, איטלעכער קליינער שטויס אַפילו, וואָס
די געזעלשאַפטליכע ווירטשאַפט ליידט, רופט זיך גלייך אָפּ אויף׳ן
פּרייז (דעם קורס) פון פּאַפּירען.

אויב די זיכערקייט מיט׳ן מאָרגענדיגען טאָג ווערט, איבער עפּעס
אַן אורזאַך, אַ ריין עקאָנאָמישער צי אַ פּאָליטישער, פאַרלאָרען אָדער
אַפילו אַ ביסעל אָפּגעשוואַכט, הייבט שוין אָן דער „ראַנטיע" צו ציי־
טערען, אַז די פּאַפּירען, וואָס ער האָט אויף׳ן האַנט, זאָלען ניט פאַר־
לירען אַ חלק, אויב ניט אינגאַנצען, פון דער מאַגישער קראַפט זייערער
— ניט ווערענדיג געמינערט אין ווערט, אַריינצוטראָגען הכנסה. אַט
די מורא צווינגט אים אָנצושלאָגען זיך מיט זיינע פּאַפּירען צו איט־
לעכען, וואָס איז נאָר אַ בעלן צו קויפען זיי. דער אָנבאָט פון ווערט־

פאפירען אויפ'ן מארק וואקסט שנעל; אבער דער נאכפרעג פאלט, מחמת דערזעלביגער ניט זיכערקייט מיט'ן מארגענדיגען טאג. אזא ניט גלייכהייט פון נאכפרעג און אנבאט רופט גלייך ארויס א פאלען פון קורס פון פאפירען; און עס טרעפט, אז זיי פאלען אזוי שטארק און האסטיג, אז א מאסע „ראנטיע" פארקויפען זייערע פאפירען ממש פאר גארנישט און ווערען בדיל־הדל.

דערוויילע בייט זיך די לאגע, די אלע שרעקען ווייזען זיך ארויס אהן קיין שום גרונט, די פאפירען בריינגען הכנסה ווי געווען, און זיי הייבען זיך ווידער אין פרייז. דאן ווערען מיט אמאל נתעשר די געשעפט־מאכער, וואס האבען זיי אויפגעקויפט אין דעם מאמענט ווען זיי זיינען געפאלען.

עס קען אויך געמאלט זיין א גיכע, ניט קיין פעסטע שטייגערונג פון פרייז פון ווערט־פאפירען אונטער דער ווירקונג פון מער אדער ווייניגער צופעליגע אומשטאנדען. ווען, למשל, עס טראגען זיך קלאנגען, און די צייטונגען באהויפטען, אז עס איז דא א האפענונג א געוויסע אונטערנעמונג זאל ארבעטען מיט גרויס דערפאלג און אריינטראגען זעהר א גוטען פראפיט, דאן הייבט זיך שנעל דער פרייז פון די אקציעס פון אזא'ן אונטערנעמונג, און די וואס פארקויפען זיי אין א מאמענט, ווען זיי שטעהען הויך, ווערען נתעשר אויפ'ן חשבון פון די נאאיווע קונים.

אין אט די שטענדיגע וואקלונגען געפינט פאר זיך די ספעקולאציע די גינסטיגסטע באדינגונגען. ווערט־פאפירען — זיינען נאר די באקוועמסטע סחורה פאר ספעקולאציע. ספעקולאציעס מיט אנדערע סחורות (דערהויפט מיט ארטיקלען פון אינטערנאציאנאלען האנדעל) ווערען געמאכט אויף דעמזעלביגען שטייגער.

די ספעקולאטיווע שפיל רופט ארויס א מאסע פארשיידענע המצאות, נארעריי, באשאפט א באזונדער ארט שווינדלעריי, וואס איז זעהר שטארק אנטוויקעלט אין דער היינטיגער בערזען וועלט.

אזוי ווי די פרייזען בייטען זיך אויפ'ן סמך פון דער „שטימונג אויפ'ן מארק," טא ווענדט מען אן כל'ערליי געזעצליכע און אומגעזעצליכע מיטלען כדי צו ווירקען אויף דער שטימונג אין א געוויסען

זינען. למשל, אז מען וויל ארויסרופען א פאַלען אין קורס פון גע־וויסע פּאַפּירען, כדי צו אויפקויפען זיי ביליג, הייבט מען אָן צו פאַר־שפּרייטען, מינדליך און דורך דער אונטערגעקויפטער פּרעסע, ניט קיין גינסטיגע קלאַנגען וועגען דער אונטערנעמונג; די וואָס האַלטען די פּאַפּירען ווערען אומרוהיג, און ברייגגען זיי אַראָפּ פאַר ביליג. אַז מען דאַרף א העכערונג אין קורס, טוט מען פאַרקערט — מען לויבט אין טאָג אריין, מען רעקלאַמירט די אונטערנעמונגען, מען שטעלט אפילו צענויף פאַלשע באַריכטען וועגען דעם גלענצענדיגען צושטאַנד פון די געשעפטען דאָרט.

די פּאַנאַמער געשיכטע מיט איר אומגלויבליכער מאַסע ליגענס, פעלשונגען, כאַבאַרען, גנבה, מיט אירע מיליאַרדען היזקות און דעם חורבן פון טויזענטער מענטשען — איז א טייערער מוסטער פון דעם גייסט, וואָס ספּעקולאַציע אנטוויקעלט בא די טוער פון דער בערזען־וועלט.

אין אונזער צייט שפּילען די ספּעקולאַציעס אויף'ן בערזע זעהר א גרויסע ראָלע בא דער צוזאַמענשטעלונג פון גרויסע עשירות און דער פאַראַרעמונג פון א סך קאַפּיטאַליסטען, בכלל — אין דעם פּראָצעס פון קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַלען. א היפּשער טייל פון די היינ־טיגע מיליאָנערען האָבען אָט אויף דעם אופן געקראָגען זייערע געוואַל־דיגע פאַרמעגענס. (אזוי האָט דער אמעריקאַנער ה ו ד זיך באַרימט געמאַכט מיט זיינע אומגעוויסענהאַפטע ספּעקולאַציעס, און האָט אָנ־געקליבען א פאַרמעגען פון א פערטעל מיליאַרד, דערביי רעכענט זיך זיין יערליכע הכנסה אין 27 מיליאָן, 74.000—א מעת־לעת, 50 רובל א מינוט. אין ע ט ל י כ ע מ אָ ל ג ר ע ס ע ר זיינען איצטער די קאַפּיטאַלען פון ראָקעפעלער'ן; געננוי וויפיל ער פאַרמאָגט איז אומ־באַוואוסט. אזעלכע בערזען מולטי־מיליאָנערען און מיליאַרדערען איז פאַראַן א סך דערהויפּט אין אמעריקע; נאָר אין איירּאָפּע פעלען זיי אויך ניט.)

די הערשאַפט פון שווינדעל, וואָס די ספּעקולאַציע רופט אַרויס, גראָבט אונטער אין וואָרצעל דעם צוטרוי און דעם דורך־אַרץ פון די

גרויסע מאָסען צו דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעמע, וואָס באַשאַפט אַט די דערשיינונגען.

הייסט עס, די געזעלשאַפטליכע אורזאַכען פון ספּעקולאַציע ליגען אין דעם ניט געאָרגאַניזירטען כאַראַקטער פון די אויסטויש באַציהונגען, און דעריבער וואַקסט זיך אַרויס דאָס ווערט־געזעץ אין דעם לעבען פון מאַרק נאָר אין אַ סטיכישער פאָרמע, אין שטענדיגע אַפּוויַיכונגען פון דער נאָרמע; און די געזעלשאַפטליכע רעזולטאַטען פון ספּעקולאַציע באַשטעהען אין לעצטען סך־הכול הויפּט־זאַכליך אין דער פאַרשנעלערטער אַנטוויקלונג פון די גרויס־קאַפּיטאַליסטישע באַציהונגען. אָבער טיילוויַיז אויך אין דעם וואָס זי דיסקרע־דיטירט זיי.

## 4). די פאַנאַנדערטיילונג פון דעם געזעלשאַפטליכען פּראָדוקט צווישען די פאַרשיידענע קאַפּיטאַליסטישע קלאַסען.

### א). פּראָפיט.

בנוגע דעם פּראָפיט פון די קאַפּיטאַליסטען כאַראַקטעריזירט זיך דער פּעריאָד פון מאַשינעס מיט צוויי אייגענשאַפטען: ערשטענס, דער יערליכער פּראָצענט פון פּראָפיט אויף קאַפּיטאַל ווערט קלענער, און צווייטענס, די אַלגעמיינע סומע פּראָפיט וואַקסט שנעל. לאָמיר באַטראַכטען די הויפּט אורזאַכען פון די ביידע אייגענשאַפטען.

אַ מאַשינע איז אַ געהילפס מיטעל צום אַרבעטען, און דער ווערט אירער געהט אַריין אין דעם צוזאַמענשטעל פון שטענדיגען קאַפּיטאַל. אין דערזעלביגער צייט פאַרבייט די מאַשינע דעם אַר־בעטער־אויספאָלגער און שטויסט אַרויס, הייסט עס, אַ טייל פון דער אַרבעטס קראַפט: די הוצאות אויף קויפען אַרבעטס קראַפט ווערען קלענער, ד.ה. עס פאַרקלענערט זיך דער פאַראַנדערליכער קאַפּיטאַל.

# א. באָגדאַנאָוו

אויף אַזאַ'ן אופן זעהען מיר, אַז מיט דער איינפירונג פון איט־לעבער נייער מאַשינע ווערט אַ געוויסער טייל פון פאַרענדערליכען קאַפּיטאַל פאַרביטען אויף אַ באַשטימטען טייל שטענדיגען קאַפּי־טאַל: גלייך מיט'ן וואוקס פון שטענדיגען געהט אַז די פאַרקלע־נערונג פון פאַרענדערליכען קאַפּיטאַל.

אויב די פּראָדוקציע פאַרברייטערט זיך זעהר שנעל ביים איינפי־רען פון מאַשינעס, דאַן קען געמאַלט זיין, אַז דער פאַרענדערליכער קאַפּיטאַל זאָל זיך ניט פאַרקלענען און זאָל גאַר גרעסער ווערען: ניט קוקענדיג אויף דער מאַשינע, קען זיין אַז אַרבעטער זאָל מען דאַרפען האָבען מער איידער פריהער. נאָר דער שטענדיגער קאַפּיטאַל — די הוצאות אויף מאַשינעס און מאַטעריאַלען — וואַקסט אויך אין דעם פאַל אַ סך שטאַרקער איידער דער פאַרענדערליכער, און אין פאַרגלייך מיט'ן שטענדיגען קאַפּיטאַל, ווערט דער פאַר־ענדערליכער אַלץ מאַקע קלענער, ד.ה. ער טרעפט אַז אַ קלענערען חלק איידער פריהער. צום ביישפּיל, איידער מען האָט איינגעפירט מאַשי־נעס, איז פאַרענדערליכען קאַפּיטאַל געווען אויף 5.000 באַ אַ שטענ־דיגען פון 10,000, ד. ה. ½ פון דעם שטענדיגען אָדער ⅓ פון פון דעם גאַנצען קאַפּיטאַל; און באַ די נייע באַדינגונגען איז פאַראַן פאַרענדערליכען קאַפּיטאַל אויף 8,000 אַנקעגען 32,000 שטענדיגען, ד. ה. ¼ פון דעם שטענדיגען אָדער 1/5 פון דעם גאַנצען קאַפּי־טאַל. מיט אַנדערע ווערטער, ווען מיר נעמען אים אַבסאָלוט, אַליין פאַר זיך, איז דער פאַרענדערליכער קאַפּיטאַל אויסגעוואַקסען, אָבער רעלאַטיוו — אין פאַרגלייך מיט'ן גאַנצען קאַפּיטאַל, — ווי אַ טייל פון דעם גאַנצען קאַפּיטאַל, — איז ער קלענער געוואָ־רען.

בדרך כלל, איז דאָס שייך אויך צו איטלעכען פּראָגרעס פון דער טעכניקע: אויב אין אַ געוויסער פּראָדוקציע האָט זיך געהויבען די פּראָדוקטיוויטעט פון אַרבעט, וועט זיך אויף אַ געוויסען סכום שטענ־דיגען קאַפּיטאַל — געצייג און מאַטעריאַלען — פאָדערען ווייני־גער לעבעדיגע אַרבעט, איידער פריהער, ווייניגער אַרבעטס קראַפט, ווייניגער פאַרענדערליכען קאַפּיטאַל. נאָר גראָד אין דער מאַשין־

פּראָדוקציע, וואו די העכערונג פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון אַרבעט קומט פאָר זעהר שנעל, זעהט זיך אָן אַמ די דערשיינונג באַזונדער בולט.

אין דער ענגלישער טעקסטיל פּראָדוקציע אין אָנהייב 18־טען יאָר־הונדערט איז דער גאַנצער אַריינגעלייגטער קאַפּיטאַל באַשטאַנען העלפט אויף העלפט פון שטענדיגען קאַפּיטאַל און פאַרענדערליכען. שוין אין די 60־ער יאָרען פון 19־טען יאָרהונדערט איז דער שטענ־דיגער טייל קאַפּיטאַל געווען 7/8, און דער פאַרענדערליכער ⅛. ד. ה. רעלאַטיוו אין 4 מאָל ווייניגער ווי פריהער (אַבסאָלוט איז אַמ די אַכטעל, מחמת דעם וואוקס פון דעם גאַנצען קאַפּיטאַל, אַסך גרעסער איידער די פריהערדיגע העלפט).

פריהער איז שוין דערוויזען געוואָרען, אַז מערווערט ווערט באַ־שאַפען דורך דער אַנווענדונג פון אַרבעטס קראַפט, און אַז דעריבער ווענדט זיך די גרויס פון דעם מערווערט ניט אָן דער גרויס פון דעם קאַפּיטאַל, נאָר אָן דער גרויס פון זיין פאַרענדערליכען טייל, פאַר וועלכען מען קויפט אַרבעטס קראַפט.

די נאָרמע פון מערווערט באַווייזט, וואָס פאַר אַ פּראָצענט פון דעם פאַרענדערליכען קאַפּיטאַל דער מערווערט טרעפט אָן; די פּראָ־פיט־נאָרמע באַווייזט דעם פּראָצענט וואָס דער מערווערט טרעפט אָן אַנקעגען דעם גאַנצען קאַפּיטאַל — דעם שטענדיגען און דעם פאַר־ענדערליכען. דעריבער איז די פּראָפיט־נאָרמע אין אַזויפיל מאָל קלע־נער פון דער מערווערט־נאָרמע, אויף וויפיל דער פאַרענדערליכער קאַפּיטאַל איז קלענער פון דעם גאַנצען קאַפּיטאַל.

באַ דער איינפירונג פון מאַשינעס און בכלל מיט דער אַנטוויק־לונג פון דער פּראָדוקציאָנס טעכניקע ווערט דער פאַרענדערליכער קאַפּיטאַל לפי־ערך קלענער. אויב די מערווערט־נאָרמע בייט זיך ניט, מוז די פּראָפיט־נאָרמע פאַלען.

לאָמיר זאָגען, אַז די מערווערט־נאָרמע איז 100%, דער שטענ־דיגער קאַפּיטאַל איז 8,000 רובל, דער פאַרענדערליכער 2,000,

ד. ה. דער ערשטער טרעפט אַז 4/5 פון דעם גאַנצען קאַפּיטאַל, און דער צווייטער — 1/5. דאַן וועט דער מערוועדט אַנטרעפען 2,000 רובל, און די פּראָפיט־נאָרמע איז 20%.

מיט דער אַנווענדונג פון נייע מאַשינעס האָט זיך דער שטענדיגער קאַפּיטאַל געהעכערט ביז 27,000, דער פאַרענדערליכער, לאָמיר זאָגען, ביז 3,000, ד. ה. — 9/10 און 1/10. דאַן איז דער מערווערט 3,000 רובל, און די פּראָפיט־נאָרמע ניט מער פון 10%. הגם אַבסאָלוט איז דאָ דער פאַרענדערליכער קאַפּיטאַל געוואָרען גרעסער אויף 1,000 רובל, אָבער רעלאַטיוו איז ער געוואָרען אין צווייען קלענער (1/10 אַנשטאַט 1/5), און די פּראָפיט־נאָרמע האָט זיך אויך פאַרקלענערט אין צווייען.

כדי דער חשבון זאָל אויסקומען איינפאַכער האָבען מיר דאָ אָנגענומען, אַז דער גאַנצער מערווערט געהט אַריבער אין פּראָפיט פון דעם קאַפּיטאַליסט. אין דער'אמת'ן איז דאָס ניט אַזוי; נאָר די ניט פּינקטליכקייט איז דאָ אַן אומבאַדייטענדיגע, און דעם עצם ענין בייט עס בשום אופן ניט.

לאָמיר זיך אומקערען צו אונזער ביישפּיל. ווען די אונטערנעמער זאָל זיך איינגעבען אויפצוהייבען די נאָרמע פון מערווערט אין צוויי מאָל אַזויפיל, ד. ה. ביז 200%, וואָלט די פּראָפיט־נאָרמע ווידער געוואָרען 20%, ד. ה. קיין פאַרקלענערונג פון דעם פּראָצענט וואָלט ניט פאָרגעקומען. אויף אַזאַ'ן אופן האָבען די אונטערנעמער אַ מיטעל ניט צו דערלאָזען, אַז דער פּראָצענט פון פּראָפיט זאָל פאַלען, און דאָס איז — צו פאַרגרעסערען די נאָרמע פון מערווערט, ד. ה. פאַרשטאַרקען די עקספּלואַטאַציע. און זיי באַנוצען זיך טאַקע מיט אָט דעם מיטעל (מען פאַרלייגערט דעם אַרבעטס טאָג, מען העכערט די אינטענסיוויטעט פון אַרבעט און אַז. וו.).

אָבער אַנוועגדענדיג אָט די מיטלען, האָט דער קאַפּיטאַליסט צו טאָן ניט מיט אַ טויטער מאַשינע, נאָר מיט אַ לעבעדיגען וועזען. אַ מאַשינע איז אַן אינערטע זאַך: אַז דער אונטערנעמער וויל, מאַכט ער זי צו אַרבעטען אָהן אַן אָפּשטעל 24 שעה אין מעת־לעת און מיט אַזאַ שנעלקייט, וואָס דער געבוי אירער קען נאָר דערלאָזען; דערביי

וועט זי אָפּגעניצט ווערען, וועט אויפהערען טויגען פאַר דער פּראָדוק־ציע מיט 4 מאָל שנעלער, איידער ווי אַרבעטענדיג 12 שעה אין מעת־לעת און באוועגענדיג זיך אין צווייען לאַנגזאַמער. גיט אַזוי איז אָבער דער מענטשליכער אָרגאַניזם; און אַ פאַרשטאַרקונג פון דער עקספּלואַ־טאַציע שטויסט זיך אָן פריהער אָדער שפּעטער אויף אַ ווידערשטאַנד מצד די אַרבעטער, וואָס וואַקסט אומאויפהערליך און געהט איבער אין אַ סיסטעמאַטישען קאַמף. דאָן פירט די רעלאַטיווע פאַרקלענע־רונג פון דעם פאַרענדערליכען קאַפּיטאַל, דאָס וואָס ער ווערט אַרויס־געשטויסען פון דעם שטענדיגען, צו אַ פאַרקלענערונג פון דעם פּראָ־צענט פון פּראָפיט, און אַזוי קען מען עס טאַקע זעהן אין דער ווירק־ליכקייט.

דערפאַר איז אין לענדער מיט אַ קנאַפּ אַנטוויקעלטען קאַפּיטאַ־ליזם דער פּראָצענט פון פּראָפיט לפי־ערך אַ הויכער: אין רוסלאַנד, למשל, איז ניט קיין זעלטענהייט צו טרעפען אונטערנעמונגען, וואָס גיבען 25% אויפ׳ן קאַפּיטאַל, אין דער צייט וואָס אין מערב־אייראָפּע איז שוין 5% אַ גוטע הכנסה. פאַרשטעהט זיך, דערביי ווירקען נאָך אַנדערע אורזאַכען, נאָר די הויפּט און גרונט אורזאַך בלייבט — די רעלאַטיווע פאַרקלענערונג פון פאַרענדערליכען קאַפּיטאַל.

אַ פאַרקלענערונג פון דעם פּראָצענט פון פּראָפיט מיינט נאָך ניט קיין פאַרקלענערונג פון דער אַבסאָלוטער גרויס פון דעם פּראָפיט, פון זיין סומע. אז מען קריגט 20% פון אַ קאַפּיטאַל פון 10,000, טרעפט עס אָן 2,000; אָבער ניט מער פון 10% פון אַ קאַפּיטאַל פון 40,000 טרעפט אָן גאַנצע 4,000. בכלל, דער פּראָפיט ווערט גרעסער, אויב דער וואוקס פון דעם קאַפּיטאַל געהט שנעלער איידער דאָס פאַלען פון דעם פּראָצענט.

אין דער עפּאָכע פון מאַשינעס געהט אָן די קאַפּיטאַליסטישע אָנ־זאַמלונג מיט אַ שנעלקייט נאָר צום שטוינען. אַ היפּשע אָנזאַמלונג איז געוועזן אַ נויטווענדיגע באַדינגונג פון דער מאַשין־פּראָדוקציע; נאָר די מאַשין־פּראָדוקציע גופא, אין איר אויסערגעוויינטליך שנעלער אַנטוויקלונג, רופט אַרויס אַ היפּש פאַרשנעלערטע אָנזאַמלונג.

ניט קוקענדיג אויף דעם וואַקסענדיגען פאַרברויך פון די ניט

# א. באָגדאַנאָוו

פראָדוצירענדיגע קלאַסען, ווערט אָבער כסדר אויך גרעסער דער חלק מערוועךט, וואָס ווערט פאַרוואַנדעלט אין קאַפּיטאַל און דינט כדי ווייטער ארורסצוציהען מערווערט פון געדונגענער ארבעט. די אָנזאַמ־לונג קומט פאָר אַ סך שנעלער איידער דאָס פאַלען פון דעם פּראָצענט פון פּראָפיט, אַזוי אַז די גרויס פון דעם פּראָפיט וואַקסט, און נאָך אַפּילו שנעלער ווי זוען עס איז פריהער.

מען רעכענט, אַז אין דייטשלאַנד „זאַמעלט זיך אָן" יערליך הע־כער פון אַ מיליאַרד רובל, אין ענגלאַנד — ארום צוויי מיליאַרד. אין די פאַראייניגטע שטאַטען איז די אָנזאַמלונג געגאַנגען נאָך שנעלער: אין 1840 האָט זיך דאָס גאַנצע נאַציאָנאַלע רייכטום דאָרט גערעכענט אין 3,700 מיליאָן דאָלער, אין 1894 יאָר — אין 82 מיליאַרד.

אין ענגלאַנד און אירלאַנד האָט זיך דער ציפער פון דער יערליכער הכנסה פון די קאַפּיטאַליסטען און ערד־איינענטימער פאָר דעם פעריאָד פון 1843—1883 יאָר פאַרגרעסערט מער ווי אין צוויי מאָל — פון 344 ביז 720 מיליאָן פונט סטערלינג. און דער גרעסטער חלק פון אָט דעם צוואוואוקס איז אויסגעפאַלען גראָד אויף'ן פּראָפיט פון די אונטערנעמער.

אָט די אַלע ציפערען גיבען אַ שטיקעל באַגריף וועגען דער איי־גענטליכער גרויס פון פּראָפיט, און וועגען דער גאַנצער מאַסע מער־ווערט, וואָס עס ווערט איטלעכס יאָר באַשאַפען אין די לענדער מיט אַ מאַשין־פּראָדוקציע, און בכלל וועגען דער שנעלער אַנטוויקלונג פון די געזעלשאַפטליכע פּראָדוקציאָנס קרעפטען.

איבעריגענס, מען דאַרף דערמאָנען, אַז דער אונטערשייד אין דער געלט אָפּשאַצונג פון די נאַציאָנאַלע הכנסות און די נאַציאָנאַלע עשירות אין פאַרשיידענע פעריאָדען ווענדט זיך ניט נאָר פון דער אָנזאַמלונג אַליין, נאָר טיילווייז אויך פון דער פאַרקלענערונג פון דעם ווערט פון געלט (מחמת דער העכערונג פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַר־בעט, וואָס באַשאַפט די געלט־סחורה). אַזאַ פאַרקלענערונג אין דעם ווערט פון געלט איז טאַקע ווירקליך פאָרגעקומען פאָר דעם לעצטען פעריאָד, זי איז אָבער אַזוי קליין, אַז די באַדייטונג פון די געבראַכטע ציפערען ווערט דערפון גאַנץ ווייניג אָפּגעשוואַכט. אחוץ דעם, ווערט

די באַדייטונג פון די ציפערען פון דעם נאַציאָנאַלען רייכטום אביסעל אַפגעשוואַכט אויך מחמת דעם וואוקס אין דעם ווערט פון כלומר'שטען קאַפּיטאַל, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאר דאס אייגענטום רעכט אויף ערד (דער פּרייז פון ערד שטייגט מחמת דער העכערונג פון רענטע).

אויף ווי שטאַרק עס וואַקסט צו דער חלק פון די גרויסע קאַפּיטאַ־ליסטען אין פאַרגלייך מיט'ן חלק פון די קליינע, קען מען אילוסטרירען מיט'ן ביישפּיל פון פראַנקרייך, וואו די קליין־בורזשואַזיע איז גראַד זעהר צאָלרייך אין פאַרגלייך מיט אַנ־דערע לענדער. פון דעם גאַנצען נאַציאָנאַלען אייגענטום דאַרטען, וואָס טרעפען אַן 174 מיליאַרד פראַנק, געהערט 114 מיליאַרד, ד. ה. ⅔, צו איין דרייסיגסטעל פון דער באַפעלקערונג, און נאָר 60 מיליאַרד, ד. ה. ⅓, צו די איבעריגע 29/30 פון דער באַפעלקערונג.

## ב). ר ע נ ט ע.

ווי עס איז שוין באַוויזען געוואָרען, האָט דער חלק מערווערט, וואָס די ערד־אייגענטימער נעמען צו און וואָס רופט זיך ערד־רענטע, אַ שטרעבונג צו וואַקסען אומאויפהערליך, מיט דער אַנטוויקלונג פון דעם אינדוסטריעלען לעבען. דער טעם דערפון איז, וואָס די אינדוסט־ריעלע אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט, פאַרגרעסערענדיג דעם נאַכ־פרעג אויף ערד פאַר פאַרשיידענערליי אונטערנעמונגען, פאַרגרעסערט דערמיט גופא די קראַפט פון דער מאָנאָפּאָליע פון דעם ערד־אייגענטי־מער קלאַס, זיין מאַכט איבער די אַנדערע טיילען פון דער געזעלשאַפט, און גיט אים אַ מעגליכקייט צוצונעמען אַלץ אַ גרעסערען חלק פון דעם געשאַפענעם מערווערט.

אויף אַזאַ'ן אופן איז אויסגעקומען, אַז ווי שנעל דער וואוקס פון דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָפיט איז ניט געגאַנגען, איז די רענטע פונ־דעסטוועגען געוואַקסען נאָך שנעלער. דאָך, די האַנדעלס־אינדוסט־ריעלע בורזשואַזיע איז איינגעגאַנגען אויף אַזאַ לאַגע ניט גאָר אָהן קאַמף. מיט אַלע כוחות האָט זי זיך געשטעלט אַנקעגען דער פאַרגרע־סערונג פון דער רענטע אויף ערד, וואָס מאַכט קלענער דעם פּראָפיט.

## א. באָגדאַנאָוו

דער קאַמף פון רענטע און פּראָפיט האָט זיך געפירט אין די פאַר־שיידענאַרטיגסטע פאָרמעס אומעטום, וואו עס האָבען זיך נאָר צע־נויפגעטראָפען די אינטערעסען פון דעם ערד־איינענטימער און דעם קאַפּיטאַליסט. די איינפאַכסטע פאָרמע פון דעם איז דער קאַמף פון דעם קאַפּיטאַליסטישען פערמער מיט'ן לענדלאָרד פאַר ארענדע־געלט. אַליץ וואָס דער פערמער קען דאָ דערגרייכען איז נאָר — לאָזען פאַר זיך דעם געוויינטלעכען אונטערנעמערישען פּראָפיט; און אפילו דאָס גיט זיך אים איין ניט אַלעמאָל: אַזוי ווי פון דער ערד איז שווער ארויסצונעמען אָהן היזק דעם גאַנצען אריינגעלייגטען קאַפּיטאַל אין דער געשטאַלט פון בנינים, באַדען־אויסבעסערונגען און ד. גל., מוז אָפט דער פערמער איינגעהן אויף אַזאַ העכערונג פון דער ארענדע, וואָס שניידט אונטער זיין פּראָפיט נידעריגער פון דער געוויינטליכער נאָרמע.

ווען די ערד רענטע שטייגט אַזוי הויך, אַז די פּרייזען אויף ברויט אין לאַנד גיבען זיך אַ הייב אַריבער דער מאָס, העכערענדיג דורך דעם דעם פּרייז פון ארבעטס קראַפט און נאָך מער אראָפּדריקענדיג דעם פּראָפיט, דאַן לוינט זיך דעם האַנדעלס־אינדוסטריעלען קלאַס און עס איז פאַר אים צוועקמעסיג צו קעמפען מיט דער רענטע, אריינפירענ־דיג ברויט פון אַנדערע לענדער: אין די ווינציג אַנטוויקעלטע אַגרי־קולטורעלע לענדער, וואו די רענטע האָט נאָך ניט געשטיגען זעהר הויך, וואו די פּראָדוקציע פון ברויט קאָסט ביליג מחמת דער וואָלוועלקייט פון ארבעטער הענט, דאָרט זיינען די פּרייזען אויף ברויט לפי־ערך נידעריג, און דער אימפּאָרט פון אָט דעם וואָלוועלען ברויט אין אַנט־וויקעלטע לענדער מיט אַ הויכער רענטע שניידט שטאַרק אונטער די רענטע.

אַנקעגען אַזאַ קאַמפס מיטעל ווענדט אָן דער קלאַס ערד־אייגענ־טימער זיין גאַנצע פּאָליטישע קראַפט, זיין איינפלוס אויף דער מלוכה: ער דערשלאָגט זיך צו הויכע איינפורס־צאָלען אויף אויסלענדישע אַג־ריקולטורעלע פּראָדוקטען, אמאָל — אפילו פשוט צו אַ פאַרבאָט אריינצופירען זיי. אַזוי האָבען זיך אין ענגלאַנד אַ לאַנגע צייט געהאַל־טען די „געטריידע געזעצען", וואָס פלעגען דערלויבען אריינצופירען

ברויט נאָר אין דעם פאַל, ווען דער מקח פון ברויט אויפ'ן היימישען מאַרק פלעגט דערגרייכען ביז צו א געוויסער, גאַנץ הויכער נאָרמע. אַנקעגען דער פּאָליטישער קראַפט האָט די בורזשואַזיע געקענט אַנ־ווענדען סיידען אויך אַזאַ קראַפט; און עס האָט זיך צעפלאַקערט א קאַמף צווישען קאַפּיטאַל און ערד־אייגענטום, ווי צווישען צוויי מער אָדער ווייניגער פעסט פאַראייניגטע געזעלשאַפטליכע קלאַסען. די ענגלישע בורזשואַזיע האָט אין דעם קאַמף מנצח געווען, און אין 1844 יאָר האָט זי זיך דערשלאָגען צו דער פרייהייט צו אימפּאָרטירען ברויט. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז דער וואוקס פון ערד־רענטע האָט זיך אָפּ־געשטעלט, און אויף א געוויסער צייט איז זי אפילו גאַנץ שטאַרק גע־פאַלען.

דער זיגרייכער קאַפּיטאַל האָט זיך מיט דעם ניט באַנוגענט: ער האָט געקאָלאָניזירט די גרויסע, העכסט פרוכטבאַרע פליינען פון צפון און דרום אַמעריקע, אַוסטראַליע, דרום־אַפריקע, האָט זיי פאַר־בונדען מיט די אייראָפּעאישע מערק מיט דער הילף פון פאַרפולקומטע פאַרקער־וועגען און האָט איינגעאָרדענט די עקספּלואַטאַציע פון זייער פרוכטבאַרקייט מיט דער הילף פון די בעסטע טעכנישע מעטאָדען, באַנוצענדיג זיך אין א גרויסער מאָס מיט אַגריקולטור מאַשינעס. די הויכע פּראָדוקטיוויטעט פון דער ערד־אַרבעט אין אָט די לענדער האָט געבראַכט דערצו, אַז דער וועלט מאַרק איז פאַרפלייצט געוואָרען מיט וואָלוועלען ברויט. דאָס איז געווען א שרעקליכער קלאַפּ פאַר דער ערד־אַרבעט פון די אַלטע קאַפּיטאַליסטישע לענדער; און אַזוי ווי פּראָפיט קען זיך שאַרף ניט ענדערען, לויט נאָך דעם געזעץ פון שטרע־בונג צו א גלייכער יערליכער נאָרמע, האָט זיך דער קלאַפּ אָמשטאַרקס־טען אָפּגערופען אויף דער רענטע פון אָט די לענדער: איר וואוקס איז אַזוי פאַרהאַלטען געוואָרען, אַז ער איז ווייט אָפּגעשטאַנען פון דעם וואוקס פון פּראָפיט. לויט גיפען'ען, איז דער ציפער פון אַגרי־קולטורעלער רענטע אין ענגלאַנד אפילו עטוואָס געפאַלען פון 1843 יאָר ביז דעם יאָר 1893 (פון 42,127,000 פונט סטערלינג ביז 41,682,000 פונט סטערלינג).

אויב אָבער די אייראָפּעאישע ערד־אייגענטימער האָבען געליטען

## א. באָגדאַנאָוו

פון א פאַרקלענערונג פון דער רענטע, האָבען דערפאַר די נייע ערד־אייגענטימער פון די פּרוכטבאַרע לענדער אַנגעהויבען צו קריגען א געוואַלדיג גרויסע רענטע, און די לאַגע האָט זיך בעצם גאַר ניט געביטען: די אַלגעמיינע סומע פון אַגריקולטורעלער רענטע איז אַלץ טאַקע שטאַרק געוואַקסען. די פאַרקלענערונג פון דער רענטע איז געווען איינע פון די הויפּט אירזאַכען פון דער אומגעהייערער פאַרשולדיגטקייט פון די אייראָפּעאישע ערד־אייגענטימער, וואָס האָט זיך אַנטוויקעלט אין די לעצטע צענדליגער יאָרען. נאָך א וויכטיגע אורזאַך איז געווען די נויטווענדיגקייט אויסצובעסערען די אַגריקולטורעלע טעכניק, וואָס איז געקומען פון דער שווערער קאָנקורענץ; אויף אויסצובעסערען דעם באָדען און די פּראָדוקציאָנס מעטאָדען האָט זיך געפאָדערט קאַפּיטאַל, און קאַפּיטאַל האָבען די ערד־אייגענטימער געמוזט באָרגען. אַט די חובות האָבען געבראַכט דערצו, אז א באַדייטענדיגער טייל פון דער רענטע צאָלט זיך אוים אין דער פאָרמע פון פּראָצענטען אויף די חובות צו די קרעדיט אינסטיטוציעס, און אַט די לעצטע פאַרבייטען, אויף אַזאַ'ן אופן, ביסלעכווייז די פריהערדיגע רענטע־נעמער.

וואָס איז שייך דער ניט אַגריקולטורעלער רענטע — פון ערד פאַר געביידעס און ד. גל., האָט זי אין אייראָפּע אויך ניט געטראָפען קיין מניעות אין איר וואוקס. אין ענגלאַנד, למשל, איז זי פאַר 50 יאָר — פון 1843 ביז 1893 — אויסגעוואַקסען, לפחות, 3 מאָל אזוי די גרויס. דערהויפּט וואַקסט זי שנעל אין די גרויסע האַנדעלס־אינדוסטריעלע שטעט; וואָס די שטאָט ווערט גרעסער, שטייגט דער פּרייז פאַר בנינים צום דינגען אין די צענטראַלע שטאָט־טיילען אָהן א שיעור, און אַט דער צוּוואוקס פאַלט גראָד אויפ'ן חשבון פון רענטע, מחמת דער פּראָפיט אויפ'ן קאַפּיטאַל, וואָס איז אריינגעלייגט געוואָרען אויף אויפצובויען דעם בנין, בלייבט דערזעלביגער וואָס פריהער. אין איינצעלנע פאַלען שטייגט אַט די רענטע כמעט אומגלויבליך: אין די צענטראַלע טיילען פון די גרעסטע קאַפּיטאַליסטישע שטעט, ווי א לאָנדאָן, א טשיקאַגאָ, דערגרייכט דער מקח פון א קוואַדראַט־קלאַפטער ערד אין די צענדליגער טויזענטער.

# פּאָליטישע עקאָנאָמיע

## ג). אַרבעטס לוין.

די מאַנופאַקטור־צעטיילונג פון אַרבעט האָט געבראַכט צו אַ צע־שפּאַלטונג פון דעם אַרבעטער קלאַס אויף גרופּעס מיט פאַרשיידענע אַרבעטס לוינען, לויט דער פאַרשיידענער פּראָדוקטיווקייט פון דער אַרבעט וואָס זיי פּירען דורך, דער פאַרשיידענער געלערנטקייט און געניטקייט פון די אַרבעטער. קיין איין אַרבעטער קלאַס איז דעריבער ניט געווען, נאָר עס זיינען געווען אַ סך קלאַסען אַרבעטער, וואָס האָבען געלעבט אין ניט קיין גלייכע מאַטעריעלע באַדינגונגען.

די מאַשין־פּראָדוקציע, אָפּשאַפענדיג די מאַנופאַקטור־צעגלידע־רונג פון דער אַרבעט, פאַרבייטענדיג עס מיט אַ ספּעציאַליזירונג פון מאַשינען, שטרעבט אָפּצושאַפען אויך די פריהערדיגע אונטערשיידען אין דעם אַרבעטס לוין, שטרעבט אויסצוגלייכען אים פאַר אַלע אַרבע־טער. אויב די פּראָדוקציאָנס ראָלע פון פאַרשיידענע אַרבעטער ווערט, אַ דאַנק דער מאַשינע, אַלץ מער ענליך, מוז אַלץ מער אויסגלייכען זיך אויך זייער מאַטעריעלע לאַגע.

כדי צו אַרבעטען באַ אַ מאַשינע פאָדערט זיך אַזוי ווינציג לערע, אַז איטלעכער קען עס דורכמאַכען אין אַ לפי־ערך קורצער צייט. אַלע פריהערדיגע מינים אַרבעטער ווערען איצטער געבראַכט צו איין מין, וואָס איז שטאַרק ענליך צו דעם מין פּראָסטער אַרבעט. דער חילוק איז נאָר, וואָס אַז אַרבעטער באַ אַ מאַשינע מוז פאַרמאָגען אַ געוויסע אַלגעמיינע אַנטוויקלונג, אַ געוויסע אינטעליגענץ: אַניט וואָלט גע־ווען ריזיקאַליש און עס וואָלט זיך ניט געלוינט צו פאַרטרויען אים אַ מאַשינע, וואָס מען מוז כאָטש וויפיל ניט איז פאַרשטעהן איר פאַר־וויקעלטען מעכאַניזם, כדי מען זאָל זיך מיט איר שטענדיג קענען קע־רען צוועקמעסיגערהייט. און וואָס מער אויטאָמאַטיש עס איז אַ מאַ־שינע, וואָס ווייניגער ריין פיזישע אָריינמישונג אין איר טעטיגקייט עס פאָדערט זיך פון דעם אַרבעטער, אַלץ מער פאָדערט זיך פון אים ריין פּסיכישע אַרבעט — אָנגעשטריינגטע אויפמערקזאַמקייט, אַ באַ־וואוסטזיניגע באַציהונג צו דער זאַך, צו פאַרשטעהן דעם שכל און דעם

## א. באַנדאַנאַוו

צוועק פון די פאַרשיידענע טיילען פון דעם מעכאַניזם, דעם צוזאַמענ־האַנג צווישען זיי בײַ דער אַרבעט.

אַזוי זעהען מיר, אַז די אַרבעט בײַ אַ מאַשינע ווערט פאַרוואַנדעלט, גלייך ווי די האַנטאַרבעט פון גראָב־אַרבעטער, אין פּ ר אָ ס ט ע אַרבעט, ד. ה. וואָס פאָדערט דעם קלענסטען סכום לערע און אַנטוויק־לונג כדי צו קענען באַטייליגען זיך אין דער געזעלשאַפטליכער פּראָ־דוקציע. אָבער אין אָט דעם מינימום געהט אַריין אַ געוויסע אַלגע־מיינע אינטעליגענץ פון דעם אַרבעטער, און וואָס ווייטער, אַלץ אַ גרע־סערע.

מיט אַ העכערער אינטעליגענץ איז נויטווענדיג פאַרבונדען אַ העכערער גראַד באַדערפעני‌שען, און הייסט עס — אויך אַ העכערער אַרבעטס לוין. אַזוי קומט אויס, אַז כאָטש איטלעכער קאַפּיטאַליסט שטרעבט וואָס מער אַראָפּצודריקען דעם אַרבעטס לוין, צווינגען אים אָבער די באַדערפעני‌שען פון דער פּראָדוקציע, ער זאָל איינגעהן אויף אַ פאַקטישער העכערונג פון דעם לוין: ווען כ'זאָל זיך אים אַפילו איינגעבען בייצוקומען אויף אַ צייט די שטרע־בונג פון די אַרבעטער צו אַזאַ העכערונג, אונטערצודריקען זייער פאָ־דערונג, וואָלט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז בײַ אַ ניט גענוגענדיגער באַפרידיגונג פון זייערע העכערע באַדערפעני‌שען, זיינען די אַרבעטער אַזוי ווייניג צוגעפּאַסט צו דער אַרבעט מיט אַ מאַשינע, אַז עס וואָלט זיך אים גופא שוין ניט געלוינט.

אחוץ די פאַרשטעהער פון דער „פּראָסטער" מאַשין־אַרבעט, באַ־טייליגט זיך נאָך אין דער פּראָדוקציע, ווי עס איז שוין אָנגעוויזען געוואָרען, אַ באַזונדער גרופּע פאַרשטעהער פון פאַרוויקעלטער אַרבעט — דער אינטעליגענט־טעכנישער פּערסאָנאַל: געשטודירטע מעכאַני־קער, טעכנאָלאָגען, כעמיקער, ספּעציאַליסטען אין דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע פון אונטערנעמונגען — דירעקטאָרען, בוכהאַלטערס און אַז. וו. אָט דער קלאַס, וואָס איז לפי־ערך גאַנץ קליין אין צאָל, שיידט זיך אָפּ זעהר שטאַרק, לויט זיין אַרבעטס לוין, פון די פּראָסטע אַר־בעטער. ווי אַ מיטעל־גרופּע צווישען די אונטערנעמער און די אַרבע־

מער, קען מען זיי באַ היינטיגען טאָג, בדרך כלל גערעדט, ניט צורע־בענען צום אַרבעטער קלאַס.

פונדעסטוועגען, ווי עס איז שוין אָנגעוויזען געוואָרען, האָט אין זיך דער מאַשין־קאַפּיטאַליזם אַ טענדענץ געהעגטער צו מאַכען אַט די גרופּע, לויט איר ראָלע אין דער פּראָדוקציע, דער געזעלשאַפטליכער לאַגע און לויט איר פּסיכאָלאָגיע, מיט די גרופּעס פון ווייניגער פאַר־וויקעלטער אַרבעט. אַט די טענדענץ ווירקט אַמשטאַרקסטען אויף דעם נידעריגערען, מער צאָלרייכען טייל פון דעם אינטעליגענט־טעכנישען פּערסאָנאַל, וואָס ווערט אָן ביסלעכוויז זיין גרעניץ מיט דעם ניט געפּריווילעגירטען טייל אַרבעטער. ניט אַזוי איז אָבער די אַנט־וויקלונגס טענדענץ פון דעם אַנדערען, דעם קלענערען טייל פון דעם טעכנישען פּערסאָנאַל, וואָס פאַרנעמט אַ העכערע לאַגע אין דינסט באַ די קאַפּיטאַליסטען, און וואָס איז נעהענטער צו זיי אי לויט דער אָפּשטאַמונג, אי לויט די געוואוינהייטען: מיט'ן פּראָגרעס פון די עקאָנאָמישע באַציהונגען, וואָס דייטליכער זיי ווערען, שליסט זיך אָן אַט דער העכערער טייל פון דעם אינטעליגענטען פּערסאָנאַל אויסגע־שפּראָכען אָן דעם קלאַס אונטערנעמער.*)

שוין אין דעם מאַנופאַקטור פּעריאָד פון קאַפּיטאַליזם ווענדט מען אָן אין דער פּראָדוקציע די אַרבעט פון פרויען און קינדער, אָבער נאָר אין אַן אומבאַדייטענדיגער מאָס. פאַר דער האַנט־אַרבעט אין אַ מאַ־נופאַקטור פאָדערט זיך מערסטענטיילס אַזאַ פיזישער כח, וואָס פרויען און קינדער פאַרמאָגען עס ניט, — דער כח פון דערוואַקסענע מאַנס־בילען. דעריבער, האָבען אין דער מאַנופאַקטור עפּאָכע פרויען און

*) ווען די צענטראַליזאַציע פון קאַפּיטאַל דערגרייכט די מדרגה, באַ וועלכער דאָס רוב קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען זייגען אָרגאַניזירט אין אַקציען־געזעלשאַפטען („קאָרפּאָריישאָן" — אויף ענגליש), ווי היינט־צו־טאָג אין אַמעריקע, דעמאָלט ווערט דער אונטערנעמער צעברעקעלט אויף אַ גרויסע צאָל אַקציאָנערען, („סטאָק־האָלדער"), וואָס זיינען פּערזענליך גאָר ניט טעטיג אין דער אונטערנעמונג. דער געשעפט ווערט געפירט פון זייערע פאַרטרעטער — דאָס איז אַט דער העכערער קלאַס פון אינטעליגענטען פּער־סאָנאַל, וועגען וועלכען דער מחבר רעדט דאָ. זיי שפּילען פאַקטיש די ראָליע פון די אונטערנעמערס, ניט די אייגענטימער פון דעם קאַפּיטאַל. (רעד.)

# א. באָגדאַנאָוו

קינדער קנאַפּ וואָס נעקאָנקורירט מיט די מאַנסבילען אין דעם פאַר־קויף פון ארבעטס קראַפט.

א ביסעל מער ווערט די ארבעט פון פרויען און קינדער אנגע־ווענדט אין דער הויזליך־קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע; דאָס קומט דערפון, וואָס דער זעהר אכזריות'דיגער כאַראַקטער פון דער עקספּלואַ־טאַציע, וואָס דער קליינער פּראָדוצירער ליידט פון דעם האַנדעלס קאַפּיטאַליסט, צווינגט דעם באַלעבאָס פון דער קליינער אונטערנעמונג אויך צו עקספּלואַטירען אָהן רחמנות די קרעפטען פון זיין הויזגעזינד, ניט רעכענענדיג זיך מיט דעם וואָס די ארבעט איז ניט נאָך די כוחות נאָך פון די ארבעטער. דעם קאַפּיטאַליסט פון דער מאַנופאַקטור לוינט זיך בעסער צו פירען זיין געשעפט מיט פיזיש שטאַרקע דערוואַקסענע ארבעטער; הגם מען דאַרף זיי צאָלען מער, אבער בא דער ארבעט מיט'ן האַנט, איז זייער ארבעטס קראַפט אויף אזויפיל שאַרקער פון דער ארבעטס קראַפט פון פרויען און קינדער, אז מען קען פון זיי פאַרט ארויסקריגען לפי־ערך א גרעסערען מער־ווערט.

בא דער מאַשין־פּראָדוקציע איז ארבעט מיט'ן האַנט פאַראַן וויי־ניג, דער גרעסטער טייל ארבעטען פאַדערט ניט קיין פיזישען כח פון א דערוואַקסענעם מאַנסביל. דעריבער קריגט אַלץ מער באַנוצונג די ארבעט פון פרויען און אונטערגעוואַקסענע קינדער; און דאָרט וואו עס איז ניט נויטיג ניט קיין פיזישע און ניט קיין פּסיכישע קראַפט פון א דערוואַקסענעם מאַנסביל, טרעט שוין ארויס אויפ'ן סצענע די ארבעט פון קינדער. אין זעהר א סך פאַלען לוינט זיך שוין בעסער דעם קאַפּיטאַליסט צו פאַרבייטען די דערוואַקסענע מאַנסביל מיט בי־ליגערע, הגם שוואַכערע ארבעטער.

דער פּועל־יוצא איז, אז די קאָנקורענץ צווישען די ארבעטער ווערט שטאַרקער, מחמת עס ווייזט זיך אויפ'ן מאַרק א מאַסע נייע ארבעטער הענט. דער ארבעטס־לוין פאַלט אַלץ נידעריגער, וואָס מער פרויען און קינדער ארבעט עס ווערט באַנוצט. עס איז ניט שווער אויסצוגעפינען, וואו איז דער גרעניץ, צו וועלכען דער לוין שטרעבט אין זיין פאַלען. לויט דעם ווערט־געזעץ, דאַרף דער ארבעטס לוין שטי־

מען מיט'ן קאסט פון די געוויינטליכע געברויך מיטלען, וואס זיינען נויטיג פאר דער ארבעטער פאמיליע; איצטער אבער איז דאס דער ארבעטס לוין ניט פון איין מאנסביל, ווי דאס איז פריהער געווען, נאר פון אלע מיטגלידער פון דער משפחה, וואס פארקויפען זייער אר־בעטס קראפט, אינאיינעם גענומען. ווי פריהער, אזוי קריגט די משפחה אויך איצטער, אין דורכשניט, די נויטיגע לעבענס מיטלען; דער חילוק איז נאר, וואס אין דער קאפיטאליסטישער פראדוקציע באטייליגט זיך ניט נאר דער הויפט פון דער משפחה אליין, נאר אויך זיין ווייב און די קינדער.

די באנוצונג פון פרויען און קינדער ארבעט ווערט אלץ גרעסער מיט דער אנטוויקלונג פון קאפיטאל. אין רוסלאנד, א מדינה וואס איז נאך לפי־ערך ניט לאנג געווארען קאפיטאליסטיש, שטעלען פאר די פרויען אויף די פאבריקעם עפעס מער פון ¼, דערוואקסענע קינדער 1/12, קינדער אן ערך 1/40 פון אלע ארבעטער; ספעציעל אין דער טעקסטיל אינדוסטריע, וואו פרויען ארבעט ווערט שטארק באנוצט, איז פרויען פאראן 2/5 פון דער אלגעמיינער צאל ארבעטער (256 טויזענט פרויען אנקעגען 324 טויזענט מאנסביל און 16 טויזענט קינדער פון 12 ביז 15 יאר, אין פינף צווייגען פון דער אינדוסטריע, וואס באאר־בעט פעדים־מאטעריאלען). אין דעם אלט קאפיטאליסטישען ענגלאנד איז שוין די פארהעלטעניש אן אנדערע; אזוי, אין דער טעקסטיל אינ־דוסטריע איז מאנסביל פאראן עפעס מער פון א פערט־חלק (298,000 נפשות), פרויען מער פון א העלפט (610,000), אונטערגעוואקסענע קינדער אן ערך 1/12 (89,000) און כמעט אויך אזויפיל קינדער ביז 13 יאר (86,500). אין פראנקרייך, לויט די ציפערען פון 1896 יאר, איז די אלגעמיינע צאל פרויען־ארבעטערינס בא ⅓ פון דער אלגע־מיינער צאל ארבעטער, אונטערגעוואקסענע קינדער און קינדער — בא 1/6.

דער אונטערשייד אין דעם ארבעטס לוין פון מאנסביל, פרויען און קינדער איז א גאנץ היפשער. אזוי, אויף די פאבריקעם פון מאס־קעווער ראיאן איז דער דורכשניטליכער לוין פון א מאנסביל — 19 רובל א חדש, פון א פרוי — ארום 9 רובל, פון א קינד — אן ערך

6 רובל. אַט די אונטערשיידען זיינען נאָר טיילווייז אָפּהייענגיג פון דעם, וואָס פרויען און קינדער טויגען ווייניגער צו דער אַרבעט. ווען מען זאָל פאַרגלייכען דאָס געצאָלט פאַר פונקט דעמזעלביגען סכום אַרבעט, וועט זיך אַרויסווייזען, אַז אַ מאַנסביל קריגט אַלץ טאָקע מער, אַ פרוי ווייניגער, אַ קינד נאָך ווייניגער. די אורזאַך איז, וואָס פרויען און קינדער זיינען ניט אַזוי בכח צו באַשטעהן פאַר זיך אויף דעם אַר־בעטס מאַרק, וואָס זיי זיינען אין אַלעגמיין ווייניגער באַוואוסטזיניג און קעמפען ניט אַזוי ענערגיש פאַר זייערע אינטערעסען.

די סאָציאַלע רעזולטאַטען פון פרויען און קינדער אַרבעט זיינען זעהר פאַרוויקעלט און האָבען אי מעלות, אי חסרונות.

די פאַרשטאַרקטע קאָנקורענץ צווישען די אַרבעטער מאַכט איט־לעכען פון זיי מער אָפּהייענגיג פון דעם אונטערנעמער, ווי פריהער: עס ווערט גרינגער צו פאַרבייטען אַן אַרבעטער, מען נויטיגט זיך אין אים ניט אַזוי שטאַרק, ווי פריהער. עס ווערט גרעסער די צאָל אַר־בעטסלאָזע.

פאַר פרויען און, דערהויפּט, פאַר קינדער מיינט די אַרבעט אויפ'ן פאַבריקע, אין דער גרעסטער צאָל פאַלען, אַ פּריציזיטיגע אויסצערונג פון דעם אָרגאַניזם; אַט די אויסצערונג דערגרייכט אַמאָל אַזוי ווייט, אַז אַרבעטער הייבען אָן פּשוט אויסצושטאַרבען.

די אַרבעט פון שוואַנגערע פרויען רופט זיך שלעכט אָפּ אויפ'ן געזונט פון זייערע קינדער: די קינדער ווערען געבאָרען שוואַכע, זעהען אויס ווי מפּיל־קינדער און ליידען פון אַ שטאַרקער שטערבליכקייט. אחוץ דעם, אַ מוטער אַן אַרבעטערין האָט זעהר ווייניג צייט אַרומ־צוגעהן אַרום אַ קינד.

וואַקסט דאָס קינד אונטער אַ ביסעל — אַמאָל שוין צו 6—8 יאָר, אויב דאָס געזעץ שטערט ניט — שטעלט זיך עס שוין אַליין אויפ'ן פאַבריקע. וועגען דער פיזישער שוואַכקייט פון אַזעלכע קינדער זאָגען עדות ניט נאָר די פאַבריק־אינספּעקטאָרען, נאָר אַפילו די אונטערנע־מער אַליין. (אין ענגלאַנד, איידער מען האָט אַרויסגעגעבען די אַר־בעטער געזעצען, פלעגען אַכט־יאָריגע קינדער אַרבעטען אויף די פאַב־ריקען צו וואָסערע 14 שעה אין מעת־לעת).

# פאליטישע עקאנאמיע

די לאנגע ארבעט אויפ'ן פאבריקע צערט אוים ניט נאר דעם קערפער פון די קינדער. דאס הרג'עט אוועק אויך זייערע גייסטיגע קרעפטען, מאכט די קינדער טעמפ, פארווילדעוועט, אומפעהיג צו אנטוויקלונג און דערפירט זיי אפט פשוט צו אידיאטיזם. פון אזעלכע קינדער וואקסען אוים מענטשען, אהן קיין שום זעלבשטענדיגקייט, אהן מאראלישער ענערגיע, שטומע, אומבאהאלפענע נפשות, וואס טויגען צו גארנישט אחוץ צו שפילען די ראלע פון פאסיווע געצייג אין פרעמדע הענט.

נאכט ארבעט פון מענער, פרויען און קינדער אינאיינעם איז פאר דעם ארבעטער קלאס א געפערליכער קוואל פון געשלעכט צעלאזענקייט.

די ארבעט פון פרויען און קינדער אויפ'ן פאבריקע מאכט חרוב דעם ארבעטערס פאמיליע, ווארים זי מאכט אפגעפרעמדט די פרוי פון דעם מאן, די מוטער פון די קינדער. מיט דעם איז פארבונדען א סך ליידען, פון וועלכע די פריהערדיגע עפאכעס אין דעם לעבען פון דער מענטשהייט האבען גאר ניט געוואוסט.

צו דערזעלביגער צייט אבער געהט די פרוי ארוים פון איר קנעכטישער לאגע אין דער פאמיליע. ווערענדיג א זעלבשטענדיגע ארבעטערין, קריגענדיג דורך דעם אן עקאנאמישע אומאפהייגיגקייט, דערגרייכט זי ביסלעכוויז צו א פאקטישער גלייכבארעכטיגונג מיט'ן מאן. די לאגע פון די קינדער אין דער פאמיליע ווערט אויך ניט אזוי רעכטלאז.

די הויפט באדייטונג אבער פון פרויען און קינדער ארבעט באשטעהט אין דעם וואוקס פון די פראדוקציאנס קרעפטען פון דער געזעלשאפט, וואס ווערט דערגרייכט א דאנק דער גרעסערער באטייליגונג פון פרויען און קינדער אין דער אלגעמיינער סיסטעמע פון צוזאמענארבעטונג. פון דערפון נעמען זיך די דערמאנטע פ א ז י ט י ו ו ע רעזולטאטען פון דער אנווענדונג פון פרויען און קינדער ארבעט; וואס איז שייך די נ ע ג א ט י ו ו ע רעזולטאטען, נעמען זיי זיך נאר פון דער היינטיגער קאפיטאליסטישער פארמע פון אט דער אנווענדונג, און זיי זיינען גאר ניט קיין מוז בא איטלעכע געזעל־

# א. באַנדאַנאָוו

שאַפּטליכע באַדינגונגען, — למשל, זיי קענען גריילעך אָפּגעשוואַכט ווערען אַפילו דורך אַ צוועקמעסיגער פאַבריק־געזעצגעבונג ; ווער רעדט, ווען די גאַנצע געזעלשאַפט זאָל אין וואַרצעל איבערגעבויט ווערען, דאַן זיינען זיי געוויס ניט קיין מוז.

אַלענפאַלס, פרויען און קינדער ארבעט איז נאָך ווייט ניט די הויפּט אורזאַך פון דער פאַרגרעסערטער צאָל אַרבעטסלאָזע. אַ וויכ־טיגערע אורזאַך איז — די שנעלע פאַרגרעסערונג פון דער פּראָדוקטי־וויטעט פון אַרבעט, וואָס ווערט דערגרייכט מיט דער הילף פון מאַשי־נעס, און וואָס מאַכט אַ סך אַרבעטער פאַר איבעריג אין דער קאַפּיטאַ־ליסטישער פּראָדוקציע, לאָזט זיי ניט צו צו פּראָדוקטיווער טעטיגקייט. אויף דעם אופן ווערט באַשאַפען אַזאַ מאַסע אַרבעטסלאָזע, וואָס האָט ניט געקענט געמאָלט זיין בא די פריהערדיגע פּעריאָדען פון געזעל־שאַפטליכער אַנטוויקלונג.

אין דער אַלגעמיינער סיסטעמע פון די קאַפּיטאַליסטישע באַצי־הונגען האָט אַט דער טייל פון דעם אַרבעטער קלאַס אויך אַ געוויסע פּראָדוקציאָנס באַדייטונג. זיי דינען ווי אַ רעזערוו פאַר די באַדער־פענישען פון דער פּראָדוקציע אין אַרבעטס קראַפט. ווען די גינסטיגע מאַרק באַדינגונגען באַוועגען די אונטערנעמער אויסצוברייטערען די פּראָדוקציע, דאַן קומט אַט די רעזערוו אַרמיי פון דער אינדוסטריע זיי צו הילף, אַזוי אַז קיין אַרבעטס קראַפט פעלט שוין ניט.

ווען די פּראָדוקציע פאַרגרעסערט זיך, ציהט זי אָפּ אַ געוויסען טייל פון דעם רעזערוו, און אויף אַ צייט ווערט דער רעזערוו קלענער. אָבער די אַנטוויקלונג פון דער טעכניקע און די פאַרשמעלערונג פון דעם מאַרק וואַרפט ווידער אַרויס פון דער פּראָדוקציע אַ געוויסען טייל פון די אַרבעטער, וואָס זיינען פריהער געווען באַשעפטיגט. (באַזונדער שטאַרק ווירקען דערביי די קריזיסען אין דער פּראָדוקציע, וועגען וואָס אונז וועט אויסקומען צו ריידען שפּעטער). ווען עס באַווייזען זיך נייע מאַשינעס, רופט עס אַרויס אַ שנעלע פאַרגרעסערונג פון דעם רעזערוו, און נאָכדעם ווערט ער ביסלעכווייז פאַרקלענערט. די מאַ־שינען דריקט אַראָפּ די מקחים פון סחורות, אַזוי אַז זיי ווערען צו־גיינגליכער פאַר אַ גרעסערען קרייז קויפער ; אַ גרעסערער נאָכפרעג

ניט אַ מעגליכקייט צו פאַרגרעסערען די פּראָדוקציע, און די הענט, וואָס די מאַשינע האָט פריהער ארויסגעשטויסען, קריגען ווידער אַ פּלאַץ אין דער פּראָדוקציע. פונדעסטוועגען, קערט זיך אום די רעזערוו אַרמיי צוריק צו דער אַרבעט ווייט ניט אַלעמאָל גאָר אינגאַנצען: ניט זעלטען איז די פאַרקלענערונג פון דער צאָל באַשעפטיגטע אַרבעטער ניט אַ צייטווייליגע, נאָר אַ שטענדיגע. אַזוי, למשל, איז אין ענגלאַנד פאַר דעם פּעריאָד פון 1830—1845 יאָר, ניט קוקענדיג וואָס די טעקסטיל פּראָדוקציע האָט זיך פאַרגרעסערט אויף 142%, די צאָל אַרבעטער וואָס זיינען אין איר באַשעפטיגט פאַרקלענערט געוואָרען אויף 4%.

בכלל, מיט׳ן פּראָגרעס פון דער מאַשין־פּראָדוקציע, ווערט דער רעזערוו אַלץ גרעסער. דורך זיין קאָנקורענץ מיט די באַשעפטיגטע אַרבעטער דריקט ער שטאַרק אַראָפּ דעם אַרבעטס לוין. די אַנטוויקלונג פון פאַרקער־וועגען שטרעבט צו ברייגגען די רעזערוו אַרמיי פון איטלעכען לאַנד באַזונדער, אַפילו פון אַלע לענדער אינאיינעם, צום דינסט פון איטלעכען באַזונדערען אונטערנעמער, אַזוי אַז די אַרבעטס־לאַזיגקייט אין איין אָרט ווירקט אויף דעם אַרבעטער מאַרק פון די אַנדערע לענדער.

אחוץ די איינגענטליכע אַרבעטער, שטויסט דער שנעלער פּראָגרעס פון דער טעכניקע אַרויס פון דער פּראָדוקציע אויך די זעלבשטענדיגע קליינע פּראָדוצירער, וואָס האָבען געלעבט פון האַנט־אַרבעט און זיינען ניט בכוח צו קאָנקורירען מיט די מאַשינעס. אין די טעכניש אָפּגעשטאַנענע לענדער, וואָס פירען איין מאַשינעס מיט אַמאָל, און ניט בּיסלעכווייז, אָדער וואָס ווערען מיט אַמאָל פאַרוואַנדעלט אין מערק פאַר דער מאַשין־פּראָדוקציע פון די אַנטוויקעלטע לענדער, ווערט אויף אַזאַ׳ן אופן געשאַפען אין אַ קורצער צייט אַ געוואַלדיג גרויסער „רעזערוו" פאַר דער גרויס־אינדוסטריע, וואָס דער גרעסטער טייל זייער שטאַרבט אויס נאָך פריהער, איידער דער גרויס־קאַפּיטאַל קען אים דאַרפען האָבען. אַזאַ ווירקונג האָבען געהאַט, למשל, אין אָסט־אינדיע אין די 30־גער יאָרען די ענגלישע באַוועל מאַשינעס. אויב עס איז פאַראַן אַ מעגליכקייט, לאָזט זיך אַוועק די ניי געשאַפענע אַרמיי

# א. באַגראַנאָוו

אַרבעטסלאָזע צו זוכען אַרבעט אין די מער אַנטוויקעלטע קאַפּיטאַליס־טישע לענדער. די קליינע כינעזישע פּראָדוצירער, וואָס ווערען פאַר־אָרעמט אונטער דער ווירקונג פון דעם אייראָפּעאישען און ערשט גע־באָרענעם כינעזישען קאַפּיטאַל, לאָזען זיך אַוועק מאַסענווייז אויפ׳ן מערב־ברעג פון אַמעריקע. זייער קאָנקורענץ ווירקט זעהר שמערצליך אויפ׳ן אָרטיגען אַרבעטער מאַרק, בפרט נאָך, אַז בּאַ דעם זעהר נידע־ריגען גראַד פון זייערע באַדערפעניששען פאַרקויפען זיי זייער אַרבעטס קראַפט אומגלויבליך וואָלוועל. דאָס אַלץ איז שייך ניט נאָר צו עקאָ־נאָמיש אָפּגעשטאַנענע גאַנצע לענדער, ווי כינע, וואָס פאַלען אַריין אין דעם ווירקונגס קרייז פון דעם אייראָפּעאישען קאַפּיטאַל; דאָס איז שייך אויך צו די עקאָנאָמיש אָפּגעשטאַנענע טיילען פון באַזונ־דערע קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפטען. אַז די אינדוסטריעלע אַנט־וויקלונג כאַפּט אַריין אַזעלכע אָפּגעשטאַנענע געביטען — לאָזט איבער די פּויערען אַהן ערד, פאַראָרעמט די בעל־מלאכה׳ס און האַנט־אַרבע־טער — גיט זיך פון דאָרט אַ לאָז אַ שטראָם אַרבעטס קראַפט צו די אינדוסטריעלע צענטערס, צום אַרבעטער מאַרק פון דער גרויס פּראָ־דוקציע. אַזוי איז דאָס אויך אין רוסלאַנד. אויף די פאַבריקען קומען אָפט פאַר צוזאַמענשטויסען צווישען די אַלטע אַרבעטער און די פּריש אָנגעקומענע פון די פּויערען, מחמת די לעצטע שלאָגען אַרונטער די פּרייזען.

אַ שטיקעל באַגריף וועגען דער גרויס פון דעם אינדוסטריעלען רעזערוו היינטיגע צייטען און וועגען זיינע וואַקלונגען קענען געבען אַט די ווייטערדיגע ציפערען. אין 1856 יאָר האָט זיך אין ענגלאַנד געציילט, לויט די אָפיציעלע לייסטערס, 880.000 מענטשען, וואָס האָ־בען געקראָגען געזעלשאַפטליכע צדקה פון דעם שטייער פאַר אָרעמע־לייט. אין דעם יאָר 1863—1864 האָט זיך זייער צאָל, מחמת דעם קריזיס אין דער טעקסטיל אינדוסטריע, פאַרגרעסערט ביז 1.080.000. דאָס זיינען נאָך ניט קיין פולע ציפערען פון דער אַרבעטלאָזיגקייט: ווייט ניט יעדער באַדערפטיגער וועט זיך אַנטשליסען אָנצוקומען צו קהל׳שער צדקה; אַ סך האַלט אָפּ דאָס געפיהל פון דער אייגענער ווירדע, דערהויפּט נאָך, ווען איינער געהערט צו דער רעזערוו אַרמיי

נאָר אויף העלפט, ד.ה. ער האָט ניט אינגאַנצען אַנגעוואָרען די אַר־בעט, נאָר ער האָט ניט גענוג אַרבעט. באַ היינטיגען טאָג ווערט די צאָל אַרבעטסלאָזע אין ענגלאַנד אָפּגעשאַצט פון די סאַמע קאָמפּעטענ־טע פאַרשער (קירהאַרדי און וויל טאָרן) אין 1 מיליאָן זומער און 1.750.000 ווינטער צייט, ניט רעכענענדיג די וואָס לעבען דורכאויס אויפ׳ן חשבון פון קהל׳שער צדקה. אין דייטשלאַנד האָבען די אָפּיציעלע ציפערען אַנגעצייגט צום סוף 1895 יאָר, ד.ה. אין דער עפּאָכע פון אַן אויסערגעוויינטליך שנעלער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, 771.000 אַרבעטסלאָזע.

אין די אָפּגעשטאַנענע לענדער, וואָס פירען איין שנעל די גרויס קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע, ווי אין רוסלאַנד, למשל, דאַרפען די צאָלען פון דער רעזערוו אַרמיי זיין לפי ערך ניט קלענער, אויב ניט גרעסער נאָך, ווי אין די אַנטוויקעלטע לענדער. אָבער אין די ערשטע איז שווער איבערצוציילען זיי, מחמת דאָרט הערשט אַ פאַרמאַסקירטע פאָרמע פון אַרבעטסלאָזיגקייט. אַ פּויער, וואָס איז געצוואונגען צו פאַרלאָזען די געהילפס פּרנסות און האָט דעריבער פּראָדוקטיווע אַר־בעט נאָר אין דעם סעזאָן פון ערד־אַרבעט, — דער האַנט־אַרבעטער, וואָס פאַרקלענערט זיין פּראָדוקציע, מחמת דער נאָכפרעג מצד דעם האַנדעלס קאַפּיטאַל פאַרקלענערט זיך, — זיינען אין אַ געוויסען זינען באַ אַט די באַדינגונגען שייך צו דער פּראָדוקטיוו איבעריגער באַפעל־קערונג, הגם לפנים בלייבען זיי זעלבשטענדיגע קליינע פּראָדוצירער.

דער אַרבעטסלאָזער טייל פון דעם אַרבעטער קלאַס שטעלט מיט זיך פאָר די ריינסטע פאָרמע פון רעלאַטיווער איבער־באַפעלקערונג.

די מיטלען צום לעבען פון דעם קאַפּיטאַליסטישען רעזערוו זיי־נען פאַרשיידענאַרטיג און ניט שטאַנדהאַפטיג: דאָס אָפּגעשפּאַרטע פון פריהערדיגער אַרבעט, קהל׳שע צדקה, גנבה, פּראָסטיטוציע און אַז. וו. דערביי קען, בדרך כלל, אפילו קיין רייד ניט זיין וועגען אַ פולער באַפרידיגונג פון די באַדערפעניסען: הונגער, קעלט, נויט, און אפילו טויט פון אויסצערונג.

# א. באַנדאַנאָוו

ווען עס איז פאַראַן אַן אינדוסטריעלער רעזערוו, ווערן די באַדינגונגען פון דער מאַרק קאָנקורענץ פאַר דעם קאַפּיטאַליסט און דעם אַרבעטער אין דעם העכסטן גראַד ניט גלייך. נאַטירליך, באַווייזן זיך צווישן די אַרבעטער שטרעבונגען אַפּצושוואַכן כאָטש וויפיל ניט איז די רעזולטאַטן פון אַזאַ אומגלייכהייט אין די באַדינגונגען.

דער איינציגער מיטל צו פאַרקלענערן די רעה פון דער צו שטאַרקער קאָנקורענץ איז — צו פאַרקלענערן די קאָנקורענץ גופא. און אַט דעם וועג האָט דער אַרבעטער קלאַס אָנגענומען. עס האָבן זיך באַוויזן און עס אַנטוויקלען זיך אינדוסטריעלע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס פון פאַרשיידענע טיפּן.

פון אַזאַ זאַך האָט ניט געוואוסט די מאַנופאַקטור עפּאָכע פון דעם קאַפּיטאַליזם מיט איר שטאַרקער פאַנאַנדערשיידונג פון דעם אַרבעטער קלאַס, וואָס די מאַנופאַקטור־צעטיילונג פון דער אַרבעט באַשאַפט. אַפּשאַפּענדיג אַט די פאַנאַנדערטיילונג, מאַכענדיג די פּראָדוקציאָנס ראָלע פון פאַרשיידענע אַרבעטער אַלץ מער ענליך, אויסגלייכענדיג דעם אַרבעטס לוין, באַשאַפט די מאַשין־פּראָדוקציע אַ באַדען פאַר פאַראייניגונגען. פאַראייניגענדיג מאַסן מענשען אין איין ווארשטעט, בײַ איין אַרבעט, וואָס ווערט געפירט לויט שטרייגג באַשטימטע כּללים, געוואוינט צו דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליזם דעם אַרבעטער צו אייניגקייט, דערציהט אין אים אַ גייסט פון דיסציפּלינע — אַ נויטווענדיגע באַדינגונג פאַר דער פעסטקייט און דעם פּראַקטישן דערפאָלג פון איטלעכער אָרגאַניזאַציע.

דאָס זיינען די הויפּט עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וואָס האָבן מעגליך געמאַכט די דערשיינונג און אַנטוויקלונג פון די היינטיגע מערב־אייראָפּעאישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס פון אַלע מינים (פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אָדער טרעיד־יוניאָנס, פּאָליטישע פאַרבאַנדען, פּראָדוקציאָנס פאַראיינען און קאָנסום גענאָסענשאַפטען און אנד.).

פריהער פון אומעטום האָבן זיך טרעיד יוניאָנס באַוויזן אין ענגלאַנד — אַ מדינה, וואו די מאַשין־פּראָדוקציע איז צום ערשטען אַרויס אויפ׳ן סצענע. לויט ברענטאַנאָ, האָט זיך דער ערשטער טרעיד־יוניאָן פון דעם היינטיגען טיפּ געוויזן אין 1794 יאָר.

# פּאָליטישע עקאָנאָמיע

דאס הייסט, גראד אין דער עפּאָכע פון דער גרויסער טעכנישער איבערקערעניש, דעם איבערגאַנג פון מאַנופאַקטור צו דער מאַשינע. אין אַנדערע לענדער איז די פאַרשפּרייטונג פון פאַרבאַנדען פאַרגעקומען, בכלל, מיט דער פאַרשפּרייטונג פון דעם אינדוסטריעלען קאַפּיטאַליזם. אומעטום איז זייער אַנטוויקלונג געגאַנגען מיט אַ אַלץ וואַקסענדיגער שנעלקייט.

אויספאַרשענדיג די פראַגע וועגען דער שנעלקייט פון דער אַנטוויקלונג פון אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס, דאַרף מען, פאַרשטעהט זיך, האָבען אין זינען ניט נאָר די פונדאַמענטאַלע עקאָנאָמישע באַציהונגען — די פּראָדוקציאָנס באַציהונגען פון די אַרבעטער און זייער אַנטייל אין דער פאַנאַנדערטיילונג, נאָר אויך די באַדינגונגען, וואָס שטאַמען דערפון: דעם צושטאַנד פון פאָלקס־בילדונג, די פּאָליטישע באַדינגונגען, — דערהויפּט די געזעצען וועגען פאַראיינען און אַז. וו. ווי וויכטיג עס איז דאָ דער צושטאַנד פון פאָלקס־בילדונג (אַ באַדינגונג, וואָס קען פאַקטיש ניט אָפּגעטיילט ווערען פון דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקציאָנס קרעפטען), קען מען זעהן פון דעם פאַקט, אַז די געבילדעטסטע מלוכות פון די מערב לענדער — די פאַראייניגטע שטאַטען, ענגלאַנד, דייטשלאַנד — פאַרמאָגען די גרעסטע צאָל אַרבעטער אַסאָציאַציעס. וועגען דער באַדייטונג פון דער פרייהייט פון פאַראיינען (וואָס ווענדט זיך אַליין, נאַטירליך, פון דער געגענזייטיגער קרעפטען פאַרהעלטעניש צווישען דעם פּראָלעטאַריאַט און די אַנדערע געזעלשאַפטליכע גרופּעס) קען מען קריגען אַ שטיקעל באַגריף פון אַזאַ מין ביישפּיל. אין 1868 יאָר האָט די פראַנצויזישע רעגירונג דערלויבט אַרבעטער פאַראיינען, נאָר זי האָט באַשטימט פאַר זיי געוויסע באַגרעניצונגען: אין 16 יאָר אַרום, אין 1884 יאָר, איז אין פראַנקרייך געווען 283 פאַראיינען. דאָס געזעץ פון 1884 יאָר האָט אָפּגעשאַפט די לעצטע באַגרעניצונגען — און אין 7 יאָר צייט, צום 1891 יאָר, האָט זיך די צאָל אָרגאַניזאַציעס פאַרגרעסערט כמעט אין פירען — ביז 1,127.

די גאָר ערשטע, די איינפאַכסטע, די אַמווייניגסטען שטאַנדהאַפטיגע און אַמווייניגסטען פאַרפולקאָמטע פאָרמע פון אַ אַרבעטער אַר־

## א. באַגראַנאָוו

גאַניזאַציע איז די קאַאַליציע — ווען אַרבעטער מאַכען צופעליג און צייטווייליג יד־אחת צוליב עפּעס אַ פּריוואַטען פּראַקטישען צוועק. וואָס דריקט זיך געוויינטליך אויס אין דעם, וואָס אַלע מיט אַמאָל וואַר־פען די אַרבעט, מאַכען אַ סטרייק. די דירעקטע באַדייטונג פון סטריי־קען באַשטעהט אין דעם, וואָס באַ גינסטיגע באַדינגונגען קענען זיי פירען צו טיילווייזע פאַרבעסערונגען אין דער מאַטעריעלער לאַגע פון די אַרבעטער. אַחוץ דעם האָבען סטרייקען אָפט געגעבען אַן אַנשטויס צו באַשאַפען מער באַשטימטע און פעסטערע אָרגאַניזאַציעס, ווי, למשל, טרעיד־יוניאָנס (פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען).

טרעיד־יוניאָנס איז די פאַרשפּרייטסטע פאָרמע פון אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס. זיי ווערען צוזאַמענגעשטעלט אין די הויפּט שטריכען אַלע לויט איין טיפּ און שטרעבען צו כמעט דיזעלבע צוועקען. דער טיפּ איז — אַ מער אָדער ווייניגער צענטראַליסטישע פאַראייניגונג, געבויט אויפ'ן פּרינציפּ פון וואַלען; די צוועקען זיינען — צו העכע־רען דעם מאַטעריעלען שטאַנד אין לעבען דורך געגענזייטיגער הילף אין פאַל פון אַ קראַנקהייט, אַן אומגליק און אַנד.; צו פירען אונטער־האַנדלונגען מיט די אונטערנעמער מכוח דעם אַרבעטס לוין, און הויפּט־זאַכליך — דער קאַמף מיט זיי, אָרגאַניזירען סטרייקען און אַז. וו.; ניט זעלטען אויך צו העכערען דעם גייסטיגען און מאָראַלישען צו־שטאַנד מיט דער הילף פון ביבליאָטעקען, חברים־געריכט און ד. גל.

פון אַנהייב פאַראייניגען די יוניאָנס עפּטער פון אַלץ די אַרבע־טער פון איין אונטערנעמונג, נאָכדעם — פון אַ גאַנצען סאָרט אונ־טערנעמונגען, דערנאָכדעם — עטליכע צווייגען פון דער פּראָדוקציע, וואָס זיינען נאָהענט צווישען זיך; דערביי באַשריינקען זיי זיך מיט די גרעניצען פון איין שטאַט, פון איין געגענט, פון איין מלוכה. נאָר אין איינציגע, דערווייליג נאָך אויסערגעוויינטליכע, פאַלען פאַרנעמען זיי זיך נאָך ווייטער פון די אַלע אַנגעוויזענע גרעניצען — זיי ווערען אינטערנאַציאָנאַלע אָדער אפילו אין איין לאַנד גיסען זיי זיך צענויף אין ברייטע פעדעראַציעס פון אַרבעטער פאַרבאַנדען פון גאַנץ פאַר־ש׳ידענע פּראָדוקציאָנס צווייגען.

## פּאָליטישע עקאָנאָמיע

די טרעיד יוניאָנס זיינען אממערסטען בכוח אפּצושוואַכען די קאָנקורענץ צווישען די אַרבעטער אויפ'ן אַרבעטס מאַרק. פון דערפון קומט אַ געוויסער צוזאַמענהאַנג צווישען דער אַנטוויקלונג פון די פאַראיינען און דער הויך פון דעם אַרבעטס לוין: לענדער מיט אַ שטאַרקער אַנטוויקלונג פון טרעיד יוניאָנס, ווי אַמעריקע, צייכענען זיך אויס מיט אַ העכערען אַרבעטס לוין; די אַרבעטער, וואָס געהערען צו די פאַראיינען, קריגען אַ גרעסערען לוין, איידער די וואָס געהערען ניט. לויט די ציפערען פון גיפען'ען, האָט זיך די נאָרמע פון מערוועדט אין ענגלאַנד פון 1843 יאָר ביז 1883 פאַרקלענערט אין 1½ מאָל: אין יאָר 1843 האָט די הכנסה פון די אַרבעטער און בעל־מלאכות אַנגעטראָפען 171 מיליאָן, פון די איבעריגע קלאַסען — 342 מיליאָן פונט סטערלינג, די נאָרמע פון מערוועדט האָט אַנגעטראָפען באַ אַ 200%; אין 1883 יאָר זיינען די ציפערען געווען לפי־ערך — 550 מיליאָן און 720 מיליאָן, — די נאָרמע פון מערוועדט באַ 130%. (לויט איינער פון די נייעסטע, און מסתמא אויך פּינקטליכערע, אויסרעכענונגען, וואָס ווערען געבראַכט באַ האָבסאָנ'ען, קומט אויס אויפ'ן חלק פון די אַרבעטער סך־הכל 500 מיליאָן, און אויפ'ן חלק פון די איבעריגע קלאַסען 800 מיליאָן, די נאָרמע פון מערוועדט איז 160%).

שטאַרק אומענדערען די לעבענס באַדינגונגען פון די אַרבעטער קענען די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען ניט, לפחות, כל־זמן זיי נעמען ניט אַרום דעם גרעסטען טייל פון דעם אַרבעטער קלאַס. די אַרבעטער, וואָס שטעהען אויסער די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, קאָנקורירען שטאַרק מיט די מיטגלידער פון די פאַראיינען. דערצו קען מען ניט האַלטען פאַר זיכערע די אַלע אויסבעסערונגען אין די אַרבעטס באַדינגונגען, וואָס ווערען דערגרייכט דורך דעם עקאָנאָמישען קאַמף פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען: די קאַפּיטאַליסטען וואַרטען אויס אויף אַ מאָמענט אַ גינסטיגערען פאַר זיי, ווען דער נאָכפרעג אויף אַרבעטער הענט אויפ'ן מאַרק איז אַ קלענער, און דער אַנבאָט איז גרויס, און דאַן דריקען זיי ווידער אַראָפּ דעם לוין, פאַרלענגערען דעם אַרבעטס טאָג א. ד. גל.; די אַרבעטער מוזען אָדער איינגעהן אויף דעם,

אדער אנהייבען א פרישען קאמף בא די אומגינסטיגסטע, שווערסטע באדינגונגען.

דאס אלץ ברייגנט די ארבעטער צו דער איבערצייגונג, אז מען מוז האבען א געזעצגעבערישע באפעסטיגונג פון די דעראבערונגען, וואס זיי האבען געמאכט אין דעם עקאנאמישען קאמף, אויסבעסערונגען פון די ארבעטס באדינגונגען אויפ'ן געזעצגעבערישען אופן. מען מוז, אז די מלוכה־מאכט זאל אפהיטען דאס לעבען, דאס געזונט און די אינטערעסען פון די ארבעטער, אז געוויסע געזעצען זאלען זי דערצו צווינגען. נאר אזוי ווי מלוכה בכלל איז אן ארגאניזאציע פון קלאסען הערשאפט, און די היינטיגע מלוכה איז אן ארגאניזאציע פאר דער הערשאפט פון דער בורזשואזיע, טא קען מען זי נאר מיט צוואנג. נאר דורך קאמף ניטען ארויסצוגעבען און אפצוהיטען געזעצען, וואס באשיצען די אינטערעסען פון דעם ארבעטער קלאס. פון דאנען נעמט זיך דער פאליטישער קאמף פון דעם פראלעטאריאט פאר פאבריקגעזעצען, פאר געזעצען צו פארקירצען דעם ארבעטס טאג, צו באפרייגען פאר אומגליקס פאלען ארום די מאשינעס, פארזיכערונגס געזעצען אויפ'ן פאל פון קראנקהייט און עלטער א. ד. גל. דער קאמף ווערט געפירט מיט דער הילף פון סטרייקען, דעמאנסטראציעס, ער ווערט געפירט אי פון די ניט געארגאניזירטע ארבעטער מאסען, אי דורך די פראפעסיאנעלע פאראיינען, אי דורך די פאליטישע ארבעטער ארגאניזאציעס. די דעראבערונגען פון אט דעם קאמף זיינען א סך פעסטער און זיכערער, איידער די וואס ווערען דערגרייכט דורך א ריין עקאנאמישען קאמף, און אחוץ דעם — נעמען זיי ארום א סך ברייטער דאס לעבען פון די ארבעטער מאסען, מחמת א געזעץ ווערט ארויסגעגעבען געוויינטליך ניט פאר איינצעלנע אונטערנעמונגען אדער גרופעס אונטערנעמונגען, נאר פאר גאנצע פראדוקציאנס צווייגען, אדער פאר אלע צווייגען פון דער פראדוקציע מיט אמאל.

אזא פאליטישער קאמף פארכאפט ניט פונדעסטוועגען די יסודות גופא פון דער עקאנאמישער סיסטעמע, און דעריבער קען ער נאר ביז א געוויסען גראד אויסבעסערען און לייכטער מאכען די לעבענס באדינ־

# פּאָליטישע עקאָנאָמיע

גונגען פון דעם אַרבעטער קלאַס, אַבער ניט אומענדערען זיי אין תוך. די אורשפּרינגליכע *ניט געזיכערטקייט* הייננט נאָך אַלץ איבער דעם אַרבעטערס גאַנצען לעבען; אפילו באַ די בעסטע פאַבריק־געזעצען קען ער איטלעכע ווײַלע בלייבען אָהן אַרבעט און אָהן מיטלען צום לעבען, מחמת עס בלייבט די פריהערדיגע אַנאַרכיע אין דער פּראָדוקציע, די פריהערדיגע סטיכישע הערשאַפט פון דעם מאַרק. אַז מען פירט איין אַ נייע מאַשינע, אָדער דער נאָכפרעג אויף עפּעס אַ סחורה אין מאַרק ווערט פאַרקלענערט, זיינען די קאַפּיטאַליסטען *געצוואונגען* אַרויסצואוואַרפען אויפ׳ן גאַס צענדליגער, הונדערטער, טויזענטער אַרבעטער; און באַ דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג קען קיינער און קיין זאַך ניט גאַראַנטירען פאַר אַט די אַרויס־געוואָרפענע, אַז זיי וועלען קריגען עפּעס אַ פאַרדינסט. ווען דער אַר־בעטער קלאַס הייבט אָן קלאָר צו פאַרשטעהן אַט די פונדאַמענטאַלע ניט געזיכערטקייט, און אַז זי ווענדט זיך דורכאויס אָן די יסודות פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג*), דאַן שטעלט זיך פאַר אים די פראַגע וועגען אַ פונדאַמענטאַלער ענדערונג פון דער געזעלשאַפטליכער אָרדענונג, וועגען אַזאַ ענדערונג פון אירע יסודות, וואָס זאָל אָפּשאַפען די אַנאַרכיע אין דער פּראָדוקציע. דאַן הייבט אָן דער אַרבעטער קלאַס צו אָרגאַניזירען זיך פאַר׳ן קאַמף כדי אָפּצושאַפען דאָס פּריוואַטע איי־גענטום אויף ערד און אויף אַלע אַרבעטס מיטלען און מאַכען עס פאַר׳ן אייגענטום פון דער גאַנצער געזעלשאַפט, וואָס זאָל פּלאַנמעסיג אָר־גאַניזירען די פּראָדוקציע. אַט דער *קאַמף פאַר׳ן סאָ־ציאַליזם* ווערט געפירט, פאַרשטעהט זיך, אויך אין דער פאָרמע פון אַ פּאָליטישען קאַמף, און ער באַשאַפט עס פאַר׳ן גאַנצען לאַנד אַן אַלגעמיינע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פון דעם אַרבעטער קלאַס און אַן אינטערנאַציאָנאַלען פאַרבאַנד פון אַזעלכע אָרגאַניזאַציעס — די סאָציאַלדעמאָקראַטישע פּאַרטייען און די אינטערנאַציאָנאַלע צוזאַמענ־פאַרען מיט זייערע עקזעקוטיווע אָרגאַנען.

---

*) זינט דער צייט ווען דער מחבר האָט געשריבען, האָט זיך אָנגעהויבען אַ באַוועגונג מיט דעם צוועק איינצופירען פאַרזיכערונג געגען אַרבייטסלאָ־זיגקייט. אַזאַ רעפאָרמע שאַפט אָפּ די ניט געזיכערטקייט פון דעם אַרבייטער, ניט אָנרירענדיג די יסודות פון דעם קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם.
רעדאַקטאָר.

# א. באָגדאַנאָוו

אין אַט דעם קאמף פאר א גרינטליכער איבערבויאונג פון דער סאָציאַלער סיסטעמע קריגט דער פראָפעסיאָנעל־עקאָנאָמישער קאמף און דער קאמף פאר פאבריק־געזעצען א גאנץ נייע באדייטונג, ווי מ י ט ל ע ן אויפ׳ן וועג צום ענדציל, ווי א מיטעל צו אַנטוויקלען די ענערגיע און די אָרגאַניזירטקייט און די פּראַקטישע פייהיגקייטען פון דעם אַרבעטער קלאַס אין זיין הויפט קאמף.

אין ניט קיין פרייע לענדער, וואו די הערשענדיגע בורזשואַזע קלאַסען, און אין די גאר אָפּגעשטאַנענע לענדער — אויך די פעאָדאַלע קלאַסען שטיקען אין זייערע אינטערעסען דאָס גאנצע פּאָליטישע לעבען פון דעם אַרבעטער קלאַס און איטלעכע אנטוויקלונג פון זיין זעלבסט־באוואוסטזיין, דאַרטען רופען אַרויס אי דער קאמף דער פּראָפעסיאָנעל־עקאָנאָמישער, אי דער קאמף פאר פאַבריק־געזעצען, אי דער קאמף פאר׳ן סאָציאַליזם, ווי א נויטווענדיגען מיטעל און א באַדינגונג, אויך א קאמף פאר בירגערליכער פרייהייט און פאר א דעמאָקראַטישער מלוכה־אָרדענונג. אין אָ ט ד ע ם קאמף קען דער ארבעטער קלאַס קריגען צו זיך שותפים אין די באוואוסטזיניגע פויערען, בעל־מלאכות, אין די פּאָרשטעהער פון שלעכט באַצאָלטער קאָפּ־אַרבעט — בכלל, אין די נידעריגערע קלאַסען פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, וואָס ווערען עקאָנאָמיש און פּאָליטיש געדריקט פון די העכערע קלאַסען.

דער פּראָפעסיאָנעלער קאמף און דער קאמף פאר פאַבריק־געזעצען אנטוויקלען זיך באַזונדער שטאַרק און מיט דערפאָלג אין לענדער מיט זעהר א גרויסען מארק און, הייסט עס, אויך מיט א שטאַרקערען נאָכפראַגע אויף ארבעטס קראַפט: אזוי זיינען ביז די 900־ער יאָרען געווען ענגלאַנד און אמעריקע. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע באוועגונג אָבער טרעט אַמשטאַרקסטען אַרויס ניט אין אַט די לענדער, און בכלל ניט אין יענע לענדער וואָס זיינען ווייטער א ו ו ע ק ג ע ג א נ ג ע ן אין דער אנטוויקלונג פון דעם אינדוסטריעלען קאַפּיטאַל, נאָר גיכער דאַרטען, וואו ער אנטוויקעלט זיך אַמשנעלסטען בּאַ היינטיגען טאָג, ווי אין דייטשלאַנד. אָבער נאָכדעם, אויפ׳ן גרונט פון די דעראָבערונגען פון אַט דער באוועגונג, הייבען אָן שטאַרק צו אנטוויקלען זיך

# פאליטישע עקאנאמיע

**אויך דער פראפעסיאנעלער קאמף און דער קאמף פאר פאבריק־געזע־**צען, אזוי אז אויך אין דעם פרט האבען אט די לענדער אלע שאנסען שנעל צו דעריאגען און אפילו אריבערצויאגען די לענדער פון דעם אלטען קאפיטאליזם.

א באזונדער פארמע פון ארבעטער ארגאניזאציע שטעלען מיט זיך פאר די קאנסום און לייי־און־שפאר־געזעלשאפטען, וואס זיינען, אייגענטליך, ניט ווייניגער פארשפרייט צווישען די פויערען און דער שטאטישער קליין־בורזשואזיע, איידער צווישען די ארבעטער. דער צוועק פון אזעלכע ארגאניזאציעס איז — צו פארבעסערען די לעבענס באדינגונגען פון די ארבעטער מיט דער הילף פון קליינע האנדעלס אפע־ראציעס: א ביליגערען הורטאווען איינקויף פון לעבענס מיטלען (קאנ־סום געזעלשאפטען), א קליינעם געגענזייטיגען קרעדיט (לייי־און־שפאר־קאסעס) א. ד. גל. קיין אלגעמיינע אויסבעסערונג אין די מאטעריעלע לעבענס באדינגונגען פון די ארבעטער קענען אזעלכע אר־גאניזאציעס אליין, אומאפהייניג פון די פראפעסיאנעלע און פאליטישע פאראיינען, ניט ברייגנען; ווארים ווען זיי זאלען אפילו ארומנעמען דעם גאנצען ארבעטער קלאס, וואלט פארגעקומען, לויט דעם ווערט־געזעץ, אז די קויפער פון ארבעטס קראפט וואלטען גלייך געקראגען א מעגליכקייט אראפצודריקען דעם ארבעטס לוין אויף אזא סומע, וויפיל איטלע־כער ארבעטער שפארט איין מיט זיין באטייליגען זיך אין אזעלכע פאראיינען; און נאר די טעטיגקייט פון די פראפעסיאנעלע, פאליטישע און ד. גל. פאראיינען איז בכוח צו פארפעסטיגען די אויסגעקעמפטע העכערונג פון דעם לעבענס שטאנד. אין דעם אלגעמיינעם פראצעס פון דער עקאנאמישער אנטוויקלונג האבען די קאנסום־פאראיינען און די לייי־און־שפאר געזעלשאפטען די באדייטונג, וואס מיט זייער קאנ־קורענץ פארשנעלערען זיי דעם אונטערגאנג פון די קליינע הענדלער און קליינע פראצענטניקעס. אזוי ווי די אינטערעסען פון דעם קא־פיטאל רירען זיי ניט אן, ווערען זיי ניט זעלטען געשיצט פון די אונ־טערנעמער.

**אביסעל א העכערן טיפ פון ארבעטער ארגאניזאציעס שטעלען**

מיט זיך פאַר די פּראָדוקציאָנס קאָאָפּעראַטיווען. דאָס זיינען גרופּעס ארבעטער, וואָס פאַרמאָגען אייגענע פּראָדוקציאָנס מיטלען און פירען אייגענע אונטערנעמונגען. די מיטגלידער פון אַזעלכע פאַראיינען זיינען, הייסט עס, אי אונטערנעמער, אי ארבעטער. אַזוינע אָרגאַניזאַציעס קענען גאַנץ היפּש פאַרבעסערן די מאַטעריעלע לאַגע פון זייערע מיטגלידער, מחמת זיי פאַרמיידען דעם איבערגאַנג פון פּראָפיט צום קאַפּיטאַליסט אין די הענט אריין.

אבער נאָר אין זעלטענע פאַלען איז מעגליך צו גרינדען פּראָדוקציאָנס קאָאָפּעראַטיווען אָהן זייטיגער הילף (ווי, למשל, הילף פון דער מלוכה): בּאַ דער היינטיגער טעכניקע מוז מען געוויינטליך האָבען אַ היפּשען קאַפּיטאַל כדי אַנצוהייבען אַן אונטערנעמונג. ווייטער, פירען דאָס געשעפט פון אַ פּראָדוקציאָנס פאַראיין איז זעהר שווער: די ארבעטער זיינען ניט געוואוינט צו געמיינשאַפטליכער אָרגאַניזאַטאָרישער טעטיגקייט אין דער פּראָדוקציע, די קאַפּיטאַלען זייערע זיינען קליין, די קאַפּיטאַליסטען באַציהען זיך צו זיי מיט שנאה, און מיט זייערע גרויסע מיטלען גיט זיך זיי אָמאָל איין מיט דער הילף פון קאָנקורענץ אונטערצוגראָבען די אונטערנעמונג פון די ארבעטער, און אַז. וו.

איינאָרדענענדיג זיך צווישען די קאַפּיטאַליסטישע באַציהונגען, קענען די פּראָדוקציאָנס קאָאָפּעראַטיווען, בּאַ גינסטיגע באַדינגונגען, ראַדיקאַל אויסבעסערן די לאַגע פון זייערע מיטגלידער, ד. ה. לפי־ערך פון אַ קליינער צאָל ארבעטער. דאַן הייבען אָן שאַרף פאַנאַנדערצוגעהן זיך די אינטערעסען פון דעם קליינעם ביסעל ארבעטער מיט די אינטערעסען פון אַלע אַנדערע ארבעטער. אין דער׳אמת׳ן, צונעמען אַ נייעם מיטגליד אויף דיזעלביגע באַדינגונגען מיט די אַלטע לוינט זיך פּשוט ניט פאַר דעם פאַראיין, ווען ער האָט שוין זיין אייגענס אַ היפּשען קאַפּיטאַל. למשל, ווען בּאַ דעם פאַראיין האָט זיך אָנגעקליבען צו 1,000 רובל אויף אַ מענטשען, און זיי זאָלען צונעמען אַ נייעם מיטגליד אָהן טויזענט רובל, וועט דאָך עס אייגענטליך הייסען, אַז זיי טיילען זיך מיט זייער פּראָפּיט מיט פרעמדע מענטשען.

**בכלל איז ניטאָ קיין גרינגערע זאַך, ווי צו פאַרוואַנדלען די אר־**

בעטער־אונטערנעמער אין אַ באַזונדער אַריסטאָקראַטיע צווישען די אַרבעטער. ניט זעלטען טרעפט, אַז די פּראָדוקציאָנס פאַראייגען דינגען פרעמדע אַרבעטער און צאָלען זיי דעם געוויינטליכען לוין (למשל, דער באַרימטער „פאַמיליסטער" אין ג י ז ע). אין זייער אנטוויקלונג שטרעבען די פּראָדוקציאָנס פאַראייגען פאַרוואַנדעלט צו ווערען אין אַקציאָנערע געזעלשאַפטען. אין תוך גענומען, פאַרגרעסערען זיי נאָר די צאָל פון דער קליין־בורזשואַזיע. ניט זעלטען ווערען זיי געגרינדעט ניט פון ריין אַרבעטער, נאָר פון פּראָדוצירער פון דעם קליין בירגערליכען טיפּ, למשל, די פויערשע אַרטעלען אין רוסלאַנד. ביז היינטיגען טאָג האָבען נאָך די פּראָדוקציאָנס פאַראייגען דערווייל געהאַט אַ קנאַפּען דערפאָלג לפי־ערך.

אַ סך שטאַנדהאַפטיגער און לעבענס פייהיגער זיינען די קאָנסום־פּראָדוקטיווע פאַראיינען. די קאָנסום פאַראיינען, אַנקלייבענדיג אַ היפּשען קאַפּיטאַל, אָרדענען איין אייגענע וואַרשטעטען, פאַבריקעס צו פּראָדוצירען געוויסע סחורות, וואָס די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט פאַרברויכען אַממערסטען. דערביי איז דאָס אויסברייננגען פון די געשאַפענע סחורות מער אָדער ווייניגער געזיכערט, און די פּראָדוקציע קען אַנגעהן ווי געהעריג; די אַרבעטער פון די אונטערנעמונגען קריגען דערביי געוויינטליך אַ גוטען אַרבעטס־לוין לפי־ערך, און זיי האָבען דעם נוצען פון אַנטיילנעמער אין דעם קאָנסום פאַראיין.

דער פּאָליטישער קאַמף פון די אַרבעטער פאַר בעסערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון לעבען און אַרבעט אין די גרעניצען פון דער איצטיגער אָרדענונג רופט אַרויס די פאַבריק־געזעצגעבונג.

די פאַבריק געזעצגעבונג באַשטעהט אין דעם, וואָס מלוכה מישט זיך אַריין אין דער אָרגאַניזאַטאָרישער טעטיגקייט פון איינצעלנע קאַפּיטאַליסטען און באַגרעניצט די פרייהייט פון אָפּמאַך צווישען קאַפּיטאַל און אַרבעט. די באַדערפעניש פון אַזאַ געזעצגעבונג פ אַ ר ד ע ר מ ל ו כ ה נעמט זיך פון דעם צוזאַמענשטויס פון די אינטערעסען פון איינצעלנע קאַפּיטאַליסטען מיט די אינטערעסען פון דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. וואָס פאַר אַ פאָרמעס די **פאַבריק־געזעצגעבונג זאָל אין פאַרשיידענע פאַלען ניט אַננעמען — די**

# א. באַגדאַנאָוו

באַגרעניצונג פון דעם אַרבעטס טאָג, באַשטימען די פאַראַנטוואָרט־ליכקייט פון די אונטערנעמער פאַר אומגליקס פאַלען דורך די מאַשי־נען, קאָנטראָל איבער די היגיענישע באַדינגונגען פון דער אַרבעט און אַז. וו. — באַשטעהט זי, אין תוך גענומען, אַלץ אין איין זאַך — די אומענדערונג פון דעם „אַרבעטס לוין“ אין דעם ברייטסטען זינען פון וואָרט, די אומענדערונג פון דעם אַרבעטערס חלק אין דער געזעל־שאַפטליכער צעטיילונג.

כדי קלאָר צו מאַכען זיך, ווי אַזוי די מאַשין־פּראָדוקציע, רעפּאַר־מירענדיג אַלע באַציהונגען, שאַפט די נויטווענדיגקייט פון פאַבריק־גע־זעצען, לאָמיר זיך אָפּשטעלען אויף אַן איינצעלנעם פאַל — אויף ענג־לאַנד. ענגלאַנד, א מדינה וואו דער מאַשין־קאַפּיטאַליזם האָט זיך אַנטוויקעלט פריהער איידער אומעטום, איז פריהער פון אַלע אַנדערע לענדער צוגעטראָטען צו פאַבריק־געזעצגעבונג.

ווען די שטרעבונג פון דעם קאַפּיטאַל צו פאַרלייננגערען דעם אַר־בעטס טאָג און צו פאַרקלענערען דעם אַרבעטס לוין איז דערגאַנגען ביז צו די לעצטע גרעניצען, אַזוי אַז עס איז געוואָרען א סכנה דער אַרבע־טער קלאַס זאָל ניט אויסשטאַרבען, דאַן איז קלאָר געוואָרען, אַז צו ענ־דערען אַט די באַדינגונגען זיינען פאַראינטערעסירט ניט נאָר די אַר־בעטער אַליין, וואָס האָבען זיך ענערגיש גענומען צום קאַמף פאַר פאַב־ריק געזעצען, נאָר נאָך א סך אַנדערע עלעמענטען אין דער געזעל־שאַפט. ערשטענס, דער קלאַס ערד־אייגענטימערס האָט געפונען גע־נוג טעמים פאַרוואָס ער זאָל זיך באַציהען מיט מיטגעפיהל צו די שטרעבונגען פון די אַרבעטער: איטלעכע אויסבעסערונג אין די לע־בענס באַדינגונגען פון די אַרבעטער, העכערענדיג זייערע באַדערפע־נישען, פאַרגרעסערט אויך זייער נאָכפרעג אויף געברויך אַרטיקלען, וואָס א היפשער טייל פון זיי ווערט געשאַפען אין דער אַגריקולטור: און א שטאַרקערער נאָכפרעג אויף די פּראָדוקטען פון ערד־אַרבעט מיינט א העכערונג פון דער רענטע; אחוץ דעם, די שנאה צווישען די ערד־אייגענטימער און דעם אינדוסטריעלען קאַפּיטאַל איבער רענטע און פּראָפיט האָט, בכלל, געמאַכט די ערד־אייגענטימער מער געניגט אַרויסצוטרעטען אַנקעגען די אינדוסטריעלע קאַפּיטאַליסטען אויך אין

# פּאָליטישע עקאָנאָמיע

דער פראגע וועגען פאבריק־געזעצען. די קליין־בורזשואזיע איז געווען געגייגט אקטיוו מיטצופיהלען די ארבעטער איבער צוויי הויפט אור־זאכען: טיילווייז, איבער דערזעלביגער שנאה צום גרויס קאפּיטאַל, וואס באזיגט די קליין־בורזשואזיע אויף אימלעכען פעלד פון קאנקור־רענץ; טיילווייז מחמת דירעקטען מיטלייד צו דער שווערער לאגע פון די ארבעטער, וואס אנדערע פון זיי זיינען נאך ניט לאנג געווען אליין קליין־בירגער, און וואס א סך פון די קליין־בירגער קענען, בא אומ־גינסטיגע באדינגונגען, לייכט אריינפאלען אין זייער לאגע. די מער אויפגעקלערטע קאפּיטאליסטען, וואס קענען זיך שטעלען העכער פון די אינטערעסען פון איין געוויסער אונטערנעמונג און פון איין מאָ־מענט, האבען פארשטאנען, אז א געוויסע אויסבעסערונג אין דעם לע־בענס שטאנד פון די ארבעטער, וועט זיין ניצליכער פאר׳ן קאפּיטאל גופא, מחמת עס וועלען זיך פארבעסערען די אייגענשאפטען און די אינטענסיוויטעט פון דער ארבעט. נאך מער האט עס פארשטאנען די אויפגעקלערטע ענגלישע ביוראקראטיע.

דער רעזולטאט פון די אלע באדינגונגען איז געווען, אז דער ארבעטער קלאס האט אין זיין קאמף פאר פאבריק געזעצען געקראגען שטארקע שותּפים, און עס איז געקומען א געזעצגעבערישע באגרעני־צונג פון דעם ארבעטס טאג, אפריהער נאר פאר פרויען, אונטערגע־וואקסענע קינדער און קינדער, — די עלעמענטען פון דעם ארבעטער קלאס, פון וועלכע עס הייגגט אפּ דירעקט דאס געזונט און דער כּוח פון זיינע קומענדיגע דורות. דערביי פלעגט אבער אויך דער ארבעטס־טאג פון דערוואקסענע מאנסבילען ממילא פארקלענערט ווערען, וואָ־רים די פרויען און קינדער זיינען א היפּשער טייל פון אלע ארבעטער, און אנגעהן מיט דער פּראָדוקציע אהן זיי איז געווען אי ניט באקוועם, אי עס האט זיך ניט געלוינט.

ביז די פאבריק־געזעצען איז א 14–15 שעה׳דיגער ארבעטס טאג געווען א גאנץ געוויינטליכע זאך. שוין בא א 14 שעה׳דיגען אר־בעטס־טאג בלייבט פאר דעם מענטשען קנאפּע צוויי שעה אויף צו בא־פרידיגען אלע זיינע העכערע מענטשליכע באדערפעניסען, רעכענענדיג

8 שעה אויף שלאָפען. און ערטערווייז האָט מען געקענט טרעפן אפילו אַן 18 שעה'דיגען אַרבעטס טאָג.

לויט'ן געזעץ פון 1833 יאָר, איז דער אַרבעטס טאָג אין די וויכ־טיגסטע פּראָדוקציאָנס צווייגען באַגרעניצט געוואָרען מיט 12 שעה. נאָכדעם, נאָך אַ רייע אַנדערע קליינע רעפאָרמעס אין דערזעלביגער ריכטונג, האָט דאָס געזעץ פון 1847 פאַרקירצט דעם אַרבייטס טאָג ביז 10 שעה. אין דערזעלביגער צייט האָט זיך ביסלעכווייז איינגע־שטעלט די פאַבריק־אינספּעקציע, אַ באַזונדער מלוכה אָרגאַן כדי דורכ־צופירען אין לעבען די פאַבריק געזעצען און פאַרפאָלגען די וואָס פאַר־לעצען זיי. מחמת דער לפי־ערך אומאָפּהענגיגער לאַגע, וואָס איז גע־געבען געוואָרען די ענגלישע אינספּעקטאָרען אין זייער טעטיגקייט, האָבען די פאַבריק־געזעצען אָנגעהויבען אין אַ פולערער מאָס פאַר־ווירקליכט צו ווערען. (די באַריכטען פון די ענגלישע אינספּעקטאָרען האָבען צום ערשטען מאָל באַקענט אייראָפּע מיט דער אמת'ער לאַגע פון דעם אַרבעטער קלאַס, און האָבען געגעבען אַ רייכען מאַטעריאַל כדי אויסצופאָרשען די געזעצען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדע־נונג.)

נאָכדעם ווי די ערשטע שריט אויפ'ן פעלד פון פאַבריק־געזעצגע־בונג זיינען שוין געמאַכט געוואָרען, קומען שוין אָן די ווייטערע שריט לפי־ערך גרינגער. אגב, אויב די געזעצגעבערישע באַגרעניצונגען ווע־רען איינגעפירט נאָר אין איניגע פּראָדוקציאָנס צווייגען, ווערען די קאַפּיטאַליסטען פון אָט די צווייגען אָנהייגנער פון אַ ווייטערער פאַר־שפּרייטונג פון דיזעלביגע געזעצען אויף די אַנדערע צווייגען, מחמת זיי ווילען ניט, אַז די אַנדערע קאַפּיטאַליסטען זאָלען זיין אין אַ גינס־טיגערער לאַגע אַנקעגען זיי אין דעם ענין פון אָנזאַמלונג. אויף דעמ־זעלביגען אופן, אויב אויפ'ן גרונט פון די אָרטיגע באַדינגונגען מוזען אַ טייל קאַפּיטאַליסטען באַנוגענען זיך מיט אַ קלענערען אַרבעטס־טאָג, איידער די אַנדערע, זיינען אָט די קאַפּיטאַליסטען אָפט געניגט צו שטעהן פאַר אַ געזעצגעבערישער נאָרמירונג פון דעם אַרבעטס טאָג איבער'ן גאַנצען לאַנד, נאָר אַזאַ נאָרמירונג, דורך וועלכער די קאָנקור־רענטען זייערע זאָלען פאַרלירען זייער גינסטיגערע לאַגע. אָבער זיי

# פּאָליטישע עקאָנאָמיע

אליין זאלען דערביי גאר גיט ליידען. אזוי איז אין 1896 יאר, אין דער צייט פון די גרויסע סטרייקען אין פעטערבורג און אנדערע שטעט אין רוסלאנד, סטרייקען, וואו די הויפּט פאדערונג איז געווען צו פאר־קירצען דעם ארבעטס טאג, זיינען די לאדזער טעקסטיל פאבריקאנטען, וואס זיינען שוין פון פריהער געווען געצוואונגען דורך דעם ענערגי־שען קאמף פון זייערע ארבעטער צו פארקירצען דעם ארבעטס טאג, געשטאנען פאר א גזירה, וואס זאל אים פארקירצען איבער'ן גאנצען לאנד, כדי זייערע קאנקורענטען פון מאסקעווער ראיאן, וואס האבען געהאט זעהר א לאנגען ארבעטס־טאג, זאלען אנווערען זייער גינסטי־גערע לאגע אנקעגען זיי.

די באדייטונג פון דער נארמירונג פון דעם ארבעטס טאג פאר דער פראדוקציע איז אזא: געבענדיג די ארבעטער א מעגליכקייט צו לעבען א מער באוואוסטזיניגען לעבען, באשאפט זי באדינגונגען פאר א בעסערער און מער אינטענסיווער ארבעט. עס ווערט מעגליך צו פארגרעסערען די שנעלקייט פון די מאשינעס, איבערגעבען א גרעסערע צאל מאשינעס צו איין ארבעטער, און אז. וו. א דאנק דעם, איז גאנץ גיך נאכדעם ווי דער ארבעטס טאג ווערט פארקירצט, ווייזט זיך ארויס, אז די טעגליכע אויסגאבע פון ניצליכער ארבעטס ענערגיע איז גרעסער, איידער פריהער: אז א 12 שעה'דיגער ארבעטס טאג גיט א גרעסערען סכום ארבעט איידער א 15 שעה'דיגער, א 10 שעה'דיגער — מער איידער א 12 שעה'דיגער.

די פארגרעסערטע אינטענסיוויטעט פון דער ארבעט מאכט בא דעם קאפּיטאליסט איינגיכען א הסכם אויף דעם געזעץ וועגען דעם ארבעטס טאג, מחמת דער פּראפיט ווערט דערביי געוויינטליך ניט קלענער, און אמאל נאך גרעסער, איידער פריהער. איבעריגענס, עס איז דא א גרעניץ, וואס ווייטער פון דעם מוז די פארקירצונג פון דעם ארבעטס טאג פארקלענערען דעם מערווערט, ווארים צו דער אינטענ־סיוויטעט פון ארבעט איז פאראן א שיעור. עס איז שווער צו זאגען, צי דער 8 שעה'דיגער ארבעטס טאג ליגט פאר אט דעם גרעניץ, צי נאך אים. (די באוועגונג לטובת אן 8 שעה'דיגען ארבעטס טאג האט זיך

## א. באָגדאַנאָוו

אנגעהויבען פון די 50־גער יאָרען אָן, און האָט זיך באזונדערס פאַר־שטאַרקט פון דעם יאָר 1889.)

אין אָנהייב פּירט די פאַרקלענערונג פון דעם אַרבעטס טאָג צו אַ פאַרקלענערונג פון דער אַרבעטסלאָזיגקייט; נאָר מחמת דעם שנעלען וואוקס פון דער אינטענסיוויטעט פון דער אַרבעט, איז אָט די פאַרקלע־נערונג נאָר אַ צייטווייליגע: גאַנץ גיך ווייזט זיך אַרויס, אַז מען קען זיך באַגעהן מיט דער פריהערדיגער צאָל אַרבעטער הענט, אויב ניט מיט נאָך אַ קלענערער.

נאָך ענגלאַנד, האָבען אַנדערע לענדער אויך אָנגעהויבען איינצו־פירען פאַבריק־געזעצען. דערביי האָט זיך דער איינפלוס פון דער היסטאָרישער סביבה, דער איינפלוס פון דעם וועלט קאַפּיטאַליזם אויף די אַנדערע לענדער אויסגעדריקט אין דעם, וואָס זיי קומט אָן די פאַבריק־געזעצגעבונג בכלל גרינגער, מיט ווייניגער קאַמף (פונקט אַזוי ווי די אַנטוויקלונג פון דעם אינדוסטריעלען קאַפּיטאַליזם געהט דאָרט אָן אויך לפי־ערך שנעלער).

אין אַלע לענדער פאַרכאַפּט די געזעצגעבונג שריט נאָך שריט פאַרשיידענע זייטען פון דעם פאַבריק־לעבען. קודם כל באַגרעניצט זי געוויינטליך די אַרבעט פון פרויען און קינדער. די אַרבעט פון קינדער ביז אַ געוויסען עלטער ווערט מערסטענטייל גאָר פאַרבאָטען (אין רוסלאַנד ביז 12 יאָר). נאָכדעם האָט דאָס געזעץ ערטערווייז באַשריינקט אויך די אַרבעטס צייט פון דערוואַקסענע מאַנסביל. (אין רוסלאַנד איז דער ערשטער שריט אין אָט דער ריכטונג אַ שריט, אמת, ניט קיין איבעריגס גרויסער און ניט קיין זיכערער געמאַכט געוואָרען מיט'ן געזעץ פון 2טען יוני 1897 יאָר, וואָס איז געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון די דערמאָנטע סטרייקען אין 1896 יאָר).

וואו ניט וואו פאַרוועהרט דאָס געזעץ נאַכט אַרבעט פאַר פרויען און קינדער (אין דער שווייץ אויך פאַר מאַנסביל, אחוץ, פאַרשטעהט זיך יענע אונטערנעמונגען, וואו די טעכניק גופא פאָדערט אַן אומ־אויפהערליכע פּראָדוקציע). די באַדייטונג פון אָט דעם געזעץ איז

## פאָליטישע עקאָנאָמיע

קלאר: ניט ריידענדיג שוין פון דעם וואס נאכט ארבעט איז פשוט שעדליך פאר'ן געזונט פון מענטשען, איז עס נאך א קוואל פון אן אומ־געזונטער אנטוויקלונג פון געשלעכט לעבען צווישען דעם ארבעטער קלאס.

ווייטער, איז א סך לענדער באשטימט דאס געזעץ כללים וועגען ריינליכקייט אין די ווארשטעטען, וועגען ווענטילאציע, וועגען פאר־זיכטיגקייט מיטלען אנקעגען שעדליכע פראדוקציעס און געפערליכע מאשינעס.

פון די אומגעזונטע באדינגונגען אין דער פראדוקציע פאלען יער־ליך טויזענטער קרבנות; עס לאזט זיך אבער ניט דירעקט איבערצו־ציילען אט די קרבנות — מען קען קריגען א באגריף וועגען זיי נאר פון דער זייט, לויט דער אומגעהויער גרויסער שטערבליכקייט אין דער אדער יענער פראדוקציאנס צווייג. וואס איז שייך דער צאל מענטשען, וואס ווערען פארוואונדעט און גע'הרג'עט אין דער פראדוקציע, איז יא פאראן א סטאטיסטיקע, און פאר די מלוכות פון מערב־אייראפע אפילו א גאנץ פינקטליכע. פון אט דער סטאטיסטיקע קען מען זעהן, אז, למשל, אין דייטשלאנד איז פאר איין 1894 יאר די אלגעמיינע צאל אומגליקס צופאלען מיט ארבעטער געווען 216,000, די צאל גע'הרג'עטע איז געווען 6,000, און בא 3,000 זיינען אזוי שטארק צעקאלעטשעט געווארען, אז זיי זיינען אויף אייביג געבליבען אומפייהיג צו ארבעטען. ווי וויכטיג עס זיינען אין דער פראקטיקע די געזעצען וועגען פארזיכ־טיגקייט מיטלען אנקעגען אומגליקס צופאלען, קען מען זעהן, למשל, פון אט דעם: אין ענגלאנד איז אין 1874 אויף די אייזענבאנען גע־הרג'עט געווארען ארבעטער — 1 פון 320, און פארוואונדעט — 1 פון 89; אין 1894 יאר, ווען אין קראפט זיינען שוין געווען געוויסע געזעצען וועגען פארזיכטיגקייט מיטלען, איז גע'הרג'עטע געווען אין 2½ מאל ווייניגער — 1 פון 796, פארוואונדעטע כמעט אין צווייען ווייניגער — 1 פון 140.

אין אנדערע לענדער באשטימט די פאבריק־געזעצגעבונג די פאר־אנטווארטליכקייט פון די אונטערנעמער פאר אומגליקס פאלען מיט די ארבעטער אין דער פראדוקציע.

## א. באָגדאַנאָוו

אין אנדערע לענדער אָרגאַניזירט דאָס געזעץ א פאַרזיכערונג פון די אַרבעטער אויפ׳ן פאַל פון קראַנקהייט, צעקאַלעטשעט ווערן, אַלט־קייט — אַמאָל אויך מיט דער פאַרפליכטונג פון די באַלעבאַטים צו באַטייליגען זיך אין די פאַרזיכערונג קאַסעס.

ערטערווייז צווינגט די פאַבריק־געזעצגעבונג, אַז די באַלעבאַטים זאָלען האַבען שולען פאַר אונטערגעוואַקסענע קינדער און ד. גל.

די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע אָפּגעשטאַנענקייט פון דער דאָרף ווירטשאַפט ווייזט זיך אַרויס אויך אין דעם פאַקט, וואָס די באַשיצונג פון די דאָרף אַרבעטער אויפ׳ן געזעצגעבערישען אופן קומט אויף א סך שפּעטער און ווערט דורכגעפירט אין לעבען אין א סך א קלענערער מאָס, איידער די באַשיצונג פון די אינדוסטריעלע אַרבעטער, — לויט נאָך דער לאַנגזאַמער אַנטוויקלונג פון דעם עקאָנאָמישען און פּאָליטי־שען קאַמף צווישען דעם דאָרף פּראָלעטאַריאַט.

פאַר דער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקציאָנס קרעפטען פון דער געזעלשאַפט האָט די געזעצגעבערישע נאָרמירונג פון די אַרבעטס באַ־דינגונגען א געוואַלדיגע באַדייטונג: ערשטענס, פאַרשנעלערט זי דעם טעכנישען פּראָגרעס שוין דערמיט, וואָס זי פאַרגרעסערט דעם ווערט פון דער אַרבעטס קראַפט, און א דאַנק דעם לוינט שוין בעסער פאַר די אונטערנעמער צו פאַרבייטען די אַרבעט פון מענטשען מיט מאַשינעס; צווייטענס, פאַרשנעלערט זי די קאָנצענטרירונג פון די קאַפּיטאַלען, מיטהעלפענדיג דעם אונטערגאַנג פון די קליינע אונטערנעמונגען, וואָס זיי איז א סך שווערער, איידער די גרויסע אונטערנעמער, אויסצו־האַלטען די הוצאות פון קאַפּיטאַל אויף אַרבעטס קראַפט און אויף פאַרשיידענע אויסבעסערונגען אין די באַדינגונגען פון דער אַרבעט; דריטענס, די מלוכה אַריינמישונג נעמט אָפּ בא איטלעכען קאַפּיטאַל די פּריווילעגיע צו זיין דער איינציגער פולמעכטיגער אָרגאַניזאַטאָר פון דער פּראָדוקציע; פערטענס, פאַרבעסערענדיג די לאַגע פון דעם אַרבעטער קלאַס, באַשאַפט זי גינסטיגערע באַדינגונגען פאַר דער אַנט־וויקלונג פון דעם פּראָלעטאַרישען קאַמף, וואָס פירט צו א פונדאַ־מענטאַלער איבערבויאונג פון דער געזעלשאַפט.

# פּאָליטישע עקאָנאָמיע

### 5). די וויכטיגסטע ענדערונגען פון דער געזעלשאַפטליכער פּסיכאָלאָגיע אין דעם פּעריאָד פון מאַשין־קאַפּיטאַליזם.

לויט'ן כאַראַקטער נאָך, זיינען די ענדערונגען פון דער געזעלשאַפטליכער פּסיכאָלאָגיע, וואָס קומען פאָר אין דעם פּעריאָד פון מאַשין־קאַפּיטאַליזם, טיילווייז אַ דירעקטע פאָרזעצונג פון די, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דעם פריהערדיגען פּעריאָד, און טיילווייז שיידען זיי זיך שטאַרק אָפּ פון זיי.

די אַרויסבאַפרייאונג פון דעם יחיד פון דעם יאָך פון די פאָרמאַלע אונטערדריקונגען און אַווטאָריטעטען, וואָס זיינען איבערגעגאַנגען בירושה פון דער פעאָדאַלער וועלט, געהט אָן ווייטער און ווערט כמעט פאָרענדיגט אין די צייטען פון מאַשין־פּראָדוקציע. בנוגע די בורזשואַזע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט, דאַרף מען דאָס אפילו ניט פאַרטייטשען. און וואָס איז שייך די אַרבעטער, איז שוין דער איבערגאַנג גופא פון דער פריהערדיגער מעכאַניש־אויספאָלגענדיגער ראָלע, וואָס זיי האָבען געשפּילט אין דער מאַנופאַקטור פּראָדוקציע, צו דער באַוואוסטזיניג־אויספאָלגענדיגער, וואָס איז בעצם נאָהענט צו אַן אָרגאַניזאַטאָרישער, רופט אַרויס אַן אויסברייטערונג פון דעם קרייז פון זייערע געדאַנקען און שטרעבונגען. אמת, האָבענדיג די פאָרמאַלע פרייהייט פאַר אַנטוויקלונג, האָט אָבער דער אַרבעטער געוויינטליך אַ ניט אין אַן ערך קלענערע מאַטעריעלע פרייהייט, מאַטעריעלע מעגליכקייט פון אַנטוויקלונג; אָבער אויך די לעצטע ווערט ביסלעכווייז גרעסער (די אַרבעטער פאַראיינען, פאַבריק־געזעצגעבונג, די העכערונג פון דעם אַרבעטס לוין).

די ריכטונג, אין וועלכער עס ענדערט זיך די פּסיכאָלאָגיע פון די צוויי הויפּט גרופּעס פון דער געזעלשאַפט — די קאַפּיטאַליסטען און די פּראָלעטאַריער — איז דערביי ניט קיין גלייכע. די ערשטע, געבען איבער ביסלעכווייז די אָרגאַניזאַטאָרישע טעטיגקייט צו געדונגענע ספּעציאַליסטען, און הייבען זיך אָן צו אַנטוויקלען אין דער ריכ־

# א. באָגדאַנאָוו

טונג הויפּטזאַכליך פון *געברויכער*, ד. ה. פּאַראַזיטען; די צווייטע, לויט נאָך דער וואַקסענדיגער פאַרוויקעלטקייט פון זייער פּראָדוקציאָנס ראָלע, אַנטוויקלען זיך הויפּטזאַכליך אין אַ *פּראָדוקטיווער* ריכטונג. אַט די צוויי טיפּען פון אַנטוויקלונג ווערען מיט דער צייט איינגעשטעלט אַלץ פעסטער אין זייער געגענזייטיגער פאַרהעלטעניש; צו וואָס דאָס דאַרף סוף־כל־סוף ברייננען, איז ניט שווער פאַרצושטעלען זיך.

די אויסברייטערונג פון דעם דערקענונגס מאַטעריאַל, אויף וועלכען עס שטיצט זיך די ווייטערדיגע אַנטוויקלונג, שטימט מיט דעם אַלגעמיינעם וואוקס פון דער פּראָדוקציע. די דערקענטעניש פון דער אורזאַכליכקייט פון דערשיינונגען ווערט אומאויפהערליך פאַרגרעסערט. דער נאַטוראַלער פעטישיזם פאַרלירט אינגאַנצען דעם באָדען, עס בלייבען פון אים איבער קוים עפּעס רעשטלאַך.

דער סחורה פעטישיזם בלייבט, מחמת עס בלייבט די ניט געאָרגאַניזירטע געזעלשאַפטליכע צעטיילונג פון אַרבעט, וואָס רופט אים אַרויס. אָבער אַט דער פעטישיזם באַהערשט ניט אין אַ גלייכער מאָס די פּסיכאָלאָגיע פון די צוויי פונדאַמענטאַלע געזעלשאַפטליכע גרופּעס. זיין גאַנצע קראַפט האַלט ער איין נאָר איבער דער גרופּע אונטערנעמערס, פאַר וועלכער די ניט געאָרגאַניזירטע ארבעט צעטיילונג האָט אין לעבען די גרעסטע דירעקטע באַדייטונג, פאַר וועלכער די מאַטעריעלע טעטיגקייטס באַדינגונגען טראָגען די געשטאַלט פון אויסטויש אייגענטום, פאַר וועלכער דער קאַמף פאַר עקזיסטענץ ווערט אַלץ מער אויסגעדריקט אין אַ רייע אויסטויש פּראָצעסען. פאַרקערט, אין דעם לעבען פון דעם אַרבעטער קלאַס שפּילען אַלץ אַ גרעסערע ראָלע די געאָרגאַניזירטע פאָרמעס פון צוזאַמענאַרבעטונג און אַרבעט־צעטיילונג, וואָס לויט זייער איינפאַכקייט און קלאָרער דורכזיכטיגקייט לאָזען זיי ניט איבער קיין שום פּלאַץ פאַר׳ן פעטישיזם, — דער בונד פון געמיינשאַפטליכקייט אין די אַרבעט פּראָצעסען ווערט אַלץ ווייניגער פאַרשטעלט דורך דעם געגענזייטיגען קאַמף — דער קאָנקורענץ; פּראָדוקציע, און ניט אויסטויש שפּילט די הויפּט ראָלע אין לעבען.

פון דאַנען נעמט זיך דער אונטערגאַנג פון אויסטויש פּעטי־שיזם אין דער סביבה פון אַט דעם קלאַס.

אויף די עקאָנאָמישע אַנשויאונגען פון דער עפּאָכע, וואָס מיר שטודירן איצטער, וועט זיין באַקוועם נאָכצופאָרשן אין אַ פולערער מאָס די רעפאָרמירנדיגע ווירקונג פון דער מאַשין־פּראָדוקציע אויף דער געזעלשאַפטליכער פּסיכאָלאָגיע.

פאַר נאָרט'ן, די פיזיאָקראַטן, אַדאַם סמיט'ן — די עקאָנאָמיסטן פון דער שפּעטערער תקופה פון דעם מאַנופאַקטור פּעריאָד — איז געווען כאַראַקטעריסטיש די טיפע איבערצייגונג, אַז בא דער הערשאַפט פון פרייער קאָנקורענץ דאַרף אין דער געזעלשאַפט זיין דער העכסטער וואוילשטאַנד, אַז אין דעם פרייען קאַמף פון פּערזענליכע אינטערעסן ווערט באַשאַפן אַ „גערעכטע" פאַנאַנדערטיילונג. אין יענע צייטן זיינען נאָך ווייניג געווען אַנטוויקעלט און עס האָבן זיך נאָך ניט דייטליך אַנגעזעהן די נעגאַטיווע זייטן פון דעם וואַקסענדיגן קאַפּיטאַליזם. פאַר דער מאַסע פויערן, וואָס איז געבליבן אָהן ערד, פאַר אַלע די, וואָס האָבן אַנגעוואָרן די פריהערדיגע קוואַלן פון חיונה, איז די מאַנופאַקטור געקומען ווי אַ בעל־טובה, וואָס האָט גע־ראַטעוועט פון הונגער טויט. דאָס האָט געגעבן גענוג מאַטעריאַל פאַר דעם אָפּטימיסטישן בליק פון די עקאָנאָמיסטן — די אידעאָלאָגן פון קאַפּיטאַל — אויף די נייע פאָרמען פון פּראָדוקציע און פאַנאַנדערטיילונג.

מיט דער גרויסער אינדוסטריעלער איבערקערעניש צום סוף פון 18־טען יאָרהונדערט, מיט דער אַנטוויקלונג פון מאַשין־פּראָדוקציע, האָבן זיך אַ סך זאַכן געענדערט. די שנעלע אויספאָרמירונג פון אַ קאַפּיטאַליסטישן רעזערוו, דער לעצטער גראַד פון פרויען און קינדער־אַרבעט, די פאַרקלענערונג פון דעם אַרבעטס לוין, די סטיכישע אויפשטאַנדן פון אַרבעטער, וואָס פלעגן ברעכן די מאַשינען, דאָס פאַקטישע צוזאַמענזיין פון נאַציאָנאַלען רייכטום און פאָלקס אָרעמקייט — דאָס אַלץ האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן און האָט געפאָדערט אַ דערקלערונג. די עקאָנאָמיסטן האָבן ניט געקענט אָוועקמאַכן

# א. באַגדאַנאָוו

מיט'ן האנט די נייע פראגעס וואס דאס לעבען אליין האט ארויסגע־שטעלט.

אין דערזעלביגער צייט איז פאר די עקאנאמיסטען פון ענגלאנד, ווי פאר די אידעאלאגען פון קאפיטאל, געשטאנען אויך א ריין פראק־טישע פראבלעמע: אויסצוהאלטען דעם קאפיטאליסטישען רעזערוו, וואס האט זיך צעוואקסען ניט אין אן ערך גרויס, אויפ'ן חשבון פון דעם שטייער פאר ארעמעלייט האט געקאסט דער בורזשואזיע צו טייער, עס האט אונטערגעשניטען איר מערווערט א סך מער, ווי דאס וואלט געווען ווינטשענסווערט פון דעם שטאנדפונקט פון דער בורזשואזיע. מען האט געדארפט פארקלענערען אט די הוצאה אויף אזויפיל, אז דאס זאל זיין לפי ערך נאך דער רעזערוו ארמיי, וואס דער קאפיטאל דארף ווירקליך האבען; צוליב דעם האט מען געדארפט אויסגעפינען אידעאלאגישע, ווי ווייט מעגליך וויסענשאפטליכע יסודות.

דאס זיינען געווען די געזעלשאפטליכע באדינגונגען, וואס האבען ארויסגערופען די וויסענשאפטליכע טעטיגקייט פון ט א מ א ס ר א־ב ע ר ט מ א ל ט ו ס ' ן. אט דער עקאנאמיסט (לויט זיין געזעל־שאפטליכער לאגע — א פראטעסטאנטישער גלח) האט פארפולקומט די אלטע אסקעטישע אידייעס, זיי זאלען זיין צונעפאסט צו די נייע צוועקען. ער האט דערקלערט, אז דער אינסטינקט פון פריה־ורביה איז דער גאנצער חייב אין אלע געזעלשאפטליכע צרות: מענטשען לאזען פריי אט דעם אינסטינקט און זיי פרובפערען זיך צו שטארק, מער איידער די ערד איז בכוח צו שפייזען; דער הונגער משפט די מענטשען און שטראפט אהן רחמנות די, וואס האבען ניט געדארפט געבארען ווערען — אזוי איז דער רצון פון דער השגחה, אזוי איז דאס געזעץ פון דער נאטור.

פארשטעהט זיך, אז די ווירקליכקייט גופא האט געגעבען מאטע־ריאל פאר אט דעם געדאנק. באאבאכטענדיג דאס לעבען אין איין באזונדער ווירטשאפט, קען מען אפט זעהן אן אמת „איבערמאסיגע" פארמערונג, ד. ה. ניט לויט די מיטלען נאך פון דער פאמיליע. מען האט נאר געדארפט נעמען דעם שלום, וואס מען האט געצויגען פון די באאבאכטונגען איבער באזונדערע ווירטשאפטען, און אנווענדען אים

## פּאָליטישע עקאָנאָמיע

אויף דער גאַנצער געזעלשאַפט. — און אַזאַ מעטאַד איז בּאַ די אַלטע בורזשואַזע עקאָנאָמיסטען געווען אַ געוויינטליכע זאַך. — און עס איז אַרויסגעקומען דער מאַלטוזיאַניזם.

אָבער ניט שווין זשע איז די נאַטור אַזוי אָרעם, אַז זי איז ניט בכוח צו שפּייזען אַלע לעבעדיגע מענטשען און נאָך אַ סך מיליאָנען דערצו? ניין, — ענטפערט מאַלטוס, — די נאַטור איז רייך אָהן אַ שיעור, אַלאַ וואָס דען זי טיילט זיך ניט אַזוי גרינג מיט דעם מענטשען. ווי געלונגען עס זאָל ניט זיין דער קאַמף זיינער מיט דער נאַטור, קען נען אָבער די לעבענסמיטלען, וואָס ער קריגט פון איר אַרויס, ניט וואַקסען מיט אַזאַ שנעלקייט, ווי די צאָל מענטשען. דער מענטש איז כסדר מנצח די נאַטור, נאָר איטלעכער נייער נצחון קאָסט אים אַלץ טייערער און טייערער. היינט האָט דער ערד־אַרבּעטער אויסגעגעבען אַ געוויסען סכום אַרבּעט, כדי אַרויסצוקריגען פון זיין חלק ערד אַ שטיקעל ברויט פאַר זיין געזינד; אויף מאָרגען האָט זיך זיין געזינד פאַרגרעסערט, דאַרף ער שוין אַרויסקריגען צוויי מאָל אַזויפיל ברויט; אָבער אַרבּעט דאַרף מען צוליב דעם אויסגעבען שוין אפשר דריי מאָל אַזויפיל ווי פריהער. כדי פון דעמזעלביגען חלק ערד אַרויסצוקריגען, אחוץ דעם געוויינטליכען סכום, נאָכאַמאָל אַזויפיל ברויט, דאַרף מען דערצו אַנווענדען איבעריגע אַרבּעט ניט נאָך אַמאָל אַזויפיל, ווי פריהער, נאָר מ ע ר. איטלעכער נייער סכום אַרבּעט, וואָס ווערט אַנגעווענדט אויף אַ געוויסען שטח, איז ווייניגער פּראָדוקטיוו, איידער דער פריהערדיגער.

אמת, די אַנטוויקלונג פון דער טעכניק מאַכט די אַרבּעט מער פּראָדוקטיוו, אָבער זי קען ניט אַניאָגען די פאַרגרעסערטע בּאַדערפעניש אין שפּייז.

לאָמיר זאָגען, די בּאַפעלקערונג פון אַ לאַנד ווערט פאַרטאָפּעלט איטלעכע 25 יאָר (מאַלטוס האַלט, אויף׳ן גרונט פון זיינע אויסרעכענונגען, אַז אַט דער טערמין איז ניט קיין קורצער). אַזוי ווי די מענטשליכע נאַטור בּלייבּט (לויט מאַלטוס׳ן) אומגעענדערט, איז ניטאָ קיין גרונט צו האָפען, אַז אַט דער טערמין זאָל זיך מיט דער צייט בּייטען.

# א. באָגדאַנאָוו

הייסט עס, אויב אין לאנד איז איצטער פאראן 1 מיליאן איינוואוינער, וועט אין 25 יאר ארום זיין 2 מיליאן, איבער 50 יאר — 4 מיליאן, איבער 75 יאר — 8 מיליאן און אז. וו.; איבער 250 יאר דארף די באפעלקערונג דערגרייכען ביז 1.024 מיליאן. לאמיר זיך דערביי פארשטעלען, אז לכתחילה פלעגט מען אין לאנד פראדוצירען 100 מיליאן פוד ברויט, צו 100 פוד אויף א מענטשען, און דאס, לאמיר זאגען, איז די נארמע פון די נויטיגע עקזיסטענץ מיטלען.

אויף וויפיל זשע קען זיך פאר דערזעלביגער צייט פארגרעסערען די פראדוקציע פון לעבענסמיטלען? מיט'ן גאנג פון דער געזעלשאפטליכער אנטוויקלונג ווערט די פראדוקטיוויטעט פון דער ערד פארגרעסערט, אבער, לויט מאלטוס'ן, וועט איטלעכער נייער דור קענען ארויסקביגען פון דער ערד, אז א סך, איז מיט 100 מיליאן פוד מער, איידער דער פריהערדיגער דור. מאלטוס באמערקט, אז אויב, למשל, אין ענגלאנד וואלט דער פראגרעס פון ערד־ארבעט געגאנגען מיט אזא שנעלקייט, יואלט דאס לאנד אין עטליכע יארהונדערטען פארוואנדעלט געווארען אין איין גארטען. הייסט עס, איבער 25 יאר וועט געפראדוצירט ווערען 200 מיליאן פוד צו 100 פוד אויף א מענטשען, איבער 50 יאר וועט געפראדוצירט ווערען 300 מיליאן פוד שוין צו 75 פוד אויף א מענטשען, איבער 75 יאר וועט געפראדוצירט ווערען 400 מיליאן פוד שוין צו 50 פוד אויף א מענטשען און אז. וו. אזוי אבער ווי מען מוז האבען צו 100 פוד אויף א מענטשען, איז קלאר, אז א טייל פון דער באפעלקערונג וועט זיין איבעריג, און וואס ווייטער, אלץ א גרעסערער טייל. אט דער טייל איז אויסגעשטעלט צום אונטערגעהן פון הונגער, קראנקהייטען און אז. וו.

הייסט עס, אט פון וואנען עס נעמט זיך דער ארבעטסלאזער: לויט מאלטוס'ן, איז דאס אן א י ב ע ר י ג ע ר מענטש, וואס די עלטערען האבען אים ניט געדארפט ברייגגען אויף דער וועלט. פסק'ענט דער גלח דער עקאנאמיסט אזוי:

„די געזעצען פון דער נאטור, וואס זיינען צו דערזעלביגער צייט אויך די געזעצען פון גאט, האבען פאר'משפט אים און זיין הויז־

געזינד צו שטארבען פון הונגער, פאר ניט פאלגען זייערע געבאטען, וואס זיי האבען ניט איין מאל אנגעזאגט."

„א מענטש, וואס איז געבארען געווארען אין א וועלט, וואס איז שוין פארנומען, — אויב ער האט ניט קיין מיטלען צום לעבען פון זיינע עלטערען, און אויב די געזעלשאפט נויטיגט זיך ניט אין זיין ארבעט, אזא מענטש האט קיין שום רעכט ניט אויפ'ן קלענסטען פיצעל שפייז. ער האט ניט וואס צו זיין דארטען, וואו ער געפינט זיך: אויף דעם רייכען מאלצייט פון דער נאטור איז פאר אים ניטא קיין פרייער טעלער, און זי בעט אים נעמען דעם וועג."

פון דאנען קומען צוויי שלוסען:

ערשטענס, א מענטש האט נאר דאן א רעכט צו געבארען א קינד, ווען ער געפינט פאר מעגליך צו שפייזען אים א ו י ף ג ע ו י ס. אניט, איז דער מענטש מאראליש מחויב אפצוהאלטען זיך פון א פארהייראטען לעבען.

צווייטענס, איטלעכע צדקה — סיי קהל'שע פון מלוכה, סיי פריוואטע — האט קיין שום זינען ניט. זי ברייגגט קיין שום נוצען ניט, ווייל זי וועט ניט אפשטעלען די ווירקונג „פון דעם גרויסען געזעץ פון גאט און דער נאטור"; זי איז שעדליך, מחמת זי האלט אפ אט די ווירקונג און גיט די איבעריגע מענטשען א מעגליכקייט לייגגער צו פלאגען זיך אויף דער וועלט. „ווען צו אים (דעם הונגעריגען) וועט זיך אויסשטרעקען די האנט אפילו פון פריוואטער וואוילטעטיגקייט, — זאגט מאלטוס, — פאדערען די אינטערעסען פון דער מענטשהייט, אז אט די הילף זאל זיין וואס קארגער." פון אט דעם שטאנדפונקט זיינען מלחמות, מגפות, קראנקהייטען — גרויסע בעל־טובות פון דער מענטשהייט, וואס באפרייען זי פון דער איבעריגער באפעלקערונג.

מאלטוס, הייסט עס, האט גערעכענט, אז דער איבערפלוס באפעלקערונג, וואס איז פאראן אין איטלעכען קאפיטאליסטישען לאנד, איז א רעזולטאט פון אבסאלוטער איבערבאפעלקערונג, אז דאס ווערט ארויסגערופען דורך פיזיאלאגישע אורזאכען, און פריהער אדער שפעטער ווערט עס אומפארמיידליך בא איטלעכע באדינגונגען פון געזעלשאפטליכער אנטוויקלונג.

# א. באָגדאַנאָוו

אַט די אַלע באַטראַכטונגען, ווי עס איז שוין באַוויזען געוואָרען, זיינען ריכטיג בנוגע נאַטוראַל־ווירטשאַפטליכע געזעלשאַפטען מיט זייער שטיל־שטעהענדיגער אומבאַוועגליכער טעכניקע. אָבער גראָד די היינטיגע וועלט מיט איר שטרעבונג צו אַן אומענדליכען וואוקס פון די פּראָדוקציאָנס כוחות, מיט איר וואונדער שנעלער פאָרגרעסערונג פון דעם סכום געזעלשאַפטליכע עשירות גיט קיין שום גרונט ניט צו ריידען וועגען אַן אַבסאָלוטער איבערבאַפעלקערונג. די היינטיגע איבערבאַפעלקערונג איז נאָר אַ רעלאַטיווע, ד.ה. איר יסוד איז אין די געזעלשאַפטליכע, און ניט אין די אַלגעמיין ביאָלאָגישע באַדינגונגען. און זי ווענדט זיך ניט אין דער אומבאַוועגליכקייט פון דער טעכניקע. נאָר, פאַרקערט, פון איר שנעלען פּראָגרעס בא דער עקזיסטירענדיגער סיסטעמע פון די באַציהונגען צווישען מענטשען.

וועגען אַ צו גרויסער פאַרמערונג האָט קיין זינען ניט צו ריידען דערהויפּט באַ איצטיגער צייט, ווען די נאַציאָנאַלע עשירות פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער וואַקסט אַ סך שנעלער איידער די באַפעלקערונג, ווען אפילו אַן ענגלישער קוילען־גרעבער, איינער פון די בעסט באַצאָלטע אַרבעטער אין דער וועלט, קריגט פאַר זיין אַרבעטס לוין 15/32 (47%) פון דעם גאַנצען ווערט וואָס ער באַשאַפט מיט זיין אַרבעט (לויט די ציפערען פון 1893 יאָר). באַזונדער קלאָר ווערט קענטיג, אויף וויפיל מאַלטוסעס טעאָריע האָט קיין האַפט ניט, פון אַזעלכע פאַקטען, ווי דאָס וואָס דער איבערפלוס באַפעלקערונג גיט פּלוצלונג אַ וואַקס אויס אויף הונדערטער טויזענטער מענשען — אין דער צייט פון קריזיסען, און אין אַ 2—3 יאָר אַרום ווערט ער צוריק פאַרקלענערט ווי פריהער: די פאַרמערונג קען ניט געהן אויף אַזאַ'ן אופן כוואַלעסווייז.

אין אונזער צייט פאַלט אונטער די פאַרמערונג גופא אונטער דער הערשאַפט פון די פּראָדוקציאָנס באַדערפעניששען. צוציהענדיג צו דער פּראָדוקציע אַ מאַסע פרויען און קינדער, דערמוטיגט דער קאַפּיטאַל פריציייטיגע חתונות און העלפט מיט צו אַ שטאַרקערער פאַרמערונג; דער פּועל יוצא איז, אַז דיזעלביגע קינדער, ווען זיי וואַקסען אויס, ווערען זיי איבעריג פאַר דער פּראָדוקציע, זיי געהען אריבער צו דעם

איבערפלוס פון דער באַפעלקערונג. שנעלער פון אַנדערע פאַרמערט זיך יענער טייל פון די אַרבעטער, וואָס ווערט אַמערגסטען באַצאָלט; לאַנגזאַמער פון אַנדערע — די וואָס קריגען דעם העכסטען לוין. אַט די הנחה ווערט באַשטעטיגט דורך אַ סך באַאָבאַכטונגען און איז קענטיג פאַרבונדען מיט דעם פאַקט, וואָס גראַד אין די נידעריגסטע, די סאַמע פראָסטע און שלעכט באַצאָלטע סאָרטען אַרבעט איז אַממערסטען פאַרשפּרייט פרויען און קינדער אַרבעט, וואָס דערמוטיגט די פאַרמערונג.

מאַלטוסעס תורה וועגען דעם, אַז פאַר די נידעריגערע קלאַסען איז נויטוועגדיג „מאָראַליש אָפּצוהאַלטען זיך" פון פאַרהייראַטען לעבען, האָט מיט דער צייט דורכגעמאַכט אַן אינטערעסאַנטע פאַרוואַנדלונג אין די לערעס פון די „ניי־מאַלטוזיאַנער". אָנגעמענדיג, אַז „מאָראַליש אָפּצוהאַלטען זיך" קענען נאָר זעהר ווייניגע, אויסשליסליכע נאַטורען, האָבען די „ניי־מאַלטוזיאַנער" פאָרגעשלאָגען אַנשטאָט דעם אָנצואווענדען געוויסע מעדיצינישע מיטלען כדי אויסצומיידען די נאַטירליכע רעזולטאַטען פון ליבע. אָט די לערע האָט זיך גאַנץ שטאַרק פאַרשפּרייט אין די מערב־לענדער פאַר די לעצטע 30—40 יאָר. די לערע קריגט פאַר זיך אַ באָדען, הויפּטזאַכליך, צווישען דער קליינער און, טיילוויז, דער מיטעלער בורזשואַזיע, און פאַרשנעלערט דעם אונטערגאַנג פון אָט די קלאַסען; און אין פראַנקרייך, וואו אָט די קלאַסען זיינען זעהר גרויס אין צאָל, האָט די פּראַקטיקע פון ניי־מאַלטוזיאַניזם אַפילו אַרויסגערופען אַן אָפּהאַלט אין דעם וואוקס פון דער באַפעלקערונג.

די קלאַסישע שול פון בורזשואַזע עקאָנאָמיסטען האָט פאַרענדיגט איר אַנטוויקלונג אין די אַרבעטען פון דוד ריקאַרדאָ.

אַליין אַ קאַפּיטאַליסט און אַ באַנקיר, לעבענדיג שוין צווישען היפּש אַנטוויקעלטע באַציהונגען פון דעם מאַשין־קאַפּיטאַליזם אין ענגלאַנד, האָט ריקאַרדאָ אויסגעפאָרשט די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט מיט אַ גרעסערער פּינקטליכקייט און פולקייט, איידער אימעצער אַנדערש צווישען זיינע פאָרויסגעהער. פּונקט ווי זיי, אַנאַליזירט ער אויך די געזעלשאַפטליכע באַציהונגען דורכאויס פון דעם שטאַנדפּונקט פון די

אינטערעסען פון דער פּראָדוקציע. אַט ווי עס כאַראַקטעריזירט אים אַ רוסישער שרייבער פון די 40־ער יאָרען פון דעם פאַריגען יאָרהונ־דערט:

„באַ ריקאַרדאָ דערגעהט אַט די איינזייטיגע ריכטונג ביז צום לעצטען פונקט... מלוכות ווערען באַטראַכט ווי וואַרשטעטען, וואו מען שאַפט רייכטימער; דער מענטש—ווי אַ מאַשינע, וואָס אָדער זי שאַפט אָדער זי פאַרברויכט, און דאָס מענטשליכע לעבען—ניט מער און ניט ווייניגער ווי אַ קאַפּיטאַל. אין אַט דער שרעקליכער וועלט ווערט אַלץ אָפּגעוואויגען און אויסגע'חשבונ'ט, און די עקאָנאָמישע געזעצען הער־שען איבער די דערשיינונגען, ווי אַ באַשערטע, אומ'ברחמנות'דיגע נויטווענדיגקייט.“

ריקאַרדאָס וויכטיגער וויסענשאַפטליכער פאַרדינסט באַשטעהט אין דעם, וואָס ער האָט אויסגעהאַלטענערהייט אָנגעווענדט אין זיין עקאָנאָמישען אַנאַליז די טעאָריע פון אַרבעטס־ווערט; אַגב האָט עס אים געגעבען די מעגליכקייט קלאָר צו פאַרשטעהן און אויסצודריקען דעם געגענזאַץ פון די קלאַסען־אינטערעסען, וואָס זיינע פאָרויסגעהער האָבען עס טיילווייז ניט פאַרשטאַנען, און טיילווייז פלעגען זיי עס אָוועקמאַכען מיט'ן האַנט.

ריקאַרדאָ'ס מעטאָד איז דורכאויס אַ דעדוקטיווער: פאַר אַ הנחה נעמט מען אָן די אַנטוויקעלטע קאַפּיטאַליסטישע באַציהונגען, פאַר דעם הויפּט באַוועגער פון די מענטשליכע מעשים אָנערקענט מען דעם יחיד'ס אייגענעם אינטערעס, און עס ווערט אַרויסגעבראַכט, ווי אַזוי די מענטשליכע באַציהונגען מוזען זיך אויספאָרמירען באַ אַזעלכע באַ־דינגונגען.

לויט ריקאַרדאָ, ווערט דער געברויך־ווערט פון סחורות באַשטימט פון דעם דורכשניטליכען סכום אַרבעט וואָס ליגט אין זיי. אויף אַזאַ'ן אופן ווערט דער געברויך־ווערט געשאַפען א י ן ד ע ר פּ ר אָ ד ו ק־צ י ע. און אויפ'ן מאַרק קומט די סחורה שוין מיט אַ באַשטימטען ווערט. פון דאַנען איז געדרונגען, אַז דער ווערט פון אַ סחורה צ ע־פ אַ ל ט ז י ך: אויף אַרבעטס לוין, פּראָפיט און רענטע. דריי קלאַסען מענשען — דער קאַפּיטאַליסט, דער ערד־אייגענטימער און

# פאליטישע עקאנאמיע

דער ארבעטער — טיילען צווישען זיך דעם געשאפענעם ווערט. בא דער חלוקה, אויב איינעם קומט אז מער, קריגען די אנדערע ווייניגער. אין דעם באשטעהט דער געגענזאץ פון די קלאסען אינטערעסען, וואס ריקארדא האט אנגעוויזען. (לויט סמיט'ס מיינונגען, ווערט דער פרייז פון סחורות *צענויפגעלייגט* פון ארבעטס לוין, פראפיט און רענטע; דערביי קען דער וואוקס פון איטלעכען חלק פארקומען גאר ניט אויפ'ן חשבון פון די אנדערע.)

ריקארדא האט דער ערשטער געגעבען א וויסענשאפטליכע, הגם ניט גאר א פארענדיגטע, און אין געוויסע פרטים אפילו ניט גאר קיין ריכטיגע טעאריע פון רענטע. דער תוך אירער איז אזא.

רענטע איז א געצאלט פאר'ן באנוצען זיך מיט די אומזיסטע קרעפטען פון דער נאטור: די מענטשען, וואס האבען ארייגעכאפט אין א מאנאפאליע די ערד און אירע נאטירליכע אוצרות, נעמען פון דער געזעלשאפט צינז אין דער פארמע פון רענטע. גאר די שלעכטע ערד, וואס ווערט באארבעט, גיט שוין ניט קיין רענטע, נאר פראפיט אליין אויפ'ן קאפיטאל, וואס איז אין איר ארייגעלייגט (קיין אבסאלוטע רענטע עקזיסטירט ניט פאר ריקארדא). מער פרוכטבארע ערד טראגט אריין מער פון דעם געוויינטליכען פראצענט פראפיט; אט דער עודף אריבער דעם פראפיט איז רענטע. אויב א חלק ערד גיט ניט אפילו דעם געוויינטליכען פראפיט אויפ'ן ארייגעלייגטען קאפיטאל, הערט מען גאר אויף צו באארבעטען אזא שטיק ערד. אויב די ערגערע ערד טראגט אויך אריין מער איידער דער געוויינטליכער פראפיט, נעמט מען זיך צו באארבעטען נאך ווייניגער פרוכטבארע ערד, וואס איז נאך פון קיינעם ניט פארנומען.

מיט דער צייט, אז די באפעלקערונג ווערט גרעסער, ווערט דער נאכפרעג אויף לעבענסמיטלען — די פראדוקטען פון דער ערד — אלץ גרעסער; און די מקחים אויף זיי וואקסען נאך שנעלער, מחמת אהן אט די געברויך־ארטיקלען איז אמשווערסטען אויסצוקומען. הייבט מען אן צו באארבעטען אלץ ערגערע און ערגערע חלקים ערד, מען לייגט אריין מער קאפיטאל אין די, וואס זיינען שוין פארנומען מיט

# א. באָגדאַנאָוו

ערד־אַרבעט. אַ דאַנק דעם האָט די רענטע אין וואַקסען מיט'ן לויף פון דער צייט.

אין דערזעלביגער צייט פאַרגרעסערט זיך אויך דער אַרבעטס לוין: ער ווערט באַשטימט דורך דעם ווערט פון די נויטיגע לעבענס מיט־לען; און אַט די מיטלען — קודם כל פלייש און ברויט — ווערען אַלץ טייערער, וואָס העכער עס ווערט די רענטע; אויף אַזאַ'ן אופן וואַקסט דער אַרבעטס לוין אין געלט, הגם די באַדערפעניסען פון די אַרבעטער אַנטוויקלען זיך אפילו ניט.

אַז די רענטע און דער אַרבעטס לוין ווערען גרעסער, מוז דער פּראָפיט ווערען קלענער. אויב צוויי שותפים אין דער חלוקה נעמען פאַר זיך מער, מוז דעם דריטען — דעם קאַפּיטאַליסט — אָנקומען ווייניגער. אַט דאָס איז, לויט ריקאַרדאָ, די אורזאַך וואָס דער פּראָ־צענט פון פּראָפיט ווערט ביסלעכווייז אַלץ קלענער. (די אַנדערע, וויכטיגערע אורזאַך פון דער פאַרקלענערונג פון דעם פּראָפיט־פּראָ־צענט — די רעלאַטיווע פאַרקלענערונג פון פאַרענדערליכען קאַפּיטאַל — פאַרזעהט ריקאַרדאָ אינגאַנצען.)

דעם אַרבעטס לוין האָט ריקאַרדאָ אויסגעפאָרשט ניט אַזוי גע־לונגען ווי די רענטע. פונקט אַזוי ווי סמיט, רעכענט ער דעם אַר־בעטס לוין פאַר דעם ווערט פון דער אַרבעט. אָבער אַרבעט באַשטימט דאָך גאָר דעם געברויך־ווערט פון אַלע סחורות, און אַליין קיין געברויך־ווערט קען זי ניט האָבען: דער ווערט פון אַ געוויסען סכום אַרבעט קען זיין נאָר פונקט דערזעלביגער סכום אַרבעט, און פאַר אַ 10־שעה'־דיגער אַרבעט וואָלט מען געדאַרפט געבען דעם פּראָדוקט פון אַ 10־שעה'דיגער אַרבעט; דערביי וואָלט קיין שום מערווערט ניט מעגליך געווען. די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטען איז בכלל ניט געלונגען צו דער־געהן ביז צום באַגריף פון **אַרבעטס קראַפט**. אַז קויפען קויפט מען ניט אַרבעט, נאָר די מעגליכקייט פון אַרבעט, דעם אַרבע־טערס קראַפט.

וואָס איז שייך דער גרויס פון דעם אַרבעטס לוין, האָט דאָ ריי־קאַרדאָ איינגעשטעלט אַן אַלגעמיינעם כלל, וואָס מען האָט נאָכדעם אָנגערופען דאָס „אייזערנע“ געזעץ. לויט וועלכען דער אַרבעטס לוין

האלט זיך, מיט קליינע אפּווייכונגען, בא דער הויך פון דעם פּרייז אויף די נויטיגע לעבענסמיטלען. פאַר א יסוד צו דעם געזעץ נעמט ער מאַלטוסעס לערע וועגען פאַרמערונג. בא איטלעכער העכערונג פון דעם אַרבעטערס לוין אריבער דער נאָרמע פון די נויטיגע מיטלען היי־בען אָן די אַרבעטער שנעלער צו פאַרמערען זיך, ווארים חתונות ווע־רען עפטער און די שטערבליכקייט ווערט קלענער. א שטאַרקערע פאַרמערונג באַשאַפט שנעל אַן איבערפלוס פון באַפעלקערונג, דער אָנ־באָט פון אַרבעטער הענט שטייגט אריבער דעם נאָכפרעג, און דער אַרבעטס לוין פאַלט נידעריגער פון דער נאָרמע פון די נויטיגע לע־בענסמיטלען. פון הונגער און קראַנקהייט שטאַרבט דאַן אויס דער איבערפלוס פון די אַרבעטער, און אין גיכען שטעלט זיך ווידער איין א גלייכגעוויכט צווישען דעם נאָכפרעג און דעם אָנבאָט.

ריקאַרדאָס געזעץ פון אַרבעטס־לוין איז ניט ריכטיג אין דעם זי־נען, וואָס עס דערלאָזט ניט פאַר אים קיין אַלגעמיינע פעסטע העכע־רונג, וואָס קומט פון דער ענדערונג אין דער הויך פון דעם אַרבעטערס געוויינטליכע באַדערפעניִשען, וואָס עס באַשאַפט פאַר׳ן לוין אַן אומפאַרענדערליכע נאָרמע. נאָך וויניגער ריכטיג איז די באַגרינדונג פון דעם געזעץ אויף מאַלטוסעס תורה: די ענדערונגען אין דער קאַפּיטאַליסטישער רעזערוו־אַרמיי, פון איין זייט, און דער גראַד אייניגקייט פון די אַרבעטער אויף׳ן אַרבעטס מאַרק, פון דער אַנדער זייט, — אָט דאָס זיינען די אמת׳ע באַדינגונגען, וואָס באַ־שטימען די הויך פון דעם אַרבעטס לוין.

אגב, צו ריקאַרדאָס וויסענשאַפטליכע פאַרדינסטען אין דער פראַ־גע פון אַרבעטס לוין איז שייך אויך זיין אָנווייזונג אויף דעם פאַקט, אַז מאַשינעס דאַרפען ניט זעלטען ערגער מאַכען די לאַגע פון די אַר־בעטער.

ריקאַרדאָס אַלגעמיינער בליק אויף דער עקאָנאָמיק איז א סטאַ־טישער, אזוי ווי בא סמיט׳ן: די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעמע פון באַציהונגען שטעלט זיך אים פאַר ווי א פּאָלקומע, אייגציג מעגליכע אין דעם וויטערדיגען לעבען פון דער מענטשהייט. — א בליק זעהר א

# א. באָגדאַנאָוו

נאַטירליכער פּאַר אַ בורזשואַזן עקאָנאָמיסט — אַן אידעאָלאָג פון קאַפּיטאַל.

אין דעם יסוד פון דער אינדיווידואַליסטישער פּסיכאָלאָגיע, וואָס ווייזט זיך אַרויס אין די לערעס פון די עקאָנאָמיסטן־קלאַסיקער, ליגן יענע געזעלשאַפטליכע באַציהונגען, וואָס מען באַצייכענט, ווי אַ „ניט געאָרגאַניזירטע געזעלשאַפטליכע צעטיילונג פון אַרבעט,“ און וואָס אין דעם אויסטויש דריקן זיי זיך אויס אין דער קאָנקורענץ, אין דער אַנאַרכיע פון דער פּראָדוקציע. די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט אַנטוויקעלט אָבער אויך אַנדערע באַציהונגען — דעם צוזאַמענבונד פון פּראָסטער צוזאַמענאַרבעטונג און געאָרגאַניזירטער אַרבעט צעטיילונג, וואָס הערשן אין די גרעניצן פון איטלעכער באַזונדערער ווירטשאַפט, פאַראייניגענדיג אירע פּראָדוצירענדיגע מיטגלידער. אויפ'ן גרונט פון אַזעלכע שייכות'ן ווערט באַשאַפן אַן אַנדערע, אַ קאָלעקטיוויסטישע פּסיכאָלאָגיע, וואָס טרעט אַרויס פריהער פון אַלץ און אין אַ ווייניג אַנטוויקעלטער פאָרמע אין די לערעס פון דער שול סאָציאַליסטן־אוטאָפּיסטן.

די אוטאָפּיסטן האָבן דורכגענומען די געזעלשאַפטליכע אָרדענונג פון זייער צייט מיט אַ שאַרפער, ענערגישער קריטיק. זיי האָבן בולט אַרויסגעבראַכט די נעגאַטיווע זייטן פון אָט דער אָרדענונג, און האָבן אַנקעגן איר אַרויסגעשטעלט זייערע אידעאַלן, האָבן פאָרגעשלאָגן גאַנצע פּראָיעקטן, וואָס האָבן געזאָלט גליקליך מאַכן די מענטשהייט, ווען זיי זאָלן דורכגעפירט ווערן.

צו די ערשטע אוטאָפּיסטן קען מען צורעכענען דעם טוער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע גראַקך באַבעוף. ער האָט געאָרגאַניזירט אַ קאָמוניסטישע פאַרשווערונג, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזן מיט אַ פולשטענדיגן דורכפאַל און מיט'ן טויט פון באַבעופ'ן אַליין און נאָך אַ סך באַבואַוויסטן.

באַפענדיג אַ מפּלה אין בלוטיגן קאַמף, נעמט אָן די אוטאָפּיש־סאָציאַליסטישע שטרעמונג נייע פאָרמען און גאָר אַ פרידליכן כאַראַקטער.

# פאליטישע עקאנאמיע

באַ סען־סימאָן מיט זיין „נייעם קריסטענטום" איז דער סאציאַליסטישער אידעאַל אויסגעדריקט נאָד גאַנץ אומקלאָר. ער האָט געמיינט, אַז רעליגיע וועט זיין די קראַפט, וואָס וועט איבער־מאַכען די וועלט אין דעם גייסט פון ברידערליכקייט, וועט אָפּשאַפען די צעטיילונג פון דער געזעלשאַפט, די אומגלייכהייט און דעם קאַמף.

שאַרל פוריע האָט אַ סך דייטליכער און קלאָרער געשיל־דערט זיינע אידעאַלען. ער האָט געגעבען אַ פולע פאַנטאַסטישע בילד פון דער קומענדיגער שכל'דיגער געזעלשאַפט, האָט גענוי באַשריבען די נאָרמאַלע אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע און פאַנאַנדערטיילונג (די „פאַלאַנסטערעס"). מען מוז באַמערקען, וואָס פאַר אַ געוואַלדיגע מאַכט די הערשענדיגע באַציהונגען פון דער צייט האָבען געהאַט אפילו אויף אַזאַ קאָפּ, ווי פוריע. אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער „אידעאַ־לער" פאַנאַנדערטיילונג באַשטימט פוריע פאַר דער אַרבעט 5 פון די 12 חלקים פון דעם גאַנצען פּראָדוקט, פאַר דעם קאַפּיטאַל 4 חלקים און פאַר דעם „טאַלאַנט" 3 חלקים. עס באַקומט זיך אַ גאַנץ בכבוד'ע נאָרמע פון מערווערט 140%. (דער שכר צום „טאַלאַנט" מוז, פאַר־שטעהט זיך, צוגערעכענט ווערען, — לפּחות אין גרעסטען טייל, אויף וויפיל דאָס שטאַמט ניט אַרויס פון דער נאָרמאַלער הויך פון די באַ־דערפענישען, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט דער רעאַליזירונג פון דעם „טאַלאַנט" אין אַרבעט, — צום געביט פון מערווערט).

ראָבערט אָוען, וואָס האָט געלעבט אין ענגלאַנד באַ מער אַנטוויקעלטע עקאָנאָמישע באַציהונגען, איידער די פראַנצויזישע אוטאָפּיסטען, איז שוין אַנטשלאָסען אַרויסגעטראָטען אַנקעגען דער פּריוואַטער פאַרכאַפּונג און פאַר אַ געזעלשאַפטליך געאָרגאַניזירטער פּראָדוקציע. ווי די אַנדערע אוטאָפּיסטען, מאָלט ער דייטליך זיינע אידעאַלען, וואָרים ער שטעהט אַלץ אויף דעמזעלביגען שטאַנדפּונקט — ער מיינט, אַז אידייעס קענען אַליין איבערמאַכען דאָס לעבען. ער איז אָבער לגמרי פריי פון דעם רעליגיעזען מיסטיציזם, וואָס איז איי־גענטימליך פאַר סען־סימאָנען, און פון די פילאָזאָפישע פאַנטאַזיעס, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר פוריע.

בולטער ווי אומעטום טרעט אַרויס דער אוטאָפּיזם פון דער נייער

# א. באָגדאַנאָוו

שול אין די מיטלען, וואָס זי שלאָגט פאָר כדי צו פאַרווירקליכען אירע אידעאַלען. סען־סימאָן פאַרלאָזט זיך אויפ'ן כוח פון רעליגיע, פוריע און אוען האָבען געהאַט די הייסעסטע האָפענונגען אויף דעם מיט־געפיהל און דער מיטווירקונג פון „די הארען פון דער וועלט,“ אנהייבענדיג מיט די מלכים און ענדיגענדיג מיט די גרויסע קאַפּיטאַליסטען.

אוען, דער ענערגישער ענגלענדער און געניטער פּראַקטיקער־אונטערנעמער, האָט ניט איינמאָל געפּרוואווט צו מאַכען אַן אנהייב אין דער פאַרווירקליכונג פון זיינע געדאַנקען. ער האָט גערעכענט, אַז דורך דער איינאָרדענונג פון קאָמוניסטישע אסאָציאַציעס וועט מען קענען דערגרייכען דערצו, אַז די מענטשהייט זאָל איבעראַנניים דער־צייגען ווערען פאַר אַ בעסערער אָרדענונג; און ער אַליין האָט אויף פּריוואַטע מיטלען, הויפּטזאַכליך מאַקע אויף זיינע אייגענע, געפּרוואווט גרינדען אַזעלכע אסאָציאַציעס. און איטלעכס מאָל פלעגט זיך עס אויסלאָזען מיט אַ דורכפאַל.

צווישען אוענס וויכטיגע היסטאָרישע פאַרדינסטען דאַרף מען רעכענען זיין באַציהונג צו דער פראַגע וועגען ארבעטס טאָג. ער האָט איינגעשטעלט בא זיך אויפ'ן פאַבריקע אַ פאַרקירצטען ארבעטס טאָג, און האָט דערמיט אַ סך געהאָלפען צו פאַרשפּרייטען דעם געדאַנק וועגען דער נויטווענדיגקייט צו פאַרקירצען די ארבעט צייט. ער איז איינער פון די ערשטע ארויסגעטראָטען אין דער פּרעסע צו פאַרטייטיגען די מלוכה אריינמישונג אין אָט דעם געביט, און האָט זיך טעטיג באַטייליגט אין דער אגיטאַציע פון די 30־ער יאָרען פאַר דער איינשטעלונג פון דער ארבעטס טאָג דורכ'ן געזעץ.

די אוטאָפּיסטען האָבען די ערשטע אריינגעבראַכט אין דער ליטעראַטור דעם געדאַנק וועגען דער פאַרענדערליכקייט פון די געזעלשאַפטליכע פאָרמעס. פוריע און נאָך פריהער פון אים באַזאַר, סען־סימאָנס אַ תלמיד, האָבען געמאָלט אין זייערע ווערק ווי אַזוי די געזעלשאַפטליכע פאָרמעס בייטען זיך איינע נאָך דער אַנדערער. אָבער די אוטאָפּיסטען האָבען ניט געפּרוואווט צו פאַרבינדען זייערע אידעאַלען מיט'ן גאַנג פון דער היסטאָרישער אנטוויקלונג, זיי האָבען ניט געפּרוואווט דערווייזען, אַז די כסדר'דיגע ענדערונגען פון די

## פּאָליטישע עקאָנאָמיע

געזעלשאַפטליכע פאָרמעס דאַרפען פירען צו זייערע אידעאַלען. די אידעאַלען זיינען באַ זיי געווען אַפּגעריסען פון דער ווירקליכקייט.

די אוטאָפּיסטען זיינען געשטאַנען אַזוי ווייט פון דער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט פון זייער צייט, אַז אין אָנהייב איז זייער איינפלוס אויף איר געווען גאָר אַ קנאַפּער.

די אַנטוויקלונג פון דער גרויסער מאַשין־פּראָדוקציע, פאַרשאַרפענדיג די ווירקונג פון קאָנקורענץ ביז גאָר, פאַרשנעלערט דעם אונטערגאַנג פון די קליין־בירגערליכע אונטערנעמונגען. קריגענדיג אַזאַ שאַרפען פייגליכען כאַראַקטער, מאַכט אַט דער פּראָצעס אַ תל פון דער פריהערדיגער רוהיג־קאָנסערוואַטיווער פּסיכאָלאָגיע פון די קליין־בירגערליכע עלעמענטען פון דער געזעלשאַפט, און ער רופט אַרויס פון זייער זייט אַ רייע פאַרזוכען צו באַשיצען זייער עקאָנאָמישע עקזיסטענץ, צו שטערען דעם גרויס־קאַפּיטאַל אין זיין שטרעבונג צו פּראָלעטאַריזירען די קליינע פּראָדוצירער. די אויסדריקער פון אַט דער שטרעמונג אין געזעלשאַפטליכען לעבען זיינען געווען די קליין־בירגערליכע עקאָנאָמיסטען.

אַזוי ווי די קליין־בורזשואַזיע גופא פאַרנעמט אַ מיטעל־פּלאַץ, אַן איבערגאַנגס פּונקט צווישען די הויפּט קלאַסען פון דער געזעלשאַפט, זיינען אויך די עקאָנאָמישע אַנשויאונגען פון דער קליין־בירגערליכער שול אין געוויסע פּרטים מיטוועגס צווישען דער אַלטער פּאָליטישער עקאָנאָמיע און דער נייער.

ס י ס מ אָ נ ד י איז געווען אַ דם־שונא דער קאַפּיטאַליסטישער גרויס־פּראָדוקציע. ער האָט מער, איידער אימעצער אַנדערש, אָנגעוויזען און אונטערגעשטריכען די נעגאַטיווע רעזולטאַטען פון דער איינפירונג פון מאַשינעס. קליינע פּראָדוקציאָנס פאָרמעס איז געווען דער אידעאַל פון סיסמאָנדי. אַזוי ווי פרייע קאָנקורענץ פירט צו זייער מפּלה, פאַרזיכערענדיג דעם נצחון פון דער גרויס־פּראָדוקציע און די מאַשינעס, טרעט סיסמאָנדי אַרויס ענערגיש אַנקעגען פרייע קאָנקורענץ און באַשטעהט אויף דער נויטווענדיגקייט פון מלוכה אַריינמישונג. אין וואָס די מלוכה אַריינמישונג זאָל באַשטעהן, האָט ער קלאָר ניט דערקלערט.

אט די זייט פון סיסמאנדיס אנשויאונגען — דער געדאנק וועגען דער נויטווענדיגקייט אויפצוהאלטען די קליין־פראדוקציע אנקעגען דער גרויסער — איז געווען ניט נאר אוטאפיש (פארווירקליכען דאס איז שוין ניט געווען קיין שום מעגליכקייט), נאר אויך רעאקציאנער (א אפהאלט אין דער אנטוויקלונג פון דער גרויס פראדוקציע וואלט גע־ווען אויך אן אפהאלט אין דער אנטוויקלונג פון דער געזעלשאפט).

א היפשען היסטארישען אינטערעס האבען סיסמאנדיס אנשוי־אונגען וועגען אינדוסטריעלע קריזיסען. לויט זיין מיינונג נאך, קומען זיי פון דעם, וואס די פראדוקציע שטימט ניט מיט'ן פארברויך. אט די אומגלייכמעסיגקייט ווערט ארויסגערופען פון דער גרויס־אינדוסט־ריע, וואס, פון איין זייט, פארגרעסערט זי אומגעהייער די פראדוקציע, פון דער אנדער זייט, פארקלענערט זי די קויף מיטלען פון דער באפעל־קערונג, חרוב מאכענדיג מיט איר קאנקורענץ די קליינע פראדוצענטען און פארבייטענדיג די ארבעטער מיט מאשינעס. די טיפערע אורזאך פון קריזיסען — די אומגעארגאניזירטקייט פון דער געזעלשאפטליכער פראדוקציע — איז געבליבען אומבאמערקט פון סיסמאנדי.

פ ר ו ד א ן האט אויך, ווי סיסמאנדי, באטראכט די געזעל־שאפטליכע ווירטשאפט פון א קליין־בירגערליכען שטאנדפונקט; צו דערזעלביגער צייט, ווי דער אוטאר פון ברייטע פארוויקעלטע פלענער וועגען איבערבויען די געזעלשאפטליכע באציהונגען אין דעם גייסט פון גלייכהייט, איז ער א פארזעצער פון די אלטע פראנצויזישע אוטא־פיסטען (אפשיידענדיג זיך פון זיי דערמיט, וואס אנשטאט „ברידער־ליכקייט“ איז ער מער געניינט אוועקצושטעלען „געגענזייטיגקייט,“ דעם פרינציפ פון אויסטויש).

פרודאנס אוטאפישע פלענער צייכענען זיך אויס מיט גרויס בא־שטימטקייט און אפילו מיט אן אויסערליכער פראקטישקייט. א חוץ דער זארג אויפצוהאלטען די אונטערגעהענדיגע קליין־פראדוקציע, טרעט דארט אויך ארויס די שטרעבונג אומצוקערען דעם געפראלעטא־ריזירטען טייל פון דער געזעלשאפט זיין פריהערדיגע עקאנאמישע זעלבשטענדיגקייט.

פרודאן האט גערעכענט, אז די הויפט אורזאך פון דער עקאנא־

# פאליטישע עקאנאמיע

מישער אפהייננגיגקייט פון דעם ארבעטער קלאס ליגט אין דער היינטיגער ארגאניזאציע פון אויסטויש און קרעדיט. דער פראדוצירער איז געצוואונגען שטענדיג אויסצוזוכען זיך א מארק פאר זיין סחורה און אפט לאנג צוווארטען, ביז וואנען ער קען זי אויסברייגנען; דערביי האלטען די קליינע פראדוצירער ניט אויס די קאנקורענץ און פארלירען גרינג זייערע פראדוקציאנס מיטלען; און פאר די, מיט וועמען דאס האט זיך איינמאל געטראפען, איז בא די איצטערדיגע געזעלשאפטליכע באדינגונגען קיין שום מיטעל ניטא צוריק צו ווערען זעלבשטענדיגע פראדוצירער — קרעדיט עקזיסטירט נאר פאר פארמעגליכע.

הייסט עס, מען דארף ארגאניזירען דאס געשעפט פון קרעדיט און אויסטויש אויף אזא'ן אופן, אז, פון איין זייט, זאל דער קליינער פראדוצירער אלעמאל קענען קריגען א גענוגענדיגע הלואה אויף א משכון פון זיין געשאפענער סחורה, אזוי אז די צייטווייליגע אוממעגליכקייט אויסצובריינגען עס זאל ניט שטעלען בדלות זיין געשעפט, און פון דער אנדער זייט, אז אן איינגעשטעלטער אומזיסטער קרעדיט זאל איטלעכען ארבעטער געבען די מיטלען צו עפענען א זעלבשטענדיג געשעפט. דאן וועלען אלע זיין קליינינקע קאפיטאליסטלעך, און ביסלעכוויז וועט זיך איינשטעלען א הארמאניע פון אינטערעסען.

כדי צו דערגרייכען די אלע צוועקען, דארף מען גרינדען א פאלקסבאנק, וואו איטלעכער פראדוצירער זאל קענען קריגען אויף זיין סחורה א צייגעניש פאר איר ווערט. אט די צייגענישען האבען צווישען די אנטיילנעמער פון באנק אן אומגאנג, אזוי ווי געלט; מען קען דערמיט צאלען פאר סחורה; דאס איז — פאלקס געלט. בא אזעלכע באדינגונגען וועט בא דער איינפירונג פון קליינע אונטערנעמונגען ניט זיין קיין שוועריגקייט איבער דעם וואס עס פעלט קאפיטאל. די וואקסענדיגע מיטלען פון דער באנק וועלען נאכדעם געבען א מעגליכקייט צו ארגאניזירען אן אומזיסטען קרעדיט אויך פאר ארבעטער, וואס ווילען עפענען א זעלבשטענדיג געשעפט.

די פלענער זיינע האט פרודאן געפרואווט דורכפירען אין דער פראקטיקע; דער פארזוך האט זיך אויסגעלאזען מיט א פולשטענדיגען קראך.

## א. באַגדאַנאָוו

דער עצם פון פּרודאָנס אוטאָפּיזם באַשטעהט אין דעם, וואָס ער האָט געהאַפּט אָפּצושאַפן די עקאָנאָמישע געגענזאַצען דורך דער אָר־גאַניזאַציע נאָר פון דעם אויסטויש און קרעדיט, אין דער צייט וואָס אַט די געגענזאַצען קומען אַרויס פון דער אומגעאָרגאַניזירטקייט פון דער גאַנצער פּראָדוקציע. למשל, די איבערפּראָדוקציע און קריזיסען וואָלטען גאָר ניט אָפּגעשאַפט ווערען מיט דער פאַרווירקליכונג פון פּרודאָנס פּראָיעקטען.

אחוץ דעם, די געשיכטע גופא האָט פאַר׳משפּט צו אַ דורכפאַל איטלעכען פאַרזוך אויפצוהאַלטען אין דעם עקאָנאָמישען קאַמף די קליין־פּראָדוקציע אַנקעגען דער גרויסער, וואָס אַנטוויקעלט ניט אין אַן ערך העכער די פּראָדוקטיוויטעט פון אַרבעט.

פּרודאָנס אַנשויאונגען האָבען אַ לאַנגע צייט געהאַט אַ געוואַל־דיגען דערפאָלג צווישען דער אַרבעטער באַפעלקערונג פון פראַנקרייך. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס פראַנקרייך איז אַ מדינה פון קליין־בירגערליכער פּסיכאָלאָגיע הויפּטזאַכליך. דער גרעסטער קלאַס לויט דער צאָל נאָך איז אַט דעם לאַנד זיינען די קליינע ערד־אייגענטימער (נאָך באַ היינטיגען טאָג איז דאָרט פאַראַן עטלעכע מיליאָן זייערע), באַ וועמען דער געדאַנקען גאַנג מוז אומפאַרמיידליך זיין אַ קליין־בירגערליכער. עס איז גאַנץ פאַרשטענדליך, אַז אויך די אַרבעטער, וואָס זיינען אַליין אַרויס פון דער קליין־בורזשואזיע און האָבען געלעבט אין איר סביבה, האָבען זיך אויף אַ לאַנגער צייט דורכגעדרונגען מיט זייערע מיינונגען און שטרעבונגען.

וואָס שאַרפער עס שטויסען זיך צענויף אין לעבען די פּראַקטישע אינטערעסען פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטליכע קלאַסען און גרופּעס, אַלץ דייטליכער טרעטען אַרויס אין זייער געגענזייטיגען קאַמף די אי־דעאָלאָגיעס פון די קלאַסען און גרופּעס. מיט דער צייט, האָבען אויף דער קלאַסישער שול עקאָנאָמיסטען, וואָס איז אויסגעוואַקסען אין דער אַטמאָספערע פון דעם אַנטוויקעלטען אינדוסטריעלען און האַנדעלס קאַפּיטאַל אין ענגלאַנד, אַנגעהויבען אָנפאַלען אויך די אידעאָלאָגען פון די גרויס־בורזשואזע קלאַסען אין ענגלאַנד, און אויך אין אַנדערע לענ־דער.

# פאָליטישע עקאָנאָמיע

אזוי, למשל, אין דער עפּאָכע פון דעם קאַמף וועגן די געטריידע־געזעצן, וואָס האָבן געשיצט די ענגלישע ערד־אַרבעט, זיינען די עקאָנאָמיסטן, וואָס זיינען געשטאַנען אויפ'ן צד פון די לענדלאָרדס, אַרויס מיט אַ שאַרפער קריטיק אַנקעגן דער לערע פון פרייער קאָנקורענץ, אָנווייזנדיק אין אַ סך פאַלן גאַנץ געלונגען אויף אירע שוואַכע זייטן.

אַפילו פאַר דעם אינדוסטריעלן קאַפּיטאַל פון די לענדער, וואָס זיינען געווען אַנטוויקלט ווייניקער פון ענגלאַנד, האָט די לערע פון דער קלאַסישער שול אין אַ סך פּרטים גאָר ניט געפּאַסט זיך.

אין דעם אָנהייב פון דעם 19־טען יאָרהונדערט איז פאַר דעם ערשט געבאָרענעם קאַפּיטאַליזם אין דייטשלאַנד געווען זעהר שווער די קאָנקורענץ מיט דער אַנטוויקעלטער ענגלישער פּראָדוקציע. דער פרייער האַנדעל איז געווען אַ דירעקטע שטערונג פאַר דעם פּראָגרעס פון דער דייטשער אינדוסטריע. עס האָט זיך געפאָדערט צו באַשאַפן גאָר באַזונדער גינסטיגע באַדינגונגען פאַר דער טעטיגקייט פון די דייטשע קאַפּיטאַליסטן.

ל י ס ט האָט פאָרגעשלאָגן דאָס אַלטע, אויסגעפּרוּווטע מיטעל פון די מערקאַנטיליסטן — פּראָטעקציאָניזם, הויכע גרעניץ אָפּצאָלן. דערביי איז ליסט'ן אויסגעקומען צו קעמפן מיט דער ליבעראַלער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, וואָס האָט געהאַט ניט ווייניג אָנהייַנגער אין דייטשלאַנד. דאָס זיינען, מערסטענטייל, געווען פאַרשטעהער פון די אינטערעסן פון דעם האַנדעלס קאַפּיטאַל, פאַר וועמען פרייער האַנדעל איז כמעט אַלעמאָל ווי געוואונטשען.

ל י ס ט ס גרונט הנחה איז געווען: „דער צוועק פון דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק דאַרף זיין די פולע, אַלזייטיגע אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקציאָנס קרעפטען אין לאַנד.“

פון אָט דער הנחה דרינגט מען אַרויס, אַז אויב אין לאַנד הייבט זיך אָן אַ באַאַרבעטענדיגע אינדוסטריע, און די אויסלענדישע קאָנקורענץ שאַדט איר אַנטוויקלונג, מוז מען באַשיצן די אייגענע אונטערנעמער פון דעם אומגלייכן קאַמף, — באַשיצן מיט הויכע גרעניץ אָפּצאָלן. פאַר אַ דור אָדער צוויי וועט זיך עס ניט לוינען: זיי וועט

## א. באָגדאַנאָוו

אויסקומען צו צאָלען טייער פאַר שלעכטע היימישע פּראָדוקטען אַנשטאָט צו קויפען ביליגע אויסלענדישע. דערפאַר וועלען אָבער די שפּעטערע דורות האָבען דעם נוצען פון אַן אַנטוויקעלטער אינדוסטריע. די גרעניץ אָפּצאָלען דאַרפען ביסלעכווייז פאַרקלענערט ווערען, כדי די היימישע אונטערנעמער זאָלען ניט קענען בלייבען בײַ דערזעלביגער נידעריגער טעכניקע; און ווען זיי וועלען שוין זיין בכוח צו קאָנקורירען מיט די אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטען, דאַן דאַרף דער פּראָטעקציאָניזם גאָר אויפהערען, לאָזען דעם אָרט פאַר פרייען האַנדעל.

ליסט'ז, הייסט עס, קומט שוין אויס אין זיין קאַמף מיט דער שול פון פרייער קאָנקורענץ צו שטעלען זיך אין אַ געוויסער מאָס אויף אַ היסטאָרישען שטאַנדפּונקט, אויפ'ן שטאַנדפּונקט פון אַנטוויקלונג.

וואָס מער דער קרייז פון דער בורזשואַזער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט האָט זיך אויסגעשפּרייט אַריבער די גרעניצען פון דעם ענגלישען קאַפּיטאַליזם, און וואָס מער די פּאַקטישע באַציהונגען פון פאַרשיידענע לענדער, ענגלאַנד אַריינגערעכענט, האָבען זיך אין דעם אַנטוויקלונגס פּראָצעס געענדערט, אַלץ שווערער איז געוואָרען פאַר די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטען איינצוהאַלטען זיך אויף דעם פריהערדיגען סטאַטישען שטאַנדפּונקט: דאָס לעבען גופא האָט זיי געצוואונגען כאָטש טיילווייז אויפצונעמען די אידייע פון אַנטוויקלונג.

אין די 30־ער יאָרען אין ענגלאַנד, אין די 40־ער יאָרען אין דייטשלאַנד קומט אויף די „היסטאָרישע“ שול פון דער בורזשואַזער פּאָליטישער עקאָנאָמיע. די גרעסטע אַנטוויקלונג האָט זי געקראָגען אין דייטשלאַנד. די וויכטיגסטע פאָרשטעהער אירע זיינען דאָרט געווען: ראָשער, קניס, הילדעבראַנט.

אַרויסגעהענדיג פון די אינטערעסען פון דעם דייטשען קאַפּיטאַל אין זייער צייט, האָבען אָט די עקאָנאָמיסטען, אין זייער קריטיקע פון די אַלטע לערעס, שוין מער ניט פאַרטיידיגט די מיינונג וועגען דער פולער האַרמאָניע פון אינטערעסען בײַ אַ פרייער קאָנקורענץ, נאָר זיי האָבען געהאַלטען, אַז אַ פולשטענדיג ליבעראַלע אָרדענונג ברייגנט צו דער גרעסטער פּראָדוקציע און דער בעסטער פאַנאַנדערטיילונג. אין

## פאליטישע עקאנאמיע

דער אנווענדונג פון דער אנטוויקלונגס אידייע אין דער עקאנאמיקע איז אט די שול געווען העכסט איינגעהאלטען. אט זיינען די גרונט הנחות, וואס זי האט פארטיידיגט אין דער וויסענשאפט.

די עקאנאמישע ארדענונג איז ניט קיין אומפארענדערליכע זאך; זי איז עלול צו אנטוויקלען זיך. דעריבער מוז מען זי שטודירען היסטאריש, און ניט נאר סטאטיש, — אין אירע ענדערונגען, און ניט נאר ווי זי איז אין א געוויסען מאמענט, אדער ווי זי שטעלט זיך פאר אין דער אבסטראקטער פאנטאזיע פון דעם עקאנאמיסט. דער מעטאד פון פאליטישער עקאנאמיע דארף זיין אן אינדוקטיווער, הויפטזאכליך — א סטאטיסטישער. אויספארשענדיג די נאציאנאלע ווירטשאפט, דארף מען זי באטראכטען ווי איין צוזאמענגעזעצטע גאנצע זאך, און ניט ווי א פשוט'ע סכומע פון פריוואטע ווירטשאפטען; דעריבער איז ניט ריכטיג אנצואווענדען צו דער נאציאנאלער ווירטשאפט די שלוסען, וואס מען האט באקומען בא דער אויספארשונג פון א פריוואטער ווירטשאפט, ווי דאס האבען געטאן סמיט, ריקארדא און אנדערע. ווייטער, אין דער עקאנאמישער אויספארשונג דארף מען האבען אין זינען, אז די פאלקס ווירטשאפט ווענדט זיך נאך פון אנדערע זייטען פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען — פון דער פאליטיקע, דעם מנהג, די הערשענדיגע באגריפען און אז. וו. מען דארף זיך אויך אפזאגען פון דער מיינונג פון די אלטע עקאנאמיסטען, אז אין דער עקאנאמישער טעטיגקייט פירט זיך דער מענש נאר לויט ווי עס פאדערט זיין פערזענליכער אינטערעס: מען דארף האבען אין זינען נאך אנדערע מאטיוען, למשל, דאס מאראלישע געפיהל.

אט די אנשויאונגען זיינען ווייט ניט שטענדיג פראגרעסיוו לגבי דער קלאסישער שול פון סמיט — ריקארדא. למשל, די אנערקענונג, אז פאר דער אויסטויש ווירטשאפט זיינען אין דעם עקאנאמישען לעבען פון די יחידים פאראן, אחוץ דעם פערזענליכען אינטערעס, נאך אנדערע באוועגענדיגע כוחות, דהיינו, כוחות פון א מאראלען כאראקטער — אט דאס פארפלאנטערט נאר דעם אנאליז; אין דער'אמת'ן, איז פאר ריין אלטרואיסטישע מאטיוען, למשל, גאר קיין פלאץ ניטא אין דעם אויסטויש לעבען, — זיי זיינען ווי געשמידט און קענען זיך

ארויסווייזען נאָר אין אויסנאַם פאַלען. צו די פערזענליך־עגאאיס־טישע געפיהלען און שטרעבונגען וואָלט מען געדאַרפט צוגעבען נאָך די סאָציאַל־עגאָאיסטישע אָדער קלאַסען געפיהלען. וואָס זיינען זעהר נאָהענט צו די ערשטע, און וואָס ווייזען זיך ווירקליך ארויס זעהר בולט אין דעם עקאָנאָמישען לעבען און האָבען א גע־וואַלדיגע באַדייטונג אין זיין אַנטוויקלונג.

א סך מער אויסגעהאַלטען איז אין א פולערער מאָס, איידער די „היסטאָרישע“ שול, פירט דורך דעם היסטאָרישען שטאַנדפונקט אין דער עקאָנאָמישער וויסענשאַפט ראָדבערטוס פאָן יאָגנע־צאָוו.

אַליין א רייכער פרייסישער פריץ, א געוועזענער מיניסטער, איז ראָדבערטוס אייגענטליך געווען דער אידעאָלאָג פון די דייטשע אגראַ־ריער פון יענער צייט. און עס איז דערצו גאָר קיין סתירה ניט געווען מצד דער אייגענאַרטיגער שאַטירונג פון עקאָנאָמישען ראַדיקאַליזם, וואָס זעהט זיך אָן אין די ווערק פון ראָדבערטוס׳ן. די געגענזאַצען צווישען די אינטערעסען פון די נאָך האַלב־פעאָדאַלע ערד־אייגענטי־מער און די אינטערעסען פון די קאַפּיטאַליסטען, וואָס זיינען שאַרף ארויסגעטראָטען אין דעם לעבען פון דייטשלאַנד, האָבען גרינג גע־קענט אויפציהען אין דעם אידייען פאַרשטעהער פון דער ערשטער גרופּע א גענייגטקייט ענערגיש צו קריטיקירען די באַציהונגען פון קאַ־פּיטאַל; און די אינטערעסען פון דעם ארבעטער קלאַס, וואָס זיינען נאָך דאַן ניט געווען אין אַזאַ שאַרפער סתירה צו די אינטערעסען פון די אגראַריער, האָבען געקענט דינען פאַר א באַקוועמען שטיץ־פונקט באַ אַזאַ קריטיקע. אחוץ דעם, ראָדבערטוסעס עקאָנאָמישער ראַדיקאַ־ליזם פאַרגעהט גאָר ניט, אין דער׳אמת׳ן גערעדט, אַזוי ווייט ווי ביז צו זיין דירעקט־פּראַקטישער פּראָגראַמע.

אין דעם אַנאַליז פון די עקאָנאָמישע באַציהונגען שטיצט זיך ראָדבערטוס דורכאויס אויף ריקאַרדאָ׳ס טעאָריע פון ארבעטס־ווערט. א באַזונדער וויכטיגען היסטאָרישען ווערט האָבען ראָדבערטוסעס אר־בעטען מכח דער פראַגע וועגען דער צעטיילונג פון דער נאַציאָנאַלער הכנסה צווישען די געזעלשאַפטליכע קלאַסען.

דער נאציאנאלער איינקונפט צעפאלט זיך, לויט ראדבערטוס'ן, אויף ארבעטס לוין און „רענטע אין אלגעמיין" (ד.ה. דער איבער־פראדוקט). ראדבערטוס אנערקענט, אזוי ווי ריקארדא, אז דער ארבעטס לוין ווערט באשטימט דורך דעם קאסט פון דעם ארבעטערס נויטיגע לעבענסמיטלען; נאר, אויספארשענדיג די פאקטען, קומט ראדבערטוס צו גאר אנדערע שלוסען וועגען דעם ארבעטס לוין, איידער ריקארדא.

ריקארדא, האלטענדיג מיט מאלטוס'ן, אז די פראדוקטיוויטעט פון ערד־ארבעט ווערט מיט'ן גאנג פון דער אנטוויקלונג אלץ קלענער, דרינגט פון דעם די אומפארמיידליכקייט פון א העכערונג פון דעם ארבעטס לוין אין געלט: דער ווערט און נאכדעם אויך די פרייזען פון דעם ארבעטערס לעבענסמיטלען, וואס ווערען הויפטזאכליך געשאפען אין דער דארפס ווירטשאפט, מוזען שטייגען. ראדבערטוס, שטיצענדיג זיך אויף די באאבאכטונגען, וואס זיינען געמאכט געווארען ביז אים, און אויף דער אגראנאמישער ווירטשאפט פון זיין צייט, דערווייזט אז אזא בליק איז פאלש דורכאויס: די פראדוקטיוויטעט פון ארבעט שטייגט אויך אין דער דארף ווירטשאפט, אזוי ווי אין דער באארבעטענדיגער אינדוסטריע, הגם ניט אזוי שנעל. פון דאנען דארף ארויסקומען א שטענדיגע פארקלענערונג פון דעם ווערט פון ארבעטס קראפט. אזוי קומט אויס, אז דער חלק לפי־ערך פון דעם ארבעטער קלאס אין דעם גאנצען נאציאנאלען איינקונפט ווערט, מיט'ן פראגרעס פון דער טעכניקע, אלץ קלענער, און די „רענטע" ווערט גרעסער. די ניט גלייכמעסיגקייט אין דער פאנאנדערטיילונג ווערט פארשטארקט.

אין אט דער וואקסענדיגער ניט גלייכמעסיגקייט פון דער פאנאנדערטיילונג זעהט ראדבערטוס די הויפט סתירה פון דער קאפיטאליסטישער סיסטעמע און דעם קוואל פון אלע אנדערע סתירות אין איר. אט דער געדאנק ליגט אין דעם גרונט פון זיין טעאריע פון קריזיסען, וואס איז זעהר ענליך צו דער טעאריע פון סיסמאנדי. די כסדר'דיגע פארגרעסערונג פון דער פראדוקציע, וואס געהט צוזאמען מיט א לפי־ערכ'דיגער פארקלענערונג פון דעם ארבעטס לוין, מוז פירען דערצו, אז דער אנבאט פון סחורות אויפ'ן מארק און די קויף־קראפט

## א. באָגדאַנאָוו

פון דער נאַציע זאָלען ארויס פון גלייכגעוויכט: אויפ'ן מאַרק איז פאַראַן א סך מער סחורות, איידער עס איז בכוח צו קויפען די גאַנצע נאַציע, וואו דער ארבעטער קלאַס איז דער הויפט געברויכער. דאַן צעשפּילט זיך א קריזיס. אזוי זעהען מיר, אַז ראָדבערטוס, פּונקט אזוי ווי סיסמאָנדי, דערגרייכט ניט ביז צו דער הויפט אורזאַך פון איבער־פּראָדוקציע — דעם ניט געאָרגאַניזירטען כאַראַקטער פון דער געזעלשאַפטליכער ארבעטס צעטיילונג. נאָר ער שטעלט זיך אָפּ אויף אַן אורזאַך א טיילווייזער, וואָס איז אליין א רעזולטאַט; וואָרים ווען מען זאָל אפילו אינגאַנצען אָפּשאַפען אָט די אורזאַך, נאָר עס זאָל איבערבלייבען דער אויסטויש און קאָנקורענץ, וועט אַלץ טאַקע קיין זאַך ניט שטערען דער איבערפּראָדוקציע.

מכח ערד־רענטע זאָגט זיך ראָדבערטוס אַרויס אַזוי. אין דער ערד־אַרבעט איז דער פאַרענדערליכער קאַפּיטאַל לפי־ערך גרעסער איידער אין אַנדערע אינדוסטריעלע צווייגען, הייסט עס אויך דער מערווערט איז דאָרט גרעסער: — אָט דער עודף פאַרוואַנדעלט זיך אין ערד־רענטע. אָט די מיינונג שטיצט זיך אויף אַ ניט ריכטיגער אַנווענדונג פון דער טעאָריע פון אַרבעטס־ווערט: אין דער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע ווערען די פּרייזען פון באַזונדערע סחורות, ברויט אריינגערעכענט, ניט באַשטימט ד י ר ע ק ט דורך זייער ארבעטס־ווערט, און ווען עס וואָלט ניט געווען קיין ערד־רענטע, וואָלט די פּראָדוקציע פון ברויט, ניט קוקענדיג אויף דעם גרויסען מערווערט, געבראַכט נאָר דעם געוויינטליכען פּראָפיט, אויפ'ן גרונט פון די געזעצען פון קאָנקורענץ.

א וויכטיגען היסטאָרישען פאַרדינסט האָבען די אַרבעטען פון ראָדבערטוס'ן וועגען דער פראַגע מכח דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג פון די געזעלשאַפטליכע פאָרמעס. די היסטאָריש־פילאָזאָפישע מיינונגען, וואָס ליגען אין גרונט פון אָט די ארבעטען, זיינען אַביסעל ניט קלאָר. אַמאָל איז ער דאַכט זיך גאָר גרייט מודה צו זיין, אַז די רעכטס באַציהונגען זיינען אָפּהיינגיג פון די פּראָדוקציאָנס באַציהונגען, — ער זאָגט, למשל, אַז „די רעכטס אידייע און די עקאָנאָמישע נויטווענדיגקייט געהען פון לאַנג אָן האַנט אין האַנט“; אָבער אין די מערסטע פאַ־

לען איז ער, פאַרקערט, מער גענייגט צו דערקלערען די געזעלשאַפטליך־עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג דורך דער אַנטוויקלונג פון דער רעכט אי־דייע. אין זיין אַרבעט וועגען דעם איבערגאַנג פון רייַן שקלאַפעריי צו קאָלאָנאַט שטעהט ער מער אויפ'ן ערשטען שטאַנדפונקט, אויסדריקענדיג דעם געדאַנק, אַז דער איבערגאַנג איז געווען אַ רעזולטאַט פון דעם טעכנישען פראָגרעס אין ערד־אַרבעט. ער ווייזט אויך אָן, אַז די שקלאַפעריי אַליין פאַדערט אַ געוויסע אַנטוויקלונג פון דער פראָדוקטי־וויטעט פון אַרבעט, אַז זי איז מעגליך נאָר בּאַ ערד־אַרבעטערשע פעל־קער.

דער פראָצעס פון דער אַנטוויקלונג פון דער מענטשהייט שטעלט זיך פאַר ראָדבערטוס'ן אין אַזאַ געשטאַלט. אין דער עפּאָכע פון שקלאַפעריי — די ערשטע תקופה פון אַנטוויקלונג — זיינען ניט נאָר די געצייג און די מאַטעריאַלען, נאָר אפילו דער אַרבעטסמאַן גופא אַ פּריוואַט אייגענטום און אַ קאַפּיטאַל. אין דער עפּאָכע פון געדונגע־נער אַרבעט — די צווייטע תקופה — איז שוין דער אַרבעטער מער ניט קיין פּריוואַט אייגענטום, קיין קאַפּיטאַל, אָבער ער פאַרמאָגט ניט קיין קאַפּיטאַל, ער קען ניט זיין קיין זעלבשטענדיגער פּראָדוצירער, און דעריבער איז ער, פאַקטיש, ניט פריי; אַזוי קומט אויס נאָך ראָד־בערטוס'ן, אַז געדונגענע אַרבעט איז נאָר אַ נייע, מילדערע פאָרמע פון קנעכטשאַפט. די דריטע תקופה כאַראַקטעריזירט ראָדבערטוס מיט אַ קאָלעקטיווען געזעלשאַפטליכען אייגענטום פון די פּראָדוקציאָנס מיט־לען און מיט דער פולשטענדיגער באַפרייאונג פון די פּראָדוצירער פון מאַטעריעלער אָפּהיינגיגקייט. דער איבערגאַנג צו אָט דער תקופה איז אַ לאַנגזאַמער און אַ שטופּענווייזער און דאַרף זיך פאַרענדיגען, לויט ראָדבערטוס'ן, אין דער מער אָדער ווייניגער וויטער צוקונפט — אין אַ יאָר פינפהונדערט אַרום; און דער כח, וואָס אים איז באַשערט דאָס דורכצופירען, איז דער שטאַט. — אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון ראָדבערטוס'עס וועלט־אַנשויאונג, וואָס שיידט אים אָפּ שאַרף פון די וויסענשאַפטליכע סאָציאַליסטען, וואָס זעהען אַזאַ כח אין דער אַרבע־טער באַוועגונג.

אחוץ די אַלגעמיינע טעאָרעטישע באַטראַכטונגען, האָט ראָדבער־

## א. באַגדאַנאָוו

טום פאַרגעשלאָגען אויך א פּראַקטישע פּראָגראַמע פון רעפאָרמע פאַר דער נאָהענטסטער צוקונפט. אָט די פּראָגראַמע איז דורכגעדרונגען מיט א גייסט פון געמעסיגטקייט און מיט א גלויבען אין דער אלמעכטיגקייט פון דעם שטאַט, און אַחוץ דעם צייכענט זי זיך אויס מיט איר געוואַלדיגען אוטאָפּיזם. אין תוך באַשטעהט זי אָט אין וואָס: אזוי ווי די גרונט אורזאַך פון אלע סאָציאַלע צרות באַשטעהט אין דער שטענדיגער פאַרקלענערונג פון דעם חלק פון דעם ארבעטער קלאַס אין דער נאַציאָנאַלער הכנסה, דאַרף מלוכה שטערען אין אזא פאַרקלענערונג. זי דאַרף באַשטימען דורך א געזעץ, וואָס פאַר אַ חלק פון דעם ווערט פון דער געשאַפענער סחורה מע דאַרף אָפּגעבען דעם ארבעטער, וואָס — דעם אייגענטימער פון קאַפּיטאַל, פון ערד (דערביי וואָלטען די ערד־אייגענטימער אויך געכאַפּט א טובה, ווארים זיי וואָלטען זיך נערעטעוועט פון דער רעלאַטיווער פאַרקלענערונג פון דער אגריקולטורעלער רענטע אין דעם אלגעמיינעם סכום פון דער נאַציאָנאלער הכנסה. א זאַך וואָס מען האָט שוין דאַן אָנגעהויבען צו באַמערקען). כדי צו פאַרווירקליכען אָט דעם פּלאַן, דאַרף מלוכה פּינקטליך באַשטימען דעם ארבעטס־ווערט פון איטלעכען פּראָדוקט און שטענדיג האַלטען אן אויג אויף די ענדערונגען פון אָט דעם ווערט. מען קען זיך גרינג פאָרשטעלען, מיט וואָס פאַר אַ געוואַלדיגע שוועריקייטען און סכנות פאַר דער מלוכה עס וואָלט געווען פאַרבונדען די פאַרווירקליכונג פון אזא פּראָיעקט.

להיפוך צו די אָנשויאונגען פון ראָדבערטוס׳ן זיינען אין א געוויסער מאָס די מיינונגען פון ה ע נ ר י ד ז ש אָ ר ד ז ש, אן אַמעריקאַנער עקאָנאָמיסט, וואָס איז אַרויסגעטראָטען אין דעם יאָר 1879. הענרי דזשאָרדזש, אן אידעאָלאָג פון דעם שנעל וואקסענדיגען אינדוסטריעלען קאַפּיטאַל אין די פאַראייניגטע שטאַטען, חזר׳ט איבער אין א סך פּרטים די תורה פון די פיזיאָקראַטען; פּונקט אזוי ווי יענע זיינען אויפגעשטאַנען אנקעגען די פּריווילעגיעס פון די העכערע קלאַסען ערד־אייגענטימערס, איז ער אויך אַן אנטשלאָסענער געגנער פון ערד־רענטע און פּריוואַטען ערד־אייגענטום בכלל. דזשאָרדזשע׳ס פּראַקטישע פּראָגראַמע איז א סך ראַדיקאַלערע, איידער די פּראָג־

ראמע פון די פיזיאקראטען: ער פאדערט ניט אז „איינציגען ערד שטייער.“ נאר אז די ערד זאל ווערען א נאציאנאל אייגענטום — א „נאציאנאליזירונג“ פון דער ערד. אויך די טעאָרעטישע הנחות פון דזשארדזש׳ן זיינען זעהר ענליך צו די הנחות פון די פיזיאקראטען; אזוי, למשל, דערקלערט ער „פּראצענט“ פון קאפּיטאל דורך דער פּראָדוקטיווער קראפט פון דער ערד. צווישען די בורזשואזע קלאסען אין אמעריקע און דערהויפּט אין ענגלאנד האט די לערע פון דזשארדזש׳ן געפונען א סך אנהייגער. אין דעם בורזשואזען שטאט וואלט די נאציאנאליזירונג פון דער ערד שטארק פארגרעסערט די מאכט פון דער גרויס־בורזשואזיע, די עקאנאמישע — אפשאפענדיג די ערד־אייגענטימערשע עקספּלואטאציע פון די קאפיטאליסטען, — און אויך די פּאָליטישע — אפשאפענדיג די פּאָליטישע קאנקורענץ פון די אגראריער מיט דער בורזשואזיע.

ווען די אלטע פּאָליטישע עקאנאמיע האט אין איר ווייטערדיגער אנטוויקלונג אויפגעהערט צו דינען די אינטערעסען פון דער בורזשואזיע, וואס אירע אידעאלאגען האבען אוועקגעלייגט דעם פונדאמענט פון אט דער וויסענשאפט, דאן האט זיך פון דער וויסענשאפט אפגעטיילט א באזונדערע זייטיגע צווייג, וואס איר כאראקטעריסטישער שטריך איז גראד צו דינען אט די אינטערעסען.

די באדערפעניש צו פעלשען די וויסענשאפט איז געקומען ערשט אין דעם 19־טען יארהונדערט. די עקאנאמיסטען, וואס זיינען געווען געצוואונגען זיך סומך צו זיין אויף די אומפארענדערליכע, אייביגע געזעצען, וואס זייערע פארגעהער האבען אנטדעקט, האבען דערפיהלט, אז אט די געזעצען בייטען זייער כאראקטער און די ריכטונג פון זייער ווירקונג אויף די מענטשליכע מוחות. די אומפארענדערליכקייט פון די אלטע עקאנאמישע געזעצען איז פארטונקעלט געווארען, עס איז דערוויזען געווארען, אז דאס זיינען געזעצען פאר א באשטימטער תקופה פון אנטוויקלונג, און ווי געזעצען פון אט דער תקופה זיינען זיי זיך סותר. דאן איז געקומען די צייט פון די וואולגארע עקאנאמיסטען. בא זיי אונטער די הענט איז די וויסענשאפט פארוואנדעלט

געוואָרען אין איר אייגענעם היפּוך. לאָמיר ברענגען עטליכע ביי־שפּילען פון דעם.

פּעטי־ריקאַרדאָ'ס טעאָריע פון אַרבעט־ווערט לערנט אונז, אַז דער געברויך־ווערט פון אַ סחורה ווערט באַשטימט דורך דעם סכום אַרבעט וואָס אין איר ליגט. האָבען פון דעם די ענגלישע אוטאָפּיסטען געדרונגען, אַז דער לוין פאַר דער אַרבעט דאַרף זיין דער ווערט פון דעם גאַנצען פּראָדוקט (אַ טעות, וואָס שטאַמט פון דעם וואָס מע צעמישט אַרבעט מיט אַרבעטס־קראַפט: דער אַרבעטער פאַרקויפט, אייגענטליך, ניט זיין אַרבעט, נאָר זיין אַרבעטס־קראַפט, און דערפאַר דאַרף ער קריגען, בא קאַפּיטאַליסטישע באַציהונגען, דעם ווערט פון זיין אַרבעטס־קראַפט און ניט דעם ווערט פון דעם פּראָדוקט פון זיין אַרבעט). אַפּלייקענען אַט דעם שלום האָבען די וואולגאַרע אַפּאָלאָגעטען (פאַרטיידיגער) ניט געקענט, מחמת זיי האָבען אויך ניט גע־וואוסט דעם חילוק צווישען אַרבעט און אַרבעטס־קראַפט. האָבען זיי אָנגעהויבען אָפּצולייקענען די טעאָריע גופא פון אַרבעטס־ווערט.

ווען אין ענגלאַנד איז געזעצגעבעריש איינגעשטעלט געוואָרען אַ 12־שעה'דיגער אַרבעטס־טאָג, און די סאָציאַל־עקאָנאָמישע אַנטוויק־לונג האָט נאָכדעם אַרויסגעשטעלט די פראַגע וועגען אַ ווייטערדיגער פאַרקירצונג פון דעם אַרבעטס־טאָג, האָט די מערהייט אונטערנעמער געפונען, אַז אויב אַ נייער געזעץ אַזאַ זאָל דורכגעהן, וועלען דערפון ליידען זייערע אינטערעסען. די „וויסענשאַפט", אין דער פאַרשוין פון דעם פּראָפעסאָר פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע ס ע נ י אָ ר , איז גלייך אַרויסגעטראָטען מיט אַ באַהויפּטונג, אַז דער פּראָפיט ווערט געשאַפען אין דער לעצטער, דער 12־טער שעה פון דעם אַרבעטס טאָג.

סעניאָרס טענות זייבען געווען זעהר פּשוט'ע. לאָמיר זאָגען, אַז די לייוועגט, וואָס אַן אַרבעטער וועבט אויס אין אַ 12־שעה'דיגען אַרבעטס טאָג, קאָסט 7 רובל 20 קאָפּ.; הייסט עס, אַז איטלעכע שעה אַרבעט ער אויס לייוועגט פאַר 60 קאָפּ. דער קאַפּיטאַליסט אָבער גיט אויס אויף שפּין־פאַדים און געצייג 6 רובל, אויף לוין פאַר דעם אַרבעטער 60 קאָפּ.; דער פּראָפיט איז בסך־הכל 60 קאָפּ. איז דאָך קלאָר, אַז אַט דער פּראָפיט איז באַשאַפען געוואָרען אין דער

לעצטער, דער 12־טער שעה, און אויב מען זאָל אראָפּנעמען אָט די שעה, וועט דער פאַבריקאַנט בלייבען מיט גאָרנישט.

דער אָפּאָנענט פאַרזעהט דאָ גאָר אינגאַנצען דעם פאַקט, אַז דער נ י י ע ר ווערט, וואָס דער אַרבעטער האָט דאָ באַשאַפען, טרעפט אָן ניט 7 רובל 20 קאָפּ., נאָר בסך־הכל 1 רובל 20 קאָפּ., מחמת 6 רובל איז דאָך גאָר דער ווערט פון דעם מאַטעריאַל מיט די געצייג, וואָס געהט אַריין ווי אַ חלק אין דעם ווערט פון דער סחורה — לייד־ווענט. הייסט עס, אין אַ שעה ווערט באַשאַפען נייע ווערט בסך־הכל אויף 10 קאָפּ.; און אויב מען זאָל דעם אַרבעטס טאָג פאַרקירצען אויף אַ שעה, און דער לוין זאָל בלייבען ווי פריהער, וועט דער פּראָפיט ווערען קלענער טאַקע ניט מער ווי אויף 10 קאָפּ. — אַנשטאָט 60 קאָפּ. וועט בלייבען 50 קאָפּ. אין דער'אמת'ן, אויב אויף 12 שעה גיט דער קאַפּיטאַליסט דעם אַרבעטער געצייג און מאַטעריאַל פאַר 6 רובל, הייסט עס, אַז אויף איין שעה דאַרף מען האָבען די זאַכען פאַר 50 קאָפּ., און אויף 11 שעה — פאַר 5 רובל 50 קאָפּ. אינאיינעם מיט די 60 קאָפּ. אַרבעטס לוין מאַכט עס אויס 6 רובל 10 קאָפּ.; דאָס איז די סומע פון דעם קאַפּיטאַליסטס הוצאות. סחורה וועט דערביי אויסגעאַרבעט ווערען מיט 1/12 ווייניגער ווי פריהער, ד. ה. ניט פאַר 7 רובל 20 קאָפּ., נאָר פאַר 6 רובל 60 קאָפּ. הייסט עס, דער פּראָפיט וועט זיין — 6 רובל 60 קאָפּ. מינוס 6 רובל 10 קאָפּ. — בלייבט 50 קאָפּ. און סעניאָר האָט אַפּנים גערעכענט, אַז אויף אַן 11־שעה'דיגען אַרבעטס טאָג וועט אויך אָוועקגעהן פאַר 6 רובל מאַטעריאַל און געצייג, אַזוי ווי פריהער; דאַן וואָלט קיין פּראָפיט גאָר ניט געבליבען.

אגב, די וואולגאַרע עקאָנאָמיע פלעגט שטענדיג זעהן אויסצוגע־פינען פאַרשיידענע מאָראַלישע באַרעכטיגונגען פאַר דעם פּראָפיט פון די קאַפּיטאַליסטען. איינע פון די געוויינטליכע טענות איז געווען, אַז פּראָפיט איז אַ באַלוינונג דעם קאַפּיטאַליסט פאַר „איינהאַלטען זיך". דער קאַפּיטאַליסט וואָלט געקענט אויפעסען, פאַרטרינקען זיין קאַפּיטאַל, אָבער ער האַלט זיך אָפּ דערפון, ער באַנוצט זיין קאַפּיטאַל אויף אַ פּראָדוקטיווען צוועק און ברייננט דערמיט נוצען דער געזעל־

# א. באָגדאַנאָוו

שאַפט. הייסט עס, זיין איינהאַלטען זיך איז אַ פאַרדינסט, פאַר וואָס עס קומט אים שכר.

און דער׳אמת׳ן, אַז איינצעלנער קאַפּיטאַליסט קען זיין קאַפּיטאַל צעטרענצלען, אָבער צי קען דאָס טאָן דער קלאַס קאַפּיטאַליסטען? פאַר אים באַשטעהט דער קאַפּיטאַל אין פּראָדוקציאָנס מיטלען, און אויסברייננגען זיי איננאַנצען, ד. ה. אויסבייטען זיי אויף געברויך זאַכען איז לחלוטין אוממעגליך; וואָרים ווער וואָלט עס געקויפט אַט די אַלע פּראָדוקציאָנס מיטלען, ווען דער גאַנצער קלאַס קאַפּיטאַליסטען זאָל ווי איין מענטש מיט אַמאָל „ווערען צעלאַזען“? און בכלל, עס איז גאַנץ מאָדנע צו טענה׳ן, אַז אַ מענש „גיט זיך אָפּ מיט פּרישות“, אין דער צייט וואָס ער ניצט אויס זיין אייגענטום, בדי אַריינצוקריגען פּראָפיט.

כדי צו כאַראַקטעריזירען די באַציהונג פון דער וואולגאַרער פּאָליטישער עקאָנאָמיע צו די אַרבעטער, וועלען מיר ברייננען אַ ציטאַטע פון איינעם אַ פראַנצויזישען עקאָנאָמיסט.

„אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע ווערט דער אַרבעטער באַטראַכט ניט מער, ווי אַ גרונט קאַפּיטאַל, וואָס דאָס לאַנד האָט אָנגעזאַמעלט, געבענדיג די מיטלען פאַר דער אויסבילדונג און פולער אַנטוויקלונג פון דעם אַרבעטערס כחות. אין דער שייכות צו דער פּראָדוקציע פון רייכטימער, דאַרף מען קוקען אויף דעם אַרבעטער ווי אויף אַ מאַשינע, וואָס כדי אויפצובויען זי האָט מען אויסגעגעבען אַ געוויסען קאַפּיטאַל, און אַט דער קאַפּיטאַל הייבט אָן אַריינצוטראָגען פּראָצענטען פון דעם מאָמענט אָן, ווען דער אַרבעטער ווערט אַ ניצליכער פאַקטאָר אין דער אינדוסטריע“.

נאָך ווייטער פאַרגעהט איינער פון די רוסישע אַפּאָלאָגעטען. ווענען דער וויסענשאַפטליכער טעאָריע, וואָס ברייננט אַרויס, אַז דער מערווערט ווערט באַשטימט פון דעם עודף געזעלשאַפטליך־פּראָדוקטיווער אַרבעט, וואָס שטייגט איבער דעם סכום אַרבעט וואָס פּראָדוצירט די לעבענסמיטלען פון די פּראָדוצירער, באַמערקט ער: „אַרבעטס־בהמות אָדער מילך־בהמות אַרבעטען אויס, זיכער, מער פּראָדוקטען, איידער וואָס עס קאָסט דעם באַלעבאָס זיי אויסצוהאַלטען, הייסט עס

זיי באַשאַפן מערוועט אויף דיזעלביגע יסודות ווי די מענטשליכע אַרבעטס קראַפט... אין דער צייט פון, לאָמיר זאָגן, אַ האַלבן אַרבעטס טאָג דעקט אַ פערד אַ געוויסן חלק פון זיין ווערט אין געלט איינאייגנעם מיט די הוצאות אויף אויסצוהאַלטן אים, און די אַנדער העלפט פון דער טעגליכער אַרבעט גייט אינגאַנצן לטובת דעם באַלעבאָס, שאַפנדיג פאַר אים מערוועט..." פאַרוואַנדלענדיג אַזוי די הויז־בהמות אין אַ פּראָדוקטיווע געזעלשאַפטליכע קלאַס, וואָס שיידט זיך ניט אָפּ אין עצם פון געדונגענע אַרבעטער, גייט ער ווייטער מיט דערזעלביגער לאָגיקע און זאָגט די אייגענע זאַך וועגן מאַשינעס, אַז „ווען מען פאַרבייט די אַרבעטער מיט מאַשינעס, איז גאָר ניטאָ וואָס צו ריידן מכח אַן אַנווער פון די מעלות, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער פריהער דערמאָנטער אייגנשאַפט פון מענטשליכער אַרבעטס־קראַפט" (ד. ה. מיט דער פיהיגקייט אין דעם פּראָצעס פון אַ ר ב ע ט צו באַשאַפן ווערטן; באַ אַן אַפּאָלאָגעט „האַרעווען", אַפּנים, מאַשינעס אויך.) — דער אויסטויש־פעטישיזם דערגייט דאָ אַזוי ווייט, אַז ער ווערט כמעט פאַרוואַנדלט אין זיין אייגענעם היפוך — אין דעם נאַטוראַלן פעטישיזם.

אונטער דעם איינפלוס פון דער אַלגעמיינער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג און דער אַנטוויקלונג פון דער עקאָנאָמישער וויסנשאַפט האָט די שול פון גראַבער אַפּאָלאָגיע געמוזט אָפּטרעטן דעם פּלאַץ פאַר דער שול פון קאָמפּראָמיס. די פאַרשטעהער פון אָט דער נייער שול זיינען מערסטענס פּראָפעסאָרן פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, — מענטשן, וואָס זיינען מחמת זייער מיטעלער געזעלשאַפטליכער לאַגע פסיכאָלאָגיש מער גענייגט אויסצודריקן די שטרעבונגען צו אַ קאָמפּראָמיס. עקאָנאָמיסטן פון אַ מער פאַרביסענער קאָנסערוואַטיווער שאַטירונג האָבן דער נייער שול געגעבן אַן אומגערעכטע צונעמעניש „קאַטעדער־סאָציאַליסטן"; די שול אַליין רופט זיך די „רעאַליסטישע", „סאָציאַל־רעפאָרמאַטאָרישע", „היסטאָריש־עטישע" און ד. גל. דער נאָמען „קאַטעדער־רעפאָרמיסטן" וואָלט פּינקטליכער אויסגעדריקט דעם עצם פון אָט דער ריכטונג.

אין זייערע טעאָרעטישע גרונט הנחות זיינען די „קאַטעדער־

# א. באָגדאַנאָוו

רעפאָרמיסטען" ווינציג וואָס אָפגעשיידט פון דער דייטשער היסטאָרי־שער שול פון די 40־ער יאָרען. אַ סך זייערע דערלאָזען אין אַ גרעס־בערער מאָס די מעגליכקייט פון אַ היסטאָרישער ענדערונג אין די געזעלשאַפטליכע פאָרמען. אַ סך שטרייכען אונטער ספּעציעל די עקאָנאָמיש אָרגאַניזאַטאָרישע באַדייטונג פון די אַלגעמיינע מלוכה אינטערעסען — אַ קראַפט, וואָס ד אַ ר ף , ק ע ן און ו ו ע ט ו ו ע ל ע ן פאַרווירקליכען די פאָדערונגען פון געזעלשאַפטליכער גערעכטיגקייט, און ניט די שטרעבונגען פון קלאַסען. די מערהייט גיט צו אַ בעזונדער גרויסע באַדייטונג דער אָנערקענונג פון דער זעלב־שטענדיגער און וויכטיגער ראָלע, וואָס עס שפּילען אין עקאָנאָמישען לעבען די מאָראַלישע אַלטרואיסטישע געפיהלען און שטרעבונגען, ווי זיי מיינען (פון דאַנען נעמט זיך דער נאָמען פון דער שול — „היס־טאָריש־עטישע").

אין די פּראַקטישע פּראָגראַמעס פון די קאַטעדער־רעפאָרמיסטען געפינט מען אַ גרויסע פאַרשיידענאַרטיגקייט פון מיינונגען. די „רעאַ־ליסטען" זיינען בכלל אַנהייענגער פון סאָציאַלע רעפאָרמעס; אַזוי אָבער ווי גראַד אויף אָט דעם געביט זעהט זיך אַן אָמשטאַרקסטען דער כאַראַקטער פון דער שול ווי פון אַ קאָמפּראָמיס שול, איז גאַנץ פאַרשטענדליך, אַז ווענען דער פראַגע, אויף ווי וויים רעפאָרמעס זיינען ווינטשענסווערט, געהען די פאַרשיידענע פאָרשטעהער פון דער שול ניט גלייך וויים. איינע זיינען כמעט דורכאויס קאָנסערוואַטיוו לויט זייערע אידעאַלען, למשל, ברענטאַנאָ, העלד, שמאָלער; אַנדערע, ווי למשל, וואַגנער, זיינען ביז אַ געוויסען גראַד נעהענטער אין דער היגזיכט צו די „אויטאָפּיסטען, זיי רוקען נאָר אָוועק די פאַרווירקליכונג פון זייערע „שטאַט־סאָציאַליסטישע" אידעאַלען גאַנץ ווייט אין דער צוקונפט, און אויף דערווייל געפינען זיי פּאָר מעגליך צו באַנוגענען זיך מיט געוויסע מעסיגע רעפאָרמעס אויפ'ן געביט פון פאַבריק־געזעצ־געבונג.

אַלע „רעאַליסטען" זיינען מסכים אויף איינס, אַז פאַר אַ נאָר־מאַלער געזעלשאַפטליכער אָרגאַניזאַציע דאַרף מען רעכענען אַזאַ, וואָס פאַראייניגט די גרעסטע פּראָדוקטיוויטעט מיט אַ גערעכטער פאַר־

טיילונג. אָבער וואָס מיינט אַ „גערעכטע פאַרטיילונג“ — וועגען דעם גײהען זיי זיך שוין פאַנאַנדער אין זייערע מיינונגען.

שמאָלער, למשל, האַלט, אַז אַ גערעכטע פאַרטיילונג דאַרף באַלוינען איטלעכען לויט „זיין פאַרדינסט“ נאָך. אונטער „פאַרדינסט“ פאַרשטעהט ער די פאַרשיידענאַרטיגסטע באַגריפען: טוגענדען, קענטעניסען, אַרבעט, אפילו קאַפּיטאַל (ד. ה. אייגענטליך די אַרבעט פון אָנגזאַמעלטען קאַפּיטאַל; זעה די פּאַראַגראַפען וועגען אורשפּרינגליכער און קאַפּיטאַליסטישער אָנזאַמלונג). שמאָלערס אידעאַל פון סאָציאַלער איינאָרדענונג — איז אַזאַ געזעלשאַפט, וואָס „שטעלט מיט זיך פאָר אַ לייטער פון פאַרשיידענע עקזיסטענצען, נאָר מיט לייכטע איבערגאַנגען פון איין שטאַפּעל צום אַנדערען“. דאָס וואָלט געווען, פאַרשטעהט זיך, זעהר אַ שטאַנדהאַפטיגע סיסטעמע, מחמת איטלעכער נידעריגערער שטאַפּעל וואָלט פעסט איינגעהאַלטען ווערען אויף זיין נידעריגערער לאַגע דורך דעם דרוק פון אַלע העכערע: אַן אידעאַל, קענטיג, פון ביוראָקראַטישער אָפּשטאַמונג.

ברענטאַנאָ מיינט, אַז די אומנאָרמאַלקייט פון די היינטיגע באַציהונגען נעמט זיך ניט דערפון, וואָס אַרבעט איז געוואָרען אַ סחורה, נאָר וואָס דאָס איז ניט פונקט אַזאַ סחורה ווי אַנדערע; וואָס דער פאַרקויפער פון אַרבעטס-קראַפט געפינט זיך ניט אין גלייכע באַדינגונגען פון מאַרק קאָנקורענץ מיט'ן קויפער. עס וואָלט געווען ווינטשענסווערט, מיינט ברענטאַנאָ, אַזאַ ענדערונג אין די באַדינגונגען, אַז די לאַגע פון ביידע צדדים זאָל זיין גלייך; דערגרייכען קען מען דאָס דורך דער אָרגאַניזירונג פון די פאַרקויפער פון אַרבעטס קראַפט אין פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, אויפ'ן שטייגער פון די ענגלישע „טרעיד יוניאָנס“. מלוכה'ס עסק דערביי — איז צו פאַרלייכטערען די אָרגאַניזירונג פון אַזעלכע פאַראיינען, אַדרבה, לפחות, ניט שטערען זיי. ווען דער פאַרקויפער פון אַרבעטס קראַפט וועט זיין ניט אַ יחיד, נאָר די יוניאָן, וועלען די באַדינגונגען פון אויסטויש זיין גלייכע, און דער רעזולטאַט וועט זיין — אַ גערעכטע פאַרטיילונג. די ניט געאָרגאַניזירטקייט פון דער פּראָדוקציע אין גאַנצען איז פאַר ברענטאַ־

נאָ׳ז, הייסט עס, ניט די הויפט־אורזאך פון די סתירות, וואָס ער וויל אָפּשאַפען.

אַנדערע רעאַליסטען, למשל, אַדאָלף וואַגנער, גיבען צו אַ סך מער באַדייטונג, איידער ברענטאַנאָ, דער דירעקטער אריינמישונג פון דער מלוכה אין דער אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע.

אין אַלגעמיין האָט די „רעאַליסטישע“ שול ניט קיין קליינעם פאַרדינסט אין דער פאַנאַנדערארבעטונג פון אַ סך איינצעלנע עקאָנאָמישע פראַגעס לויט דעם היסטאָריש־סטאַטיסטישען מעטאָד.

אויפ׳ן געביט פון אַבסטראַקט־עקאָנאָמישער טעאָריע דאַרפען מיר נאָך פאַרצייכענען די לערע וועגען ווערט, וואָס איז באַקאַנט אונטער׳ן נאָמען „די טעאָריע פון דעם גרעניץ פון ניצליכקייט“, און איז איצטער גאַנץ פאַרשפּרייט צווישען די פאַרשטעהער פון דער קאַפּעדרע. ארויסברייינגען דאָ אַט די גאַנצע לערע קענען מיר ניט, מחמת זי איז זעהר פאַרוויקעלט, וועלען מיר נאָר אָנווייזען אויף איר אויסגאַנגס פּונקט. אַט דער שטאַנדפּונקט באַשטעהט אין דעם: דער פּראָדוקט האָט פאַר׳ן מענטשען אַ געוויסען „סוביעקטיווען ווערט“, וואָס ווערט באַשטימט דורך דער נ י צ ל י כ ק י י ט פון דעם דאָזיגען פּראָדוקט פאַר אַט דעם מענטשען. איטלעכער מענטש שאַצט אָפּ אַ געוויסע סחורה לויט איר ניצליכקייט נאָך אויף זיין אייגענעם שטייגער, סוביעקטיוו, און ער באַטראַכט וואָס ער וואָלט געקענט מקריב זיין אויף צו קריגען אַט די סחורה, אָדער פאַרקערט. אַזאַ מין אָפּשאַצונג און אַזאַ פאַרגלייכונג מאַכען ביים אויסטויש אי די קויפער, אי די פאַרקויפער; דערביי ווייזט זיך ארויס, אַז די סחורה האָט פאַר איטלעכען אַן אַנדער „סוביעקטיווען ווערט“; און דורך דעם צוזאַמענשטויס פון די „סוביעקטיווע ווערטען“ פון דער סחורה ווערט באַשטימט אויך איר אָביעקטיווער,ווירקליכער אויסטויש־ווערט. ווי אַזוי אַ מענטש קען פאַרגלייכען פאַרשיידענע סחורות אין זיין סוביעקטיווער אָפּשאַצונג, און ווי אַזוי די אַלע סוביעקטיווע אָפּשאַצונגען פון איין סחורה דורך די קויפער און פאַרקויפער קענען ברייינגען צו דער פאָרמירונג פון אַן אָביעקטיווען אויסטויש־ווערט פון דער סחורה — דאָס ווערט ארויסגעבראַכט מיט דער הילף פון אַן אייגענאַרטיגען

באגריף וועגען דעם „גרעניץ פון ניצליכקייט" און פארשיידענע אויס־רעכענונגען וועגען אים; דאס אלץ איז אבער לחלוטין אוממעגליך איבערצוגעבען אין קורצען, און דעריבער וועלען מיר אריבערגעהן גלייך צו דער אנווייזונג פון די חסרונות פון דעם הויפּט שטאנדפּונקט, אויף וועלכען דזשעוואנס, מענגער, בעם־באווערק און אנדערע האבען אויסגעבויט זייער טעאריע פון דעם „גרעניץ פון ניצליכקייט".

די מעשה איז, אז א מענטש ווערט געבארען, לעבט און אנטוויקעלט זיך אין געזעלשאפט, און ניט אויסער איר, און די פּסיכאלאגיע פון דעם יחיד מוז באשטימט ווערען על־פּי הכרח פון דער געזעלשאפטליכער סביבה, וואו זי ארבעט זיך אויס. און די סוביעקטיווע אפּשאצונג פון סחורות מוז זיך אויך אויספארמירען אין אפּהייניגקייט פון די געזעלשאפטליכע באדינגונגען. דער פארקויפער אדער קויפער מוזען אין זייערע „סוביעקטיווע" אפּשאצונגען אונטערוואר־פען זיך צו די פּרייזען, וואס עקזיסטירען אויפ'ן מארק אביעקטיוו, אומאפּהייניגיג פון זייער ווילען, און אויף אזא'ן אופן ווירקען די לעצטע אויף דער סוביעקטיווער אפּשאצונג ניט אין אן ערך מער, איידער פארקערט. אין אן אומגעהייער גרויסער צאל פאלען קען דער יחיד בכלל ניט געבען קיין שום אפּשאצונג פון א געוויסער סחורה לויט איר ניצליכקייט נאך; און מען מוז אנווענדען א היפּש ביסעל פּלפּול, כדי צו שמועסען וועגען דעם „סוביעקטיווען ווערט", וואס עס האט, למשל, פאר'ן מיליאנער דעם קאפּיטאליסט אן ארשין ביליגע ציץ, וואס ער פארקויפט, צי פאר דער ארעמער הוט־מאכערין — א רייכע הוט, וואס זי קען זיך ניט פארגינען אנצוטאן, צי פאר דעם טרונעס־מאכער — א טרונע, וואס ער פּראדוצירט, ניט האבענדיג גאר אין זינען אפילו אליין עס צו באנוצען. די טעארעטיקער פון סוביעקטיווען ווערט זיינען געצוואונגען געווען צו באשאפען א גאנצע סכאלאסטיקע, כדי אויסצושפּרייטען זייער לערע איבער אלע ווירקליכע פאלען פון אויס־טויש אפּשאצונג.

די טעאריע פון סוביעקטיווען ווערט שיקט אונז אפּ פון דעם אויסטויש געביט צו די באהעלטענישען פון דעם אינווייניגסטען נשמה לעבען פון איינצעלנע מענטשען, און אויף אזא'ן אופן קומט אויס,

## א. באָגדאַנאָוו

אַז זי דערקלערט פאַקטען, וואָס לאָזען זיך דירעקט, אָביעקטיוו אויס־פאַרשען, דורך פאַקטען וואָס דערלאָזען ניט אַזאַ'ן אויספאָרשונג, זי דערקלערט דאָס זעהעוודיגע מיט'ן אומזעהעוודיגען. דאָס איז אַ גרונט חסרון, וואָס מאַכט אָט די טעאָריע אומניצליך פאַר דער ווי־סענשאַפטליכער אַרבעט פון דעם עקאָנאָמיסט.

די טעאָריע פון דעם גרעניץ פון ניצליכקייט ווערט אַרויסגע־שטעלט פון די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטען, ווי אַ געגענגעוויכט אַנקע־גען דער טעאָריע פון אַרבעטס־ווערט, אויף וועלכער עס שטיצען זיך די שונאים פון קאַפּיטאַל אין זייער אידייען קאַמף אַנקעגען דעם קאַ־פּיטאַליזם. ווען די ענגלישע אויטאָפּיסטען האָבען פון דער טעאָריע פון אַרבעטס־ווערט געמאַכט דעם פאַלשען שלוס, אַז דער גאַנצער ווערט פון דעם פּראָדוקט „דאַרף געהערען צו דער אַרבעט", זיינען אַנקעגען דעם געדאַנק פון אַרבעטס־ווערט אַרויסגעטראָטען, ווי מיר האָבען שוין געזעהען, די וואָלגאַרע עקאָנאָמיסטען. ווען דער נייער דור עקאָנאָמיסטען, אַנהייגער פון דעם אַרבעטער קלאַס, האָט אָנ־געהויבען אויסצוטייטשען פאַר די אַרבעטער אַן אַנדערען, שוין גאָר אַ ריכטיגען שלוס פון דער אַרבעטס טעאָריע — די אייביגע סתירה פון די קלאַסען אינטערעסען פון דעם פּראָלעטאַריאַט און דער בורזשו־אַזיע — דאַן האָט די עסטרייכישע שול מיט אירע צאָלרייכע אַנהייג־גער פון דער וועלט פון בורזשואַזע געלערנטע אָנגעהויבען די מלחמה אַנקעגען אַרבעטס־ווערט. אַ סך פון זיי, ווי למשל, בעם־באַווערק, ווייזען אַן גאָר אָפענערהייט אויף דעם וויכטיגען פאַרדינסט, ווי זיי מיינען, פון דער טעאָריע פון גרעניץ פון ניצליכקייט, וואָס זי נעמט צו דעם באָדען פון די „שעדליכע פאַלשע תורות" פון דער אַרבעטער פּאַרטיי. דערמיט גופא אָנערקענען זיי און שטרייכען אונטער דעם אַפּאָלאָגעטישען כאַראַקטער פון זייער טעאָריע.

די הויפּט פאָרשטעהער פון דער נ י י ע ר עקאָנאָמישער וויסענ־שאַפט זיינען געוועזען פ ע ר ד י נ אַ נ ד ל אַ ס אַ ל און ק אַ ר ל מ אַ ר ק ס.

לאַסאַל איז מער געוועזען אַ פּראַקטישער פירער פון דער אַרבע־טער באַוועגונג, איידער דער באַשאַפער פון איר טעאָריע. אים האָט

זיך איינגעגעבען ברייט צו ארגאניזירען דעם דייטשען ארבעטער קלאס,
אויפקלערענדיג פאר די ארבעטער צוויי גרונט געדאנקען פון דער
ארבעטער פארטיי: דעם געגענזאץ פון די קלאסען אינטערעסען, און
די עקאנאמישע קלאסען באדייטונג פון פאליטישע רעכטען און פאלי־
טישער מאכט. ער האט געפאפולאריזירט די עקאנאמישע טעאריעס
פון ריקארדא און מארקס. בא ריקארדא האט ער גענומען, הויפטזאכ־
ליך, זיין דערקלערונג פון די געזעצען, וואס רעגירען איבער דעם אר־
בעטס לוין (דאס „אייזערנע געזעץ" פון לאסאל'ן); דאס, פאר־
שטעהט זיך, איז געווען א שוואכע זייט פון זיין טעאריע: ווי מיר
האבען געזעהען, איז דער ווערט פון ארבעטס קראפט ניט קיין אומ־
פארענדערליכע גרויס (דער נויטיגער מינימום לעבענסמיטלען, לויט
ריקארדא און לאסאל), נאר א גרויס א פארענדערליכע, וואס ווענדט
זיך אן דעם לעבענס שטאנד פון דעם ארבעטער קלאס, וואס ער דער־
גרייכט אין זיין קאמף אנקעגען קאפיטאל. אבער אט דער טעארע־
טישער פעלער האט ווייניג געווירקט אויפ'ן דערפאלג פון לאסאלס
אידייאיש־ארגאניזאטארישער ארבעט. א גרעסערע סכנה האט גע־
קענט זיין אין אן אנדער פונקט פון לאסאל'ס אנשויאונג: ער האט
זיך אריינגעלאזען אין דעם געדאנק וועגען פראדוקציאנס פאראיינען.
ער האט געהאלטען, אז אנטוויקלענדיג און פארשפרייטענדיג אט דעם
סארט געזעלשאפטען קען מען טריט בא טריט אפשאפען דעם קאפי־
טאליזם; אין איטלעכער געזעלשאפט אזא האט ער געזעהען א
טיילווייזע פארווירקליכונג פון א העכערער ארדענונג — אן איבער־
גאנג פון די פראדוקציאנס מיטלען און דעם מערווערט אין די הענט
פון די ארבעטער. מיר ווייסען שוין, ווי פאלש אט דער געדאנק איז:
צווישען די קאפיטאליסטישע באציהונגען איז דער סוף פון אזעלכע
פאראיינען, וואס אדער זיי געהען אונטער, אדער זיי פארוואנדלען
זיך אין קאפיטאליסטישע אונטערנעמונגען פון דעם אקציאנערען טיפ;
די לאגע פון דעם ארבעטער ק ל א ס קענען זיי ניט פארבעסערען,
דעם איבערגאנג פון א ל ע פראדוקציאנס מיטלען אין זיינע הענט
דערנעהענטערען זיי ניט. נאר אפילו אט דער פאלשער געדאנק האט
אין די הענט פון דעם געניאלען פירער געבראכט, קען זיין, א סך

מער נוצען, איידער שאַדען, פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם אַרבעטער קלאַס. ער האָט דערפון געצויגען דעם שלוס, אַז דער אַרבעטער קלאַס מוז האָבען פּאָליטישע גלייכבאַרעכטיגונג און פּאָליטישע מאַכט, כדי צו באַנוצען זיך מיט'ן מלוכה־אַפּאַראַט אויף איינצואָרדענען פּראָדוקציאָנס פאַראיינען, וואָס קאָנען זיך ברייט ניט אַנטוויקלען בּאַ דער פּאָליטישער הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע (דער קאַמף פאַר אַלגעמיינעם וואַלרעכט). אין דערזעלביגער צייט האָט לאַסאַל מיט אַן אומגעוויינטליכער קראַפט דורכגעפירט אין דעם פּראָלעטאַרישען באַוואוסטזיין די פאַראייניגענדיגע געדאַנקען — פון קלאַסען קאַמף, קלאַסען אָרגאַניזאַציע, קלאַסען אידעאַל.

וואָס איז שייך קאַרל מאַרקס'ן, האָבען מיר דאָ באַזונדערס ניט וואָס צו ריידען וועגען זיינע אַנשויאונגען: דאָס גאַנצע בוך אונזערס איז, אין עצם, געווידמעט אויף אַרויסברייגגען זיי. ער איז געווען דער גרעסטער אידייען אָרגאַניזאַטאָר פון דעם 19־טען יאָרהונדערט. ער האָט דער ערשטער געמאַכט פאַר אַ וויסענשאַפט די לערע וועגען געזעלשאַפטליכער אַנטוויקלונג, און האָט וויסענשאַפטליך פעסטגע־שטעלט דעם גאַנג פון אָט דער אַנטוויקלונג. אין זיינע הענט איז די סאָציאַלע וויסענשאַפט געוואָרען אַ ווירקליכער און מעכטיגער אינ־סטרומענט פון סאָציאַלען פּראָגרעס.

## 6). די פּראָצעסען פון געזעלשאַפטליכען פאָרשריט און צוריקשריט אין דעם פּעריאָד פון מאַשין־קאַפּיטאַליזם.

די קאָנקורענץ, וואָס שטאַמט אַרויס פון דער ניט געאָרגאַניזירט־קייט אין דער פּראָדוקציע, בלייבט נאָך אַלץ איינע פון די קרעפטען, וואָס ענדערען די געזעלשאַפטליכע באַציהונגען; אין דער עפּאָכע פון מאַשין־קאַפּיטאַליזם ווערט די ווירקונג פון אָט דער קראַפט נאָך שטאַרקער — זי באַשריינקט זיך מער ניט מיט די דערשייגונגען פון דער קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל, נאָר זי רופט אַרויס פאַרשיידענ־

אַרטיגע און פאַרוויקעלטע פּראָצעסען, וואָס פירען טיילווייז צו דער אַנטוויקלונג, טיילווייז צו אַ דעגראַדאַציע (צוריקשריט) פון די גע־זעלשאַפטליכע פּראָדוקציאָנס קרעפטען.

אינאיינעם מיט אַט דער קראַפט טרעט אַרויס נאָך אַן אַנדערע. די שטרעבונג פון דעם קויפער פון אַרבעטס קראַפט צו קויפען זי וואָס וועלוועלער, און די שטרעבונג פון די אַרבעטער צו פאַרקויפען זי וואָס טייערער, שטויסען זיך צענויף און רופען אַרויס אַ סך פאַרשיידענע ענדערונגען, וואָס אין תוך פירען זיי צו דער אַנטוויקלונג אָדער, פאַרקערט, צו אַ דעגראַדירונג פון דעם אַרבעטער קלאַס, צו אַ פאַר־בעסערונג אָדער אַ פאַרערגערונג פון די מאַטעריעלע, און נאָך די מאַ־טעריעלע — אויך פון אַלע אַנדערע באַדינגונגען פון זיין עקזיסטענץ.

פריהער האָבען מיר אַט די קראַפט אויך באַטראַכט ווי אַ באַזונ־דער איינצעל פאַל פון „קאָנקורענץ“ צווישען דעם קויפער און פאַר־קויפער, ד. ה. פון זייער קאַמף ביים אַקט פון אויסטויש. אָבער אין דער עפּאָכע פון מאַשין־קאַפּיטאַליזם קריגט אַט די באַזונדערע פאָרמע פון קאָנקורענץ גאָר אַ באַזונדער כאַראַקטער און אַ באַזונדער באַדיי־טונג אין דעם לעבען פון דער געזעלשאַפט; דער באַזונדער כאַראַק־טער באַשטעהט אין דעם, וואָס דער אַנטאַגאָניזם צווישען די קויפער און פאַרקויפער פון אַרבעטס קראַפט שפּרייט זיך אויס ניט נאָר אויף זייערע אויסטויש באַציהונגען, נאָר אויך אויף גאַנצע אידעאָלאָגיעס, דאָס הייסט זעהר אויף אַ סך לעבענס דערשיינונגען אין פאַרשיידענע געביטען פון דעם געזעלשאַפטליכען פּראָצעס; די באַזונדערע באַ־דייטונג דריקט זיך אויס אין אַ גאַנצער רייע נייע געזעלשאַפטליכע פאָר־מעס, וואָס קומען אַרויס פון אַט דעם אַנטאַגאָניזם (קלאַסען־אָרגאַ־ניזאַציעס, פאַבריק־געזעצגעבונג א. ד. גל.).

אונטער דער אַלץ מער פאַרשאַרפטער ווירקונג פון אַט די צוויי קרעפטען — דער קאָנקורענץ און דער אַרבעטער באַוועגונג — ווייזט אַרויס דער געזעלשאַפטליכער קאַמף מיט דער נאַטור, בכלל, זעהר אַ האַסטיגען אַנטוויקלונגס גאַנג, וואָס קיין איינע פון די פריהערדיגע געזעלשאַפטליכע פאָרמירונגען האָט פון דעם ניט געוואוסט.

# א. באָגדאַנאָוו

## א). קריזיסען.

די סטיכישע קראַפט פון קאָנקורענץ רופט אַרויס די שטרעבונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע אויסצוברייטערען זיך אָהן אַ שיעור. איטלעכער באַזונדערער אונטערנעמער מוז זיך אונטערוואַרפען אַט דער שטרעבונג, ער קען זיך ניט אָפּשטעלען אין דער אויסברייטערונג פון זיין אונטערנעמונג און אין דער אַנטוויקלונג פון איר טעכניקע; אַניט וואָלט ער זעהר גיך געשלאָגען ווערען אין דער קאָנקורענץ מיט די אַנדערע מער ענערגישע קאַפּיטאַליסטען.

פּראָדוצירענדיג פאַר'ן פאַרקויף, פאַרשטעהט דער קאַפּיטאַליסט, נאַטירליך, אַז עס איז ניט כדאַי אויסצוברייטערען די פּראָדוקציע, ווען עס איז ניטאָ וואו אויסצובריינגען די סחורה. אָבער אַחוץ דעם פאַרשטעהט ער אויך, אַז אויב ער אַליין וועט פאַרקלענערען די פּראָדוקציע, וועט עס אים קיין שום נוצען ניט ברייננגען: די אַלגעמיינע לאַגע אויפ'ן מאַרק וועט ער ניט אומענדערען, וואָרים איינער אַליין האָט ער אַ גאַנץ קנאַפּען באַטרעף: געוויננען דערביי וועלען נאָר זיינע קאָנקורענטען, וואָס וועלען מיט נאָך מער נוצען פאַר זיך פאַרגרעסערען זייערע אונטערנעמונגען; און אַפילו ווען די מערק וועלען טאַקע זיין ניט גינסטיג, וועט דאָן גראַד זיין אונטערנעמונג גיכער אונטערגעהן פון דעם פאַלען אין די פּרייזען, וויילע זי איז אַ קלענערע. דערצו האָט נאָך דער קאַפּיטאַליסט דעם חשבון, אַז בּאַ קלענערע פּרייזען וועט זיך אויסברייננגען מער סחורה, און די געהעכערטע פּראָדוקטיוויטעט אין זיין אונטערנעמונג וועט, הייסט עס, אַליין באַשאַפען פאַר זיך אַ מאַרק.

די שנעלע אויסברייטערונג פון דער פּראָדוקציע אין אַלע אונטערנעמונגען ברייננגט פריהער אָדער שפּעטער צו אַ קאַפּיטאַליסטישער איבערפּראָדוקציע.

די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע באַשאַפט סחורות, ד. ה. פּראָדוקטען פאַר'ן מאַרק, צום פאַרקויף. אויף אַזאַ'ן אופן קומט אויס, **אַז אַ פאַרגרעסערטע פּראָדוקציע מיינט אַ גרעסערען אָנבאָט פון**

סחורות אויפ'ן מאַרק און, הייסט עס, כדי נאָרמאַל אַנצוגעהן, מוז זי אויך האָבען אַ גרעסערען נאָכפרעג. אויב דער נאָכפרעג אויף פּראָדוקטען שטימט ניט מיט דער גרויס פון זייער פּראָדוקציע, שטעהט אָפּ פון איר, דאַן קומט פאַר אַן אַלגעמיינעס פאַלען פון די מקחים; דערביי ווערט דער גאַנצער געזעלשאַפטליכער פּראָדוקט טיילווייז פאַרקויפט נידעריגער פון זיין ווערט, און טיילווייז ווערט ער גאָר ניט פאַרקויפט. דער געוויינטליכער גאַנג פון דער פּראָדוקציע ווערט געשטערט אין זיין עצם: אַן אומגעהייערע מערהייט אונטערנעמונגען ליידט היזקות.

ווי אַזוי איז אָבער מעגליך, אַז דער נאָכפרעג אין מאַרק אויף אַלע קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקטען זאָל גאָר זיין קלענער פון דעם אַנבאָט?

די געזעלשאַפטליכע פּראָדוקציע ווערט רק גרעסער, און ניט נאָר גרעסער ווערט זי, — איר וואוקס געהט מיט אַן אַלץ גרעסערער שנעלקייט, מחמת די אורזאַך פון אָט דעם וואוקס — די קאָנקורענץ — ווירקט מיט רק אַ גרעסערער קראַפט, וואָס איינגער עס ווערט דעם קאַפּיטאַל אויף די מערק וואָס זיינען פאַראַן, און וואָס שווערער עס ווערט צו זוכען נייע מערק. די ענדערונגען אָבער פון דעם נאָכפרעג קומען פאַר לויט אַן אַנדער געזעץ.

דער נאָכפרעג אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט ווערט באַשטימט ניט פּשוט דורך דער עקזיסטירענדיגער באַדערפעניש פון די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט אין אַ געוויסען פּראָדוקט, נאָר דורך זייער קויף־קראַפט. די אויסטויש געזעלשאַפט, להיפוך צו דער נאַטוראַלער, אַנערקענט נאָר אַזאַ באַדערפעניש וואָס געהט צוזאַמען מיט די מיטלען אויף צו באַצאַלען פאַר איר באַפרידיגונג. דעריבער איז אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט גאַנץ מעגליך, און עס טרעפט טאַקע אין דער ווירקליכקייט, אַז צווישען דער באַפעלקערונג זאָל, למשל, זיין אַ געוואַלדיגע נויט אין ברויט, און דער נאָכפרעג אויף ברויט זאָל זיין אַ קנאַפּער; דער פּראָדוקט איז געשאַפען געוואָרען אין אַ גרויסער שפע און ער פוילט אָהן קיין שום נוצען אין

# א. באַגדאַנאָוו

די שפּייכלערס, ווארים די וואָס נויטיגען זיך אין אים האָבען ניט די מיטלען צו באַצאָלען פאַר אים.

בנוגע דעם נאָכפרעג, זעהען זיך אָן אין דער וואַקסענדיגער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע צוויי פאַרקערטע טענדענצען: איינע שטרעבט כסדר צו פאַרגרעסערען דעם נאָכפרעג, די אַנדערע — צו מאַכען אים קלענער. די ערשטע נעמט זיך פון אַזעלכע פאַקטען, ווי די פאַרקלענערונג פון די פּרייזען מחמת דעם פּראָגרעס פון דער טעכניקע, וואָס מאַכט די פּראָדוקטען מער צוגענגליך פאַר א ברייטערען קרייז קונים, — ווי די פאַרגרעסערונג פון דעם פאַרענדערליכען קאַפּיטאַל און דעם מערוועדט, וואָס קומט פון דער אַלגעמיינער פאַרגרעסערונג פון דער פּראָדוקציע און וואָס מיינט א גרעסערע קויפקראַפט פון פאַרשיידענע קלאַסען, — ווי דאָס אויסגעפינען פון נייע מערק א. ד. גל. אין דעם גרונט פון דער צווייטער טענדענץ ליגט, פון איין זייט, די פאַרקלענערונג פון דער צאָל פון דער קליין־בורזשואַזיע און דעם קלאַס קאַפּיטאַליסטען מיט'ן פּראָגרעס פון דער קאָנצענטראַציע פון די אונטערנעמונגען, דער אָרויסשטויסונג פון די קלענערע און שוואַכערע דורך די גרעסערע און שטאַרקערע; פון דער אַנדערער זייט, דאָס אַרויסשטויסען פון אַרבעטער דורך מאַשינעס, וואָס עס רופט אַרויס א פאַרקלענערונג אין דער צאָל מענטשען, וואָס באַטייליגען זיך אין דער פּראָדוקציע און קריגען אַרבעטס לוין; אַז דאָס ערשטע אַז דאָס צווייטע מיינט א פאַרקלענערונג פון דער קויפקראַפט פון די געברויכער.

דער קאַמף פון אָט די צוויי טענדענצען באַשטימט די פאַקטישע ענדערונגען פון דער אַלגעמיינער סומע פון דעם נאָכפרעג אויפ'ן מאַרק. אין די פריהערע תקופות פון דער אַנטוויקלונג פון דעם אינדוסטריעלען קאַפּיטאַל איז די ערשטע טענדענץ זעהר שטאַרק: די שטענדיגע אויסברייטערונג פון די מערק פאַר'ן קאַפּיטאַל אויפ'ן חשבון פון די ניט קאַפּיטאַליסטישע לענדער און ניט קאַפּיטאַליסטישע קלאַסען פון דער געזעלשאַפט, וואָס ווערען אַריינגעצויגען אין די אויסטויש באַציהונגען, און טיילווייז אויך די אומאויפהערליכע אַנטשטעהונג פון אַלץ נייע און נייע אונטערנעמונגען, — דאָס אַלץ

ברייננגט דערצו, אז דער שנעל וואקסענדיגער נאכפרעג דערלאנגט דעם אנבאט און יאגט אים אפילו אריבער. אבער וואס מער דער קאפיטאליזם פארכאפט אלע לענדער און אלע געביטען פון געזעלשאפטליכער ווירטשאפט, מוז ער זיך אלץ מער באנוגענען מיט דער אויסברייטערונג פון די פריהערדיגע מערק, מחמת ער האט ניט קיין מעגליכקייט צו געפינען נייע. די אנטשטעהונג פון נייע אונטערנעמונגען ווערט אלץ זעלטענער, ווארים עס פאדערט זיך שוין א סך א גרעסערער קאפיטאל אויף אנצוהייבען דאס געשעפט. אויף אזא'ן אופן קומען אנשטאט די פריהערדיגע באדינגונגען פאר דער פארגרעסערונג פון דעם נאכפרעג אנדערע, ניט אזוינע גינסטיגע. אין דער זעלביגער צייט ווערט שטארקער די טענדענץ צו פארקלענערען דעם נאכפרעג: דער טעכנישער פראגרעס קומט פאר מיט אלץ א גרעסערער שנעלקייט און באשריינקט אלץ מער די צאל באשעפטיגטע ארבעטער, וואס קריגען ארבעטס לוין און זיינען די זיכערסטע קונים, מחמת זיי קויפען נאר דאס נויטיגע; דער פראצעס פון דער קאנצענטראציע פון די קאפיטאלען פארקלענערט די צאל אונטערנעמונגען, און דערמיט גופא פארקלענערט ער די צאל קונים — קאפיטאליסטען. וואס שטארקער עס ווערען די פראצעסען, וואס ווירקען צו פארקלענערען דעם נאכפרעג, מוז דער וואוקס פון דעם נאכפרעג ביסלעכווייז אפגעהאלטען ווערען, הגם ער געהט נאך אן, ווי מען זעהט עס געוויינטליך אין דער ווירקליכקייט.

הייסט עס, מיר האבען דא צוויי פראצעסען: פון איין זייט, אן אומאויפהערליכער וואוקס פון דער פראדוקציע, פון דער אנדער זייט, א פארגרעסערונג פון דעם נאכפרעג אויף די פראדוקטען פון אט דער פראדוקציע; די שנעלקייט פון דעם ערשטען פראצעס האלט אין איין וואקסען, די שנעלקייט פון דעם צווייטען איז לכתחילה אפילו א גאנץ היפשע, אבער זי ווערט ביסלעכווייז קלענער. עס איז קלאר, אז פריהער אדער שפעטער מוז די פראדוקציע אריבעריאגען דעם נאכפרעג, עס מוז קומען אן „איבערפראדוקציע“. אי די טענדענץ צו אן אומענדליכער אויסברייטערונג פון דער פראדוקציע, אי די ווירקונגען, וואס האלטען אפ דעם וואוקס פון דעם נאכפרעג, קומען

# א. באַגדאַנאָוו

אַלע פון איין אַלגעמיינעם קוואַל, האָבען איין אַלגעמיינע אורזאַך — קאָנקורענץ, ד. ה. אייגענטליך, דער אומאָרגאַניזירטער כאַראַקטער פון דעם געזעלשאַפטליכען צוזאַמענבונד צווישען די אונטערנעמונגען. הייסט עס, די שטרעבונג צו איבערפּראָדוקציע האָט אירע וואָרצלען אין די יסודות גופא פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעמע פון באַציהונגען.

די דערשיינונגען פון איבערפּראָדוקציע ווייזען זיך צום ערשטען גענוג דייטליך אין דעם ערשטען פערטעל פון 19־טען יאָרהונדערט, ווען דער מאַשין־קאַפּיטאַליזם האָט שוין געמאַכט א היפּשען דערפאָלג; דער מאַנופאַקטור קאַפּיטאַליזם האָט פון אַזעלכע זאַכען ניט געוואוסט, ווייל עס האָט איס געפעלט אַט די אייגענשאַפט פון א האַסטיגער אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע, און ווייל עס איז נאָך געווען א מאַסע ניט־קאַפּיטאַליסטישע לענדער פאַר דער אויסברייטערונג פון די מערק.

אַן אַלגעמיינע איבערפּראָדוקציע דריקט זיך אויס אין אינדוסטריעלע קריזיסען, ווי מען רופט זיי. אַן אינדוסטריעלער קריזיס שטעלט מיט זיך פאַר א טיפע ברייטע אויפטרייסלונג פון דער גאַנצער סיסטעמע פון דער געזעלשאַפטליכער באַלעבאַטישקייט, א פאַרוויקעלטען קאָמפּלעקס פון פאַרשיידענע דערשיינונגען, אויפפאַלענדיגע און געפערליכע לויט זייער כאַראַקטער: א שאַרפע פאַלונג פון פרייזען, דער חורבן פון א סך אונטערנעמונגען, מאַסען־אַרבעטסלאָזיגקייט א. אַז. וו. דאָס איז א געוואַלדיגע, געזעלשאַפטליך־סטיכישע צרה, וואָס כאַפּט אַרום פון צייט צו צייט די קאַפּיטאַליסטישע וועלט.

כדי קלאָר צו מאַכען זיך, פאַרוואָס די דערשיינונגען פון איבערפּראָדוקציע האָבען זיך געקענט אַרויסווייזען ניט ביסלעכווייז, אין דער פאָרמע פון, למשל, אַן אָפענער, לאַנגזאַם וואַקסענדיגער איבערגעלאָדענקייט פון די מערק מיט א לאַנגזאַמען פאַלען פון די פרייזען, נאָר דוקא שנעל, אין דער פאָרמע פון אמת׳ע „קריזיסען“, דאַרף מען האָבען אין זינען אַט וואָס. איבער דער ניט געאָרגאַניזירטקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציע קען קיין איין אונטערנעמער ניט האָבען קיין פּינקטליכע ידיעות ניט וועגען דעם צושטאַנד פון דער איני־

דוסטריע אין גאַנצען, און ניט וועגען דער לאַגע אין באַזונדערע צווייגען אירע. אמת, די בורזשוּאַ־אָרגאַניזאַציע גיט אַ מעגליכקייט צו קריגען עפּעס ידיעות פון דעם מין; אָבער בײַ דעם האַסטיגען וואוקס פון דער גאַנצער פּראָדוקציע און די באַדייטענדיגע וואַקלונגען פון דעם נאָכפרעג גיט זי ניט קיין מיטלען צו אורטיילען וועגען די פאַרענדערטע פאַרהעלטעניסען צווישען דעם *אַלגעמיינעם* כּלום פון דער פּראָדוקציע און דער *אַלגעמיינער* סומע פון נאָכפרעג. דער שנעלער וואוקס פון דער פּראָדוקציע געהט אַז, אויף אַזאַ'ן אופן, ניט נאָר ווען דער נאָכפרעג איז נאָך גענוג גרויס, נאָר אַ געוויסע צייט אויך נאָכדעם ווי דאָס גלייכגעוויכט איז שוין געשטערט. אַ באַהאַלטענע איבערפּראָדוקציע איז שוין פאַראַן, נאָר זי ווייזט זיך נאָך מיט גאָרנישט ניט אַרויס: דער פאַבריקאַנט טוט נאָך אַלץ געשעפטן אויפ'ן פריהערדיגען, און אפילו אויף אַ גרעסערען מאַסשטאַב, רעכענענדיג, אַז ער וועט געפינען קונים, ווי ער האָט זיי געפונען ביז איצטער; דער אַפּטאָוועֶר סוחר מאַכט בײַ אים גרויסע קניות, האָפענדיג בּיסלעכווייז אויסצוברייינגען די סחורה, אָדער גלייך איבערפאַרקויפען זי אויפ'ן ספּעקולאַטיווען שטייגער. פון אויסען זעהט אויס די לאַגע גאַנץ גינסטיג, און די איבערפּראָדוקציע ווערט נאָך שטאַרקער.

צום סוף קומט אַזאַ מאָמענט, ווען די איבערפּראָדוקציע ווייזט זיך שוין אַרויס גאַנץ ממשות'דיג, ווײַלע עס פעלט קונים אויף געוויסע סחורות. דער מקח פון אַט די סחורות גיט פלוצלונג אַ פאַל, און אַ סך פון די האַנדעלס און אינדוסטריעלע אונטערנעמער, וואָס באַטען אַן אַט די סחורות אויפ'ן מאַרק, ווערען בדלות; אַנדערע זיינען געצוואונגען צו פאַרקירצען אָדער אויף אַ צייט אָפּצושטעלען זייער פּראָדוקציע. אין איין צווייג פון דער געזעלשאַפטליכער ווירטשאַפט קומט פאָר, אויף אַזאַ'ן אופן, אַ שאַרפע פאַרקלענערונג פון דער פּראָדוקציע מיט אַלע אירע רעזולטאַטען, ווי די פאַרקלענערונג פון דעם אַרבעטס לוין, אַרבעטסלאָזיגקייט א. ד. גל. אַזוי ווי צווישען די פאַרשיידענע צווייגען פון דער פּראָדוקציע איז פאַראַן אַן איינגער צוזאַמענבונד, וואָס ווערט געשאַפען דורך דער געזעלשאַפטליכער

# א. באָגדאַנאָוו

ארבעטס צעטיילונג, ווערען אַריינגעצויגען אין דעם קריזיס נאָך אַנדע־רע צווייגען, למשל, די וואָס שטעלען צו פאַר דער ערשטער מאַטעריאַ־לען און געצייג, — דער נאָכפראַגע אויף די אַלע זאַכען גיט פּלוצלונג אַ פאַל, — נאָכדעם, יענע וואָס זיינען אויף דעמזעלביגען אופן פאַר־בונדען מיט די צווייטע, א. אז. וו. דער וואוקס פון אַרבעטסלאָזיגקייט איז אַן „איבערפּראָדוקציע“ פון אַרבעטס קראַפט און ברענגט מיט זיך אַ פאַרקלענערונג אין דעם נאָכפראַגע אויף געברויך ארטיקלען פון די אַרבעטער, ד. ה. עס ווערט אַרויסגערופען אַן איבערפּראָדוקציע און אַ קריזיס אין די אַנטשפּרעכענדיגע פּראָדוקציאָנס צווייגען און נאָכדעם — אין די אַלע וואָס זיינען מיט זיי דירעקט פאַרבונדען.

אין אַ קריזיס, הייסט עס, טרעטען אַרויס צוויי טיפּען פון איבער־פּראָדוקציע: ערשטענס, אַן אַבסאָלוטע, וואָס ווענדט זיך אָן אַ צו גרויסען וואוקס פון דער פּראָדוקציע, וואָס יאָגט אַריבער דעם נאָכפראַגע, און צווייטענס, אַ רעלאַטיווע, וואָס ווענדט זיך שוין אָן דעם פאַר־קלענערטען נאָכפראַגע, וואָס קומט פון דער אַלגעמיינער אומאָרדענונג אין די געשעפטען, דעם קראַך פון אונטערנעמונגען, אַרבעטסלאָזיגקייט א. ד. גל.; דאָס ערשטע איז אין אַזעלכע קריזיסען די הויפּט דער־שיינונג, דאָס צווייטע — איז שוין אַ פּועל־יוצא פון דעם ערשטען, און פאַראייניגענדיג זיך מיט אים, פאַרשטאַרקט עס אומגעהייער און פאַרשאַרפט זיין ווירקונג.

עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז אין דעם אַלגעמיינעם עקאָנאָ־מישען קראַך מוז אויך דער האַנדעל און קרעדיט געשעפט אומפאַרמייד־ליך האָבען אַ חלק אינאיינעם מיט די אַנדערע פּראָדוקציאָנס צווייגען. מען דאַרף נאָר צוגעבען, אַז שוין לויט זייער כאַראַקטער גופא, ווערען די אונטערנעמונגען פון די לעצטע צוויי סאָרטען גאָר שטאַרק צעטריי־בעלט: די סוחרים ליידען אויף זייערע פּלייצעס גיכער פון אַלעמען די ווירקונג פון דעם קנאַפּען נאָכפראַגע; און די באַנקירען ליידען אי פון דעם וואָס אַ מאַסע בעל־חובות זייערע ווערען בדלות און הערען אויף צו צאָלען, אי פון דעם וואָס די בעל־פּקדון׳ס זייערע, אָנגעשראָ־קען פון דעם קריזיס, הייבען אָן אויך גיך אַרויסצוציהען פון באַנק זייער געלט. דער חורבן פון די סוחרים און באַנקירען גראָבט אונטער

# פּאָליטישע עקאָנאָמיע

ווידער טאַקע די געשעפטען פון אַ סך אינדוסטריעלע קאַפּיטאַליסטען, וואָס באַנוצען זיך מיט זייער דינסט, און אַז. וו.

אַזוי פאַרשפּרייט זיך דער קריזיס פון איינע צווייגען פון דער פּראָדוקציע אויף די אַנדערע. אין דעם ווייזט זיך אַרויס ווי הויך פאַרוויקעלט און געקייטעלט עס איז די קאַפּיטאַליסטישע אָרגאַניזאַציע. אין דער עפּאָכע פון נאַטוראַל ווירטשאַפט, ווען איטלעכע גרופּע האָט געלעבט כמעט אין אָפּגעזונדערט לעבען, האָט אַזאַ זאַך ניט געקענט טרעפען: ווען געוויסע גרופּעס זאָלען געווען אפילו אונטערגעהן אינגאַנצען, וואָלט עס אויך ווייניג וואָס געווירקט אויף דער לאַגע פון די אַנדערע. אין דער קליין־בורזשואַזער געזעלשאַפט איז שוין דער צוזאַמענבונד צווישען די ווירטשאַפטען מער אַנטוויקעלט, אָבער אין איטלעכען פאַל נעמט ער אַרום אַ לפי־ערך קליינע צאָל פון זיי, — און אַ צערודערונג פון דעם ווירטשאַפטליכען לעבען פאַרשפּרייט זיך ניט צו ווייט. די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט מיט איר הויך אַנטוויקעלטער אַרבעטס צעטיילונג איז אין דעם פּרט געגליכען צו די העכערע אָרגאַניזמען, ווען די פריהערדיגע געזעלשאַפטליכע פאָרמאַציעס קען מען פאַרגלייכען מיט די נידעריגערע אָרגאַניזמען: ווען מען זאָל צעקאַלעטשען אַ טייל פון דעם קערפּער באַ אַ מענטשען, וועט דער גאַנצער אָרגאַניזם איבערלעבען אַ שווערען קריזיס. אַזוי אַז די שעדליכע ווירקונג רופט זיך אָפּ אפילו אויף די אברים, וואָס זיינען גאָר דערווייטערט פון דעם געשעדיגטען אָרט; פאַרקערט, באַ עפּעס אַ פּאָליפּ צי אַ וואָרעם, מיט אַ שוואַכער צעטיילונג פון דער לעבענסטעטיגקייט צווישען די טיילען פון קערפּער, וועט אפילו אַ גאַנץ שטאַרקע באַשעדיגונג פון איין טייל שוואַך אָפּרופען זיך אויף די איבעריגע עלעמענטען פון דעם אָרגאַניזם.

אַ טיפּיש שאַרפער קריזיס כאַראַקטעריזירט זיך מיט אַ מערקווירדיג שאַרפען איבערגאַנג פון אַ בליהונגס צושטאַנד צו אַ קראַך. ביז דעם סאַמע אָנהייב פון דעם קריזיס אַנטוויקעלט זיך די אינדוסטריע זעהר שנעל, און ערב דעם שלימזל'דיגען טאָג דערגרייכט די אויפגעלעבטקייט צום העכסטען גראַד. די פּראָדוקציע איז געוואַלדיג

גרויס, אבער די סחורה האט א גוטען אפגאנג, די מערק זיינען גענוג גרויס, דאכט זיך. די גרויסע סוחרים קויפען בא די פאבריקאנטען און איינע בא די אנדערע, די קליינע סוחרים קויפען בא די גרויסע; ספעקולאנטען קויפען צוליב איבערפארקויפען, און שאפען א כלומר'שטע פארגרעסערונג פון דעם נאכפרעג. אי די קאפיטאליסטען, אי די ארבעטער פיהלען זיך גוט ווי קיינמאל ניט. איבעריגע סחורה קלייבט זיך אלץ אן. די באהאלטענע חולאת אנטוויקעלט זיך אינווייניג אין דעם געזעלשאפטליכען ארגאניזם. ערשט ווען זי דערגרייכט שוין צו א היפשער מאס, דאן ברעכט זי אויס אין א קריזיס, און דערפאר טאקע ווייזט זי זיך ארויס אזוי שרעקליך אינטענסיוו.

דער ערשטער סימפטאם פון דעם קומענדיגען קראך איז געוויינטליך דאס, וואס עס הייבען אן אונטערצוגעהן די מער ספעקולאטיווע אונטערנעמונגען, וועמעס פאלשע אויפבליהונג עס איז באשאפען געווארען דורך קינסטליכע בערזע מעטאדען. עס געהט דורך א קלאנג, אז איין פירמע באנקראטירט, א צווייטע, א דריטע. קרעדיט, דער פיהלבארסטער טייל פון דעם עקאנאמישען ארגאניזם, שפיגעלט גלייך אפ אויף זיך די אויפטרייסלונג, וואס הייבט זיך אן, און שפיגעלט זי אפ זעהר שטארק — אין דער פארמע פון א קרעדיט קריזיס.

קרעדיט שטיצט זיך אויפ'ן געפיהל פון צוטרוי, און מענטשליכע געפיהלען בייטען זיך. בא איטלעכען שטויס, וואס קען זיין געפערליך פאר דער געזעלשאפטליכער ווירטשאפט, פאלט אן אויף אלע קאפיטאליסטען — די גרויסע, ווי די קליינע — אן אומזיכערקייט מיט דעם מארגענדיגען טאג, א שרעק פאר זייערע קאפיטאלען. דארט וואו עס הערשט די מורא, ווערט אויס צוטרוי און עס פאלט דער קרעדיט. קרעדיט געשעפטען שטעלען זיך אפ. וואו מען קען נאר, זעהט מען צוריק ארויסצוקריגען דאס אפגעגעבענע געלט. מע זוכט געלט, געלט און געלט. ווארים קיין מענטשען גלויבט מען מער ניט, נאר אין געלט. עס ווערט א בהלה צווישען די בערזע-לייט, באנקירען, „ראנטיע"; די ביינק ווערען באלאגערט פון מחנות קליענטען בעל-פקדונ'ס. די ביינק זיינען געצוואונגען צו צאלען די קרעדיטארען, אין דער צייט וואס פון זייערע בעל-חובות קריגען זיי קיין געלט ניט, און

א סך פון זיי געהען אונטער; אינאיינעם מיט די ביינק ווערען בדלות אויך זייערע בעל־פקדונ׳ס — די קאפיטאליסטען.

די האנדעלס און אינדוסטריעלע אונטערנעמער, אין זייער פיבערהאפטען געיעג נאך געלט, כאפען זיך צו פארקויפען די סחורות; אבער דער נאכפרעג ווערט אלץ קלענער, מחמת איטלעכער זעהט איינצוהאלטען דאס געלט אויפ׳ן האנט. די מערק ווערען איבערגע־לאדען מיט סחורה, די פרייזען פאלען אין דער ערד. איינע נאך דער אנדערער הייבען אן אונטערצוגעהן אויך די אינדוסטריעלע אונ־טערנעמונגען, און די, וואס בלייבען גאנץ, פארקלענערען אדער שטע־לען אפ די פראדוקציע. די רעזערוו־ארמיי פארגרעסערט זיך שנעל אויף הונדערטער טויזענטער מענטשען, וואוהין עס געהען אריין אויך טויזענטער פארארעמטע קאפיטאליסטען. עס געהט אונטער אלץ וואס איז שוואך אין קאפיטאליסטישען זינען; אבער אויך די שטאר־קע קומט אויס צו ליידען צרות.

נאך דעם קריזיס קומט אן א פעריאד פון שטילשטאנד. קיין נייע גרויסע קראכען טרעפען זיך ניט, אבער קיין פארבעסערונג איז אויך ניטא: די פראדוקציע און דער מארק זיינען אין א געדריקטען צושטאנד.

ביסלעכווייז הייבען אן צו צעגעהן זיך די גרויסע מאסען סחורות אויפ׳ן מארק: ביסלעכווייז ברייניגט מען זיי אראפ. פאוואלינקע, איינע נאך דער אנדערער קומען די גרויסע אונטערנעמונגען צו זיך און הייבען אן אויסברייטערען די געשעפטען זייערע. טריט בא טריט קומט פאר דער איבערגאנג פון שטילשטאנד צו מעסיגער אויפבליהונג. די פראדוקציע דערגרייכט איבעראניים צו איר פריהערדיגער גרויס, און וואקסט זי נאך אריבער. דערביי ווייזט זיך ארויס, אז פון די פרי־הערדיגע קליינע אונטערנעמונגען זיינען א סך פארשוואונדען אהן א שפור, און די אלגעמיינע צאל אונטערנעמונגען האט זיך פארקלענערט. וואס ווייטער, ווערט אלץ לעבעדיגער, די אנטוויקלונג פון דער פראַ־דוקציע ווערט ווידער א האסטיג שנעלע. עס חזר׳ן זיך איבער די אור־זאכען און מיט זיי אויך די רעזולטאטען — און נאך דעם מאמענט פון העכסטער אויפבליהונג קומט א נייער קריזיס.

# א. באָגדאַנאָוו

אט דער גאַנצער קרייז דערשיינונגען האָט זיך שוין עטליכע מאָל איבערגע'חזר'ט אין דעם לעצטען יאָרהונדערט. דער ערשטער אַלגע־מיינער קריזיס אין דער פּראָדוקציע איז פאָרגעקומען אין דעם יאָר 1825—1826; דער צווייטער — אין דעם יאָר 36—37; נאָכדעם אין 47־טען יאָר און אין 57־טען; ביז דאָן זיינען זיי פאָרגעקומען אין גאַנץ רעגעלמעסיגע פּעריאָדען, אַלע צען יאָר. נאָכדעם איז געווען אַ וועלט־קריזיס אין 1873־טען יאָר. לויט זיין קראַפט און דויער האָט ער איבערגעשטייגט אַלע פריהערדיגע קריזיסען: פאַרשפּרייטענדיג זיך פון לאַנד צו לאַנד, האָט ער זיך געצויגען עטליכע יאָר, ביז אַן ערך דעם יאָר 1878. נאָכדעם האָט זיך ביז דעם אָנהייב 90־ער יאָרען ניט געמערקט קיין גרויסע אַלגעמיינע אויפבליהונג. עס האָט מער געהערשט אַ שטילשטאַנד. אָבער ביסלעכווייז איז דער שטילשטאַנד פאַרביטען געוואָרען אויף אַ רייכער אויפבליהונג פון דער וועלט אינדוסטריע, און נאָך עטליכע יאָר פון דער שטאַרקסטער אויפגעלעבטקייט האָט זיך אין דעם 99־טען יאָר אָנגעהויבען אַ נייער קריזיס. באַזונדער שטאַרק האָט ער געטראָפען רוסלאַנד, אָבער געפיהלט האָט ער זיך אומעטום. ער האָט זיך געצויגען עטליכע יאָר און איז געווען אומגעהייער גרויס. אַזוי, אין אין פראַנקרייך, וואָס האָט פון אים געליטען ווייניגער, איי־דער, לאָמיר זאָגען, דייטשלאַנד, די צאָל אַרבעטסלאָזע פאַרגרעסערט געוואָרען אויף אַ האַלבען מיליאָן — פון 400 טויזענט אין 1896 יאָר ביז 900 טויזענט אין 1902 יאָר.

מכוח דער פראַגע וועגען דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג פון די קריזיסען, דאַרפען מיר פאַרצייכענען צוויי פאַרשיידענע מיינונגען.

איינע האַלטען, אַז קריזיסען דאַרפען זיך אויך ווייטער איבער'־חזר'ן אין דערזעלביגער שאַרפער פאָרמע, ווי פריהער, נאָר די פעריאָ־דען צייט צווישען זיי זיינען געוואָרען לייגנער. די גרויס און די פאַר־וויקעלטקייט פון דעם קאַפּיטאַליסטישען מעכאַניזם, וואָס האָט זיך געוואַלדיג צעוואַקסען, פאָדערען אַ לייננערע ווירקונג פון די קרעפטען, וואָס צעשטערען דאָס גלייכגעוויכט, כדי עס זאָל אויסברעכען אַ קרי־זיס; דערביי העלפט מיט אויך די גרעסערע געגענזייטיגע צוגעפּאַסט־קייט פון די עלעמענטען אין פאַרשיידענע צווייגען פון געזעלשאַפטלי־

כען לעבען, וואס קומט פון, למשל, דער אנטוויקלונג פון דער בערזוע־ארגאניזאציע. די וועלט איבערפראדוקציע שפרייט זיך אויס אויפ'ן גאנצען געביט פון דעם וועלט קאפיטאליזם, און מוז דעריבער דערגרייכען צו אסך א העכערען גראד, אז זי זאל זיך ארויסווייזען שארף און בולט. דערפאר אבער, אז זיי ברעכען שוין אויס, מוזען זיי זיין א סך אינטענסיווער און געפערליכער. אחוץ די טעארעטישע טעמים, רעדט לטובת אט דער מיינונג אויך דער פאקט, וואס זעכצען יאר זיינען אריבער צווישען די קריזיסען פון 57־טען און 73־טען יאר, און 26 יאר צווישען די קריזיסען פון 73־טען און 99־טען יאר, און אויך די באזונדער געוואלדיגע קראפט פון די לעצטע קריזיסען.

לויט אן אנדער מיינונג, בייט זיך דער כאראקטער גופא פון קריזיסען. די ליכטיגע צווישען־פעריאדען ווערען אלץ קירצער, די פעריאדען פון קריזיס און שטילשטאנד גיסען זיך צענויף און פארנעמען אלץ א גרעסערען טייל פון דעם פריהערדיגען צען־יאריגען קרייז. די איבערפראדוקציע נעמט אן א פארמע פון א כראנישער געדריקטקייט אין דער אינדוסטריע, וואס ווערט ביסלעכווייז פארוואנדעלט אין א כראנישע דערשיינונג און דערלאזט ניט די מעגליכקייט פון אזא שטארקער אויפגעלעבטקייט, אזא אינטענסיווען פראגרעס פון דעם פראדוקציאנס לעבען, וואס מוז זיך אומפארמיידליך איבערהאקען דורך א קריזיס. אבער די געדריקטקייט גופא ווערט אלץ א טיפערע; די טענדענץ צו א צעשטערונג פון דעם פראדוקציאנס לעבען ווערט כסדר אלץ שטארקער. פאר אט דער מיינונג זיינען בא היינטיגען טאג פאראן ווייניגער פאקטען, איידער פאר דער ערשטער; זי איז אבער געווען די הערשענדיגע איידער עס איז געקומען דער לעצטער קריזיס.

טיילווייזע קריזיסען פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציע שיידען זיך אפ פון אלגעמיינע קריזיסען, ערשטענס, דורך זייער אפשטאמונג גופא ניט פון אזעלכע אלגעמיינע אורזאכען, ווי די טענדענץ פון דעם קאפיטאליזם צו איבערפראדוקציע; און צווייטענס וואס זיי האבען ניט אזא גרויסען פארנעם לפי־ערך: זיי באנכאפען אמאל באזונדערע לענדער, אמאל א געוויסע צווייג פון דער געזעלשאפטליכער ווירטשאפט, און הופען זיך אפ לפי־ערך שוואך אויסער

אַט דער באַשרייַנקטער סביבה. אָבער אַזעלכע טיילווייזע קריזיסען קענען זיך זייַן זעהר שטאַרק, און אין איינצעלנע פאַלען קענען זיי זיך קנאַפּ וואָס אָפּשיידען, לויט זייער אינטענסיוויטעט, פון אמת'ע וועלט קריזיסען.

די אורזאַכען פון טיילווייזע קריזיסען זיינען מלחמות, רעוואָלו־ציעס, ניט גערעטענישען, אומגעהייערע ספּעקולאַציעס אויפ'ן בערזע... אַזוי איז דער ענגלישער באַוועל קריזיס פון 1863—1864 יאָר אַרויס־גערופען געוואָרען דורך דער מלחמה אין די פאַראייניגטע שטאַטען; די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע געדריקטקייט, וואָס רוסלאַנד האָט איבער־געלעבט אין 1891—1892 יאָר, איז געקומען פון אַ ניט גערעטעניש, א. ד. גל. לאָמיר באַטראַכטען דעם מעכאַניזם, ווי אַזוי אַזעלכע קרי־זיסען קומען, אויף לעבעדיגע פאַקטען.

דער בירגער־קריג אין די פאַראייניגטע שטאַטען אין די יאָרען 1860—1864, וואָס איז באַקאַנט אונטער'ן נאָמען די מלחמה פאַר דער באַפרייאונג פון די נעגערס, איז געווען דער רעזולטאַט פון די געגענ־זעצליכע אינטערעסען צווישען די הערשענדיגע קלאַסען אין די צפון־שטאַטען און די דרום־שטאַטען — דער אינדוסטריעלער בורזשואַזיע און דער לאַנד־אַריסטאָקראַטיע. די ערשטע האָט געשטרעבט צו פּראָ־טעקציאָניזם, צו הויכע גרעניץ־אָפּצאָלען אויף פּראָדוקטען פון דער באַ־אַרבעטענדיגער אינדוסטריע, וואָס זי האָט געוואָלט פאַרקויפען אויף הויכע פּרייזען; די צווייטע האָט געוואָלט פרייען האַנדעל, כדי וואָל־וועלער צו קויפען אַט די פּראָדוקטען. וואָס איז שייך דער פּראָדוקציע פון רויע מאַטעריאַלען, איז די ביליגע שקלאַפען אַרבעט פון דרום געווען ניט קיין באַקוועמער קאָנקורענט פאַר די אונטערנעמער פון די צפון־שטאַטען, וואָס האָבען אָנגעווענדט געדונגענע אַרבעט. ווען דער עקאָנאָמישער קאַמף האָט אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון אַ מלחמה, האָט אין ענגלאַנד אויסגעבראָכען אַ קריזיס, מחמת עס האָט געפעלט באַוועל פאַר דער טעקסטיל פּראָדוקציע, וואָרים אַ היפּשער טייל באַוועל פלעגט אַריינגעפירט ווערען פון די דרום־שטאַטען. די באַוועל אינדוסטריע איז שטאַרק פאַרקלענערט געוואָרען, און די רעזערוו־אַרמיי

איז פארגרעסערט געוואָרען כמעט אויף צוויי הונדערט טויזענט מענטשען. אזוי האָט דער געזעלשאַפטליכער קאַמף אין איין לאַנד געבראַכט צו אַן אינדוסטריעלען קריזיס אין אַן אַנדער לאַנד, איבער דעם איינגען עקאָנאָמישען צוזאַמענבונד צווישען פארשיידענע לענדער, וואָס די געזעלשאַפטליכע ארבעטס צעטיילונג באַשאַפט.

אַלענפאלס, בנוגע אַזעלכע טיילווייזע קריזיסען, וואָס ווערען אַרויסגערופען דירעקט דורך פאָליטישע אויפטרייסלונגען, ספעקולאַציעס, בכלל דורך באַדינגונגען פון אַ ריין געזעלשאַפטליכען כאַראַקטער, איז ניט שווער צו באַווייזען, אַז די גרונט אורזאַך זייערע איז דיזעלביגע וואָס פון אַלגעמיינע קריזיסען — דער ניט געאָרגאַניזירטער כאַראַקטער פון דער געזעלשאַפטליכער אַרבעטס צעטיילונג. נאָר אפילו דאַן ווען אַ קריזיס קומט, דאַכט זיך, פון ריין סטיכיי״שע אורזאַכען, למשל, פון מעטעאָראָלאָגישע באַדינגונגען, וואָס פירען צו אַן אומגערעטעניש, ווייזט זיך אויך אַרויס, בײַ אַ פינקטליכערען אַנאַליז, אַז אין יסוד איז דאָ געוויינטליך דיזעלביגע אורזאַך. למשל, אַזעלכע גרויסע אומגערעטענישען, ווי אין 1891 יאָר אין רוסלאַנד, קענען מעגליך זיין נאָר בײַ אַ שטאַרקער אויסצערונג פון דער ערד דורך דעם רויבערישען כאַראַקטער פון דער לאַנד־ווירטשאַפט. דער איבערגאַנג פון נאַטוראַלער צו אַן געלט־ווירטשאַפט, און די פאַראָרעמונג פון דער פויערשער ווירטשאַפט, וואָס אַט דער איבערגאַנג רופט אַרויס, צווינגט די פויערען וואָס מער ערד צו פאַראַקערען און וואָס שטאַרקער צו עקספּלואַטירען דעם באָדען, דערבײַ ווערען די פראָדוקטיווע קרעפטען פון דער ערד אַלץ מער אויסגעבראַכט און גאָר ניט באַנייט. נאָר מחמת די ערד איז זעהר אויסגעצערט, ווערט די ערד־אַרבעט אַזוי שטאַרק אָפּהייניג פון די וועטער באַדינגונגען, אַז עס ווערען מעגליך, און פון צייט צו צייט אפילו אומפאַרמיידליך, אַזעלכע אומגערעטענישען, וואָס טרעפען מיט אַמאָל אַ גאַנצע מדינה. הייסט עס, אויך אין דעם פאַל איז דער שטאַרקער קריזיס ניט קיין צופעליגע זאַך בײַ דער עקזיסטירענדיגער סיסטעמע פון באַציהונגען; לפי־ערך צופעליג קען מען רעכענען נאָר דאָס, וואָס דער קריזיס ברעכט אויס, למשל אין 1891 יאָר, און ניט אין 1890־טען.

# א. באַנקראָטן

פון די פאַרשיידענע געביטען פון דער געזעלשאַפטליכער ווירט־שאַפט ליידט מער פון אַלע פון די שטערענדיגע ווירקונגען דאָס געביט פון קרעדיט. אַזוי ווי דער עצם פון קרעדיט באַשטעהט דאָך אין צוטרוי, איז פאַר אַ קרעדיט־קריזיס גענוג אַ פּשוט'ע מעגליכקייט פון אַן אויפטרייסלונג אין די פּראָדוקציאָנס באַדינגונגען. למשל, עס איז דאָ אַ געפאַר פון מלחמה; האָט מען מורא, זי זאָל ניט חרוב מאַכען געוויסע לענדער, און די קאַפּיטאַליסטען פון יענע לענדער, און דער־הויפּט די רעגירונגען זייערע וועלען אויפהערען צו צאָלען חובות. די ניט געזיכערטקייט פון דער לאַגע גראָבט אונטער דעם קרעדיט. עס ווערט אַ שטאַרקער נאָכפראַגע אויף געלט, אַ סך אונטערנעמער ווערען געצוואונגען אויפ'ן שטעל איינצוצאָלען אַזעלכע חובות, אויף וועלכע זיי האָבען זיך גערעכט צו קריגען אַ פּראָלאָנגירונג. איבער דעם וואָס דער נאָכפראַגע און דער אָנבאָט פון געלט שטימען ניט, ווערט דער אייגענטליכער קרעדיט־קריזיס נאָך שווערער דורך אַ געלט־קריזיס; צו דעם פאַלען פון קרעדיט קומט צו אַ חסרון אין געלט אויף די נויטיגע צאָלונגען. די אויפטרייסלונג פאַרשפּרייט זיך, נאַטירליך, אויך אויף די ריין אינדוסטריעלע קריזען; ווארים פאַר די אינדוסטריעלע קאַ־פּיטאַליסטען, וואָס זייער קאַפּיטאַל באַשטעהט דאָך, הויפּטזאַכליך, אין פּראָדוקציאָנס מיטלען און אין די געשאַפענע סחורות, אָבער ניט אין געלט, איז די שטאַרקע פאָדערונג אויף געלט זעהר שווער.

צו די טיילווייזע קריזיסען דאַרף מען צורעכענען אויך דעם כראָ־נישען קריזיס פון דער אייראָפּעאישער ערד־אַרבעט, וואָס ציהט זיך שוין פון פיל יאָרען. די הויפּט אורזאַכען פון דעם זיינען: ערשטענס, דער געוואַלדיגער וואוקס פון דער לאַנדווירטשאַפטליכער פּראָדוקציע אין די פּרוכטבאַרע לענדער פון אַנדערע וועלט־טיילען. וואָס דער ברויט זייערער איז ביליגער ניט נאָר מחמת דער גרעסערער פּראָדוקטיוויטעט פון דער לאַנדווירטשאַפטליכער אַרבעט, נאָר ווי עס איז שוין פריהער אָנגעוויזען געוואָרען, אויך מחמת דער לפּי־ערך נידעריגער ערד־רענטע; צווייטענס, עס פעלען אַרבעטער הענט פאַר דער קאַפּי־טאַליסטישער לאַנדווירטשאַפט אין אייראָפּע, ווייל די ערדלאָזע פּויערען ציהען אין די שטעט, וואו עס אַנטוויקעלט זיך די באַאַרבעטענ־

דיגע אינדוסטריע, און די לעבענס באַדינגונגען פאַר די גערונגענע אַרבעטער זיינען בעסערע.

לויט זייער פאָרמע, זיינען קריזיסען אין אַ געוויסען זינען אַ שריט אויף צוריק פון דער געזעלשאַפטליכער ווירטשאַפט, אַ צייטווייליגע פאַרקלענערונג פון די פּראָדוקטיווע קרעפטען פון דער געזעלשאַפט; אָבער זיי גופא טאַקע דינען אויך פאַר אַ מעכטיגען אַנטרייבער צו טעכנישען פּראָגרעס, צו אַ ווייטערדיגער אַנטוויקלונג פון די פּראָדוקציאָנס קרעפטען. ערשטענס, די קאָנקורענץ ווערט פאַרשאַרפט, אַ דאַנק דעם קריזיס, ביז צום העכסטען גראַד; צווייטענס, די שטרעבונג צו דעקען די היזקות, וואָס מען האָט געליטען, דערוועקט די קאַפּיטאַליסטען אויסצוזוכען נייע מיטלען רייכער צו ווערען; ענדליך, דריטענס — און דאָס איז דער עיקר — די אורזאַך פון דעם אַנגווער, וואָס דער קאַפּיטאַליסט האָט געהאַט אין דער צייט פון קריזיס, זעהט ער אין דעם פאַלען פון דעם פּרייז אויף סחורה, — שטרעבט ער, נאַטירליך, צו פאַרפולקומען די טעכניקע פון דער אונטערנעמונג אויף אַזוי פיל, אַז אפילו די נידעריגסטע פּרייזען זאָלען אים קיין היזק ניט פאַרשאַפען.

פאַרשנעלערענדיג דעם טעכנישען פּראָגרעס, העלפען די קריזיסען דער אַנטוויקלונג פון די קאַפּיטאַליסטישע באַציהונגען מיט אַלע זייערע רעזולטאַטען, אַריינגערעכענט אויך נייע קריזיסען. די טענדענץ פון אַנטוויקלונג ווערט דאָ איבערגעפלאָכטען מיט דער טענדענץ פו דעגראַדאַציע. ווען די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט וואָלט ניט באַוויזען צו באַשאַפען אין אירע טיפענישען אַ פעסטע גאַראַנטיע פון אַנטוויקלונג — אין דער געשטאַלט פון דעם אַרבעטער קלאַס, וואָס אָרגאַניזירט זיך אין אַ מעכטיגער קראַפט, כדי צו נעמען אויף זיך די גאַנצע אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע, — וואָלט זי געהאַט אַלע שאַנסען אויף פאַנאַנדערצופאַלען און חרוב צו ווערען אין איינעם פון די נאָהענטסטע קריזיסען.

די קריזיסען, ווי דער שאַרפסטער סימן פון דער ניט געאָרגאַניזירטקייט פון די געזעלשאַפטליכע באַציהונגען, האָבען די לעצטע צייט

געגעבען א שטאַרקען אנשטויס אויף דעם קלאַס קאַפּיטאַליסטען צו פּרואווען אריינטראָגען מער אָרדענונג אין דעם עקאָנאָמישען לעבען.

## ב). פאַראייניגונג פון אונטערנעמער.

ווען די סתירה צווישען דער אנטוויקלונג פון די פּראָדוקציאָנס קרעפטען און די געזעלשאַפטליכע פאָרמעם האָט זיך פאַרשטאַרקט אויף אזוי פיל, אז זי האָט אָנגעהויבען שטאַרק צו באַלעסטיגען די בורזשואַזיע גופא: די זעהר פאַרשאַרפטע קאָנקורענץ ביז אין טויט אריין, די קריזיסען, — דאַן האָט אויך דער קלאַס קאַפּיטאַליסטען אנגעהויבען ביסלעכווייז צוצוטרעטען צום קאַמף מיט די אומבאַקוועמ־ליכקייטען פון די קאַפּיטאַליסטישע באַציהונגען, וואָס רירען אים אָן.

פאַר א מיטעל צום קאַמף דינט דאָ פאַר די אונטערנעמער די פאַר־איינינונג, אָרגאַניזאַציע. מיט דער הילף פון אָרגאַניזאַציע שטרעבען די קאַפּיטאַליסטען צו פאַראַליזירען די ווירקונג פון דער אַנאַרכיע אין דער פּראָדוקציע, וואָס ליגט אין דעם גרונט פון דער אומגעמעסיג־טער קאָנקורענץ, די קריזיסען א. אַז. וו.

די אונטערנעמער פון א געוויסער פּראָדוקציאָנס צווייג אָרגאַני־זירען זיך אין א פאַרבאַנד און זעהען צו נאָרמירען די פּראָדוקציע, זי זאָל געהן לויט געוויסע כללים. אזא פאַרבאַנד פון אונטערנעמער רופט זיך א סינדיקאַט (אויף דייטש — קאַרטעל אויף ענגליש — פּול); זייער העכסטע, אנטוויקעלטסטע פאָרמע רופט מען טראַסט.

די ערשטע פאַרזוכען צו אָרגאַניזירען סינדיקאַטען זיינען פאָרגע־קומען נאָך אין די 60־ער יאָרען פון דעם 19־טען יאָרהונדערט. נאָך דעם אנטשלאָסענעם שטויס, אַז אָט די נייע פאָרמע פון אָרגאַניזאַציע זאָל ארויסטרעטען אויפ'ן סצענע, האָט געגעבען דער קריזיס פון 1873־טען און די ווייטערדיגע יאָרען. פון דאַן אָן זיינען די סינ־דיקאַטען אין א סך קאַפּיטאַליסטישע לענדער געוואָרען א גרויסע געזעלשאַפטליכע קראַפט.

דעם באָדען פאַר דער אנטשטעהונג פון סינדיקאַטען האָבען צו־

געגרייט די פארשטארקטע קאנקורענץ פון די קאפיטאלען, די פארקלענערטע צאל אונטערנעמונגען און די פארגרעסערונג פון די איבערגעבליבענע. אייב די פאראייניגונג פון דעם קאפיטאל פון א געוויסער פראדוקציאנס צווייג אין די הענט פון א קליינער צאל אונטערנעמער איז נאך ניט פארגעקומען, אויב עס זיינען נאך פאראן א סך לפי־ערך קליינע אונטערנעמונגען, דאן איז די פאראייניגונג פון די אונטערנעמער אין א פארבאנד, ערשטענס, זעהר שווער, צווייטענס, ניט אזוי שטאנדהאפטיג. אז אלע אונטערנעמער פון אט דער פראדוקציאנס צווייג זאלען קומען צו א הסכם איז דאן כמעט אוממעגליך. און א היפשער טייל פון זיי וועט בלייבען אויסער דער ארגאניזאציע; און בא אזעלכע באדינגונגען איז דער קארטעל ניט בכוח אויסצופירען זיין אויפגאבע — צו נארמירען, רעגולירען די פראדוקציע. בכלל, א קארטעל איז א פארבאנד פון ג ר ו י ס ע אונטערנעמער.

וואס איז שייך דער פארמע גופא פון א קארטעל פאראייניגונג, איז זי אין א היפשער מאס צוגעגרייט געווארען דורך די אקציאנערע געזעלשאפטען, וואס שטעלען מיט זיך פאר שוין א געוויסע ארט פון פארבאנדען פון קאפיטאליסטען.

איינע פון די וויכטיגע באדינגונגען, וואס פארלייכטערען די פאראייניגונג פון אונטערנעמונגען אין סינדיקאטען, איז די פראטעקציאנס סיסטעמע אין דער אינדוסטריעלער געזעצגעבונג. — דער פראטעקציאניזם לייזט אויס די פאבריקאנטען אין דעם שטאט פון דער אויסלענדישער קאנקורענץ, ער שטעלט זיי אין א באזונדערער, געפריווילֵיגירטער לאגע, איבערלאזענדיג פאר זיי אין מאנאפאליע דעם אינערליכען מארק, און דערמיט באשאפט ער די גינסטיגסטע באדינגונגען פאר דער ארגאניזירונג פון סינדיקאטען. בא דער הערשאפט פון פראטעקציאניזם קען דער סינדיקאט לחלוטין אפשאפען די קאנקורענץ און ער גיט דעם גרעסטען נוצען פאר די קאפיטאליסטען. וואס טרעטען אין אים אריין. אבער בא פרייען האנדעל, קומט די קאנקורענץ פון די אייסלענדישע אונטערנעמער, וואס עס איז זיי שווער אריינצוציהען אין דעם סינדיקאט, און מאכט שטארק קאליע דעם נוצען פון דעם סינדיקאט פאר זיינע מיטגלידער; דער סינדיקאט

# א. באָגדאַנאָוו

האָט ניט קיין מאָנאָפּאָליע אין דער פּראָדוקציע, הייסט עס קען ער אויך ניט נאָרמירען די פּראָדוקציע, צו באַשטימען לויט זיין ווילען נאָך איר גרויס און די פּרייזען פון אירע פּראָדוקטען. אָט דערפאַר אַנטוויקעלט זיך די קאַרטעלען־סיסטעמע באַזונדער שנעל אין די לענדער פון פּראָטעקציאָניזם, ווי אין די פאַראייניגטע שטאַטען, למשל. פונדעסטוועגען איז דער פּראָטעקציאָניזם ניט קיין נויטווענדיגע באַדינגונג פאַר דער אַנטשטעהונג פון סינדיקאַטען. אַזוי, איז אפילו אין ענגלאַנד, וואו עס איז פאַראַן די גרעסטע פרייהייט פון האַנדעל, נאָך דעם 1873־טען יאָר געגרינדעט געוואָרען אַ גרויסע צאָל קאַרטעלען, צווישען זיי ניט ווייניג רייכע און מעכטיגע. באַ אַ פרייען האַנדעל קענען לייכטער אויפקומען אינטערנאַציאָנאַלע סינדיקאַטען.

דער ערשטער שריט אין דער אַנטוויקלונג פון קאַרטעלען זיינען געווען אָפט ניט געלונגען, זיינען געווען באַלייט מיט קראַכען און דורכפאַלען. די מיטגלידער פון די סינדיקאַטען, וואָס זיינען אויפגעצויגען געוואָרען אין אַן עקאָנאָמישער אַנאַרכיע און זיינען דורכגעדרונגען געוואָרען מיט'ן גייסט פון „פרייער" קאָנקורענץ, האָבען זעהר אָפט אַרויסגעוויזען אַ פולשטענדיגע אומפעהיגקייט צו האַלטען דיסציפּלינע, צו פירען די געשעפטען געאָרגאַניזירטערהייט. זיי פלעגען אָדער אָפען אַריבערטרעטען די אַלגעמיינע באַשלוסען, אָדער זיי פלעגען זיך פון זיי אַרויסדרייען מיט פאַרשיידענע דריידלעך, און געליטען האָבען גראָד יענע מיטגלידער, וואָס האָבען געוויסענהאַפט געפאָלגט אַלע אָנגענומענע באַשריינקונגען. נאָך איצטער אפילו געהען אונטער אַ סך סינדיקאַטען מחמת דעמזעלביגען טעם.

אין אַנדערע, נאָך אַ וויכטיגערע אורזאַך, פאַרוואָס אַ סך קאַרטעלען האָבען געהאַט אַ מפּלה, איז דאָס וואָס זיי האָט זיך ניט איינגעגעבען אַריינצוקריגען דיווירקליכע מאַכט איבער דער פּראָדוקציע פון זייער צווייג. ווען די קאָנקורענטען, וואָס זיינען געבליבען זעלבשטענדיג, פאַרגרעסערען זייער פּראָדוקציע, דאַן ווערט אַן די קאַרטעלען אָרגאַניזאַציע דעם זינען פאַר איר עקזיסטענץ; אירע מיטגלידער לוינט זיך גאָרניט צו פאָלגען די באַשריינקונגען, וואָס זיינען נאָר אַ טובה

פאַר זייערע שונאים; אַז דער קאַרטעל זאָל איינשטעלען די מאַרק פּרייזען ווערט פּשוט אוממעגליך. דער גרעסטער אומגליק פאַר דעם סינדיקאַט איז, ווען די שטאַרקסטע אונטערנעמער פון דער פּראָדוקציאָנס צווייג, וויסענדיג גוט זייער אייגענע מאַכט, ווילען צום סינדיקאַט ניט צושטעהן. די פּראַקטיקע באַווייזט, אַז דער סינדיקאַט קען דיקטירען פּרייזען נאָר דאַן, ווען בא אים איז די הענט געפינט זיך פון ⅔ ביז ¾ פון דעם גאַנצען מאַרק.

ווען דער סינדיקאַט פאַרכאַפּט ווירקליך די מאַכט איבער זיין פּראָדוקציאָנס צווייג, דאַן זיינען אַלע אונטערנעמונגען, וואָס זיינען ניט מסוגל צו פאַראייניגען זיך מיט אים, פאַר׳משפּט צום טויט. דער סינדיקאַט ניצט אויס אומ׳ברחמנות׳דיג זיין קראַפט און זיין איינִיגקייט אין דעם קאַמף מיט זיינע געגנער. למשל, דער דייטשער סינדיקאַט פון די אונטערנעמער פון שטאָב־אייזען האָט באַשלאָסען אַרויסצושטעלען קאַמף־פּרייזען אַנקעגען אַלעמען, „וואָס זיינען צו אים ניט צוגעשטאַנען“. דער שווייצערישער סינדיקאַט פון שפּיצען־פאַבריקעס האָט, כדי אַנצולערנען די ווידערשפּעניגע, דערשלאָגען זיך פון דער רעגירונג, אַז אויף די פאַבריקעס, וואו מען פּלעגט פריהער אַרבעטען איבערשטונדען, זאָל שטרייננג אַנגעווענדעט ווערען אַז 11־שעה׳דיגער אַרבעטס טאָג. ווייטער האָט ער געלאָזט מעלדען, אַז אַלע וואָס זיינען אויף דינסט בא יענע אונטערנעמער, וואָס זיינען צום סינדיקאַט ניט צוגעשטאַנען, וועלען נאָך 3 חדשים צייט מער ניט צוגענומען ווערען אויף די פאַבריקעס פון דעם סינדיקאַט.

די אַנטוויקלונג פון קאַרטעלען איז געגאַנגען מערקווירדיג שנעל, אָבער אויך אין אַ שטרייגגען סדר. אין זייער געשיכטע קען מען ביז היינטיגען טאָג אַנמערקען עטלעכע תקופות.

די ערשטע איז אַ צוגרייטונגס תקופה. עס ווערען צוזאַמענגעשטעלט שוואַכע איינשטימונגען אויף לפּי־ערך קורצע טערמינען, כדי אויפצוהאַלטען די פּרייזען, אָדער כדי צו באַגרעניצען די פּראָדוקציע. מען מאַכט אַ סך פּראָבעס אונטער דער ווירקונג פון נאָך ניט קלאָרע שטרעבונגען. זעהר אָפט פאַלט מען דורך.

## א. באַגדאַנאָוו

נאָכדעם קומט שוין די אָרגאַניזירונג פון אמת'ע קאַרטעלען. מע שליסט פעסטע פאַרבאַנדען אויף אַ לייננגערער צייט מיט'ן צוועק — צו ווירקען אי אויף דער איינשטעלונג פון די פרייזען, אי אויף דער באַשריינקונג פון דער פּראָדוקציע.

ביסלעכווייז ווערט די פאַראייניגונג אַלץ אַ פעסטערע. די פּראָג־ראַמע פון דעם קאַרטעל ווערט ברייטער. אריינקריגענדיג די מאַכט איבער דער פּראָדוקציע, טיילט ער איין די מערק צווישען זיינע מיט־גלידער, גרינדעט צענטראַלע ערטער אויף אויסצובריינגען די סחורות, פאַרפליכט די מיטגלידער איינצופירען בא זיך נייע טעכנישע אויס־בעסערונגען און אַז. וו.

צום סוף, ווערען אַפגעשאַפט די לעצטע רעשטען פון קאָנקורענץ אינוויינינ אין דעם פאַרבאַנד גופא, די לעצטע רעשטען פון זעלב־שטענדיגקייט פון די באַזונדערע אונטערנעמער. דער פאַרבאַנד שטעלט איין אַלע קליינינקייטען פון דער פּראָדוקציע און באַשטימט דעם פּראָ־פיט, וואָס קומט איטלעכען מיטגליד. עס באַקומט זיך איין קאָלאָ־סאַלע אונטערנעמונג — אַ ט ר אַ ס ט. די פריהערדיגע זעלב־שטענדיגע אונטערנעמער זיינען דאָ פּראָסט אַקציאָנערען. בא היינ־טיגען טאָג איז דאָס די העכסטע פאָרמע פון אַ קאַרטעל.

איצטער נאָך קען מען געפינען אַלע פאָרמעס פון קאַרטעלען איינע לעבען איינע; אָבער אומעטום באַמערקט זיך אַ שטרעבונג אריבערצוגעהן צו העכערע פאָרמעס.

אַ גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג האָט דאָס אויפקומען פון אינ־טערנאַציאָנאַלע סינדיקאַטען (אין 1889 יאָר האָט זיך גערעכענט 11 אַזעלכע, אין 1896 — איבער 40). — אַ בולט'ער אויסדרוק פון דעם פאַקט, אַז דער אַנטוויקעלטער קאַפּיטאַליזם איז אַן אינטערנאַציאָנאַלע דערשיינונג, וואָס ווייס ניט פון קיין נאַציאָנאַליטעטען. פון אַט די סינדיקאַטען איז כדאי צו באַמערקען דעם בליי און זילבער סינדיקאַט, וואָס אין זיינע הענט געפינט זיך ⅔ פון דעם גאַנצען זילבער און ½ פון דעם גאַנצען בליי, וואָס מען קריגט אַרויס יערליך; נאָכדעם דעם טאַבאַק סינדיקאַט, דעם דינאַמיט סינדיקאַט און אַנד. דער אייל־טראַסט אין צפון־אַמעריקע האָט די לעצטע יאָרען געשטרעבט

## פּאָליטישע עקאָנאָמיע

אריינצוקריגען דעם איינפלוס אויף דעם רוסישען נאפט געשעפט; ווען דאס גיט זיך אים איין, וואלט דער טראסט קיין שום קאנקורענץ ניט געהאט אין דער גאנצער וועלט.

באַ היינטיגען טאג ציילען זיך די סינדיקאטען אין די הונדערטער.

די געוואלדיגע מיטלען, וואס די סינדיקאטען פארמאגען, גיבען זיי א מעגליכקייט שנעל אנצואווענדען כל'ערליי אויסבעסערונגען, וואס פאר דעם איינצעלנעם אונטערנעמער זיינען זיי צו טייער. געוויינטליך האבען די סינדיקאטען אין זייער דינסט גאנצע מחנות געלערנטע ספּעציאליסטען, און כדי צוצוגרייטען אזעלכע ספּעציאליסטען, גרינדען אפט די סינדיקאטען וויסענשאפטליכע און לער אנשטאלטען. בכלל, די נייע פארמע פון ארגאניזאציע פארשנעלערט דעם טעכנישען פראגרעס.

ווייטער, עס איז זעלבסטפארשטענדליך, אויף וויפיל די סינדיקאטען פארשנעלערען דעם פּראצעס פון קאנצענטרירונג פון קאפּיטאלען. לויט די ציפערען פון די לעצטע יארען, האט דער טאבאק טראסט, למשל, איינגעשלונגען ניט ווייניגער פון 150 אונטערנעמונגען, דער אייל-טראסט — באַ א 400, דער שטאל-טראסט — 785. דער קאפּיטאל פון 447 טראסטען אין צפון-אמעריקא טרעפט אן 20 מיליארד דאלער.

אויף דעם אלגעמיינעם גאנג פון דער אינדוסטריע ווירקען די סינדיקאטען אין דעם זינען, וואס זיי גיבען איר צו א מער רוהיגען, מער געשטעלטען כאראקטער, הגם נאר טיילווייז. זיי פארהיטען די אינדוסטריע פון לפי-ערך קליינע אויפטרייסלונגען, טיילווייזע קריזיסען.

אבער אינגאנצען אפּשאפען וועלט-קריזיסען איז די קארטעלען ארגאניזאציע ניט בכוח, ווי מען קען עס ארויסזעהן פון אט די באטראכטונגען: כל-זמן ניט אלע אונטערנעמונגען האבען זיך נאך פאראייניגט אין סינדיקאטען, קען נאך, פארשטעהט זיך, קיין רייד ניט זיין וועגען אן אפּשאפונג פון די אלגעמיינע קריזיסען. נאר אפילו ווען אלע פּראדוקציאנס צווייגען זאלען זיך שוין ארגאניזירען אין באזונדערע סינדיקאטען, וועט נאך דאן אויך די עקאנאמישע אנארכיע ניט פארשווינדען. די קאנקורענץ וועט נאר אננעמען א נייע, אפשר

# א. באָגדאַנאָוו

נאָך אַ שווערערע פאָרמע, איידער פריהער. צווישען די אָרגאַניזאַציעס פון באַזונדערע פּראָדוקציאָנס צווייגען הייבט זיך אָן אַ פאַרביסענער קאַמף. יעדער סינדיקאַט, ווי אַ מאָנאָפּאָליסט אויף זיין געביט, שטרעבט צו הייבען די פּרייזען אויף זיינע סחורות אָהן אַ שיעור; די אַנדערע שטערען אים אין דעם, און פון זייער צד שטרעבען זיי אויך צו אַזעלכע צוועקען; דער רעזולטאַט פון דעם קאַמף ווענדט זיך אָן דער קרעפטען פאַרהעלטעניש פון די סינדיקאַטען. כדי צו האָבען אַ באַגריף וועגען דער אַנגעשטריינגטקייט, דעם פאַרצווייפעלטען כאַ־ראַקטער פון אָט דעם קאַמף, דאַרף מען האָבען אין זינען, אַז איינע פּראָדוקציאָנס צווייגען שטעלען צו פּראָדוקציאָנס מיטלען פאַר די אַנדערע, אַז צווישען אַלע צווייגען איז פאַראַן אַן איינגער שותפות'ער צוזאַמענבונד און אַן אָפּהיינגיגקייט. דער סינדיקאַט, למשל, פון די באַוועל פּלאַנטאַטאָרען גיט אַ הייב די פּרייזען אויף באַוועל; דער טעקסטיל סינדיקאַט האָט שוין אָבער אַרויפגעצויגען די פּרייזען אויף געוועבען אַזוי הויך, ווי עס לוינט זיך פאַר אים בעסער, און ווייטער צו הייבען די פּרייזען קען שוין בריינגען היזק, מחמת עס וועט זיך פאַרקלענערען דער נאָכפרעג. דאַן בלייבט פאַר דעם טעקסטיל סינדי־קאַט איין ברירה — אָדער אַנצונעמען די פּרייזען אויף באַוועל, וואָס לוינען זיך אים ניט, אָדער אָפּצושטעלען אויף אַן אומבאַשטימטער צייט די פּראָדוקציע. אין דעם ערשטען פאַל, מוזען די געשעפטען פון דעם סינדיקאַט שטאַרק פאַרערגערט ווערען, און פריהער אָדער שפּע־טער וועט ער מוזען פאַלען אין דעם קאַמף מיט די שטאַרקערע סינ־דיקאַטען. אין דעם צווייטען פאַל, באַקומט זיך אַ מין סטרייק צווי־שען די צוויי סינדיקאַטען איינער אַנקעגען דעם אַנדערען; דער וואָס וועט באַזיגט ווערען, מוז פאַרלירען זיין זעלבשטענדיגקייט; און אין דער צייט, וואָס אָט דער קאַמף ציהט זיך, הערשט אַ שרעקליכער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס טרעפט די גאַנצע געזעלשאַפטליכע ווירט־שאַפט.

אין דער איצטיגער צייט ליידען די קאַרטעלען אין די אַלגעמיינע קריזיסען פון דער פּראָדוקציע קאָלאָסאַלע היזקות, וועדליג די קאָלאָ־סאַלע קאַפּיטאַלען זייערע. אַזוי האָט אין 1903 יאָר דער אַנוועד־

## פּאָליטישע עקאָנאָמיע

אויפ'ן קורס פאר 100 פון די וויכטיגסטע קארטעלען איז צפון־אמע־ריקע אנגעטראָפען 1754 מיליאָן דאָלער, בא 44% פון דעם אלגע־מיינעם ווערט פון די אקציעס.

נאָר אויב די קארטעלען ארגאניזאציע קען אפילו ניט אפשאפען די אלגעמיינע קריזיסען, גיט זי אבער די אונטערנעמער דאָך א מעגליכקייט גרינגער אריבערצוטראָגען זיי. מען קען אבער ניט זאָגען דיזעלביגע זאַך מכוח די ארבעטער. אין דער'אמת'ן, אנ־קעגען דער איבערפּראָדוקציע ווערען זיך די קארטעלען, פארקלענע־רענדיג די פּראָדוקציע, און א דאַנק דעם אליין שוין ווערט קלענער דער נאָכפרעג אויף ארבעטער הענט. און דער טעכנישער פּראָגרעס, וואָס ווערט פארשנעלערט בא דער נייער פאָרמע פון ארגאניזאציע, העלפט נאָך מער דער פארגרעסערונג פון דעם קאפּיטאליסטישען רע־זערוו. אחוץ דעם, די געוואלדיגע עקאָנאָמישע מאכט פון די סינדי־קאטען ווערט אין א גרויסער מאָס אנגעווענדט אויך דירעקט אנקעגען די ארבעטער פאראיינען, הגם זי גופא רופט ארויס אויך זייער אנט־וויקלונג. אויף צו קעמפען מיט די ארבעטער ארגאניזאציעס קענען די טראָסטען אויסגעבען, און זיי גיבען טאקע אויס געוואלדיגע סומעס; אזוי אַז קעמפען מיט זיי מיט עפּעס א האָפענונג אויף דערפאָלג קע־נען די גרעסטע ארגאניזאציעס — די פּראָפעסיאָנעלע און אויך, פאר־שטעהט זיך, די פּאָליטישע ארבעטער פארטייען, דורך זייער דרוק אויף דער מלוכה.

פארקלענערענדיג שטארק די צאָל אונטערנעמונגען, פארלייכטע־רען די סינדיקאטען דערמיט גופא די איינפירונג פון א פאבריק־גע־זעצגעבונג — א גינסטיגע באדינגונג פאר דעם עקאָנאָמישען פּראָ־גרעס.

אויף ווי ווייט גינסטיג עס איז די ווירקונג פון דער קארטעלען ארגאניזאציע פאר דעם פּראָפיט פון די קאפּיטאליסטען, קען מען זעהן פון אט דעם ביישפּיל. אין דער צייט וואָס אין מערב־אייראָפּע בכלל רעכענט זיך א פּראָפיט פון 5 ביז 7 פּראָצענט פאר זעהר א הויכען, האט דער פּראָפיט פון דעם אינטערנאציאָנאלען דינאמיט טראָסט, וואָס פאראייניגט אלע גרעסטע דינאמיט־פאבריקעס פון דער

וועלט, אַנגעטראָפּען אין די 80־ער יאָרען פון 8 ביז 15 פּראָצענט.

דער דיווידענד פון דעם געוואלדיגען אייל־טראָסט אין צפון־אַמעריקא האָט פאַר 8 יאָר צייט (1896—1903) בּאַ אַ נאָמינאַלען אַקציען קאַפּיטאַל פון 100 מיליאָן דאָלער אַנגעטראָפען יערליך פון 31% ביז 48%, אין דורכשניט 39%.

די ווירקונג פון דער נייער פאָרמע פון אָרגאַניזאַציע אויף די מקחים איז אין גרעסטען טייל ניט גינסטיג פאַר די געברויכער — די סינדיקאַטען הייבען די מקחים, זיי בייטען אויס זייערע סחורות ניט אויף אַ גלייך־ווערטיגען, נאָר אויף אַ גרעסערען סכום אַנדערע סחורות, למשל, געלט. ווען די אַנדערע סחורות וועלען אָבער אויך אַריינפאַלען אין די הענט פון די סינדיקאַטען, ווען די סינדיקאַטען וועלען אַריינגעמען דעם גרעסטען טייל פון דער פּראָדוקציע, דאַן דאַרפען זיך די מקחים פון סחורות ווידער אויסגלייכען; לכל הפחות די דורכשניטליכע פּרייזען אויף די סחורות פון די סינדיקאַטען מוזען קומען צו דער נאָרמע, וואָרים אַנקעגען איין מאָנאָפּאָליע וועט דאָך שטעהן אַן אַנדער מאָנאָפּאָליע. פונדעסטוועגען, אפילו איצטער ציהען די קאַרטעלען אויך ניט אַלעמאָל אַרויף די פּרייזען. די קאַרטעלען פון העכערען סאָרט קענען טאָן די בעסטע געשעפטען, אַפילו ניט הייבענדיג די פּרייזען; אַמאָל, פאַרקערט, לאָזען זיי נאָך אַרונטער דעם פּרייז, כדי צו פאַרגרעסערען דעם נאָכפרעג. אַז דער אייל־טראָסט אין צפון־אַמעריקא האָט פאַרכאַפּט דעם מאַרק אין זיינע הענט, האָט ער אַרונטערגעלאָזען די פּרייזען אויף נאַפט. וואָס בעסער, ברייטער, טעכניש העכער די פּראָדוקציע פון דעם סינדיקאַט איז אַוועקגעשטעלט, אַלץ גיכער קען מען פון איהם דערוואַרטען, ער זאָל אַרונטערלאָזען די פּרייזען.

אין דעם קלאַס קאַפּיטאַליסטען רופען די סינדיקאַטען אַרויס אַ שאַרפען געגענזאַץ צווישען די אינטערעסען פון דעם געאָרגאַניזירטען און ניט געאָרגאַניזירטען טייל זיינעם. די אונטערנעמער, וואָס שטעהען באַזונדער, פירען אַ פאַרביסענעם קאַמף אַנקעגען די סינדיקאַטען, וואָס טראָגען אויף זיי דעם טויט, זיי קריגען אַרויס געזעצען, וואָס זיינען פיינדליך צו דער נייער פאָרמע פון אָרגאַניזאַציע, זיי

הייבען אויף אנקעגען איר די געזעלשאַפטליכע מיינונג א. ד. גל. אבער סוף־כל־סוף איז דאס אלץ אומזיסט: די קראפט פון די סינדיקאטען האלט אין איין וואקסען.

## ג). די פאראייניגונג פון פארשיידענע צווייגען פון דער אינדוסטריע.

אין דער געזעלשאפטליכער ארבעטס צעטיילונג קריגט איין אונטערנעמונג פון דער אנדערער די פּראָדוקציאָנס מיטלען — מאטעריאלען און געצייג. אט די פארמע פון געגענזייטיגען צוזאמענבונד פון די אונטערנעמונגען האט פאר די אונטערנעמער געוויסע אומבאקוועמליכקייטען: זי רופט ארויס א קאמף, און אפט זעהר א פארביטענעם, צווישען די אונטערנעמונגען, וואס געפינען זיך אין אזעלכע באציהונגען. אויב די שפּינער פאבריקעס ציהען ארויף דעם מקח פון שפּין־פאדים, און די וועבערייען האבען גראד קיין מעגליכקייט ניט צו הייבען דעם מקח אויף געוועבען, דאן וועלען די וועבעריי פאבריקאנטען ליידען היזקות, און זיי קענען זיך דערשלאגען צוריק צו די פריהערדיגע פרייזען אויף מאטעריאלען, סיידען דורך א קאמף מיט די שפּינער, פארקלענערענדיג די פּראָדוקציע.

פון דאנען נעמט זיך א נייע שטרעבונג אין דער אינדוסטריע. פריהער האט די הערשענדיגע שטרעבונג צו אנטוויקלען די טעכניקע ארויסגערופען א ספּעציאליזירונג פון די אונטערנעמונגען ביז'ן העכסטען גראד, א פארשמעלערונג פון זייער טעטיגקייטס פעלד, און איצטער, פארקערט, טרעט ביסלעכווייז ארויס אנשטאט דער ספּעציאליזירונג אן אויסברייטערונג פון דעם טעטיגקייטס קרייז פון איינצעלנע אונטערנעמונגען. דער קאפּיטאליסט שטרעבט צו ארגאניזירען אין זיין אייגענער אונטערנעמונג די פּראָדוקציע פון אלע מאטעריאלען און אינסטרומענטען, וואס זיינען אים נויטיג; אויף אזא'ן אופן דערגרייכט ער צו דער קלענסטער אפּהייניגקייט פון אנדערע אונטערנעמער. זעלבסטפארשטענדליך, אז אזא פאראייניגונג פון געזעלשאפטליך צעטיילטע פּראָדוקציעס, וואס זיינען נויטיג איינע פאר די אנ־

## א. באָגדאַנאָוו

דערע, — אזא „אינטעגראציע“ זיינען בכוח דורכצופירען נאָר די גרעסטע קאפיטאלען; אין דער העכסטער מאָס קענען עס פאָרווירק־ליכען די גרויסע אקציען געזעלשאפטען און טראסטען.

די אינטעגראציע פון אונטערנעמונגען איז א פּראָצעס, וואס איז זעהר ענליך צו דער אויספּאָרמירונג פון קארטעלען, נאָר ער נעמט ארום אַן אנדער זייט פון די אונטערנעמונגען. אט די צוויי טענדענ־צען זיינע ממלא איינע די אנדערע; אבער, אפילו אינאיינעם, זיינען זיי אויך ניט בכוח איבערצואנדערשען אין תוך דעם געבוי פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט, בפרט נאָך אז אין אירע גרעניצען קענען זיי ניט דערגעהן ביז צום סוף.

אט די איבערבויאונג איז בכח צו פארווירקליכען נאָר ד י אנטוויקלונג פון דער ארבעטער באוועגונג.

## צענטער קאַפּיטעל.

# די סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

די עפּאָכע פון אינדוסטריעלען קאַפּיטאַליזם האָט זיך נאָך ווייט ניט פאַרענדיגט; אָבער די ניט שטאַנדהאַפטיגקייט פון אירע באַציהונגען האָט זיך שוין פולשטענדיג אַרויסגעוויזען. עס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרען די סתירות, וואָס ליגען אין וואָרצעל פון אָט דער אָרדענונג און וואָס גראָבען זי אונטער אַלץ טיפער און טיפער, און אויך די אַנטוויקלונגס כוחות, וואָס באַשאַפען דעם פונדאַמענט פאַר אַ נייער אָרדענונג. עס איז אָנגעמערקט געוואָרען, אין די הויפּט שטריכען, די ריכטונג, אין וועלכער עס געהט אי די צעשטערונג, אי די אַנטוויקלונג. אויף אַזאַ'ן אופן, איז שוין איצטער מעגליך צו ציהען שלוסען וועגען דעם, ווי אַזוי עס וועט אויסזעהן די נייע אָרדענונג, מיט וואָס זי שיידט זיך אָפּ אין גרונט פון דער איצטערדיגער אָרדענונג.

עס קען זיך אויסדוכטען, אַז די וויסענשאַפט האָט קיין רעכט ניט צו ריידען וועגען דעם, וואָס עס איז נאָך ניטאָ, און צו וואָס די פאַרגאַנגענהייט האָט נאָך ניט געגעבען קיין געגויען ביישפּיל. אַזאַ געדאַנק איז זעהר פאַלש. טאָקי צוליב דעם עקזיסטירט די וויסענשאַפט, זי זאָל פאָרויסזעהן. פאַרשטעהט זיך, אַ זאַך, וואָס האָט נאָך ניט געהאַט קיין גענויען ביישפּיל, קען זי גאָר גענוי ניט פאָרויסזעהן. אָבער אויב עס איז אין אַלגעמיין באַוואוסט דאָס, וואָס עס איז דאָ, און עס איז אויך באַוואוסט, אין וואָסער זייט דאָס ענדערט זיך, דאַן איז די וויסענשאַפט מחויב צו ציהען דעם שלוס, וואָס פון דעם וועט אַרויסקומען. זי מוז ציהען דעם שלוס צוליב דעם, כדי די מענטשען זאָלען זיך מיט אים רעכענען אין זייערע מעשים, אַז זיי זאָלען ניט

# א. באָגדאַנאָוו

פאַר׳פּטר׳ן אומזיסט זייערע כוחות, אַרבעטענדיג להיפּוך צו דעם וואָס עס דאַרף קומען, אָפּהאַלטענדיג די אַנטוויקלונג פון נייע פאָרמעס,— נאָר אַז זיי זאָלען האָבען אַ מעגליכקייט באַוואוסטזיניג צו אַרבעטען פאַר דער פאַרשנעלערונג און פאַרלייכטערונג פון אָט דער אַנטוויק־לונג.

די שלוסען פון דער סאָציאַלער וויסענשאַפט וועגען דער קומענ־דיגער אָרדענונג קענען ניט זיין זעהר גענוי, וואָרים די אומגעהייערע פאַרוויקעלטקייט פון די געזעלשאַפטליכע דערשיינונגען דערלאָזט אונז ניט בײַ היינטיגען טאָג אָרומצונעמען זיי אין זייער גאַנצען פאַרנעם, מיט אַלע פּרטים, נאָר ניט מער — ווי אין אַלגעמיינע שטריכען. דעריבער קען אויך דאָס בילד פון דער נייער אָרדענונג געגעבען ווערען נאָר אין נאָך מער אַלגעמיינע שטריכען. אָבער אָט דאָס זיינען אויך די ווי כ ט י ג ס ט ע שטריכען, דערהויפּט פאַר דעם מענטשען פון אונזער צייט.

בײַ דעם היינטיגען צושטאַנד פון דער וויסענשאַפט איז אומ־מעגליך פעסטצושטעלען, כאָטש אפילו אומגעפער, די צייט פון דער גרינטליכער אומענדערונג פון די געזעלשאַפטליכע פאָרמעס, און ווען זיי וועלען פאַרביטען ווערען אויף נייע; אפילו דעם איבערגאַנג גופא צו אָט די נייע פאָרמעס דאַרף מען אויך אָננעמען מיט אַ תנאי; אַ נייע, אַ העכערע אָרדענונג וועט קומען נאָר דאַן, א ו י ב ד י ג ע־ז ע ל ש אַ פ ט ו ו ע ט ג ע ה ן פ אַ ר ו י ס א י ן א י ר אַ נ ט ו ו י ק ל ו נ ג, ווי זי איז געגאַנגען פאָרויס ביז איצטער. די געשיכטע פון דער פאַרצייטיגער וועלט באַווייזט, אַז מענטשליכע געזעלשאַפטען קענען אַמאָל גיהן אויך אויף צוריק, קענען אונטער־געהן, צעפאַלען זיך; די געשיכטע פון דער פּרימיטיווער מענטשהייט, און אויך פון געוויסע אָפּגעשלאָסענע מזרח געזעלשאַפטען, דערציילט אונז וועגען דער מעגליכקייט פון אַ לאַנגען שטילשטאַנד. אָבער פאַר אַ שטילשטאַנד אָדער אַ דעגראַדאַציע דאַרפען זיין גענוגענדיגע אור־זאַכען; אין דעם לעבען פון דער היינטיגער געזעלשאַפט קען מען אויף אַזעלכע ניט אָנווייזען. בלייבען שטעהן קען זי ניט, מחמת דער גרויסער צאָל סתירות און דעם האַסטיגען לעבענס גאַנג, וואָס זיי רוי־

פּען ארויס. ארויסרופען א פונדאַמענטאַלע דעגראַדאַציע וואָלטען אַט די סתירות געקענט נאָר דאַן, ווען עס וואָלט ניט געווען פאַר די אייגען גענוג קרעפטען און עלעמענטען פאַר אַנטוויקלונג; אָבער זיי זיינען פאַראַן, און ביז איצטער האָבען דיזעלביגע געזעלשאַפטליכע סתירות געהאָלפען צו אַנטוויקלען און צו פאַרמערען זיי. די פּראָדוקציאָנס קרעפטען פון דער געזעלשאַפט האַלטען אין איין וואַקסען, עס וואַקסט אויך און עס אָרגאַניזירט זיך אַן אומגעהייערער קלאַס אין דער געזעלשאַפט, וואָס שטרעבט צו פאַרווירקליכען די נייע פאָרמעס. דעריבער איז ניטאָ קיין ערנסטע פאַקטען, וואָס אויף זייער גרונט וואָלט מען געדאַרפט מורא האָבען פאַר אַ באַוועגונג אויף צוריק, אַ דעגראַדירונג פון דער געזעלשאַפט. אַ סך מער גרונט איז דאָ צו קלערען, אַז זי וועט ווייטער געהן מיט איר וועג און וועט באַשאַפען נייע פאָרמעס.

### 1). די באַציהונגען פון דער געזעלשאַפט צו דער נאַטור.

די אַנטוויקלונג פון דער מאַשין-טעכניקע קריגט נאָך אין דעם קאַפּיטאַליסטישען פּעריאָד שוין אַ כאַראַקטער פון אַזאַ כסדר׳דיגער אומאויפהערליכקייט, אַז עס ווערט גאַנץ מעגליך צו באַשטימען די טענדענצען, און הייסט עס אויך די ווייטערדיגע רעזולטאַטען פון אַט דער אַנטוויקלונג. די הויפּט טענדענץ איז שוין אָנגעמערקט געוואָרען — דאָס איז די שטרעבונג צו א ו ט אָ מ אַ ט י ז ם פון דער מאַשין-אַרבעט. אַנשטאָט דער מאַשינע פון דעם אַלטען טיפּ, בּאַ וועלכער אַ מער אָדער ווייניגער היפּשער טייל פון די נויטיגע מעכאַנישע באַוועגונגען ווערט דורכגעפירט דורך דעם אַרבעטערס הענט, קומט אַ נייער טיפּ — אַן אַוטאָמאַטישער מעכאַניזם, וואו דעם אַרבעטערס ראָלע באַשטעהט כמעט דורכאויס אין אַכטונג צו געבען און קאָנטראָלירען די ווירקונג פון דער מאַשינע. אַט דער קאָנטראָל גופא ווערט אַלץ איינפאַכער און לייכטער מיט דער איינפירונג פון רעגולירענדיגע געהילפס אַפּאַראַטען; ער פאַרלירט אַלץ מער זיין קלייג־

# א. באָגדאַנאָוו

ליבקייט און קריגט אַלץ מער אַ כאַראַקטער פון נאָר אַן אַלגעמיינער אויפפאַסונג, אַז די פאַרשיידענע אַפּאַראַטען, וואָס געהען אַריין אין דעם צוזאַמענשטעל פון דער מאַשינע, זאָלען ווירקען ווי געהעריג: דער מעכאַניקער דאַרף גאָר ניט קוקען אַלע ווײַלע אויפ'ן מאַנאָמעטער צי אויפ'ן שטראָם־צײַלער און איטלעכס מאָל אַליין אָננעמען מיטלען כדי איינצושטעלען דעם געהעריגען דרוק פון דעם דאַמף צי די קראַפט פון דעם עלעקטרישען שטראָם, וויבאַלד צו דער מאַשינע געהען אַזעל־כע רעגולאַטאָרען, וואָס האַלטען אויף אַט די זאַכען אַווטאָמאַטיש אויף אַ באַשטימטען גראַד; ער דאַרף נאָר פון צייט צו צייט דערקונדיגען זיך צי אַרבעטען די רעגולאַטאָרען גופא, פון צייט צו צייט איבער־רוקען זיי, אויך זעהן באַזאָרגען שנעל צו פאַרריכטען זיי, אויב זיי ווערען קאַליע, א. ד. גל. אָבער דערביי ווערט אַלץ העכער אויך דער גראַד פון קענטעניש, פאַרשטאַנד, פון דער פעהיגקייט צו באַנעמען אַ זאַך, פון אַלגעמיינער פסיכישער אַנטוויקלונג, וואָס עס פאָדערט זיך פון דעם אַרבעטער. די אַרבעט בא דער מאַשינע ווערט, לויט איר טיף נאַך, אַלץ מער אַן „אָרגאַניזאַטאָרישע,“ אַלץ מער אַן אינטעלעק־טועלע, אַלץ ווייניגער אַ האַנטווערקערשע, און פאָדערט אַלץ ווייניגער מעכנישע פלינקייט פון אַן איינגען ספּעציאַליסט. די אַרבעט מיט'ן שכל קריגט אַלץ מער איבערוואָג איבער דער אַרבעט מיט די מוסקו־לען.

דערביי וואַקסט די צאָל מאַשינעס און דער סכום מעכאַנישע ענערגיע, וואָס זיי אַנטוויקלען, איז אַזא קאָלאָסאַלער מאָס, אַז די מענטשליכע פיזישע קראַפט ווערט ניט אַן ערך קליין אַנקעגען אַט דער געוואַלדיגער סומע. די נאַטור קרעפטען טוען אָפּ פאַר דעם מענטשען אַ ריזיגע אַרבעט, — ווי פאָלגעוודיגע טויטע קנעכט, וואָס זייער מעכ־טיגקייט וואַקסט אָהן אַ סוף.

אַ באַזונדער וויכטיגע באַדייטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פון די נייע געזעלשאַפטליכע פאָרמעס האָט די טעכניק פון דעם פּאַרקער צווישען מענטשען. איר האַסטיגער פּראָגרעס, וואָס מערקט זיך צום סוף פון דער עפּאָכע פון קאַפּיטאַליזם, פירט באַשיימפּערליך דערצו, אַז עס זאָלען אָפּגעשאַפט ווערען אַלע שטערונגען, וואָס די נאַטור און

רער רוים שטעלען ארוים אנטקעגען דער פארבינדונג און דער פאר־איינינונג פון מענטשען. די אויסבעסערונג פון דראטלאזען טעלעגראף און טעלעפאן וועט, קענטיג, גאר אין דער נאהענטער צוקונפט באשאפען פאר די מענטשען א מעגליכקייט צו האבען דירעקטע באציהונגען אויף יעדער מהלך און איבער יעדער נאטירליכער שטערונג. די אלע וואקסענדיגע שנעלקייט פון אלע מיטלען צום פארען וועט פיזיש דער־נעהענטערען די מענטשען אינאיינעם מיט די פראדוקטען פון זייער ארבעט אויף אזוי פיל, וואס די פריהערדיגע דורות האבען וועגען דעם אפילו ניט געקענט חלומ'ען. ווייטער, עס איז קיין ספק ניט, אז עס איז שוין נאהענט דער מאמענט, ווען מען וועט קענען בויען לופטפלי־אפאראטען, וואס מען וועט קענען פריי קערעווען. די לייזונג פון אט דער שווערסטער פראבלעמע וועט געבען די מענטשליכע באציהונגען א רעאלע אומאפהייננגיגקייט פון די געאגראפישע באדינגונגען פון דער ערדס אויבערפלאך, פון זיין געבוי און זיינע פארמעס.

די ווירקליכע מאכט פון דער געזעלשאפט איבער דער נאטור, וואס אנטוויקעלט זיך אהן א גרעניץ אויפ'ן גרונט פון א וויסענ־שאפטליך געארגאניזירטער טעכניקע — אט דאס איז דער ערשטער כאראקטעריסטישער שטריך פון דער נאך־קאפי־טאליסטישער ארדענונג.

## 2). די געזעלשאפטליכע באציהונגען אין דער פּראָדוקציע.

ווי מיר האבען שוין געזעהען, ענדערט די מאשין־טעכניקע אין דעם קאפיטאליסטישען פעריאד די פארמעס פון צוזאמענארבעטונג אין צוויי הינזיכטען. פון איין זייט, פארלירט די טעכנישע ארבעטס צעטיילונג דעם כאראקטער פון „ספעציאליזירונג", וואס פארשמעלערט און באגרעניצט דעם ארבעטערס פסיכיקע, און ווערט מער ענליך צו „פשוט'ער קאאפעראציע". וואו די ארבעטער פירען דורך אן איינאר־טיגע ארבעט; דערביי ווערט די טעכנישע „ספעציאליזירונג" אריבער־

# א. באָגדאַנאָוו

געטראָגנע פון דעם מענטשען אויף דער מאַשינע. פון דער אַנדער זייט, ווערען די גרעניצען גופא פון אַט דער צוזאַמענאַרבעטונג אויסגעברייטערט אין אַן אומגעהייערער מאָס: עס קומען אויף אונטערנעמונגען, וואָס פאַראייניגען אין איין איינגעשטעלטער סיסטעמע טויזענטער און צענדליגער טויזענטער אַרבעטער.

אַט די ביידע טענדענצען, דאַרף מען זיך פאָרשטעלען, וועלען באַ דער נייער אָרדענונג אַנטוויקלען זיך ניט אין אַן ערך ווייטער, איידער אין דער עפּאָכע פון מאַשין־קאַפּיטאַליזם. די חלוקים פון פּראָפעסיאָנעלער ספּעציאַליזירונג מוזען ווערען אַזוי אומבאַדייטענדיג קליין, אַז עס פאַרשווינדט לגמרי די פּסיכישע צעשיידטקייט, וואָס ווערט באַשאַפען פון דער פאַרשיידענאַרטיגקייט אין דעם מענטשענס אַרבעטס לעבען; דער צוזאַמענבונד פון זייער געגענזייטיגער פאַרשטענדיגונג און אייניגונג ברייטערט זיך אויס אָהן קיין שום שטערונגען און פאַרפעסטיגט זיך אויפ'ן יסוד פון דערווירקליכער געמיינזאַמקייט פון דעם לעבענס אינהאַלט.

אין דערזעלביגער צייט וואַקסט די געאָרגאַניזירטע אַרבעטס פאַראייניגונג אָהן אַן אָפּשטעל, גרופּירענדיג די מענטשען אין די הונדערטער טויזענטער און אין די מיליאָנען אויף איין אַלגעמיינער אַרבעטס פּראָבלעמע.

פון דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג פון אַט די צוויי פריהערדיגע טענדענצען קומען אויף שוין צוויי נייע אייגענשאַפטען פון דער נאָך־קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. פון איין זייט, ווערט בייגעקומען און עס פאַרלירט איר באַדייטונג די שטאַנדהאַפטיגע פאָרמע פון ספּעציאַליזירונג — די צעטיילונג פון דעם אָרגאַניזאַטאָר און דעם אויספאָלגער. פון דער אַנדער זייט, אַלע אַרבעטס גרופּירונגען פון מענטשען ווערען אַלץ מער באַוועגליך, פליסענדיג.

הגם אין דער עפּאָכע פון מאַשין־קאַפּיטאַליזם דערנעהענטערט זיך שוין די אויספאָלגונגס אַרבעט אַרום די מאַשינעס, לויט'ן כאַראַקטער נאָך, צו אָרגאַניזאַטאָרישער אַרבעט, פונדעסטוועגען בלייבט נאָך צווישען זיי אַ גאַנץ היפּשער מהלך, און דעריבער בלייבט נאָך אַלץ פעסט די אָפּגעזונדערטקייט צווישען דעם אָרגאַניזאַטאָרס ראָלע און

דעם אויספאלגערס: דער געניטסטער ארבעטער אין דער מאשין פראדוקציע איז נאר ווייט ניט דאס, וואס איר דירעקטאר, און קאן דעם לעצטען ניט פארבייטען. אבער די ווייטערדיגע אנטוויקלונג אין דער פארוויקעלטקייט און איידעלקייט פון די מעכאניזמען, און אינאיינעם דערמיט אויך פון דעם ארבעטערס אלגעמיינער אינטעליגענץ, מוז אונטערגראבען אט דעם אונטערשייד, און מוז באשאפען די שטענדיגע מעגליכקייט לייכט צו פארבייטען אן ארגאניזאטאר מיט אן אויספאלגער און פארקערט. עס פארשווינדט די ארבעטס אומגלייכהייט פון אט די צוויי טיפען, און זיי גיסען זיך צענויף אינאיינעם.

אינאיינעם מיט די לעצטע רעשטען פון פסיכישער „ספעציאליזאציע“ פארשווינדט אויך די נויטווענדיגקייט און דער זינען פון צובינדען געוויסע מענטשען צו געוויסע איינצעלנע ארבעטען. גאר פארקערט, די נייע ארבעטס פארמעס פאדערען אזא בויגעוודיגקייט פון פארשטאנד און אזא פארשיידענארטיגקייט פון דערפארונג, אז כדי צו אנטוויקלען און אויפצוהאלטען עס, מוז טאקע פשוט דער ארבעטער פון צייט צו צייט בייטען זיין ארבעט, אריבערגעהענדיג פון איין מאשינע צו אן אנדערער, פון אן „ארגאניזאטארישער“ ראלע צו אן „אויספאלגערישער“ און פארקערט. און דער פראגרעס פון דער טעכניקע, ניט אין אן ערד א שנעלערער איידער אין אונזער איצטיגער עפאכע, אויסבעסערענדיג כסדר די מאשינעס און די קאמבינאציעס זייערע, מוז מאכען אין דעם העכסטען גראד באוועגליך און שנעל פארענדערליך די גרופירונגען גופא פון די מענטשליכע קרעפטען אין באזונדערע ארבעטס-סיסטעמעס („אונטערנעמונגען“, ווי מען רופט זיי איצטער).

דאס אלץ ווערט מעגליך צו פארווירקליכען א דאנק דעם, וואס די פראדוקציע איז גאנצען ווערט פון דער געזעלשאפט געארגאניזירט באוואוסטזיניג און פלאנמעסיג. אויפ'ן גרונט פון וויסענשאפטליכער דערפארונג און ארבעטס סאלידאריטעט ווערט באשאפען אן אלגעמיינע, פאראייניגענדיגע ארגאניזאציע פון ארבעט; עס ווערט אפגעשאפט די אנארכיע, וואס אין דער עפאכע פון קאפיטאליזם שיידט זי פאנאנדער באזונדערע

## א. באַגדאַנאָוו

אונטערנעמונגען — דורך אן אומ'ברחמנות'דיגער קאנקורענץ, און גאַנצע געזעלשאַפטליכע קלאַסען — דורך א פארביסענעם קאמף. די וויסענשאַפט ווייזט אן דעם וועג צו אזא ארגאניזאציע, זי ארבעט אויס די מיטלען אויף אויסצופירען זי; די פאראייניגטע כוחות פון באַוואוסטזיניגע ארבעטער פארווירקליכט זי.

אין אט דער נייער סיסטעמע פון פראדוקציע איז איטליכער ארבעטער ווירקליך גלייך צום אנדערען, ווי באוואוסטזיניגע עלעמענטען פון איין שכל'דיגען גאנצען; אין אט דער סיסטעמע ווערט איטלעכען געגעבען אלע באדינגונגען, כדי אלזייטיג און אין דער פולסטער מאס צו אנטוויקלען זיין ארבעטס קראפט און מיט דער גרעסטער צוועקמעסיגקייט אנצואווענדען זי פאר אלעמענס נוצען.

הייסט עס, א הארמאנישע ארגאניזאציע פון דער גאנצער פראדוקציאנס סיסטעמע, בא דער גרעסטער באוועגליכקייט פון אירע עלעמענטען און זייערע גרופירונגען, און בא א הויכער פסיכישער איינארטיגקייט פון די וואס ארבעטען, ווי פון אלזייטיג אנטוויקעלטע באוואוסטזיניגע ארבעטער, — דאס איז דער צווייטער כאראקטעריסטישער שטריך פון דער נאך־קאפיטאליסטישער געזעלשאפט.

### 3). די פאנאנדערטיילונג פון די פראָדוקטען.

די פאנאנדערטיילונג פון די פראָדוקטען איז בכלל א נויטווענדיגער טייל פון דער פראדוקציאנס סיסטעמע, און ווענדט זיך אינגאנצען אן דער לעצטער אין איר ארגאניזאציע. די פלאנמעסיגע ארגאניזאציע פון דער פראדוקציע האט אין זינען אויך אזא ארגאניזאציע פון דער צעטיילונג. דער אלערהעכסטער ארגאניזאטאר איז איןביידע פאלען די געזעלשאפט אליין, ווי א גאנצע: זי טיילט איין די ארבעט, און אין איינקלאנג דערמיט טיילט זי אויך איין די פראָדוקטען פון ארבעט. דאס איז פונקט דער היפוך פון יענער אנארכישער, ניט געאָרגאני־

זירטער צעטיילונג, וואָס דריקט זיך אויס אין אויסטויש און פּריוואַט אייגענטום, וואָס קומט פאַר אויפ'ן יסוד פון קאָנקורענץ און דעם גראַבען קאַמף פון אינטערעסען.

דער פּרינציפּ פון דער צעטיילונג דרינגט אַרויס דירעקט פון די יסודות פון דער אָרגאַניזאַציע פון דער צוזאַמענאַרבעטונג. אויב די פּראָדוקציאָנס סיסטעמע איז איינגעשטעלט אויף אַזאַ'ן אופן, אַז זי דאַרף באַזאָרגען פאַר איטלעכען מיטגליד פון דער געזעלשאַפט אַ פולע און אַן אַלזייטיגע אַנטוויקלונג פון זיינע קרעפטען און זייער צוועקמעסיגע אַנווענדונג פאַר דעם נוצען פון אַלעמען, דאַן מוז די סיסטעמע פון צעטיילונג געבען אים אַלע געברויך־מיטלען, וואָס ער האָט נויטיג אי פאַר אַט דער אַנטוויקלונג פון די כוחות, אי פאַר זייער אַנווענדונג. אומגעפער אַט דער געדאַנק, הגם ניט גאַר פולשטענדיג און פּינקטליך, ווערט אויסגעדריקט אין דער געוויינטליכער, אַזוי גערופענער, קאָמוניסטישער פאָרמולע וועגען דער איינטיילונג פון דער אַרבעט און דעם פּראָדוקט: פון איטלעכען לויט זיינע כוחות נאָך, איטלעכען לויט זיינע באַדערפעניששען נאָך.

די געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָדוקציע און דער צעטיילונג מיינט, פאַרשטעהט זיך, אויך אַ געזעלשאַפטליכען אייגענטום פון די פּראָדוקציאָנס מיטלען, און פון די געברויך־אַרטיקלען, וואָס די געזעלשאַפטליכע אַרבעט באַשאַפט, — ביז דעם רעכטען מאָמענט, ווען די געזעלשאַפט גיט זיי איבער צו איינצעלנע מענטשען פאַר געברויך. דאַרטען, אויף דעם געביט פון געברויך, וואָס איז בעצם אינדיווידועל, הייבט זיך אָן דאָס „אינדיווידועלע אייגענטום". דאָס האָט, פאַרשטעהט זיך, גאָרנישט צו טאָן מיט'ן קאַפּיטאַליסטישען פּריוואַט־אייגענטום, וואָס איז קודם־כל אַן אייגענטום פון פּריוואַט מענטשען אויף פּראָדוקציאָנס מיטלען, און שליסט אין זיך ניט איין דאָס רעכט פון די אַרבעטער אויף די נויטיגע געברויך מיטלען.

די פאַרוויקעלטקייט פון דער נייער פאַרטיילונגס אָרגאַניזאַציע מוז זיין, קענטיג, אַן אומגעהייערע, און זי פאָדערט אַזאַ אַנטוויקלונג פון דעם סטאַטיסטישען און אינפאָרמאַציאָנס אַפּאַראַט, וואָס אונזער עפּאָכע איז עס נאָך גאַנץ ווייט צו דערגרייכען. אָבער אויך אין

אונזער עפאכע פארמירען זיך שויז, אין די פארשיידענסטע אפטיילען פון דעם עקאנאמישען לעבען, פארשיידענע עלעמענטען, וואס וועלען נאכדעם דינען פאר א מאטעריאל צוליב אזא אפאראט: אין דעם באנק און קרעדיט געשעפט — אגענטורען און קאמיטעטען פון עקספער־טען אויף קלאר צו מאכען די לאגע פון די מערק, די בערזען ארגאני־זאציע און ד. גל.; אין דער ארבעטער באוועגונג — די ארגאניזאציע פון בשותפות'ע קאסעס פאר געגענזייטיגער הילף, קאנסום־געזעלשאפ־טען; ווייטער, אהער איז אויך שייך די ארגאניזאציע פון מלוכה פארזיכערונג (אינשורענס) א. אז. וו. די אלע עלעמענטען אבער מוזען זיך אין תוך איבעראנדערשען, כדי אריינצוגעהן אין דער שפעטערדיגער צעטיילונגס סיסטעמע, ווארים איצטער זיינען זיי אינגאנצען צוגעפאסט צו דער אנארכישער סיסטעמע פון דעם קאפיטאליזם און זיינען אונ־טערגעווארפען צו אירע פארמעס. דאס זיינען גיכער צעשפרייטע קערענדלאך פון **ארגעשטאלטען** פון דער קומענדיגער איינ־הייטליכער און הארמאנישער סיסטעמע פון צעטיילונג.

הייסט עס, **א געזעלשאפטליך געארגאני־זירטע צעטיילונג, אויפ'ן יסוד פון א געזעלשאפטליכען איינענטום פון אלע פראדוקציאנס מיטלען** — דאס איז דער דריטער כאראק־טעריסטישער שטריך פון דער נאך־קאפיטאליסטישער ארדענונג.

## 4). די געזעלשאפטליכע פסיכאלאגיע.

די גרונט פארמע פון דער נייער געזעלשאפטליכער ארגאניזאציע באשטימט דעם ערשטען שטריך פון דער געזעלשאפטליכער פסיכא־לאגיע, וואס טרעט ארויס אין אירע גרעניצען: דער העכסטער גראד פון **געזעלשאפטליכקייט**. די ארבעטס געאייניגטקייט פון דער גרויסער מענטשליכער משפחה און די גרונט איינארטיגקייט אין דער אנטוויקלונג פון מענטשען מוזען באשאפען אזא גראד פון געגענזייטיגען מיטגעפיל און געגענזייטיגען פארשטעהן זיך צווישען מענטשען, וואס א שוואכע אנווייזונג אויף דעם קען מען זעהן נאר אין

# פאליטישע עקאנאמיע

דער היינטיגער סאלידאריטעט פון די באוואוסטזיניגע און קעמפענדיגע עלעמענטען פון דעם ארבעטער קלאס — דעם פארשטעהער פון דער קומענדיגער געזעלשאפט אין די היינטיגע צייטען. א מענטש, וואס איז אויפגעצויגען אין דער עפאכע פון פארביסענער קאנקורענץ, פון אומ־ברחמנות'דיגער עקאנאמישער פיינדשאפט צווישען מענטשען, גרופעס און קלאסען, קען זיך אפילו גאר ניט פארשטעלען יענע העכסטע אנטוויקלונג פון חבר'שען צוזאמענבונד צווישען מענטשען, וואס וואקסט ארגאניש ארויס פון די נייע ארבעטס באציהונגען.

פון דער רעאלער מאכט פון דער געזעלשאפט איבער דער אויסערליכער נאטור און איבער דער אייגענער אינערליכער נאטור שטאמט ארויס נאך אן אנדער שטריך אין דער פסיכאלאגיע פון דער נייער וועלט — דאס איז, וואס עס איז ניטא קיין שום פעטישיזם, נאר א ריינע, קלארע דערקענונג, וואס איז באפרייט פון אלערליי אפגעטער פון מיסטיציזם און פון סמנים פון מעטאפיזיקע. עס פארשווינדען די לעצטע שפורען פון נאטוראלען פעטישיזם, וואס שפיגעלט אפ די לחלוטין אפגעשאפטע הערשאפט פון דער אויסערליכער נאטור איבער דעם מענטשען; עס ווערט צעשטערט און אויסגענעקערט ביז'ןווארצעל דער סאציאלער פעטישיזם וואס שפיגעלט אפ די הערשאפט איבער דעם מענטשען פון די סטיכישע קרעפטען פון דער געזעלשאפטליכער נאטור, די מאכט פון דעם מארק און פון קאנקורענץ. ארגאניזירענדיג באוואוסטזיניג און פלאנמעסיג זיין קאמף מיט די סטיכישע קרעפטען פון דער נאטור און זיינע אייגענע באציהונגען אין אט דעם קאמף, נויטיגט זיך דער מענטש ניט אין קיין אפגעטער, וואס פארקערפערען דאס געפיהל פון אומבאהאלפענקייט אנקעגען די כוחות פון דער ארומיגער וועלט, וואס ער קען ניט בייקומען; דאס ניט־דערקענטע הערט פאר אים אויף צו זיין ניט־דערקענבאר, ווארים דער פראצעס פון דערקענטעניש, פלאנמעסיג געארגאניזירט אויפ'ן יסוד פון געארגאניזירטער ארבעט, געהט האנט אין האנט מיט א באוואוסטזיין פון קראפט, א געפיהל פון נצחון, ווארים אין דעם מענטשענס לעבענס דערפארונג איז ניטא מער קיין געביט, וואס זאל זיין ארומגערינגעלט מיט א טויבער וואנט פון געהיימעניש.

# א. באַגדאַנאָוו

ווי א רעזולטאַט פון אַט דיביידע אַנגעוויזענע שטריכען פון דער געזעלשאַפטליכער פּסיכאָלאָגיע, קומט אויף נאָך א דריטער שטריך — *די פּראָגרעסיווע אָפּשאַפונג פון צוואַנג נאָרמעס* און בכלל פון צוואַנג עלעמענטען אין געזעלשאַפטליכען לעבען.

די לעבענס באַדייטונג פון כל'ערליי צוואַנגס מיטלען — פון מנהג, רעכט, מאָראַל — באַשטעהט אין דעם, וואָס זיי רעגולירען די לעבענס סתירות צווישען מענטשען, גרופּעס, קלאַסען. די אַלע סתירות פירען צו קאַמף, קאָנקורענץ, שנאה, געוואַלט, און שטאַמען פון דער ניט געאָרגאַניזירטקייט, דער אַנאַרכישקייט פון דעם געזעלשאַפטליכען כלל. די צוואַנגס נאָרמעס, וואָס די געזעלשאַפט אַרבעט אויס, טייל־ווייז אומבאַוואוסטזיניג, טיילווייז באַוואוסטזיניג, אין איר קאַמף מיט אַט דער ניט געאָרגאַניזירטקייט און אַט די סתירות, ווערען פאַר די מענטשען אַן *אויסערליכע קראַפט*, צו וועלכער זיי וואַרפען זיך אונטער; און אין דער מדרגה פון אַזאַ אויסערליכער קראַפט, וואָס שטעהט *איבער* דעם מענטשען, ווערען אַט די נאָרמעס פאַרוואַנדעלט אין פעטישען, ד.ה. מענטשען קריגען וועגען זיי א פאַלשע פאָרשטעלונג, ווי וועגען עפּעס העכערס, וואָס פאָדערט פאַרערונג אָדער פאַרגעטערונג. ווען ניט אַט דער פעטישיזם, וואָלטען די צוואַנגס נאָרמעס ניט געהאַט אַזאַ מאַכט איבער מענטשען, וואָס איז נויטיג, כדי איינצוהאַלטען די לעבענס סתירות. דער נאַטוראַלער פעטישיסט האַלט, אַז מאַכט, רעכט, מאָראַל שטאַמען פון דעם „תוך פון די זאַכען“. דאָס מיינט — א העכערע אָפּשטאַמונג, אַן אַבסאָלוטע באַדייטונג. דער פעטישיסט גלויבט אין אַזאַ העכערען און אַבסאָלוטען כאַראַקטער פון די נאָרמעס, און מיט דער טרייהייט פון א קנעכט איז ער זיי אונ־טערטעניג און שטיצט זיי.

ווען די געזעלשאַפט הערט אויף צו זיין אַנאַרכיש און פאָרמירט זיך אויס אין האַרמאָנישע פאָרמעס פון אַן איינגעאָרדענטער אָרגאַני־זאַציע, דאַן הערען אויף די לעבענס סתירות אין איר סביבה צו זיין א פונדאַמענטאַלע, שטענדיגע דערשיינונג, נאָר א פּריוואַטע און א צופעל־ליגע. די צוואַנגס נאָרמעס אָבער זיינען אַ סאָרט „געזעצען“ אין דעם

זינען, וואָס זיי דאַרפן רעגולירן דערשיינונגען, וואָס חזר'ן זיך איבער, וואָס שטאַמען גופא פון דעם געבוי פון דער געזעלשאַפט: זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז בײַ דער נייער אָרדענונג פאַרלירן זיי זייער זינען. וואָס איז שייך די צופעליגע און פּריוואַטע סתירות, איז בײַ דער הויכער אַנטוויקלונג פון דעם סאָציאַלען געפיהל און פונקט אַזאַ הויכער אַנטוויקלונג פון דערקענטעניש, קען מען זיי לייכט בייקומען אויך אָהן ספּעציעלע „געזעצען“, וואָס די „מאַכט“ דאַרף דורכפירען מיט געוואַלט. למשל, אויב אַ גייסטיג־קראַנקער פאַרשאַפט אַ סכנה און אַ שאָדען צו אַנדערע מענטשען, דאַרף מען ניט האָבען קיין באַזונדערע „געזעצען“ און „מאַכט־אָרגאַנען“, כדי אָפּצושאַפען אַזאַ סתירה, נאָר עס איז גענוג די אָנווייזונגען פון דער וויסענשאַפט, כדי צוועקמעסיג צו היילען דעם מענטשען, און דאָס סאָציאַלע געפיהל פון די אַרומיגע, כדי ניט צו דערלאָזען אַ געוואַלד־טאַט פון זיין זייט, און אויך אים וואָס ווייניגער געוואַלט צו פאַרשאַפען.

דער זינען פון צוואַנגס נאָרמען אין אַ געזעלשאַפט פון העכערען טיפּ פאַרלירט זיך נאָך מער, וויבאַלד אַז מיט דער פאַרשווינדונג פון דעם סאָציאַלען פעטישיזם, וואָס איז מיט זיי פאַרבונדען, פאַרלירען זיי דאָך אויך זייער „העכערע“ מאַכט.

פאַלש דענקען יענע, וואָס מיינען, אַז אין דער נייער געזעלשאַפט דאַרף פאַרבלייבען אַ „מלוכה איינאָרדענונג“, ד. ה. אַ רעכטס־אָרגאַניזאַציע, ווײַלע מע מוז האָבען געוויסע צוואַנגס געזעצען, למשל, אַ געזעץ, אַז איטלעכער זאָל אַ באַשטימטע צאָל שעה אַרבעטען פאַר דער געזעלשאַפט. איטלעכע מלוכה איינאָרדענונג איז אַן אָרגאַניזאַציע פון קלאַסען הערשאַפט, און דאָס איז ניט מעגליך דאָרטען, וואו עס זיינען ניטאָ קיין קלאַסען. וואָס איז שייך דער איינטיילונג פון דער אַרבעט אין דער געזעלשאַפט, איז בײַ דער נייער אָרדענונג גאַראַנטירען דערפאַר, פון איין זייט, די אָנווייזונגען פון דער וויסענשאַפט און אירע אויסדריקער, די טעכנישע אָרגאַניזאַטאָרען פון דער אַרבעט, וואָס טוען נאָר אין דעם נאָמען פון דער וויסענשאַפט, אָבער ניט אין דעם נאָמען פון מאַכט, און פון דער אַנדער זייט — די קראַפט פון סאָציאַלען געפיהל, וואָס בינדט צענויף די מענטשען אין

# א. באָגדאַנאָוו

איין ארבעטס פאמיליע דורך דער אויפריכטיגער שטרעבונג צו טאָן אַלץ פאַר דער טובה פון אַלעמען.

נאָר אין דעם איבערגאַנגס פעריאָד, ווען עס זיינען נאָך פאַראַן די רעשטען פון די קלאַסען סתירות פון דער פאַרגאַנגענהייט, קען געמאָלט זיין אַ מלוכה פאָרמע אויך פאַר דער נייער געזעלשאַפט — „דער צוקינפטיגער שטאַט“. אָבער אויך די מלוכה איז אַן ארגאַניזאציע פון קלאַסען הערשאַפט, נאָר — פון דער הערשאַפט פון פראָלעטאַריאַט, דעם קלאַס, וואָס פאַרניכט די צעטיילונג פון דער געזעלשאַפט אויף קלאַסען, און אינאיינעם דערמיט שאַפט ער אָפּ נאָכדעם אויך די מלוכה פאָרמע פון דער געזעלשאַפט. *)

## 5) די אַנטוויקלונגס כוחות.

די נייע געזעלשאַפט איז געבויט ניט אויף אַן אויסטויש ווירטשאַפט, נאָר אויף אַ נ אַ ט ו ר אַ ל ע ר. צווישען דער פראָדוצירונג און דעם געברויך פון סחורות שטעהט ניט קיין מאַרק, קיין מקח וממכר, — נאָר אַ באַוואוסטזיניג און צוועקמעסיג איינגעשטעלטע צעטיילונג.

---

*) דאָס איז ניט מער ווי אַ שפּיל מיט ווערטער, וועלכער שטאַמט פון פרידריך ענגעלס'ן און האָט געהאַט אַ ריין פּאָלעמישען צוועק — צו ענטפערען די אנאַרכיסטען אין דעם ערשטען אינטערנאַציאָנאַל, וועלכע האָבען געפאָדערט די אָפּשאַפונג פון דעם „שטאַט“. די אַנאַרכיסטען האָבען געמיינט, אַז די אינדוסטריע קען אָרגאַניזירט ווערען אין דער פאָרמע פון אַ פרייען פאַרבאַנד פון פרייוויליגע קאָאָפּעראַטיוון, וואו יעדער יחיד קען קומען און געהן, ווען ער וויל. זעלבסטפאַרשטענדליך, אַזאַ פאָרמע פון אָרגאַניזאַציע אין אַזאַ אונטערנעמונג ווי למשל אַן אייזענבאַן איז פּשוט אוממעגליך. ענגעלס האָט געטרייסט די אַנאַרכיסטען־קאָמוניסטען, אַז אי"ה ווען די קאָמוניסטישע געזעלשאַפט וועט שוין אין גאַנצען אינסטאַלירט ווערען, וועט מען ניט דאַרפען קיין צוואַנג, יעדער וועט טאָן זיין שטיקעל אַרבעט פרייוויליג. עס איז אָבער קלאָר באַשיימפערלאַך, אַז אין יעדער אָרגאַניזירטער אונטערנעמונג מוזען זיין אַדמיניסטראַטאָרס, וואָס אָרגאַניזירען די אַרבעט, וואָס ווייזען אָן יעדערען זיין פּלאַץ, וואָס פּאַסען אויף, אַז די נויטיגע מאַטעריאַלען זאָלען אָנקומען אויף דעם ריכטיגען פּלאַץ א. אַז. וו. אימיצער מוז זיי אויסקלייבען אָדער אָנשטעלען און די אַנדערע דאַרפען זיי פאָלגען. דאַ האָט איר שוין בעצם וואַלען, מאַכט, געזעצען, ד. ה. אַלע עלעמענטען פון דעם „שטאַט“. דערמיט וואָס מען וועט אים געבען אַן אַנדער נאָמען, בייט מען ניט איבער דעם עיקר. (רעדאַקטאָר).

# פּאָליטישע עקאָנאָמיע

די נייע נאטוראלע ווירטשאפט שיידט זיך אפּ פון דער אלטער, — למשל, דער פרימיטיוו קאמוניסטישער, — דערמיט, וואס זי נעמט ארום ניט א גרויסע צי א קליינע קהלה, נאר א גאנצע געזעלשאפט פון הונדערטער מיליאנען מענטשען, און שפּעטער — די גאנצע מענטשהייט.

אין די געזעלשאפטען מיט אן אויסטויש ווירטשאפט זיינען די אנטוויקלונגס כחות — די „רעלאטיווע איבערבאפעלקערונג", קאנקורענץ, קלאסען קאמף, — ד. ה. אייגענטליך אינוויינגסטע סתירות פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען. אין די נאטוראל־ווירטשאפטליכע געזעלשאפטען, וואס מיר האבען פריהער באטראכט — די פאטריארכאלע, די פעאדאלע און ד.גל. — באשטעהען אט די כוחות, אין דעם לעצטען סך־הכל, אין דער „אבסאלוטער איבערבאפעלקערונג". ד. ה. אין אן אויסערליכער סתירה, אין א סתירה צווישען דער געזעלשאפט און דער נאטור, צווישען דעם וואוקס פון דער באדערפעניש אין לעבענס מיטלען, וואס קומט פון דער פארמערונג, און דעם סכום פון אט די מיטלען, וואס די נאטור שטעלט צו בא די באשטימטע ארבעטס מעטאדען.

אין דער נייער נאטוראל־ווירטשאפטליכער געזעלשאפט ליגען די אנטוויקלונגס כוחות ווידער אין אן אויסערליכער סתירה — צווישען דער געזעלשאפט און דער נאטור, אין דעם פּראצעס גופא פון דעם קאמף פון דער געזעלשאפט מיט דער נאטור. דא פאדערט זיך ניט די לאנגזאם ווירקענדיגע קראפט פון איבערמאסיגער פארמערונג, כדי דער מענטש זאל ווייטער פארפולקומען זיין ארבעט און זיין דערקענטעניש: די באדערפענישען פון דער מענטשהייט וואקסען אין דעם פראצעס גופא פון ארבעט און דערפארונג, איטלעכער נייער זיג איבער דער נאטור און אירע סודות שטעלט ארויס נייע פראבלעמעס און רעטענישען פאר דער הויז־געארגאניזירטער, הארמאנישער פסיכיקע פון דעם נייעם מענטשען, וואס איז פיהלבאר צו איטלעכען פעלער און ווידערשפרוך. הערשאפט איבער דער נאטור מיינט א שטענדיגע אנזאמלונג פון געזעלשאפטליכער ענערגיע, וואס זי קריגט ארייז פון דער אויסערליכער נאטור. צום סוף זוכט

# א. באַגדאַנאָוו

די ענערגיע אַז אויסגאַנג און געפינט אים אין ש א פ ו נ ג , אין דער באַשאַפונג פון נייע פאַרמעס פון אַרבעט און דערקענטעניש.

אמת, אַז אַנזאַמלונג פון ענערגיע פירט ניט אַלעמאַל צו שאַפונג — זי קען פירען אויך צו אַנטאַרטונג. די פּאַראַזיטישע קלאַסען פון דער היינטיגער און פון די פריהערדיגע געזעלשאַפטען, אַנזאַמלענדיג ענערגיע אויפ'ן חשבון פון דער אַרבעט פון אַנדערע מענטשען, זוכען פאַר איר אַ אויסגאַנג ניט אין שאַפען, נאַר אין אויסגעלאַסענקייט, אין אומנאַטירליכען געראַפינירטען געברויך; און דאָס פירט צו אַן אָפּשוואַכונג פון דער פסיכיקע, צום אונטערגאַנג פון דעם קלאַס. — אָבער אַזוי זיינען נאַר פּ אַ ר אַ ז י ט ע ן ; זיי לעבען ניט אין דעם קרייז פון געזעלשאַפטליך־ניצליכער אַרבעט, נאַר כמעט דורכאויס אין דער ספערע פון ג ע ב ר ו י ך ; נאַטירליך, אַז אין אַט דער סביבה זוכען זיי אויך נייע לעבענס פאַרמעס — און געפינען זיי אין ראַפינירטקייט און אומנאַטירליכקייטען. — די נייע געזעלשאַפט וויים ניט פון אַזעלכע פּאַראַזיטען; דאָרטען זיינען אַלע — אַרבעטסלייט, און אין דער ספערע פון אַ ר ב ע ט באַפרידיגען זיי דעם דאָרשט צו שאַפען, וואָס שטאַמט פון דעם איבערפלוס ענערגיע. זיי בעסערען אויס די טעכניקע און די דערקענטעניש, — און הייסט עס אויך די אייגענע נאַטור.

די נייע אַנטוויקלונגס קרעפטען, וואָס ווערען געבאָרען פון דעם מענטשענס אַרבעטס דערפאַרונג, ווירקען אַלץ שטאַרקער און שנעלער, וואָס ברייטער, פאַרוויקעלטער, אַלזייטיגער אַט די דערפאַרונג איז. אין דער נייער געזעלשאַפט, מיט איר קאָלאָסאַלען פאַרנעם און פאַרוויקעלטקייט פון דער אַרבעטס סיסטעמע, מיט איר אומגעהייערער געקייטעלטקייט, וואָס דערנעהענטערט און פאַראייניגט די דערפאַרונג פון די פאַרשיידענסטע (באַ אַ גלייכען ג ר א ד אַנטוויקלונג) מענטשליכע פערזענליכקייטען, מוזען אַט די אַנטוויקלונגס קרעפטען באַשאַפען אַזא האַסטיגען פּראָגרעס, וואָס מיר קענען דערפון אפילו קיין גענויען באַגריף ניט האָבען. דער האַרמאָנישער פּראָגרעס פון דער קומענדיגער געזעלשאַפט איז ניט אין אַן ערך אינטענסיווער, איידער

# פּאָליטישע עקאָנאָמיע

דער האַלב־סטיכישער פּראָגרעס פון אונזער עפּאָכע, וואָס וואַקעלט זיך צווישען ווידערשפּרוכען.

אַלע עקאָנאָמישע שטערונגען צו אַנטוויקלונג זיינען אין דער נייער געזעלשאַפטליכער סיסטעמע אָפּגעשאַפט. אַזוי איז די פאַרשפּרייטונג פון מאַשינעס, — וואָס איז דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט געפינט זי אַ גרעניץ אין דער גרויס פון דער הכנסה פון דער מאַשינע, — אין דער נייער געזעלשאַפט אָפּהייננגיג דורכאויס פון איר פּראָדוקטיוויטעט. און מיר האָבען שוין געזעהען, אַז אַ מאַשינע, וואָס איז זעהר ניצליך פאַר דער איינשפּאָרונג פון אַרבעט, לוינט זיך ניט אָפט זעהר שטאַרק פון דעם שטאַנדפּונקט פון קאַפּיטאַליסטישען פּראָפיט (זעה דעם קאַפּיטעל וועגען דער פאַרשפּריי־טונג פון מאַשינעס).

די אונטערשטע שורה, — די העכסטע מדרגה, וואָס מיר קענען זיך נאָר פאָרשטעלען אין הערשאַפט איבער דער נאַטור, אָרגאַניזירטקייט, געזעלשאַפטליכ־קייט, פריייהייט, פּראָגרעס — דאָס איז די אַלעגמיינע כאַראַקטעריסטיקע פון דער נייער, סאָציאַליסטישער אָרדענונג.